This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

31-52б

# סאָוועטיש

6

1981

# היימלאַנד

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פּססר

דערשײַנט פֿון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

6

יוני

1981

# אינהאַלט


40־טער יאָרטאָג פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע . . . . . . . . . . . . 3
אף די שפּורן פון געשעענעס. אנאטאָלי באיר־קאנסקי. די מינענוואָרפער „פרײַער סאָקאָל" 4
מאַריאַנע נאָוויקאָוואַ. דער דאָקטער־פּסיכיאַטער נ. באַלאַבאַן . . . . . . . . . . . 9
ש. ווערכאָווסקי. וועגן צוויי פליִער, וועלכע האָבן דורכגעפירט א טאַראַן . . . . . . . . . 14
מיר דערמאָנען די געפאַלענע אין שלאַכט. עליע קריס. א ליכטיקער נאָמען אין ייִדישן ליטעראַרישן קאַלענדאַר . . . . . . . . . 17
כ. ביידער. מיט א הייס האַרץ . . . . . . 19
פיניע שטיינבערג. „איבער סטעפּיש־ברייטער ראַכוועס", „מײַן יוגנט" (לידער) . . . . . . 20
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. אַלעקסאַנדער ניעמאָוו. מאָרגן דאַרפן מיר וויסן נאָך מער . . 22
אַרן ווערגעליס. פונעם ציקל „רינג נאָך רינג" (לידער) . . . . . . . . . . . . . 27
(לידער) און איבערזעצונגען פון דער דײַטשישער יאַכיליעוויטש . . . . . . . . . . . . 31
מאָטל גרוומאַן. פונעם מילכאָמע־בלאָקנאָט (לידער) . . . . . . . . . . . . . . 75
אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו. אויג אף אויג
ריווקע רובין. אזא מין טאָג. קינסטלער — מישע דיכטונג . . . . . . . . . . . . . . 76
אווראָם גאָנטאַר. צוויי דערציילונגען . . . 79
דאָרע כײַקינע. אויסגעפּוצט אין פײַערן... לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 95.
נײַע איבערזעצונגען. יאַנקאַ בריל. דער באַגײנען, וועלכן כ'האָב דערזען פונדערווײַטן . . . 99
פון דער דיכטערישער ירושע. שיקע דריז. (לידער) . . . . . . . . . . . . . . 123


## ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט.


מוישע גיציס. די ייִדישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אמעריקע (איבערבליק) . . . . . . . . . 125
צו נאָטע לוריעס 75־טן געבורטסטאָג . . . . . . 135
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. וו. דרוז. דעם קינסטלערס וועלט . . . . . . . . . . 137
אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. א שוימרוינישע איבערזעצונג פון סעאַדיעס „באַקאָשע" 139
פּובליציסטיק. ע. דמיטריִעוו. פאַר א גערעכטיקן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך . . . . . . . . 145
מאַטעריאַלן צום 20־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" . . . . . . . . . . . . . 157
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש . . . . . . . . 168
רעזומע (רוסיש, ענגליש) . . . . . . . . . I



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

מיט 40 יאָר צוריק, דעם 22 יון 1941, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע. ווען דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד איז אין 1939 אָנגעפאַלן אף פּוילן, האָבן נאָך ניט אַלע באַגרײַפט, וואָס, אייגנטלעך, איז פאָרגעקומען. מע האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ לאָקאַלער קאָנפליקט, וואָס אין די 30־ער יאָרן זײַנען אַזעלכע געווען ניט ווייניק. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אָבער דאַן געוואָרנט, ווי ער וואָרנט אויך איצט: דער שאָלעם איז אומצעטיילבאַר. אַ באַליביקע „אָרטיקע" מילכאָמע איז מעסוגל אַריבערצוּוואַקסן אין אַן אַלוועלטלעכער. און אַזוי איז טאַקע געשען. דאָס לערנט אונדז די געשיכטע.

צי איז געווען אַ מעגלעכקײַט אויסצומײַדן דעם צווייטן וועלט־קריג? אוודאי. אין מעשעך פון די אומרוּיִקע 30־ער יאָרן, ווען אין דער וועלט האָבן אויסגעבראָכן באַוואָפנטע קאָנפליקטן, האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד געקעמפט פאַר אויסמײַדן אַ וועלט־סרייפע. ער האָט פאָרגעלייגט אַן איינציק רעאַלן אויסוועג — שאַפן אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערהײַט. פונקט ווי הײַנט, האָט ער דאַן פאָרגעלייגט אָפּשטעלן דעם באַוואָפענונגס־געיעג.

פאַרבלענדטע פון קלאַסן־האַס בענעגייע דעם סאָציִאַליזם, האָבן די רעאַקציִאָנערע קרעפטן פון די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס אַראָפּגעריסן די אויספאָרמירונג פון אַן אַלגעמיינעם פראָנט קעגן אַגרעסיע. זיי האָבן געהאָפט צו ענדערן דעם „קויכעס־באַלאַנס" אין דער וועלט לעטויוועס דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אף אַנטיסאָוועטישע יעסוידעס, אויסנוצנדיק די פאַשיסטישע לענדער אינעם קאַמף קעגן פּססר. די „געפאַר פון באָלשעוויזם" איז נאָך דעם טראַנספאָרמירט געוואָרן אין פונקט אַזאַ אָנגעטראַכטער „סאָוועטישער געפאַר". אונטער אָט די לאָזונגען נעמט זיך אויך איצט צונויף די צווישנפעלקערלעכע רעאַקציע און אירע מיטהעלפער. אין יענע יאָרן זײַנען געשפּילט געוואָרן די „דײַטשישע און יאַפּאַנישע קאָרט", איצט ווערט געשפּילט די „כינעזישע קאָרט". אָבער די געשיכטע לערנט: די באַמיִונגען אויפצושטעלן אַזאַ אָדער אַנדערן „קויכעס־באַלאַנס" אף אַנטיסאָוועטישע יעסוידעס פירן אומפאַרמײַדלעך צו דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דעם „קויכעס־באַלאַנס" גופע.

ווי באַוווּסט, איז די דערפאַרונג אַזאַ לערער, וועלכער נעמט זייער טײַער פאַר דער לער, נאָר דערפאַר קומט זי שטאַרק צונוץ. און די דערפאַרונג פונעם צווייטן וועלט־קריג לערנט צו זײַן וואַכזאַם בענעגייע די אַגרעסיווע גענג פונעם אימפּעריִאַליזם. אינעם קאַמף פאַר פרײַהייטן און פעסטיקן דעם שאָלעם איז נייטיק ניט אײַנריידן די אַגרעסאָרן, נאָר דעמאַסקירן און אַראָפּרײַסן זייערע פּלענער, שטעלן זיי אַ ווידערשטאַנד, מאָביליזירנדיק צוליב דעם די אַנטיאימפּעריִאַליסטישע קרעפטן.

ווען עס קומען הײַנט פאָר אַקטן פון אַגרעסיע אין פאַרשיידענע רעגיִאָנען פון דער וועלט, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער טעטיקײַט פון די זעלבע אימפּעריִאַליסטישע קויכעס, וועלכע האָבן צוגעגרייט און פּראָוואָצירט די צווייטע וועלט־מילכאָמע. ווען די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס, טראָגן דעם ווילן פון די פעלקער, רופן אַרויס אַ געיעג נאָך באַוואָפענונג, ווערן פון דעם אונטערגעלייגט די זעלבע גלײַכע קוילן, פון וועלכע עס האָט זיך צעפלאַקערט די צווייטע וועלט־מילכאָמע. ווען אין אונדזערע טעג ווערן אַרויסגעשטעלט אומבאַגרינדעטע טעריטאָריִעלע פּרעטענזיעס, שווימען אויף אין זיקאָרן די פײַנלעכע דערמאָנונגען פון דער ניט ווײַטער געשיכטע.

וועגן דעם אַלץ איז נישט מעגלעך ניט צו טראַכטן אין די טעג, ווען עס איז געוואָרן פערציק יאָר זינט דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אַנאַטאָלי באַיוקאַנסקי

# די מינעוואַרפֿער „פּרײַער סאַקאָל“

די סעקרעטאַרשע אינעם אופֿנאַם־צימער בײַ איוואַן פּאַוולאָוויטש באַרדינען, דעם פֿאַר־טרעטער פֿון דעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿון דער שווערער אינדוסטריע, האָט שטרענגלעך אַ זאָג געטאָן דעם יונגן אינזשעניר:

— איוואַן פּאַוולאָוויטש איז הײַנט פֿאַרנומען. ער וועט אײַך ניט קענען אויפֿנעמען. קומט אַרײַן מאָרגן.

סאַמויל דאַווידאָוויטש האָט זיך געערגערט. נעכטן האָט ער אויך ניט געקענט צוקומען צו באַרדינען. מיט אַ געהעכערט קול האָט ער אָנגעהויבן דערווײַזן דער סעקרעטאַרשע, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג עס האָט פֿאַר זײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן די דאָזיקע באַגעגעניש מיטן פֿאַר־טרעטער פֿונעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר.

— אײַער איניען איז איינער, אַ פֿערזענלעכער, — האָט אים די סעקרעטאַרשע ניט געלאָזט אויסרעדן, — און איוואַן פּאַוולאָוויטש האָט טויזנטער איניאָנים, מעלוכישע.

מיטאַמאָל האָט זיך צעעפֿנט די טיר. אױף דער שוועל האָט זיך באַוויזן באַרדין. דערזען סאַמויל דאַווידאָוויטשן, האָט ער באַלד אַ שפּאַן געטאָן צו אים:

— קאַמענשטיין?

— יאָ, איך, איוואַן פּאַוולאָוויטש.

— עפּעס ביסטו מיר זייער בלייך און אויסגעמאָגערט. זײַט אַזוי גוט, — האָט ער זיך גע־ווענדט צו דער סעקרעטאַרשע, — הייסט אַרײַנברענגען צוויי גלעזער טיי און אַ פּאָר בוטער־בראָדן.

און אָט דערציילט שוין קאַמענשטיין דעם פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר וועגן די איבערלעבענישן, וואָס ער האָט לעצטנס געהאַט אױף דער אַרבעט אין סיביר. באַרדין האָט רויִק אויסגעהערט, ניט איבערגעשלאָגן אים. ער האָט שוין וועגן דעם, קענטיק, געוווּסט, נאָר געוואָלט דעם עמעס נאָכאַמאָל הערן אַליין פֿונעם יונגן אינזשעניערס מויל. ווען קאַמענשטיין האָט געענדיקט דערציילן, האָט באַרדין אַ נעם געטאָן פֿונעם טיש אַ פֿאָלקאָמאַט־בלאַנק און אױף אים אָנגעשריבן: „דעם דירעקטאָר פֿונעם ליפּעצקער מעטאַלורגישן זאַוואָד „פּרײַער סאָ־קאָל“. איך שיק אײַך אײַער רעשוס אַ ספּעציאַליסט אַ שטאָלגיסער סאַמויל דאַווידאָוויטש קאַ־מענשטיין. וועגן זײַנע פֿייִקייטן און אַלע מענטשלעכע מעַלעס בין איך אינגאַנצן פֿאַראַנט־וואָרטלעך. באַרדין“.

קאַמענשטיין איז געשטאַנען לעבן וואַגאָן־פֿענצטער, געקוקט, ווי עס יאָגן דורך פֿעלדער און דערפֿער, געהערט, ווי עס קלאַפּן די וואַגאָן־רעדער, און אַלץ געטראַכט וועגן יענע כאַ־דאָשים און טעג, ווען ער האָט אין סיביר געאַרבעט אײנײנעם מיט איוואַן פּאַוולאָוויטשן. ער האָט זיך פֿון טאָמיד אָן געהאַלטן פֿאַר באַרדינס אַ טאַלמיד. געדענקט האָט ער, ווי אין 1934 איז באַרדין, פֿאַר אָנפֿירן מיט דער בויונג פֿונעם קוזנעצקער מעטאַלורגישן קאָמבינאַט, באַ־לוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדן. מ'האָט אים אויסגעקליבן אין דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

דאָס איז געווען אַ זעלטענער פֿאַל. אויסקלײַבן אין דער אַקאַדעמיע ניט קיין טעאָרעטיקער, נאָר אַ פּאַשעטן פּראַקטיקער! אים אַליין, איוואַן פּאַוולאָוויטש, האָט עס געכידעשט. ער האָט אין קאָמבינאַט־פּאַרטקאָם אַנומלטן געזאָגט וועגן דעם: „כ'האָב פֿאַר מײַן גאַנץ לעבן קיין איין באַדײַטנדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט ניט אָנגעשריבן. כ'בין פֿון שטענדיק אָן אַן אינזשע־ניער"... האָבן די כאַווײרים אַ ווײַז געטאָן אויפֿן גאַנצן קאָמבינאַט אַרום־און־אַרום:

— אַלץ, וואָס דאָ איז אויפֿגעבויט, האָט אַ ביסעלע מער די ווערט, איידער אייניקע וויסנ־שאַפֿטלעכע אַרבעטן...

...אין „סאָקאָל" האָט מען קאַמענשטיינען באַגעגנט ניט גאָר ווארעם. אַזוי איז דאַפֿקע אַלצדינג, קאָן מען זאָגן, געווען נאָרמאַל — מ'האָט אים באַשטימט פֿאַר געהילף־מײַסטער, אַפֿי־לע אויסגעטיילט אים מיט דער מישפּאָכע אַ צימער אין דער צוזאַמענוווינונג. נאָר ער האָט געפֿילט, אַז ס'איז עפּעס ניט דאָס. באַלד דעם ערשטן אָפּדערנאַכט האָט ער אַ פֿרעג געטאָן בײַ איינעם אַן אַרבעטער, וואָס דאָ קומט פֿאָר. יענער האָט זיך אַ רעגע פֿאַרטראַכט און געענט־פֿערט: „וואָלסט גלײַכער געדאַרפֿט פֿונדאַנען אַוועקפֿאָרן. אין אונדזער צעך אַרבעטן גאַנצע דינאַסטיעס „קרוויוּמס". אַלע זײַנען אייגענע. אַ פֿרעמדער ווערט אײַנגיכן פּאַשעט אַ שיק־ייִנגל".

קאַמענשטיין האָט דעם אײַצעגעבער אָפּגעדאַנקט און איז ניט אַוועקגעפֿאָרן. נאָר אַז דער דאָזיקער אַרבעטער איז געווען גערעכט, האָט ער זיך שפּעטער איבערצײַגט. ער האָט פֿאַר־שטאַנען איין זאַך: די מענטשן דאָ גלייבן ניט אויפֿן וואָרט, אַ וועג צו זייערע הערצער קאָן מען זיך מאַכן בלויז מיט אַרבעט. איינמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאַרוסעל־מאַשין, ווו עס האָבן געאַרבעט סאַמע קרוויוּמס — אַ צוואַנציק מענטשן מיט איין פֿאַמיליע: זשוזשלאָוו. ער האָט זיי געוואָלט באַווײַזן, אַז מע קאָן שמעלצן בעסער. און מיטאַמאָל האָט דער עלטסטער צווישן זיי אַ רוק געטאָן מיט אַ שמייכעלע דעם דאַשעק פֿונעם היטל איבער די אויגן, און די גאַנצע בריגאַדע האָט, ווי לויט אַ באַפֿעל, אויפֿגעהערט צו הערן אים. קאַמענשטיין האָט זיך ניט פֿאַרלוירן און די רייד פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעזעצט. דאָס, וואָס ער האָט פֿאָרגעלייגט, האָט, אָפּאָנעם, אויסגעזען זאַכלעך און איבערצײַגעוודיק. זשוזשלאָוו האָט דעם דאַשעק צוריק אַרונטער־גערוקט. די בריגאַדע האָט דעם סיגנאַל פֿאַרשטאַנען: די אַרבעט איז אַוועק בעסער.

אַ מענטשן, זאָגט די וועלט, שעצט מען לויט זײַנע טועכצן. די רערנגיסער האָבן נישט געקאָנט ניט באַמערקן, אַז קאַמענשטיין האָט די אַרבעט זײַנע שטאַרק ליב. ער איז אין יענע טעג ענלעך געווען, ווי דער אוילעם האָט זיך אויסגעדריקט, אויף אַ צירק־פֿערד — אומעטום דער ערשטער, צו אַלצדינג, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס מיטן גיסער־פֿאַך, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט און אָפּט געבליבן אין צעך ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין יענע טעג האָט מען לויטן אַקאַדעמיקער באַרדינס אָנווײַזונגען אָנגעהויבן אײַנגאַנצן איבעראַנדערשן דעם רערן־צעך. דער צעך האָט געהאַט אַ סאַך כעסרוינעס. דעם עמעס געזאָגט — מערער כעסרוינעס, איידער מײַ־לעס. דער אַלטער צעך האָט אַרויסגעגעבן פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט בראַק. ניט צו אַלע זאַכלעכע אײַצעס האָט זיך דער אוילעם געוואָלט צוהערן. די מענטשן זײַנען געווען געוווינט צו אַרבעטן לויט די אַלטע אײַנריכטונגען. מיט יעדן באַזונדער האָט מען געדאַרפֿט אײַנטײַ־נען, אים איבערצײַגן אויסזוכן דאָס „גילדענע שליסעלע" צו יעדנס האַרץ. די אַלטגעזעסענע „סאָקאָלצעס", יערושעדיקע מעטאַלורגן, האָבן געהאַלטן, אַז אין גיסער־פֿאַך האָבן זיי זיך „די ציין אויפֿגעגעסן".

נאָר דער יונגער מײַסטער איז אַזוי געווען אַקשאָנעסדיק און האָט דערצו פֿאַרמאָגט אַזוי־פֿיל פֿאַך־וויסן, אַז די מענטשן האָבן פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אים גלייבן. מ'האָט אײַנגיכן אים געמאַכט פֿאַרן פֿאַרטרעטער פֿונעם צעך־שעף. דערנאָך איז ער געוואָרן שעף פֿונעם צעך. שפּעטער, גאָר אומדערוואַרט, האָט מען אים באַשטימט אַלס הויפּט־אינזשעניער פֿונעם גאַנצן זאַוואָד.

וויפֿל וווּנדערלעכע אײַנפֿאַלן זײַנען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען אײַנגאַנצן איבערגעבויט די דאַמפֿנע־אויוונס.

און פּלוצעם — די שרעקלעכע נײַס: ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. פֿיל „סאָקאָלצעס" זײַנען באַלד אוועק אויפֿן פֿראָנט. מ'איז צוגעטראָטן צו עוואַקוירן די זאַוואָד־אײַנריכטונגען... קימאַט דעם גאַנצן זאַוואָד האָט מען אַרויסגעפֿירט אויפֿן אוראַל, אײַנגיכן האָט זיך אַ טייל מאַ־שינעס אָנגעהויבן אומקערן קיין ליפּעצק. ס'זײַנען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ'האָט דעם סוינע צעקלאַפּט. נאָר די פֿאַשיסטן האָבן זיך פּלוצעם אַרײַנגעריסן קיין וואָראָניעזש און אָנ־געהויבן באָמבירן דעם זאַוואָד. ווידער האָט מען טאָג און נאַכט געלאָדן אין וואַגאָנען מאַשי־נעס, קראַנען, גיס־אײַנריכטונגען.

אין די אַלטע צעכן זײַנען איבערגעבליבן באַ דרײַ הונדערט מענטשן, מײַנסטנס אַלטע אַרבעטער, פֿרויען, קלײנוואַרג.

אין אײנעם אַ טאָג האָט מען קאַמענשטײנען פֿאַרבעטן אין פּאַרטקאָם. עס זײַנען דאָרט געזעסן און געוואַרט אַלטע „סאָקאָל“־אַרבעטער, וואָס זײַנען שוין געהאַט אַרויס אַף פּענסיע. סאַמויל דאַווידאָוויטש האָט באַלד דערקענט די באַרימטע מײַסטערס סאָקאָלסקי, שקאַטאָוו, פּאָלויאַנאָוו.

— זײ בעטן, מע זאָל פֿאַרטרויען זײ אַן אַרמײ־באַשטעלונג, — האָט דער פּאַרטײ־סעקרעטאַר אַ ווײַז געטאָן אַף די דרײַ אַלטע לײַט. — זײ וואָלטן נאָך, זאָגן זײ, אויך געקענט עפּעס אויפֿטאָן...

קאַמענשטײן האָט די מײַסטערס אַרײַנגעפֿירט אין צעך. ער האָט זײ באַוויזן צײכענונגען פֿון אַ נײַער פּראָדוקציע. די אַלטע לײַט האָבן זיך איבערגעקוקט:

— כאָכמעסט זיך מיט אונדז, דאַווידאָוויטש? — האָט אַ זאָג געטאָן סאָקאָלסקי. — זאָלן ווײַבער מײַסטרעווען קעסלען. אונדז גיב עפּעס שטאַרקערס.

— דאָס איז אַ דרינגענדיקע באַשטעלונג פֿונעם וואָראָניעזשער פֿראָנט, — האָט קאַמענשטײן געטײַטלט מיט אַ פֿינגער איבער די צײכענונגען. — ס׳איז ניטאָ אין וואָס צו קאָכן דאָס עסן פֿאַר די סאָלדאַטן.

יאָ, די ערשטע אַרמײ־באַשטעלונג איז גראַדע געווען — אויסאַרבעטן הונדערטליטערדיקע אַקאָפּן־קעסלען. דאַכט זיך, ניט גאָר קײן שווער שטיקל אַרבעט. אײנעם מיטן מעכאַניקער פּיאָטער נאָגאַטקאָוו, מיט די צעך־שעפֿן פּיאָטער טיכאָנאָוו און איוואַן סאָשנין האָט קאַמענשטײן באַוואָרנט אַ קעסײדערדיקן קעסל־אַרויסלאָז, באַנוצנדיק צוליב דעם מעטאַל־אָפּפֿאַל.

און ווען דער זאַוואָד האָט באַקומען אַ נײַע דרינגענדיקע באַשטעלונג — אויסגיסן שמעלץ־בעקנס פֿאַרן מעטאַל, האָט דער אוילעם אויך אָט די באַשטעלונג אויפֿגענומען אָן באַגײַסטערונג. קאַמענשטײן האָט פֿאַרבעטן אַ פֿאָרשטײער פֿונעם מאָסקווער זאַוואָד „סערפּ און האַמער“, ער זאָל אויפֿקלערן פֿאַרן אוילעם דעם איניען. אין זאַוואָד־הויף, ווו די „סאָקאָלצעס“ האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, אָנגעטאָן אין אַ מאַטראָסן־שינעל. דער געוועזענער מאַטראָס האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע:

— פֿאַרשטײט אונדז, ברידער, אין וואָס עס גײט. איר ווײסט דאָך, וואָס עס איז אַזוינס שמעלץ־בעקנס. אונדזער זאַוואָד קאָכט שטאָל פֿאַר האַרמאַטן. נאָר אויסגיסן דאָס שטאָל איז ניטאָ אין וואָס. פֿרי׳ער פֿלעגן מיר באַקומען שמעלץ־בעקנס פֿונעם דאָרעם, איצט זײַנען דאָרט די פֿאַשיסטן. מיר זיצן, ברידער, אין זאַמד. העלפֿט אונדזער זאַוואָד אַרויסשווימען.

— און פֿון וואָס וועלן מיר די בעקנס מאַכן, פֿון זאַמד, האַ? — האָט צווישן די צונויפֿגעזאַמלטע פֿרויען אײנע אַ פֿרעג געטאָן.

— פֿון טשוהון, פֿאַרשטײט זיך.

די „סאָקאָלצעס“ האָבן אַלע, ווי אײנער, אויסגעדרײט די פּנעמער אין דער זײַט פֿון די אויסגעלאָשענע דאָמנעס. דער מענטש שפּאַסט, צי וואָס? די אויוונס זײַנען פֿאַרקלאַפּט, אַרבעטן ניט. ווו וועט מען נעמען טשוהון? דער געוועזענער מאַטראָס האָט, פֿאַרשטײט זיך, וועגן דעם געוווּסט. נאָך אַ קלײנער האַפּסאָקע האָט ער ווײַטער גערעדט:

— איר זײַנט דאָך פֿאַכמענער, מײַסטערס. די קאָרטע איז באַ אײַך אין די הענט. טוט אַ טראַכט, טוט אַ זוך, ווי׳אַזוי אַרויס אַף אַ ריכטיקן פֿאַרוואַטער. איך וויל, איר זאָלט וויסן אײנס: די שמעלץ־בעקנס זײַנען אײַער אַ ערנסטע מעלוכישע פֿאַרגעבונג.

דער „סאָקאָל“ האָט באַקומען אַ מעלוכישע פֿאַרגעבונג! די נײַס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן יישעוו, מענטשן האָבן זי איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל. צום זאַוואָד האָבן זיך אַ צי געטאָן נײַע אַרבעטער. ס׳האָבן זיך פֿאַרזאַמלט ספּעציאַליסטן. דער הויפּט־אינזשעניער האָט פֿאַרגעלײגט אויפֿצושטעלן מיט די אײגענע קויכעס אַ וואַגראַנקע־אײַנריכטונג. נאָגאַטקאָוו און טיכאָנאָוו האָבן די ערשטע אונטערגעהאַלטן קאַמענשטײנען.

ביז הײַנט געדענקט מען נאָך יענעם טאָג, ווען מ׳האָט אויסגעגאָסן די ערשטע שמעלץ־בעקנס. דער גאַנצער זאַוואָד איז געקומען אַ קוק טאָן אַף זײ, מ׳האָט זײ געטאַפּט מיט די פֿינגער, געגלעט. דער גאַנצער קאָלעקטיוו האָט אַרויסבאַגלײט די ערשטע וואַגאָנען מיט שמעלץ־בעקנס אַף יענער זײַט טויער.

מיטאַמאָל האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג: די שמעלץ־בעקנס האָט מען פֿאַרבראַקעוועט. קאַמענשטײן איז אַרײַנגעלאָפֿן אין קאָנטאָרקע, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער פֿאָרשטײער פֿונעם זאַוואָד „סערפּ און האַמער“.

— ס׳איז עמעס?

— עמעס. — האָט דער געוועזענער מאַטראָס גלײַך פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס גייט.

דער פאָרשטייער פון „סערפּ און האַמער" האָט צוגעגעבן מיט האַפענונג:

— פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ, „פרײַער סאָקאָל". אין יעדער בעסטער שיף קאָן אַמאָל ווערן אַ לאָך. נישקאָשע. אפילו מיט ליים פאַרשמירן די לעכער, נאָר די שמעלץ־בעקנס זאָלן אָנקומען קיין מאָסקווע פּינקטלעך צום טערמין...

און די מײַסטערס האָבן אָנגעהויבן זוכן די „שוואַכע ערטער". קאַמענשטיין האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל דורכקאָנטראָלירן יעדע דעטאַל באַזונדער, דעטאַל נאָך דעטאַל. די אינזשעניערן האָבן געטאַנט און גענעכטיקט אין צעך. סאַפּקאַלסאָף איז געקומען דער גוטער טאָג, ווען דער סעריע־אַרויסלאָז פון די שמעלץ־בעקנס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן בעסטן אופן. די „סאָקאָלצעס" האָבן באַקומען פון דער אַרמיי־קאָמאַנדשאַפט אַ דאַנקבאַרקייט.

דער הויפּט־אינזשעניער פון אַ זאַוואָד אין דער צײַט פון מילכאָמע! וואָס אַזוינס האָט דאָס באַטײַט? וואָס איז ער — אַ קישעפמאַכער? גיכער יאָ. אַ מענטש, וואָס האָט געדאַרפט אופטאָן ווונדער, צושטעלן דעם פראָנט דאָס סאַמע נייטיקסטע געווער. אָן אַדמיניסטראַטאָר? דאָס אויך. די אַרבעטער פלעגן קומען צו אים מיט אַלע זייערע באַשיידנסטע און וואָכעדיקסטע באַקאָשעס: אויסשרײַבן קוילן, אָן אײַנזורן הרובקעלע, מילך פאַר אַ קינד...

איינמאָל אין אַ פרײַער מינוט האָבן זיך, ווי געוויינלעך, צונויפגענומען אין „טעקרײַזל" עטלעכע ספּעציאַליסטן. מ'האָט געטרונקען טיי אין בלעכענע קווערטלעך, געלייענט אָף אַ קאָל און באַלד אַרומגערעדט די פרישע סוואָדקעס פון דער „סאָווינפאָרמביוראָ". קאַמענשטיין האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

— עפּעס מוטשעט מיך די גאַנצע צײַט דער געדאַנק, אַז מיר וואָלטן דעם פראָנט געקענט ברענגען מערער נוצן...

— ביסט גערעכט, סאַמויל. — האָט אונטערגעכאַפּט פּיאָטער טיכאָנאָוו, — איך טראַכט אויך אָפט וועגן דעם. כ'מיין, אַז מערער נוצן וואָלטן מיר געבראַכט דעם פראָנט דאָרטן...

ניט איין מאָל האָבן די אינזשעניערן, די מײַסטערס און אַרבעטער פונעם זאַוואָד זיך געבעטן אַפן פראָנט. מ'האָט זיי אָבער אָפּגעזאָגט. „איר זײַנט סאָלדאַטן אין אַ „קאַזאַרמע־לאַגער". „ווידער, וואָס קאָן די אַרמיי אופטאָן אָן דעם הינטערלאַנד, אָן געווער?!" „געדענקט עס: איר זײַנט אויך אַפן פראָנט, אַפן אַרבעטס־פראָנט"...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט קאַמענשטיינען אָפּגעשטעלט אין הויף דער מעכאַניקער פּיאָטער נאַגאַטקאָוו.

— סאַמויל, איך וויל מיט דיר ריידן וועגן זייער אַ וויכטיקן איניען.

ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין קאָנטאָרקע, האָט נאַגאַטקאָוו אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע און צעשפּרייט אַפן טיש אַ צייכענונג.

— וואָס איז דאָס? — האָט קאַמענשטיין געפרעגט.

אַנשטאָט ענטפערן האָט נאַגאַטקאָוו אַ ווײַז געטאָן מיט אַ פינגער אַפן קעפל אויבן איבער דער צייכענונג: „מינענוואַרפער". קאַמענשטיין האָט באַלד זיך פאַרטיפט אין דער צייכענונג. דער שטאָטישער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט די איניציאַטיוו פון די „סאָקאָלצעס" אויסצואַרבעטן פאַרן פראָנט מינענוואַרפער אונטערגעהאַלטן. די בסורע, אַז דער זאַוואָד וועט אָנהויבן געבן אַ נײַ שטאַרק געווער, האָט אַרויסגערופן באַם אוילעם קאָלערליי פאַרשלאָגן. מענטשן זײַנען געקומען אין פאַרטקאָם און צום הויפּט־אינזשעניער. יעדערער האָט מיט עפּעס־וואָס געוואָלט העלפן. עמעצער — אַ שאָד, וואָס קיינער געדענקט ניט ווער, — האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל דעם נײַעם מינענוואַרפער אַ נאָמען געבן „פרײַער סאָקאָל".

אין די צעכן איז די אַרבעט געגאַנגען קײַלעכדיקע מעסלעסן. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן די מײַסטערס דורכגעטראָגן דורכן זאַוואָד דעם ערשטן מינענוואַרפער. כאָטש דאָס דאָזיקע ערשטע מוסטער־געווער איז געווען איבערגעדעקט, פאַרמאַסקירט, זײַנען די אַרבעטער, אַלע ווי איינער, נאָכגעגאַנגען נאָך די מײַסטערס, געפרייט זיך, ווי מיט אַן ערשט־געבוירן קינד.

אין „סאָקאָל" האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראַציאָנאַליזאַציע־פּיבער. ניט געקוקט דערויף, וואָס די אַרמיי־קאָמאַנדשאַפט האָט דעם זאַוואָד ניט געלאָזט אָן באַשטעלונגען, האָבן מענטשן אַלץ אָפטער פאָרגעלייגט אַרויסצולאָזן נײַ און נײַ געווער. פון די צענדליקער פאָרשלאָגן האָט קאַמענשטיין אויסגעקליבן די סאַמע זאַכלעכסטע. גאָר איינגיכן האָט דער זאַוואָד אָנגעהויבן אויסאַרבעטן קעגנטאַנקען־„יאַזשן", מינענזוכער. מיט איין וואָרט — די זאַוואָד־סקלאַדן זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געווער־אַרסענאַלן.

איין מאָל האָט דער פאָרשטייער פון „סערפּ און האַמער", אַרײַנקומענדיק אין אַזאַ סקלאַד, אייפערזיכטיק אַ זאָג געטאָן:

— ע. ברידערלעך, פאַרגעסט ניט אין דער גלאַוונער פּראָדוקציע, אין די שמעלץ־בעקנס. ס'וועט, זע איך, ניט קלעקן קיין עלעקטריע.

הײַנט איז, פאַרשטייט זיך, שווער פאַרצושטעלן זיך, אַז יעדער עלעקטריש לעמפּל איז אין יענער צײַט געווען מיט גאָלד גלײַך. דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט די סאָקאָ־לער עלעקטראָסטאַנציע געהאַלטן אונטער אַ באַזונדערן קאָנטראָל. די זאַוואָד־וועטעראַנען גע־דענקען נאָך ביז הײַנט אַזאַ וויץ: דער שעף פון דער עלעקטראָסטאַנציע קלינגט אָן אַהיים און בעט זיך בײַ דער פרוי: „צינד הײַנט ניט אָן קיין איין לעמפּל. ס'האַלט בײַ מיר שמאָל מיט דער עלעקטראָענערגיע...״

ענדלעך איז פאַרטיק געוואָרן די ערשטע פּאַרטיע מינענוואַרפער, און מ'האָט זי אַוועק־געשיקט אויפן פראָנט אויסצופּרוּוון. אין אַ צוויי וואָכן אַרום זײַנען געקומען צו פאָרן אויפן זאַ־וואָד מיליטערלײַט און צונויפגענומען די ספּעציאַליסטן.

— די קאָמאַנדשאַפט האָט געבעטן איבערגעבן אײַך אַ דאַנק פון פולן האַרצן, — האָט אָנ־געהויבן אַ באַאַרטער קאַפּיטאַן מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים. — אַ דאַנק אײַך, כאַווײרים, פאַר דער איניציאַטיוו, פאַר דעם, וואָס איר פאַרשטייט די נייטן פונעם פראָנט. אײַערע מינענ־וואַרפער זײַנען גאָרניט קיין שלעכטע, נאָר זיי זײַנען קאָסטאַרנע, פּרימיטיוולעכע. די אַרמיי באַקומט איצט מער פולקאָמער געווער. אײַך ווילן מיר אָבער אויך ניט לאָזן אָן אַרבעט. צו־זאַמען מיטן דאַנק שיקט אײַך די קאָמאַנדשאַפט אַ נײַע באַשטעלונג: דער פראָנט נייטיקט זיך דרינגענדיק אין גראַנאַטעס...

— גראַנאַטעס „פרײַער סאָקאָל״? — האָט עמעצער אַ פרעג געטאָן.

— אָט, אָט, אַ מאַטאָנע די פאַשיסטן...

און די „סאָקאָלצעס״ האָבן ווידעראַמאָל פאַרלענגערט דעם אַרבעטס־טאָג, געשאַפן אַ פּרינציפּיעל נײַע טעכנאָלאָגיע. דערפאַרענע אַרמיי־ספּעציאַליסטן האָבן געגאַפט: אַזוינס, וואָס ביז דער מילכאָמע האָט געדויערט יאָרן, איז איצט אָפּגעטאָן געוואָרן אין געציילטע כאָדאָשים.

אויף אונדזער ערד איז געקומען דער ליכטיקער ניצאָכן־טאָג. און ווען עס זײַנען פאַריבער די ערשטע פרייד־אויפברויזן און די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אומקוקן זיך, האָבן זיי געזען, אַז דאָס לאַנד וואַרט אויף זייער מי, שטעט און זאַוואָדן שטייען כאָרעווע. מע וואָלט געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך וועגן דעם, וויאַזוי דער „פרײַער סאָקאָל״ האָט פּאַמעלעך, נאָר זיכער אומגעקערט זיך צוריק צום לעבן. אַ סך אַזעלכע רירנדיקע טעג האָבן זיך פאַרקריצט בײַ קאַמענשטיינען אין זיקאָרן, נאָר באַזונדערס געדענקט ער דעם 29 יול 1947, ווען עס האָט אויפגעלעבט די סאָקאָלער דאָמנע.

קימאַט צוויי יאָר צײַט האָבן די אַרבעטער איבערגעקליבן די אָנגעוואָרפענע מעטאַל־הויפנס, אויסגעגלײַכט פאַרפּלאָנטערטע און פאַרזשאַווערטע „קנופּן״, אויפגעשטעלט נײַע אײַנ־ריכטונגען. מ'האָט פונסניי איבערגעמאַכט צענדליקער דאָמנע־קעלטערס. די אַרבעט איז גע־גאַנגען, ווי אין דער מילכאָמע־צײַט, קײַלעכדיקע מעסלעסן. ס'האָט זיך דערנעענטערט דער פײַערלעכער טאָג. דער ערשטער דאָמנע־מײַסטער יעגאָר בוגאַקאָוו האָט באַקומען דעם לאַנג־דערוואַרטן באַפעל:

— צעלאָזן די דאָמנע!

אינדערלופטן זײַנען געפלויגן היטלען, רעקלעך, מענטשן האָבן איינער דעם אַנדערן באַ־גריסט. ס'האָבן זיך אַרומגענומען, ווי ברידער, דער הויפּט־אינזשעניער ס. ד. קאַמענשטיין, דער הויפּט־מעכאַניקער פ. ב. נאַגאַטקאָוו, דער שעף פונעם טעכנישן אָפּטייל פ. וו. פּאָטאַנין, די דאָמנע־מײַסטערס פ. י. זײַצעוו, וו. פּאַליאַקאָוו, דער עלעקטריקער מ. ס. בראַטיאַרסקי, דער מעכאַניקער נ. פ. באַשקעוויטש. אַדאַנק זייערע גאָלדענע הענט האָט די סאָקאָלער דאָמנע ווידער אָנגעהויבן לעבן, אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם ערשטן נאָכמילכאָמע־טשוהון...

...אין אַ פרילינג־טאָג אין 1980 זײַנען זיך צונויפגעקומען אויף אַ זיצונג די זאַוואָד־וועטע־ראַנען. זיי האָבן איינער אויפן אַנדערן געקוקט און געכידעשט זיך. דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג זײַנען זיי אַלע געווען יונג און שטאַרק, מעסלעסנווײַז געקאָנט ניט שלאָפן.

סאַמויל דאַווידאָוויטש קאַמענשטיין איז שוין אַלט 77 יאָר. ער שטייט נאָך טאָמיד אויף, פּונקט ווי פריִער, זעקס פאַרטאָג. די פרוי גרייט אים צו דעם פרישטיק, און ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט, אין „פרײַען סאָקאָל״. ער איז דער איינציקער מענטש אין ליפּעצק, וועלכער אַרבעט נאָך אין אַזאַ עלטער אויפן מעטאַלורגישן זאַוואָד.

פאַר אַ קאָמוניסט מיט אַ פופציקיאָריקן פּאַרטיי־סטאַזש איז עס נאַטירלעך. אויף זײַן „גאָל־דענער כאַסענע״ האָט סאַמויל דאַווידאָוויטש געזאָגט: „ביזן לעצטן אָטעם וועל איך בלײַבן געטרײַ דעם ליבן „סאָקאָל״, וועמען כ'האָב אַוועקגעגעבן פינף און פערציק יאָר פון מײַן לעבן״.

מאריאנע נאָוויקאָווא

# דער דאָקטער־פּסיכיאַטער נ. באַלאַבאַן

מ. נאָוויקאָווא וווינט אין סימפעראָפּאָל. זי איז א מיטגליד פונעם שרייבער־פארבאנד פון פסםר. זייענדיק אין מאָסקווע, האָט זי באזוכט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד״ און פאָרגעלייגט א פארצייכענונג וועגן דער דרייסטקייט און פּאַ־טריאָטישן הומאניזם פונעם דאָקטער־פּסיכיאַטער, פּראָפעסאָר נ. באַלאַבאַן.

„איך בין אליין א רוסישע, — האָט געזאָגט נאָוויקאָווא, — אָבער איך האַלט פאר מיין כיוו צו דערציילן די לייענער פון אייער זשורנאַל וועגן א סאָוועטישן מענטשן, א יידן, א דאָקטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן סימפעראָפּאָלער פּסיכיאַט־רישן שפּיטאָל אין דער צייט, ווען אין קרים האָבן געווילדע־וועט די היטלעריסטן. אין די שווערסטע מאָמענטן, ווען דער כאַלעף איז געלעגן אויף זיין האַלדז, איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון די קראַנקע, ניט געלאָזט זיי אויף הפקר, דערמוטיקט זיי, כאָטש ער האָט שוין מיט קיין זאַך ניט געקאָנט זיי העלפן״...

דער יונגער דאָקטער באַלאַבאַן איז געקומען קיין סימפעראָפּאָל צוזאַמען מיט די טיילן פון דער רויטער ארמיי, וועלכע האָבן פארטריבן פון קרים די וורանגעל־באַנדעס. ער איז דעמלט באַשטימט געוואָרן אלס פארוואלטער פונעם הייל־אָפּטייל באַם קרימער געזונט־אַמט. א פּסי־כיאַטער לויטן פאַך, האָט ער אָפט באַזוכט דעם סימפעראָפּאָלער פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, ווו עס האָט געאַרבעט אלס הויפּט־דאָקטער דער באַ־ווּסטער אין לאנד פּסיכיאַטער יע. ק. יאָהאַנ־סאָן, אַן אָנהענגער פון דער היינט שוין באַ־שיימפערלעכער פאר אַלעמען קאָנצעפּציע, אַז פּסיכיש קראַנקע דאַרף מען היילן און ניט באַ־נוגענען זיך מיט האַלטן זיי פארשפּאַרט אין די שפּיטאָל־פּאַלאַטעס (ווי דאָס איז געווען אָנגע־נומען אין די צארישע צייטן). ביז סימפעראָ־פּאָל האָט יאָהאַנסאָן געאַרבעט אין וואָלאָגדע און אין אופא. אזויווי ער האָט, אָבער, זיך דאָרט פארנומען ניט בלויז מיט היילן קראַנקע, נאָר אויך מיט העלפן פּאָליטישע ארעסטירטע, האָט ער פון וואָלאָגדע געמוזט אַנטלויפן, אין אופא האָט די „זעמסקע אופראַווע״ געפאָדערט, ער זאָל אָנגעבן אין דעמיסיע. מע האָט דאָרט פאר־טריבן פון דער ארבעט אויך זיינע קאָלעגן — די פּראָגרעסיווע דאָקטוירים־פּסיכיאַטאָרן ס. אי. סוכאָוו און אָ. וו. אַפּטעקמאַן (סוכאָוו איז געווען א שילער פונעם בארימטן דאָקטער קאָרסאַקאָוו, וועמענס נאָמען עס טראָגט איצט דער סאָוועטישער זשורנאַל „נעוורא־פּאַטאָלאָגיע און פּסיכיאַטריע״. אָ. וו. אַפּטעקמאַן איז דער זעלבער, בא וועמען אין דער דירע האָט וו. אי. לענין, אומקערנדיק זיך פון דער פאר־שיקונג אין שושענסקאָיע, דורכגעפירט א גע־היימע באַראַטונג, וועלכע איז געווען פארבונדן מיטן אָרגאַניזירן די צייטונג „איסקרא״).

ווי־אַזוי יאָהאַנסאָן האָט זיך אויפגעפירט ביים זיין ארבעט אלס הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל, קאָן מען לייענען אין די זיכרוינעס פונעם צוויי־מאָל העלד פון סאָוועטנפארבאַנד אי. פּאַפּאַנין, ווו עס ווערט דערציילט וועגן פארשיידענע גע־שעענישן אין דער רעוואָלוציאָנערער אונטער־ערד בא וורַאַנגעלן אין הינטערלאַנד.

„פון סאָוועטן־רוסלאַנד איז געשיקט געוואָרן קיין קרים א דערפארענער קאָנספּיראַטאָר — ספּער־פּרעסמושקין. ער האָט אין דער אונטער־ערד געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהייסן „די וועשעריי״. איר אויפגאַבע איז גע־ווען — צוגרייטן פיקטיווע דאָקומענטן און ספּראַווקעס. ספּערס רעכטע האַנט איז געווען די צוואַנציקיאָריקע מעדיצין־סטודענטקע מאַריא קובאַנצעווא מיטן צונאָמען עמא. די דאָזיקע סטודענטקע איז געווען א מייסטער פון „אויס־וואַשן״ יעטווידן דאָקומענט — אויסרייניקן פון א פּאַספּאָרט, פון א מעטריקע, צי ספּראַווקע די

פאַמיליע און אַרײַנשרײַבן מיט דעם זעלבן קסאַוו און מיטן זעלבן טינט אַ נײַע פאַמיליע. וויפל מענטשן זײַנען מיט עמאַס הילף געראַטעוועט געוואָרן פון די טורמעס, באַפרײַט געוואָרן פון דינען אין דעניקינס און וורַאַנגעלס מיליטער, איבערגעשיקט געוואָרן אין די בערג צו די פאַרטיזאַנער!

איינמאָל האָט עמאַ אָנגעשריבן אַ בריוו אויפן נאָמען פונעם טפּיסע־שעף, אַז עס ווערן אַרויסגערופן די און די אַרעסטירטע אויף אַ פאַרהער. אונטערן אַרויסרוף איז געשטאַנען די אונטערשריפט פונעם פּראָקוראָר. אונדזערע אונטערערדישע טוער האָבן זיך איבערגעטאָן אין אַ ווײַסגוואַרדייִשער אוניפאָרם און אַוועק אין טפּיסע. מע האָט זיי אָן שום טײַנעס אַרויסגעגעבן די אַרעסטירטע לויט דער אָנגעוויזענער רעשימע. דער „קאָנוואָי" האָט זיי אַרויסגעפירט אין גאַס, דערנאָך זײַנען זיי אַוועק איבער די קאָנספּיראַטיווע דירעס אָדער אין וואַלד. ווען מע האָט שפּעטער באַוויזן דעם פּראָקוראָר דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט „אונטערגעשריבן", האָט ער געזאָגט, אַז די אונטערשריפט איז טאַקע זײַנע, נאָר דעם דאָזיקן דאָקומענט זעט ער צום ערשטן מאָל...

מיט דער הילף פון אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט דער קאָנטררעוואָליוציע זיך אײַנגעגעבן צו כאַפּן עמען. איר, דער אונטערערדישער טוערן, האָבן געדראָעט פּײַניקונגען און טויט־שטראָף. ווי אַזוי ראַטעווען זיך און דערבײַ ניט אַרויסגעבן די כאַווײרים? עמאַ האָט באַשלאָסן צו סימולירן אַ שטורמיש מעשוגאַס. אין טורמע־שפּיטאָל האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן טאַכלעס סינע פּײַנט געהאַט דעם וורַאַנגעל־רעזשים. דער באַרימטער דאָקטער־פּסיכיאַטער יע. ק. יאָהאַנסאָן האָט באַשטעטיקט, אַז עמאַ איז אַראָפּ פון זינען, דערבײַ האָט ער אומבאַמערקט געשאַפן פאַר איר אין שפּיטאָל אַזאַ רעזשים, אַז זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט געטרײַע מענטשן און געהאַט די מעגלעכקײַט צו פאַרבינדן זיך מיט דער אויסערלעכער וועלט. איר שוועריע לאַגע אין טפּיסע האָט פאַרלײַכטערט די פעלדשערן מאַריע וואַסיליעוונאַ באַבושקינאַ — אַ לײַבלעכע שוועסטער פון לעגינס שילער און מיטקעמפער, דעם באָלשעוויק אי. וו. באַבושקין. מיט דער הילף פון מאַריע וואַסיליעוונען און אַנדערע טוער פון שפּיטאָל האָט עמאַ אָרגאַניזירט אײנעם איזאָליאַטאָר פאַרנעם גובערנ־יאַלן פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל אַ פיליאַל פון דער „ווּעשערײַ".

יאָהאַנסאָנס טאָכטער, מאַריע יעווגעניעוונאַ, האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז די קאָנטררעוואָליוציאָנערן האָבן סאָפּקאָלסאָף זיך נוקעם געווען אין איר טאַטן. ווען קרים איז שוין געוואָרן באַפרײַט, האָבן זיי אים דערמאָרדעט...

נאַום איסידאָראָוויטש באַלאַבאַן האָט געאַרבעט אַלס הויפּט־דאָקטער פונעם סימפעראָפּאָלער פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל פון אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן ביז אינמיטן די דרײַסיקער, ווען מע האָט אים, ווי אַ געלערנטן, באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פון דער קליניק און פון דער פּסיכיאַטרישער קאַטעדרע באַם מעדיצינישן אינסטיטוט.

באַלאַבאַן האָט געלערנט דעם פּערסאָנאַל פון שפּיטאָל ליב צו האָבן די קראַנקע, זען אין יעדן אַ מענטשן, קעמפן פאַר זײַן פאַרשטאַנד, פאַרלײַכטערן זײַנע ליידן. ער אַליין האָט זיך באַצויגן צו די קראַנקע זייער זאָרגזאַם. די דאָקטערשע — אָרדינאַטאָרשע אָלגע פּאַוולאָוונאַ סיווקאָוואַ דערציילט:

— באַלאַבאַן פלעגט אַלע טאָג באַזוכן די פּאַלאַטעס פון דער קליניק און שמועסן מיט יעדן כוילע, אויסהערן אַלץ, וואָס דער כוילע זאָל ניט זאָגן. מיר פלעגט אָפּט אויסקומען צו זען, ווי די כאַלאָיִם דערציילן אים מער איידער אַפילע דעם דאָקטער, וואָס היילט זיי. ער האָט געקענט ריידן מיט די קראַנקע צערטלעך. און דאָס האָבן מיר זיך בײַ אים געלערנט. עס טרעפט, אַ קראַנקער בעט בײַ דיר עפּעס, דו זאָגסט אים צו, דערנאָך פאַרגעסטו. אַז דו דערמאָנסט זיך, פלאַמט דיר דאָס פּאָנעם. דער פּראָפעסאָר באַלאַבאַן האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו ברענגען דעם כוילע דאָס צוגעזאָגטע: פּאַפּיר, אַ נאָטיץ־ביכל, אַ בלײַער.

נאַום איסידאָראָוויטשן האָבן אינטערעסירט פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער פּסיכיאַטריע, ער איז אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון ליטעראַטור. אָן אויסערסט טיפן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן צו דער פּערזענלעכקײַט פונעם געניאַלן רוסישן שרײַבער לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי. ער, אַלס אַ געלערנטער, איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן די פּסיכיאַטאָרן, וועלכע האָבן באַהויפּט, אַז טאָלסטאָי איז געווען אַן עפּילעפּטיקער. ער האָט זייער איבערצײַגנדיק דערוויזן, אַז אַזאַ מיינונג איז אַ פעלערהאַפטע... וואָס שײַעך דער עפּילעפּטישער אַטאַקע, וועגן וועלכער דער קלאַסיקער דערציילט אין זײַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, איז דאָס געווען, באַהויפּט נ. באַלאַבאַן, אַ נערוון־אַטאַקע, אָדער, ווי די פּראָפעסיאָנאַלן רופן דאָס, — אַ פונקציאָנאַלע אַטאַקע. די אַטאַקעס, וועלכע זײַנען באַשריבן אין די זיכרוינעס פון סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ (טאָלסטאָיס פרוי) און וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו טאָלסטאָיס לעצטן לעבנס־פּעריאָד, האַלט באַלאַבאַן, זײַנען געווען פאַרבונדן מיט זקיינישן אַטעראָסקלעראָז.

די לעקציעס אין אינסטיטוט פלעגט באַלאַבאַן לייענען אַזוי, ווי ער וואָלט מיט זײַנע צוהערער געפירט אַ היימישן שמועס, צוזאַמען

מיט זיי באַטראַכט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון פסיכיאַטריע. ווען דער פּראָפעסאָר, אַן אַקו־ראַט אָנגעטאָנענער, מיט א הויכן אָפענעם שטערן, מיט אַן אָדלער־נאָז און דורכדרינגלעכן קוק דורך די ברילן, פלעגט ארופגיין אף דער קאַטעדרע, איז די אַאודיטאָריע געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע האָט אפילו ניט געהערט קיין שאָרך פון אַן איבערגעמישט בלעטל אין בוך, קיין סקריפּ פון א פען אין בלאָקנאָט. דער פּראָפעסאָר פלעגט אף זײַנע לעקציעס שטענדיק דעמאָנסטרירן די באַזונדערס קאָמפּליצירטע כאַלאָים. ער האָט געקענט שמועסן מיט זיי אפילו אין אַזאַ פילקעפּיקער אַאודיטאָריע.

באַלאַבאַן פלעגט זיך ניט באַגרענעצן מיט א שמאָלן קרײַז פּראָפעסיאָנאַלן־פסיכיאַטאָרן. ער האָט געלייענט זײַנע לעקציעס פאַר מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. און דאָ רעדט זיך דאָך וועגן די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן, ווען ניט אַלע געלערנטע האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פירן א ברייטע וויסנשאַפטלעכע פּראָ־פּאַגאַנדע.

אין סימפּעראָפּאָל איז בוכשטעבלעך ניט גע־ווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל ניט קענען נאָום איסידאָראָוויטשן.

מע פלעגט ניט זאָגן: „דער פסיכיאַטרישער שפּיטאָל", נאָר „בא באַלאַבאַנען". אַזאַ פּאָפּו־ליאַריטעט האָט ער פאַרדינט מיט זײַן אומדער־מידלעכן קאַמף פאַר אומקערן דאָס געזונט יעדן איינעם, וועמען עס איז נאָך מעגלעך אויסצו־היילן.

...עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פּאַטער־לענדישע מילכאָמע. אין קרים האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז עוואַקויִרן דעם פסיכיאַטרישן שפּיטאָל האָט מען ניט געקאָנט. באַלאַבאַן האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו עוואַקויִרן זיך, מע האָט דאָס אים פאָרגעלייגט, אפילו געפאָדערט בא אים, נאָר זײַן ענטפער איז געווען קורץ:

— די קראַנקע וועל איך ניט איבערלאָזן...

באַלאַבאַן האָט געוווּסט, אַז אַלס ייִד ריזי־קירט ער מיטן לעבן, און ניט נאָר ער ריזי־קירט — ער איז פּאַשעט מאַקריוו דאָס לעבן. און ער האָט געוווּסט נאָך א זאַך: די היטלע־ריסטן ראָטן אויס די פסיכיש־קראַנקע אפילו אין זייער היימלאַנד, אין דײַטשלאַנד, „אַפּריי־ניקנדיק" דערמיט די נאַציע.

באַלאַבאַן האָט געלערנט מעדיצין אין דײַטשלאַנד, ווײַל אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָט א ייִד, צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע, ניט געקאָנט טרוימען וועגן הויכבילדונג. קיין רוסלאַנד האָט ער זיך אומגעקערט ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. ער האָט זיך גענוג אָנגעזען, וויִאַזוי אין דײַטשלאַנד ווערן רײַף די זוימען פון נאַ־ציִאָנאַליזם, שאָוויניזם, פּרײַסישן מיליטאַריזם. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אויך א דײַטשלאַנד פון ערנסט טעלמאַנען, פון הערויִ־שע קעמפער קעגן פאַשיזם. אָבער צווישן די באַוואָפנטע האָרדעס, וועלכע האָבן זיך געריסן צום פּערעקאָפּ, האָט ער קיין פאָרשטייער פון דעם דאָזיקן דײַטשלאַנד ניט געקאָנט טרעפן. און פאַר אים איז געשטאַנען די פּײַנפולע פראַ־גע:

— פאַרבלײַבן אין סימפּעראָפּאָל, מיט די קראַנקע, צי ניט?

ער איז אַלט געווען סאַכאַקל פופציק יאָר. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט. די קראַנקע זײַנען אים געווען ליב און טײַער, מאַמעש ווי אייגענע קינדער. געהאַט האָט ער א פרוי, וועלכע האָט ניט געקאָנט לעבן אָן אים, און ער אָן איר. ער האָט שוין געוווּסט די געשיכטע מיטן פּוילישן פּעדאַגאָג קאָרטשאַק, וועלכער איז צוזאַמען מיט די ייִדישע קינדער פון זײַן אינ־טערנאַט געגאַנגען אין דזשעהובקע... אַלזאָ:

— פאַרבלײַבן אין סימפּעראָפּאָל מיט די קראַנקע, צי ניט?

נאָר טראַכטן איז שוין קיין צײַט ניט געווען. מע האָט געדאַרפט טאָן. ער האָט אָנגעהויבן ארויסרופן אין שפּיטאָל די קרויווים פון די קראַנקע און אײַנריידן זיי צונעמען די כאַלאָים אהיים.

— וואָס הייסט צונעמען די כאַלאָים? איר זאָגט זיך אָפּ צו היילן זיי? — האָבן אייניקע באַשיידן געפרעגט.

— איר וואַרפט זיך מיט די קראַנקע?! — האָבן אַנדערע געשריגן מיט אופרעגונג.

באַלאַבאַן האָט געענטפערט:

— די פאַשיסטן ראָטן אויס אַזעלכע קראַנ־קע. איך פיל דאָ אויס מײַן מענטשלעכן כויוו.

עס איז געוואָרן שטיל. א שווערע געדריקטע שטימונג. עמעצער האָט מיט א ציטעריקער שטים ארויסגערעדט:

— און צוליב וואָס, אייגנטלעך, דאַרף אַזאַ קראַנקער לעבן, ווײַבאַלד גאָט האָט בא אים אָפּ־גענומען דעם סײכל?

ס'האָבן זיך אָבער מערסטנס געהערט אַנ־דערע רייד:

— גוט, מיר נעמען אים, ווי זשע דען?

אָדער:

— גיט שוין נאָך איינעם. אין שטוב איז איצט קיינער ניטאָ. אַלע זײַנען זיך צעלאָפן.

יאָהאַנסאָנס טאָכטער מאַריע יעווגעניעוונאַ דערציילט:

— פון די נײַן הונדערט קראַנקע זײַנען „אויסגעשריבן" געוואָרן פון שפּיטאָל ארום זעקס הונדערט, דה. צוויי דריטל. מע האָט זיי אָפּגע־שיקט צו די קרויווים. דאָס איז געווען ניט לײַכט. אין די באַדינגונגען פון אָקופּאַציע

האַלטן בא זיך א פּסיכיש קראַנקן איז געפערלעך, נאָר מיר האָבן דערקלערט די מענטשן די לאַגע, און מע האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט. אייניקע קראַנקע האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען מאַמעש אין דער לעצטער רעגע. דער כוילע מאַקסימענקאָ פלעגט העלפן הייצן די אויוונס, דער כוילע גרוזדעוו האָט געאַרבעט אין דער קאַנצעליאַריע אַלס קוריער, — זיי האָט מען אָפּגעשיקט צו די קרויווים, ווען די אָקופּאַנטן זײַנען שוין געקומען אין שפּיטאָל צונעמען כאַלאַטים פאַר די „גאַזוואַגענס".

זעקס הונדערט געראַטעוועטע לעבנס!

די היטלעריסטן האָבן באַלד נאָך זייער קומען פאַרנומען דעם הויפּט־קאָרפּוס פונעם שפּיטאָל און געעפנט דאָרט זייער קראַנקן־הויז. זיי האָבן אפילו צונויפגעשלעפּט אַהין דאָס מעבל פון אַלע פּאַלאַטעס. די פּסיכיש־קראַנקע זײַנען געשלאָפן אַפן דיל. אויך אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט באַלאַבאַן געפאָדערט, מע זאָל שטרענג אָפּהיטן דעם שפּיטאָל־רעזשים, די קראַנקע זאָל מען היילן. מע האָט זיי געגעבן די רעשטן פון די פּראָדוקטן־רעזערוון, וועלכע עס איז געווען זייער שווער אויסצוהיטן פונעם סוינעס אויגן. און דאָך:

— זעקס הונדערט געראַטעוועטע!

באַלאַבאַן האָט פריִער געוווינט אינעם הויז פאַר ספּעציאַליסטן. איצט, בײַס דער אָקופּאַציע, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין שפּיטאָל, קעדיי זײַן נענטער צו די קראַנקע.

ער האָט זייער פילבאַר זיך באַציגן צום פּערסאָנאַל, אײַנגעטײַנעט מיט אַלעמען, אַז מע טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג, אַראָפּלאָזן די נעזער. פאַר זיך איז ער געווען אַבסאָליוט רויִק. ער האָט שוין באַשלאָסן: קיין לעבעדיקער ניט אָפּגעבן זיך אין די הענט פון די פאַשיסטן. אָבער וואָס וועט זײַן מיט דער פרוי?

זײַן פרוי יעליזאַוועטע אַלעקסאַנדראָוונאַ (אין שטוב האָט מען זי גערופן לילִיע) האָט געשטאַמט פון דער באַרימטער אַדעליקער פאַמיליע נעלידאָווס. אין אירע מישפּאָכע־רעליקוויעס האָט זיך געהיט, ווי א הייליקע קאַמייע, דער פּאָרטרעט פון דער בעשײַטע באַרימטער פרײַלן קאַטערינע נעלידאָווע, פון דער זעלבער פרײַלן, וואָס אין די צײַטן פונעם אימפּעראַטאָר פּאַוועל איז אירס א וואָרט געווען א געזעץ. אָט די פרײַלן האָט געהאַט קויעך צו פּויעלן באַם זעלבסטהערשערישן דעספּאָט, ער זאָל זײַן גנעדיקער צו יעקאַטערינע ראָמאַנאָוונאַ דאַשקאָווע, וועלכע איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער רוסלענדישער אַקאַדעמיע, נאָר אַף איר איז געפאַלן דעם אימפּעראַטאָרס אַן אומכיין.

לילִיע האָט ביז דער רעוואָלוציע באַקומען אַזאַ דערציִונג, ווי עס איז אָנגענומען בא אַדעליקע: געקענט שפּראַכן, געשפּילט פּאָרטעפּיאַן, געזונגען, געפאָרן רײַטנדיק אַף א פערד. זי איז געווען א לעבעדיקע, ענערגישע, שאַרפזיניקע, א יעפּאַסטויאַר: א הויכע, א שטאַלטנע, מיט ווונדערלעך גרויסע אויגן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי כאַסענע געהאַט מיט א שאָכן פונעם גוט. עס איז גיך קלאָר געוואָרן, אַז קיין ליבע איז בא זיי ניטאָ, בלויז פרײַנטשאַפט פון די קינדער־יאָרן. זיי האָבן זיך געגעט.

עפּשער די בענקשאַפט נאָך מוטערשאַפט איז געווען די סיבע, וואָס זי, אַן אַדעליקע, איז נאָך דער רעוואָלוציע געקומען אין א קינדער־אינטערנאַט (מע האָט עס דעמלט גערופן קאָלעקטאָר), וווּהין מע האָט געבראַכט יעסוימים, הונגעריקע, אָפּט פאַרלײַזיקטע, און אַף וויפל עס איז מעגלעך געווען, אָטכײַעט זיי, געמאַכט פאַר מענטשן, דערנאָך פאַנאַנדערגעשיקט איבער די קינדערהײַזער.

ניט לילִיע, ניט אירע עלטערן זײַנען ניט געלאָפן פון רוסלאַנד, ווי דאָס האָבן געטאָן א סאַך אַדעליקע, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער בירגערקריג. איר טאַטע — א גענעראַל פון דער צאַרישער אַרמיי — איז אַריבער אַף דער זײַט פון דער סאָוועטנמאַכט און געהאָלפן דער יונגער רעפּובליק אַנטוויקלען די פערד־זאַוואָדן. איר פאָטער איז געשטאָרבן אין מאָסקווע אין די צוואַנציקער יאָרן.

לילִיע האָט כאַסענע געהאַט מיט באַלאַבאַנען, ווען ער איז נאָך געווען ניט מער ווי א דאָקטער. קיין שום אַנדער זאַך, אויסער אופריכטיקע, דאָס מאָל עמעסע ליבע.

איצט, אין די באַדינגונגען פון דער אָקופּאַציע, ווען מע געפינט זיך צווישן געפערלעכע, שטאַרקע סאָנים, קאָן דאָך געשען אַזוי, אַז צו זיי זאָלן דערגיין האַלב פאַרגעסענע געשיכטעס וועגן די בעלער, אַף וועלכע יעליזאַוועטע אַלעקסאַנדראָוונאַ נעלידאָווא האָט געגלאַנצט אין דער יוגנט, זיי קאָנען זיך דערמאָנען וועגן דעם גוט פון אירע עלטערן. וועלכער האָט זיך געפונען לעבן דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, און האָט טאַקע אַזוי געהייסן — „נעלידאָווא". זיי קאָנען דאָך דראָען איר, מיט וועלכע שטראָפן ס'וועט זיי אײַנפאַלן. און פאַרוואָס עפּעס נאָר דראָען — פאַרוואָס ניט נעמען און אויספילן די שטראָפן...

ניין, באַלאַבאַן האָט וועגן דעם ניט געקאָנט טראַכטן, ניט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פירן מיט איר וועגן דעם לאַנגע געשפּרעכן. ער האָט נאָר געקעמפט דערפאַר, אַז זי זאָל ניט צוהערן זיך צו די רייד פון די אָקופּאַנטן, ניט נאָכגעבן זיי, בלײַבן ריין, אָן פלעקן. ער האָט איר דערמאָנט, אַז איר טויף־פאָטער איז געווען באַגראַטיאָן — א זון פון א העלד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1812. צי קאָן דאָס דען ניט ווערן דער סימבאָל פון איר לעבן, פון איר אויפירונג, פון איר באַציִונג צו די אָקו־

פאַנטן? און דאָס גליק פון לעבן, פון אַרבעט, פון ליבע, וואָס זיי ביידן האָט געגעבן סאָוועטן־רוסלאַנד — צי דען פאַרפליכטעט דאָס ניט צו זײַן די ווערט אַזאַ היימלאַנד?

באַלאַבאַן האָט געזיגט. ווען די סאַקאָנע האָט זיך אָנגערוקט, האָט יעליזאַוועטע אַלעקסאַנדראָוונאַ באַגעגנט זי פונקט אַזוי מוטיק, ווי איר מאַן נאַום איסידאָראָוויטש. ווען די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן אים אַרעסטירט, האָט ער געפונען אין זיך קויכעס צו געזעגענען זיך מיט זײַנע קאָלעגן. צו דער געסטאַפּאָ־מאַשין איז ער געגאַנגען מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ, אַרײַנגעקוקט אינעם לויטערן, בלויען, פרילינגדיקן קרימער הימל. און זי, זײַן פרוי יעליזאַוועטע אַלעקסאַנדראָוונאַ? זי איז געגאַנגען נאָכן מאַן, ניט אָפּגעטראָטן פון אים. מענטשן דערציילן, אַז זי האָט צו זיי געשמייכלט.

און וואָס איז געשען דערנאָך, ווען מע האָט זיי געבראַכט אין געסטאַפּאָ? קיינער פון די סאָוועטישע מענטשן איז ניט געווען דערבײַ, נאָר איינע אַ פרוי האָט יאָ געוווּסט וועגן דעם סאָף. פריִער אָבער מוז מען דערציילן וועגן אָט דער פרוי, ווײַל זי איז געווען ניט בלויז אַן אייִדעס, נאָר אַ דרייסטע אָנטיילנעמערן אינעם קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן.

דאָס איז געווען נאַדעזשדע אַלעקסאַנדראָוונאַ סטיווען. די פאַמיליע סטיווען איז גוט באַקאַנט בא אונדז און אין אויסלאַנד. דאָס איז די פאַמיליע פון אַ באַרימטן געלערנטן, דעם גרינדער פונעם ניקיטסקער באָטאַנישן סאָד אין קרים.

נאַדעזשדע אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אַן אייניקל פון כריסטיאַן כריסטיאַנאָוויטשן — אַ שוועד לויטן געבורט, אַ רוס לויט דער ערד, וועלכער ער האָט געשענקט זײַן גאַנץ לעבן, קעדיי פאַרמערן אירע גרינע רײַכטימער. די ליבע צו דער נאַטור איז אין דעם דאָזיקן געזינד איבערגעגעבן געוואָרן פון דאָר צו דאָר. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זײַן ניט איין מאָל בא נאַדעזשדע אַלעקסאַנדראָוונען און בא איר טאָכטער. זייערע פראָפעסיעס זײַנען ווײַט פונעם זיידנס. די מוטער איז אַ מעדיצין־שוועסטער, די טאָכטער — אַן אינזשעניער. נאָר זיי ביידע האָבן גוואַלדיק ליב זייער סאָד. וואָס זיי זאָלן ניט טאָן, וועגן וואָס זיי זאָלן ניט ריידן, גיבן זיי אַלע ווײַלע אַ קוק אַף אַ בוים, אַף אַ קוסט, אַף אַ גרעזל. און בייסמײַסע לויכטן זייערע פּנעמער. און אַף זיי אַליין קוקט שטענדיק פונעם פּאָרטרעט, וועלכער איז געמאָלט געוואָרן נאָך בא זײַן לעבן, סטיווען דער עלטערער.

נאַדעזשדע אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געבוירן געוואָרן אין סימפעראָפּאָל — אינעם הויז, ווו עס האָט אַמאָל געלעבט איר זיידע. גלײַך נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע, נאָך אַ יונג מיידל, האָט זי געוואָלט ווערן זעלבשטענדיק (אין יענער צײַט איז דאָס געווען ניט פון די לײַכטע זאַכן!), איז זי אָנגעקומען אַף קורסן פון מעדיצין־שוועסטער. אײַנגיכן האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, און נאַדעזשדע סטיווען האָט געפאָדערט ניט אַנדערש, מע זאָל זי שיקן אַפן פראָנט.

אַפן פראָנט האָט זי מיט מעסירעסנעפעש אויסגעפילט אירע פליכטן פון אַ באַרעמהאַרציקער שוועסטער, אַזוי העלדיש געהאָלפן אַרויספירן די פאַרוווּנדעטע פון אונטערן פײַער, אַז מע האָט זי, אַ מיידל (זייער אַ זעלטענע זאַך אין יענער צײַט!), צוגעשטעלט צום באַלוינען מיט אַ געאָרגי־קרייץ.

אין די יאָרן 1925—1965 איז נאַדעזשדע אַלעקסאַנדראָוונאַ אַן עלטערע מעדשוועסטער אין סימפעראָפּאָלער פסיכיאַטרישן שפיטאָל. זי איז שטענדיק פאַרטאָן אין דער אַרבעט. מע האָט געוווּסט, אַז צו איר קאָן מען זיך ווענדן אין יעדער צײַט, און זי וועט העלפן.

איר וואַרעמע שטים ווערט מיטאַמאָל שטרענג און צאַרנדיק, ווען זי הייבט אָן ריידן וועגן די שווערע אָקופּאַציע־יאָרן:

— זיי זײַנען געקומען, די הערן. זיי האָבן געמיינט, אַז מע וועט זיי באַגעגענען ווי געטער. אַלע וועלן פאַלן פאַר זיי קוירים. אומזיסט געמיינט! געטע האָט נאָך געזאָגט: פאַרלירן געלט טויג ניט, פאַרלירן פרײַנט איז נאָך ערגער, פאַרלירן זיך אַליין איז שוין גאָר שלעכט. זיי, די פאַשיסטן, האָבן פאַרלאָרן דעם מענטשלעכן אָנבליק. עס איז שווער צו פאָרשטעלן זיך, אַז באַשעפענישן אַף צוויי פיס זאָלן באַגיין אַזעלכע פאַרברעכנס! דעם זיבעטן מאַרט 1942 האָבן צו אונדז אין שפיטאָל זיך אַרײַנגעריסן באַוואָפנטע ראָצכים, איזאָלירט די דאָקטוירים און אָנגעהויבן אַרויספירן די קראַנקע אין אַ פאַרמאַכטער מאַשין. פאַרקלאַפט דאָס טירל פון דער מאַשין, האָט אַן עסעסאָווער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אפילע אַ קוק געטאָן אַפן זייגערל: מע קאָן, הייסט עס, פאָרן. די קראַנקע קלאַפן, שרײַען, דערנאָך ווערן זיי שטיל. די מאַשין פאָרט אַוועק. שפעטער קערט זי זיך אום אַ ליידיקע, קעדיי נעמען אַ נײַע גרופּע. דאָס האָט מען אונדזערע כאָלאָיִם דערשטיקט מיט גאַז. איך האָב גענומען שרײַען אַף דײַטש: דערוועגט זיך ניט צו דערמאָרדן אומבאַהאָלפענע מענטשן, וועלכע קאָנען נאָך ווערן געזונט, אַזוי האַנדלען בלויז כײַעס!

זי האָט זיך ניט איבערגעשראָקן פאַרן טויט — זיי האָבן דאָך געקאָנט פראָסט־פּאָשעט אַרײַנשטויסן זי אין דער „דושעהובקע"...

דער ווײַטערדיקער גאַנג פון איר דערציילונג איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז איך האָב געבעטן,

מע זאָל אירע רייד סטענאָגראַפירן. איך ציטיר איצט שוין לויט דער סטענאָגראַם:

„מע האָט מיך אוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ. אין עטלעכע טעג אַרום — דעם צוועלפטן מאַרט, ווען איך בין געזעסן אַף אַ פאַרהער, איז אין קאַבינעט אַרײַנגעלאָפן אַ געסטאַפּאָוועץ, ער איז געווען זייער צערודערט, אָנבייגנדיק זיך צום אויספאָרשער, האָט ער גיך־גיך ראַפּאָרטירט:

— דער ייִד מיט דער פּריצטע זײַנען טויט...

שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט (עס האָט געהאָלפן מײַן שוועדישע פאַמיליע), און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איינציקן מיט מיר האָט מען אַרעסטירט באַלאַבאַנען. דעם פּראָפעסאָר האָט מען אוועקגעפירט פון שפּיטאָל צוזאַמען מיט זײַן פרוי, וועלכע איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים. נאָענטע מענטשן האָבן געוווּסט, אַז דאָס פּאָרפאָלק האָט באַצײַטנס זיך באַזאָרגט מיט טאַבלעטקעס ציאַן־קאַלי. פאַרוואָס די געסטאַפּאָ־לײַט זײַנען געווען אַזוי צערודערט, איז מיר געוואָרן קלאָר: באַלאַבאַן מיט זײַן פרוי האָבן זיך לעבעדיקע ניט אָפּגעגעבן אין זייערע הענט“.

יאָרצענדליקער זײַנען שוין אוועק פון יענער צײַט. אין קרימער געגנטלעכן פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל אַרבעט אַ נײַער דאָר דאָקטוירים און מעדיצין־שוועסטער. און ווי אומעטום באַ אונדז אין לאַנד, גילט אויך דאָ דער רוף: „קיינער און קיין זאַך וועלן ניט פאַרגעסן!“ מיט ייִראַס־האַקאָוועד בלעטער איך דעם אַלבאָם, וועלכן די קאָמיוגיסטן פון שפּיטאָל האָבן צונויפגעזאַמלט און וועלכער איז געווידמעט דעם עלטערן דאָר. אַף די ערשטע זײַטלעך זײַנען באַוויזן די פאָטאָגראַפיעס פון נאַום איסידאָראָוויטש באַלאַבאַן, יעליזאַוועטע אַלעקסאַנדראָוונאַ נעלידאָווא, מאַריע יעווגעניעוונאַ יאָהאַנסאָן.

שלוימע ווערקאַווסקי

# וועגן צוויי פליִער, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַ טאַראַן

## באַטאַליאָן־קאָמיסאַר איציק בעציס

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז בײַס דעם פאָטערלענדישן קריג זײַנען פאַרגענומען געוואָרן 369 לופט־טאַראַנען. זעקס הונדערט פּילאָטן, שטורמאַנס, שיסער־ראַדיסטן האָבן באַוווּסטזיניק און אומשרעקלעך געריכטעט זייערע ברענענדיקע אַעראָפּלאַנען אַף די פײַנטלעכע צילן, דערלאַנגענדיק דעם לעצטן אין זייער לעבן קלאַפּ איבער די פאַשיסטן. זעקס הונדערט סאָוועטישע מענטשן האָבן איבערגעכאַזערט דעם קאַפּיטאַן גאַסטעלאָס העלדנטאַט.

די געוואַגטע פליִער ווערט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

איך וויל דערציילן וועגן איינעם פון זיי, וועגן איציק בעציס.

ער איז געווען אַ באַטאַליאָן־קאָמיסאַר. צו דער צײַט, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד אין מײַן נאָטיץ, איז ער שוין, אייגנטלעך, געווען ניט דער קאָמיסאַר פונעם 24־טן באָמבאַרדיר־

פאַלק, נאָר זײַן קאָמאַנדיר, — גראָדע אים, דעם פּאָליט־טוער, האָט די ארמיי־קאָמאַנדשאַפט פאַרטרויט סײַ די טעכניק — די אעראָפּלאַנען, סײַ דעם פּאַלק, ווען עס איז אומגעקומען זײַן קאָמאַנדיר, דער העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד יורי גאַרבקאָ. בעציסעס אייגנשאַפטן האָבן דער־לויבט, מע זאָל אים נאָמינירן אלס קאָמאַנדיר.

בעציס האָט גוט געוווּסט די פרײַז פון א הארציק וואָרט. דאָס וואָרט אָבער מוז קעסיידער באַגלייט ווערן מיט טאַט. קעדיי זײַן א גוטער קאָמיסאַר פון אַן אוויִא־פּאַלק, האָט ער, בעציס, קוידעמקאָל געדאַרפט ווערן א גוטער פליִער. און ער איז געוואָרן אַן אַס.

עס איז געווען ניט לײַכט — אייַנצײַטיק אויספילן די פליכטן פון א קאָמאַנדיר און פון א קאָמיסאַר. בעציס איז דורכגעגאַנגען א גוטע לער: אין א פאַבריק־שול, אַפן זאַוואָד „אָקטיאַבער־רעוואָליוציע”, אין דער אָדעסער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע פון די צוואַנציקער יאָרן. אין 1931 טרעט ער ארײַן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָכן פאַרענדיקן די כאַרקאָווער אוויִא־מיליטער־שול און ספּעציִעלע קורסן פאַר קאָמיסאַרן—פליִער ווערט ער קאָמיסאַר פון אַן אוויִא־עסקאַדריליע.

אין 1939 קעמפט בעציס מיט די ווײַס־פינער אַפן קאַרעלער פראָנט, פאַרטיידיקט לענינגראַד און די צאָפן־מײַרעוודיקע גרענעצן פון פּססר. ער ווערט דאַן באַלוינט מיט אַן אָרדען „רויטער שטערן” און מיט א מעדאַל „פאַר העלדנמוט”.

ווען ער איז געשטעלט געוואָרן בעראָש פּונעם 24־טן פּאַלק, האָט נאָך די פאַשיסטישע אוויִאַציע געהערשט אין דער לופט. ראַנגלען זיך מיטן פײַנט איז געווען ניט קיין פּאַשעטע זאַך. יעדן זיג האָט מען געדאַרפט ארויסרײַסן מיט גרויסע פאַרלוסטן. בעציס האָט זיך באַטייליקט אין אלע שלאַכטן, וואָס דער פּאַלק האָט געפירט.

זײַן לעצטער גראַנגל איז פאָרגעקומען באַנאַכט דעם 19 יון 1942 אַפן בריאַנסקער פראָנט. ער האָט שוין, א מידער, נאָך א לאַנגן ארבעטסטאָג, געקליבן זיך לייגן שלאָפן, אָבער אין אָט דער רעגע גיט מען אים איבער א דרינגענדיקן באַפעל: אַטאַקירן דעם סוינע, וועלכער האָט אָנגעהויבן איבערגרופּירן די קויכעס.

בעציס טוט זיך אַפגיך אָן, וועקט אוף די עקיפּאַזשן. אין עטלעכע מינוט ארום הייבן זיך אוף אין דער לופטן פיר מאַשינעס און פאַרשווינדן אינעם שווארצן הימל־כאַשכעס.

דער ערשטער איז געפלויגן בעציס. בייס ער איז שוין ארויס אין ראיאָן פונעם ציל, זײַנען אַף אים אָנגעפאַלן עטלעכע פײַנטלעכע פאַרניכטלער. אונדזערע דרײַ פיקירנדיקע באָמבאַרדיר־אעראָפּלאַנען האָבן גלײַך זיך אָנגעשלאָסן אין בעציסעס געשלעג מיט די פאַשיסטישע שפּאַרבערס. אין באַנאַכטיקן הימל האָט זיך צעפלאַקערט א סרייפע־געוויטער.

פלוצעם האָט זיך איבערן רעכטן מאָטאָר פון בעציסעס באָמבאַרדירער באַוויזן א העלער פלאַם און איז פלינק איבערגעשפּרונגען אַפן לינקן מאָטאָר. בעציס האָט זיך געפּלײַסט אראָפּשלאָגן דאָס פײַער, גליטשנדיק זיך אינעם רוים און הוידענדיק די מאַשין, נאָר ס'איז אים ניט געלונגען. ער האָט פאַרגעזעצט זיך ראַנגלען מיט די „מעסערשמיטן”, כאָטש עס איז שוין קלאָר געווען, אַז אַף צו ארויסגיין פונעם שלאַכט וועט אים קיין קויכעס שוין ניט קלעקן. דאַן האָט ער אָנגעצילט זײַן ברענענדיקן אעראָפּלאַן אַפן פלאַצדאַרם ווו ס'האָבן זיך געפונען די דײַטשישע טיילן...

ווער ווייסט, וועגן וואָס עס האָט געקלערט בעציס אין אָט די רעגעס? עפשער האָט ער דערזען פאַר זיך זײַנע קינדער־יאָרן, דאָס דאָרף קאַטאַרזשינאָ אַף אָדעסשטשינע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, זײַן מישפּאָכע, די שיינהײַט עסטער — זײַן פרוי. עפשער האָט ער א טראַכט געטאָן וועגן אָדעס, ווו ער האָט זיך געלערנט, ווו עס איז אדורך זײַן יוגנט.

אינײנעם מיטן באָמבאַרדיר־אעראָפּלאַן, וועלכער איז געווען אָנגעלאָדן מיט באָמבעס, האָט זיך בעציס ארײַנגעריסן אין דער געדיכטעניש פונעם פײַנטלעכן מיליטער.

דאָס היימלאַנד האָט הויך אָפּגעשאַצט זײַן העלדנטאַט — באַלוינט אים נאָכן טויט מיט א לענין־אָרדען.

## מאיאָר לייב בינאָוו

דאָס איז געווען דעם 19 סענטיאַבער 1942. דער געוועזענער שוסטער לייבל בינאָוו, צו יענער צײַט שוין קאָמיסאַר פון אַן אוויִאַציע־באַטאַליאָן, וועלכער האָט געפירט שלאַכטן אַפן סטאַלינגראַדער פראָנט, האָט באַקומען די אופּגאַבע אָפּצוּווענדן דעם קעגנער פון די אַפּאַראַציִעס, וועלכע ס'האָט געפירט די אינפאַנטעריע אַף איינעם פון די וויכטיקסטע פראָנט־באַצירקן. בינאָוו האָט אַטאַקירט צוויי פאַשיסטישע פאַרניכטלער. די אַטאַקע האָט ער געפירט אַזוי קונציק, אַז ווען די דײַטשן האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך אים, קעדיי אונטערשיסן זײַן אעראָפּלאַן, האָט ער פאַר וואָסערע צוויי־דרײַ מינוט אראָפּגעקלאַפּט מיט זײַנע קוילנוואָרפערס איינעם פון די פאַרניכטלער. בינאָוו האָט באַשלאָסן דערלאַנגען דעם צווייטן א טאַראַן־קלאַפּ. די סאָוועטישע ארמיי־טיילן, וועלכע האָבן זיך געפונען אַף דער ערד, דערזעענדיק בינאָווס מאַנעוורען, האָבן זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט

נאָכגעפאָרשט נאָך דער שלאכט צווישן דעם סאָוועטישן פליִער און דעם פאשיסטישן. בינאָוו האָט מיט אבסאָליוטער פּינקטלעכקייט אויסגע־רעכנט, וויאַזוי דורכפירן דעם טאראן, און דער פאשיסטישער פארניכטלער איז א צעלעכער־טער געפאלן אפן פעלד.

אין יענעם טאָג האָבן אינעם ראַיאָן, ווו עס האָט אָפּערירט דער קאָמיסאר בינאָוו, זעקס דײַטשישע פליִער זיך ניט אומגעקערט אף זייי־ערע אעראָדראָמען.

פאר העראָיזם און אויסשליסלעכן מוט, וועלכע ער האָט ארויסגעוויזן הינטער סטאלינ־גראד, איז דעם 30 יאַנוואר 1943 לעוו בינאָוו, נאָכן טויט, באלוינט געוואָרן, לויט א באפעל פון דער קאָמאנדשאפט פון דעם דאָנער פראָנט, מיטן אָרדען „פּאַטערלענדישע מילכאָמע ערש־טע מאדרייגע״.

לייב בינאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 22 יול 1909 אין טשערניגאָווער גובערניע, אינעם דאָרף יארילאָוויטש. אין 1925 איז די מישפּאָכע אריבערגעפאָרן אין דאָרף קאָשעלעוואָ. פון דאָרט איז לייבל אוועקגעפאָרן קיין האָמעל און דאָרט אָנגעקומען אלס שילער אין א שוסטער־ווארשטאט. צו 19 יאָר פאָרט ער אוועק קיין לענינגראד, ווו ער קומט אָן ארבעטן אין א שוסטער־ארטעל, דערנאָך אין דער באוווסטער שוך־פאבריק „פראָלעטארסקאיא פאָבעדא״.

דער IX צוזאמענפאָר פון לענינישן קאָמיוג (אין 1931) האָט געוואָרפן דעם לאָזונג „קאָמיר־גיסטן, אף די אעראָפלאנען!״. דער לענינגראדער שטאָטקאָם פון דער פארטיי האָט געשיקט ביי־נאָוון אין א פליִער־שול, וועלכע האָט זיך גע־פונען אין רעשוס פונעם לענינגראדער מילי־טער־קרײַז. געענדיקט די שול אף אויסגעצייכנט האָט ער אין מארט 1933, און מע האָט אים געשיקט אף פראקטיק קיין טשקאלאָוו, אין דער פליִער־שול אף ק. יע. וואָראָשילאָוס נאָמען.

פון דעמלט אָן האָט בינאָוו זײַן לעבן פאר־בונדן מיט דער רויטער ארמיי. צום אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער געווען דער קאָמיסאר פונעם 291־טן אוויִא־ציע־פאָלק פון פארניכטלער.

# א ליכטיקער נאָמען אין ייִדישן ליטעראַרישן קאַלענדאַר

נאָכעם סאָלאָוויי (רעכטס) מיט זײַנעם א שלאַכט־כאַווער

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור הילכיק א קלונג געטאָן די שטים פונעם יונגן פּראָזאַיקער נאָכעם סאָלאָוויי. דאָס איז געווען א באַגאַבטער שרײַבער, וועלכער האָט ניט באַוויזן זיך פאַנאַנדערוויקלען אין דער גאַנצער ברייט פון זײַן טאַלאַנט. אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער אַוועק אפן פראָנט, וווּ ער האָט זיך העלדיש געשלאָגן קעגן די היטלעריסטישע האָרדעס. ער איז נאָך ניט אלט געווען קיין 17 יאָר, ווען א פאַשיסטישע קויל האָט אים ארויסגעריסן פונעם לעבן.

אין דער ליטעראַטור איז סאָלאָוויי געקומען מיט זײַן אייגענעם, אינדיווידועלן וועג. זײַן ערשט ביכל „פּיאָנערישער ברויז" איז דערשינען אין 1933. דאָס איז א קליינע זאַמלונג דערציילונגען וועגן דעם אָנטייל פון שילער — פּיאָנערן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. די דאָזיקע שאַפונגען זײַנען נאָך ניט קיין רײַפע, אָבער ס'פילט זיך שוין אין זיי א הייסער קינסטלערישער אָטעם.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט זיך פאַרפולקומט און אויסגעשלײַפט סאָלאָווייס קינסטלערישער סטיל. וואָגיקער און אויסדריקלעכער איז געוואָרן דאָס וואָרט, דער זאַץ־בוי. דאָס איז מערקבאַר אין זײַן צווייטער זאַמלונג „נאָוועלן" (1940). לויט דער טעמאַטיק באַשטייט די זאַמלונג פון דרײַ ציקלען, אין וועלכע ס'זײַנען אָפּגעשפּיגלט דרײַ היסטאָרישע טקופעס. „אמאָל איז געווען"... אין אָט דעם ציקל זײַנען אָנגעצייכנט בוילעטע שטריכן פונעם ייִדישן לעבן־שטייגער אין א ייִדיש שטעטל אף אוקראַיִנע אינעם פאַראָקטיאַבערישן פּעריאָד. מיר באַגעגענען זיך מיט פאַרשוינען פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן. מיט ליבע און סימפּאַטיע זײַנען געשילדערט די פּאָשעטע מענטשן פונעם פאָלק.

ס'איז אין דעם פראַט קעדײַ צו באַטאָנען די נאָוועלן „ראָכל" און „דער לעצטער בריוו", וועלכע זײַנען סוזשעטיש פאַרבונדן מיט איינע און די זעלבע צענטראַלע פּערסאָנאַזשן. ס'ווערט דערציילט וועגן א שיינער, אופריכטיקער ליבע צווישן דעם האָרעפּאַשנעם מיידל ראָכל און דעם סאָלדאַט דאָווידקע. און ווען די פאַרליבטע, טראָץ אלע שטערונגען, האָבן שוין כאַסענע געהאַט, האָט אויסגעבראָכן די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע און אף אייביק צעשיידט דאָס יונגע פאָרפאָלק. דאָווידקע איז אינגיכן געפאַלן אין שלאַכט.

די צוויי נאָוועלן זײַנען אָנגעזעטיקט מיט עכטן דראַמאַטיזם. דער מעכאַבער פירט אונדז אַרײַן אין דער אינערלעכער וועלט פון זײַנע העלדן, דעקט אויף די פּסיכאָלאָגישע אימפּולסן פון זייערע האַנדלונגען, ווײַזט, וויאַזוי דורך ליבע אַנטפּלעקן זיך הויכע מענטשלעכע ווערטן.

אין אַנדערע צוויי נאָוועלן („ליידן״, „דאָס נעגערל״) איז אַרויסגעפירט דאָס געשטאַלט פונעם גרויסן ייִדישן שריפטשטעלער שאָלעם־אַלייכעם. דער שרײַבער — הומאַניסט, וועלכער האָט ניט וויניק געשריבן וועגן דעם לעבן פון ייִדישע קינדער אין די באַדינגונגען פונעם טכום־האַמױשעוו, האָט ניט געקאָנט זײַן גלײַכגילטיק אויך צו די קינדער פון אַנדערע פעלקער, באַזונדערס פון די, וועלכע האָבן שטאַרק געליטן פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

אין דער נאָוועלע „דאָס נעגערל״ איז פאַראַן אַן עפּיזאָד, וויאַזוי שאָלעם־אַלייכעם האָט באַשיצט אַ נעגעריש קינד פון די אוּלעס, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר זײַן שוואַרצער הויט. דער שרײַבער האָט גענומען דאָס נעגערל אונטער זײַן אופּזיכט. צווישן זיי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ רירנדיקע פרײַנטשאַפט.

אינעם צווייטן ציקל נאָוועלן דערטראָגט זיך צו אונדז דער עכאָ פון די העראָיִשע בירגער־קריג־יאָרן. אין יענער גרויזאַמער צײַט, ווען אַף דער אוקראַיִנישער ערד האָט זיך אָפּגעגעביטן די מאַכט, זײַנען די ברייטע ייִדישע פאָלקסמאַסן טרײַ געבליבן דער יונגער סאָוועטישער רעפּובליק. פיל פון זיי האָבן מיט דער ביקס אין האַנט פאַרטיידיקט די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע. סאָלאָוויי האָט עס געשילדערט אין אַ ריי מײַסטערישע עפּיזאָדן („פּאַרטאָג״, „נעקאָמע״). ס׳זײַנען אָבער געווען אויך אַנדערע ייִדן: באַלעגופים, סאָכרים, וועלכע האָבן פאַראַכטעט די ראַטנמאַכט און געהאָלפן דעם סוינע. מוישע־לייב אַרנשטאַם, דער רײַכער ווייץ־הענדלער, אין דער באַגלייטונג פון זײַנע צוויי באַטראַקעס און דעם פון אים שוואַנגער געוואָרענעם דינסט־מיידל מאַרוסיע, האָט אָוועקגעפירט דאָס ווייץ, וואָס ער האָט געדאַרפט צושטעלן אין וואָליספּאָלקאָם, צום באַטקאָ מאַכנאָ. מוישע־לייב האָט געוואָלט גלײַך אַפּן אָרט פּאַטער ווערן פון די ניט געווונטשענע איידעס. די באַטראַקעס האָט מען לעבעדיקע אַרײַנגעשליידערט אין אַ ברונעם. אַהין האָט מען אויך אַרײַנגעוואָרפן מאַרוסיען, נאָך דעם ווי די באַנדיטן האָבן זי פאַרגוואַלדיקט און דערמאָרדעט.

אָט די טראַגישע געשיכטע דערשיטערט מיט איר פּסיכאָלאָגישן דינאַמיזם. שוין אינעם אַרײַנפיר ווערט דער לייענער צוגעגרייט צו עפּעס אויסטערלישס:

„וואַנדערער, אַז דו וועסט אין אַ הייסן אווגוסט־טאָג גיין איבער די אָפּגעשוירענע סטעפּעס, וואָס ליגן האַרט לעבן קריוואָראָג, און וועסט באַגעגענען אַ ברונעם, אַ נידעריקן, אַ געזעצטן, אַ פאַרוואַקסענעם מיט מאָך, און וועסט זען אַ הילצערנעם עמער, וואָס וואַלגערט זיך לעבן אים, און ס׳וועט זיך דיר ווילן אַ טרונק וואַסער, זאָלסטו דעם ברונעם פאַרבײַגיין, זאָלסט ניט וואַגן טרינקען דאָס קאַלטע קרישטאָל־ציכטיקע וואַסער, וואָס צעגייט זיך איבער די בלוטן, ווי ווײַן... אויב דו וועסט שוין יאָ טרעפן אָט דעם ברונעם, שטעל זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע און לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ... הער זיך צו, ווי עס אָטעמט די פעטע אוקראַיִנישע ערד און לאָז זיך גיין ווײַטער אין דײַן וועג, אויב ניט — זעץ זיך צו אָט דאָ ערגעץ... און איך וועל דיר, נײַגעריקער וואַנדערער, דערציילן אַ וווּנדערלעכע און שרעקלעכע געשיכטע״...

„אַף אייגענער ערד״ — די גרונט־טעמע פונעם ציקל נאָוועלן אונטער אָט דעם קעפּל איז דאָס סאָוועטישע דאָרף. סאָלאָוויי מאָלט איצט בילדער פונעם באַנײַטן דאָרפישן שטייגער, די פרייד פון באַפרײַטער מי, די זיטן און מינהאָגים, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אין פּראָצעס פון דער קאָלווירטישער בויונג. דעם אינהאַלט פון אָט די נאָוועלן האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס לעבן אַליין. עס דערשײַנען פאַר אונדז טיפּן פון ייִדישע קאָלווירטניקעס, מאַמעש אַרויסגעכאַפּטע פון דערווירקלעכקײַט.

אַ שטאַרקן אײַנדרוק לאָזט איבער די נאָוועלע „די פרײַז אַף לידער״. אַ געלט־גיריקע זקיינע קלאַמערט זיך מיט אירע דאַרע, ציטערדיקע פינגער אַפילע אין אַ גראָשן, אָבער מיט אַ ביטל־געפיל האָט זי אָפּגעוואָרפן דאָס געלט, וואָס דער אוירעך האָט איר דערלאַנגט פאַר די פאָלקס־לידער, וועלכע זי האָט, לויט זײַן ביטע, געזונגען. ער האָט פאַרשטאַנען: לידער האָבן ניט קיין פרײַז. דער אוצער פון נעגינע איז טײַער און אייגן דעם פאָלק און מע טאָר ניט האַנדלען מיט אים. אַזאַ איז, אייגנטלעך, דער סיפּער־האַמײַסע פון דער נאָוועלע.

די לעצטע נאָוועלע „אַ שפּאָגל־נײַע ליבע״ איז אָנגעהויכט פון שאָלעם־אַלייכעמס נוסעך. ס׳שפּרודלט פון איר מיט מילדן גוטמוטיקן הומאָר.

ניט אַלע נאָוועלן פון דער זאַמלונג זײַנען גלײַכווערטיק לויט דער קינסטלערישער מײַסטערשאַפט, אָבער אַלע זײַנען זיי אינהאַלטרײַכע, קויפן אונטער מיט זייער וואָרהאַפטיקײַט, און אין דעם איז זייער ווערט.

נאָכעם סאָלאָוויי וואָלט איצט אַלט געווען 65 יאָר. ווי געזאָגט האָט ער זײַן לעבן אָפּגעגעבן פאַרן היימלאַנד.

עליע קריס

# מיט א הייס הארץ

ווען פיניע שטיינבערג איז אלט געווען אינגאנצן 22 יאָר, האָט ער שוין געהאט א היפשן ארבעטס־סטאַזש: געווען א לערער, סעקרעטאר פון ראיקאָם פון קאָמיוג, דירעקטאָר פון א מיטלשול.

די ראַזדעלנער (אָדעסער געגנט) צײַטונג „ראָזדילניאנסקי קאָלהאָספניק” האָט געשריבן:

„פיניע איז ניט נאָר דירעקטאָר פון דער שול. ער איז א דערציִער פון דער דאָרפישער יוגנט. נאָך גאָר א יונגער איז ער, פיניע. די רעוואָליוציע איז געקומען, ווען ער איז אלט געווען אינגאנצן איין יאָר. זײַן טאטע, יאנקעוו דער שנײַדער, האָט געוואָלט, אז פיניע זאָל זײַן א געלערנטער מענטש. און אזוי איז עס טאקע מעקוייעם געוואָרן. דרײַ יאָר ארבעט שוין פיניע אינעם קאָלווירט אף אנדריי איוואנאָווס נאָמען. שטענדיק איז ער ארומגערינגלט מיט קינדער און מיט דער דאָרפישער יוגנט. דאָ האָבן אים אלע ליב. ער שרײַבט לידער, מאָלט זייער גוט און איז רעדאקטאָר פון דער קאָלווירטישער וואנטצײַטונג, וועלכע האָט א שעם איבערן גאנצן ראַיאָן”.

אין אָדעס געדענקט מען נאָך ביז איצט אָט דעם ווונדערלעכן באָכער. און ניט נאָר אין אָדעס. פיניע שטיינבערג האָט געשריבן לידער, דערציילונגען, פארצייכענונגען און זיי געדרוקט אין די צײַטונגען „זײַ גרייט”, „דער שטערן”, „דער עמעס”, „יונגע גווארדיע”, זייער אַפט — אין „אָדעסער ארבעטער”. אין דער ליטערארישער סטודיע, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט צוערשט אײַזיק הובערמאַן, דערנאָך אירמע דרוקער, האָט מען אים געהאלטן פאר איינעם פון די סאמע באגאבטע.

אָט ליגן פאר אונדז פיניעס געדרוקטע און ניט געדרוקטע לידער, זאָרגזאם פארהיטע פון זײַן לעבנס־כאַווערטע כאנע כאנעליס. מיר בלעטערן די זײַטלעך פונעם ארכיוו, וועלכע ער האָט אקוראט צונויפגעלייגט און פארנומערירט, איידער ער איז אוועק אפן פראָנט. מיר לייענען זיך אײַן אין די מאנוסקריפטן, און וואָס מער מיר לייענען, אלץ מער פילן מיר, ווי באַגײַסטערט ער איז פון אלץ, וואָס עס טוט זיך ארום אים: פון די קאָלווירטישע פעלדער, פון די גרויסע בויונגען, פון די סאָוועטישע מענטשן, וואָס שטאלטן איבער די ערד. אין יעדער שורע, אין יעדן פערז קלאפט א הייס הארץ פון א פאטריאָט.

אין 1931 האָט דער שילער פון דער בערעזאָווקער 3־טער ארבעט־שול פיניע שטיינבערג אָפּגעדרוקט אין דער פּיאָנערישער צײַטונג „זײַ גרייט” א ליד „כ׳בין גרייט!”, וועלכע האָט זיך פארענדיקט מיט אזעלכע שורעס:

בין איך גרייט צו גיין,
ווען סע רופט דאָס לאנד,
פאר מײַן רויטער היים
מיט א שווערד אין האנט.

דער דיכטער־אָנפאנגער איז דעמלט אלט געווען פופצן יאָר. און געוויס האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז אין צען יאָר ארום וועט ער אופגערופן ווערן צו נעמען די שווערד אין האנט און גיין זיך שלאָגן פארן היימלאנד קעגן די דײַטשישע פאשיסטן. אָבער דאָס זײַנען געווען ניט קיין פּאָשעטע ריטאָרישע ווערטער, נאָר אן עמעסע שווּע.

אין מארט 1942 גייט פיניע שטיינבערג אוועק אפן פראָנט. א שטעלפארטרעטער פונעם פּאָליטרוק פון א ראָטע, פאלט ער ארײַן אין סאמע פײַער, ווען אונדזער מיליטער האָט געפירט אקשאָנעסדיקע שלאכטן אין קערטש, טאמאָן, דערנאָך — אינעם ראַיאָן פון נאָוואָראָסיִיסק — טאָנעלנאיא. אין דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע ווערט וועגן אָט די שלאכטן געזאָגט:

„די זומער־קאמפאניע פון 1942 האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנגריף פונעם סוינע אין קרים. דעם 8 מײַ האָט די עלפטע דײַטשישע ארמיי אטאקירט די אקמאָנײַער פּאָזיציעס און האָט דורכגעריסן די שוץ־ליניע פונעם סאָוועטישן מיליטער אפן קרימער פראָנט. די מיליטער־טיילן, וועלכע האָבן פארטיידיקט דאָס קערטשער האלב־אינדזל, זײַנען געצוווּנגען געווען צום 23 מײַ מיט שווערע שלאכטן אָפּגיין צום טאמאנער האלב־אינדזל”...

# פיניע שטיינבערג



פיניע שטיינבערג

פיניע שטיינבערג מיט א גרופע שילער

אין אָט די שלאַכטן האָט זיך באַטייליקט פיניע שטיינבערג. זײַן לעצטער בריוו צו די אייגענע איז דאַטירט דעם 3 מײַ 1942. אָט זײַנען אויסצוגן פון אָט דעם בריוו:

„...שוין עטלעכע טעג, אז איך האָב אײַך גאָרנישט ניט געשריבן. אָבער, טײַערע מײַנע, דאָס איז ניט דערפאר, וואָס כ'האָב אײַך, כאָ־לילע, פארגעסן. אָ, ניין... דאָס זײַנען געווען טעג פון דערוואַרטונג, טעג, וועגן וועלכע מע וועט קאָנען אײַך דערציילן שפּעטער... איך קאָן אײַך ניט שרײַבן, ווען עפּעס איז ניט דורכגע־לעבט ביזן סאָף... עס גייען געפערלעכע

## איבער סטעפּיש־ברייטער ראַכוועס

איבער סטעפּעס פון באַגינען
זיך צעלאָזן די בריגאַדעס
ביז די אונטן די שטילע,
ביז ס'פארציט די ווײַט מיט נאַכט שוין...
רוישט א טאָג דאָ אָפּ מיט אימפּעט,
א פאַרפּאַליעטער, א הייסער,
שטייען יונגען אָף קאָסילקעס,
זײַנען לײַבער פעסט און שווייסיק.

רוישט און שטורעמט דאָ די אַרבעט,
שנײַדט מען זאַנגען, בינדט מען גאַרבן,
בלויז די זון א פּוסטעפּאַסנע
שפּאַנט אַרום אין הימל־ראַכוועס,
און זי ליאַפּעט, נאָר זי ליאַפּעט
זודיק מעש אָף ברוינע לײַבער —
וואָלט מען אויך זי אײַנגעשפּאַנט דאָ
טווע גאָלדענע צו שנײַדן!

אַז דאָס לאַנד דאָרף האָבן ברויט איצט —
ניט געשטאַנען, היי, בריגאַדעס!
ס'מעג דער טאָג ווי זודיק־הייס זײַן,
איז נאָך הייסער אונדזער אַרבעט!
טאַנצן אום אין לופט די ווילעס,
בײַסן אײַן זיך אין די גאַרבן,
וואַקסן קאָפּיצעס, ווי שטיבלעך,
איבער סטעפּיש־ברייטער ראַכוועס...

## מײַן יוגנט

ניט אין האַסטיקן געלויף
איך האָב מײַן יוגנט ווילד צעפּאַטלט, —
אין הייסער מי, אין העלן רויש
מײַן יוגנט גליט, מײַן יוגנט פלאַטערט.

איך בין נאָך קליין, איך בין נאָך יונג,
נאָר כ'טראָג דעם ערנסט אָף די פּלייצעס.
דאָס לאַנד דאַרף קוילן, ברויט, טשוהון,
דאָס לאַנד דאַרף אויך מײַן ליד מײַן הייסע.

אָט דאָ איך שטיי בא דעם סטאַנאָק,
און כ'האָב זיך אויך מיט הענט פאַרמאָסטן.
אין צעכן ליגט א העלער טאָג
און ווערט מיט מוסקול־גלי צעגאָסן.

איך שענק אים אויך מײַן קוי'ך אוועק —
מײַן גאַנצע קראַפט די יינגלש־פעסטע —
און מיש צונויף דעם רויש פון טעג
מיט טרײַב־געזאַנג פון דער פאַרמעסטונג...

שלאַכטן... נאָך פון טאָנעלנאַיאַ (ניט ווײַט פון נאָוואָראָסיִיסק) האָב איך דיר, אַנושקע, אָפּגעשיקט אַ בריוו. פון טאָנעלנאַיאַ זײַנען מיר אַוועק צופוס צום ברעג פון דעם קערטשער אײַנגוס. מיר האָבן געהאַט עטלעכע אומרויִקע טעג און נעכט. אָבער נישקאָשע — דאָס איז שוין איבערגעלעבט, און מע דאַרף וועגן דעם ניט ריידן. אין דער נאַכט אױפן ערשטן מײַ, דאָס הייסט דעם 30 אַפּרעל, האָבן מיר זיך געפונען אין טאַמאַן. דאָס איז דאָס לעצטע אָרט אויפן וועג צום אײַנגוס. טאַמאַן איז אַ היסטאָריש שטעטל (עמעס, וועגן אים האָט לערמאָנטאָוו געשריבן: „טאַמאַן איז אַ פּאַסקודנע שטעטל...”). אויפן ברעג פונעם יאַם שטייט אַ מערקווירדיקער דענקמאָל די זאַפּאָראָזשצעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין טאַמאַן אין 1792...

איר זעט, לויט מײַן שטייגער, האָב איך נאָכאַמאָל זיך אָפּגעווענדט פון דער זאַך... יאָ, האָבן מיר געדאַרפט, הייסט עס, זיך אַריבערקלײַבן דורכן אײַנגוס קיין קערטש. עס זײַנען געווען, פאַרשטייט זיך, איבערלעבונגען, און כ׳האָב באַשלאָסן אײַך אָנשרײַבן ערשט דעמלט, ווען מיר וועלן שוין זײַן אין קערטש. ס׳איז געווען שוין גאַנץ טונקל, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּעראַציע. דער יאַם האָט בייז געררוישט. אַ הודען פון אַעראָפּלאַנען. פּראָזשעקטאָרס. זעניטקעס האָבן געשאָסן. אָבער דער סאָוועטישער סאָלדאַט האָט אויסגעהאַלטן. און אָט זײַנען מיר אין קערטש, אויף דער קרימער ערד...”

און ווידער אַ לירישע אָפּווײַכונג:

„געדענקסט, אַנושקע, דו האָסט ערשט פאַראַיאָרן אָפּגערוט אין אַלושטע. ערשט פאַראַיאָרן. און איצטער בין איך ווידער אין קרים. אָבער אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן. כ׳בין אין קרים. צום ערשטן מאָל בין איך אין דער שטאָט, וווּ ערשט ניט לאַנג צוריק זײַנען געווען די דײַטשן. אַך, וואָס פאַר אַ חורבן זיי האָבן דאָ געמאַכט! ניט קיין שטאָט — רויִנען. דאָס, וואָס מענטשן האָבן מיט מיִעך פון יאָרצענדליקער געשאַפן מיט זייערע מעכטיקע הענט, איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. אַש און פאָרעך. אַ מילחמה? אָבער מילחמות זײַנען געווען ניט ווייניק אויך פריִער. אַזאַ גרויזאַמע מילחמה איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. דאָס איז אַפילע ניט קיין מילחמה. דאָס איז אויסראָטונג, פאַרניכטונג, אַ פײַער, וואָס לאָזט ניט איבער קיין שום שפּור פון לעבן...”

אין אַן אַנדער בריוו שרײַבט ער צו זײַנע פרײַנט:

„... אָט זײַנען מיר שוין אין קרים. איר געדענקט, וויפל כ׳האָב אײַך אַמאָל דערציילט וועגן דעם פּראַכטפולן קרים? סעוואַסטאָפּאָל, יאַלטע, אַלושטע. איצט אָבער זײַנען אַנדערע טעג, אַנדערע בילדער, אַנדערע געשעענישן. אויב איך וועל בלײַבן לעבן, וועל איך אײַך וועגן דעם דערציילן...”

מער קיין בריוו זײַנען ניט געווען. אין יוני 1942 איז פּיניע שטיינבערג געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט ביזן סאָף אויסגעפילט די שווּעה, וועלכע ער האָט געגעבן דעם היימלאַנד. געבליבן איז דער ליכטיקער אָנדענק וועגן אים בײַ אַלעמען, ווער עס האָט אים געקענט. געבליבן זײַנען זײַנע לידער.

כ. ביידער

# מאָרגן דאַרפֿן מיר וויסן נאָך מער

## דער קאָסמאָנאַווט ג. ט. בערעגאָוואָי צוגאַסט אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

מיט עטלעכע שאָ צוריק האָט ער אופגענומען אינעם שטערן־שטעטל דעם עקיפּאַזש פֿון דער קאָסמאָס־שיף „סאָיוז־ט3", וועלכער האָט זיך אומגעקערט פֿון אַן אויספֿרווו־פֿלוג אין מעשעך פֿון 185 מעסלעס. נאָך פֿול מיט אײַנדרוקן פֿון אָט דער באַגעגעניש, איז ער אַרײַנגעקומען אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" און באַלד זיך דערפֿילט היימישנאַענט, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן אָפֿטער אַרײַנגייער. צי עפּשער וואָלט מען געדאַרפֿט זאָגן פּונקט פֿאַרקערט: בײַ די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער האָט זיך גלײַך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז זיי זײַנען מיט אים שוין באַקאַנט ווער ווייסט וויפֿל צײַט, כאָטש ער האָט איבערגעטראָטן דאָ די שוועל צום ערשטן מאָל...

און בעעמעס: ווער קען אים דען ניט, אָט דעם מערקווירדיקן מענטשן, וועמענס רום איז געוואָרן אַ לעגענדע?

געאָרגי טימאָפֿייעוויטש בערעגאָוואָי פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל הויכע טיטולן, אַז ווען מע הייבט זיי אָן איבערצורעכענען, פֿאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם: פּלי:ער־קאָסמאָנאַווט פֿון פּססר, גענעראַל־לייטענאַנט פֿון דער אוויאַציע, פֿאַרדינסטפֿולער פּלי:ער־אויספּרוווער, קאַנדידאַט פֿון פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד... ער איז דער אַווטאָר פֿון אַ ריי ביכער און מערקווירדיקע דערפֿינדונגען, דערצו נאָך — שעף פֿונעם צענטער פֿאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. לעצטנס דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז געווען אַ דעלעגאַט פֿונעם 26־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר... אַדעראַבע, פּרוווט זיך אײַנהאַלטן און ניט אַרויסזאָגן אײַער באַגײַסטערונג מיט אַזאַ פּערזענלעכקײַט!

געאָרגי טימאָפֿייעוויטשעס באַזוך אין רעדאַקציע פֿון אונדזער זשורנאַל איז ניט געווען קיין צופֿעליקער. די לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" געדענקען, אַז טאַקע ער האָט אין דעם נומער 10 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן פֿאַריקן יאָר געעפֿנט די רובריק „אונדזער קאָסמאָס־ווינקל". לאָמיר דערמאָנען, וואָס דער וועלט־באַרימטער פּלי:ער־קאָסמאָנאַווט האָט דעמלט אין זײַן אינטערוויו מיט אונדזער קאָרעספּאָנדענט געזאָגט:

„די אויספֿאָרשונג פֿונעם קאָסמאָס, די קאָסמישע פֿלוגן — דאָס איז אַ צייכן פֿון דער צײַט. איך מיין, אַז אויב דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַזוי באַשלאָסן (דאָס הייסט — עפֿענען אַ נײַע רובריק, וואָס וועט דערציילן די לייענער וועגן די קאָסמאָנאַווטן און וועגן די דערגרייכונגען פֿון דער סאָוועטישער קאָסמאָנאַווטיק. — רעד.), הייסט עס, אַז ער גייט אין טראָט מיט דער צײַט. מע קאָן בלויז ווינטשן אים, ווי יעדן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג, אַ גוטן וועטער און אַ לײַכטע רײַזע".

און נאָך האָט ער צוגעגעבן:

„אויב עס האַנדלט זיך וועגן מיר, בין איך מאַסקים, אַז דער דאָזיקער שמועס מיט מיר זאָל דינען אַלס אָנהייב פֿון דער נײַער רובריק".

און לעסאָף:

„איך ווינטש די לייענער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געזונט און שאָלעם!"

דאָס איז געווען אַ גוטער, אַ גליקלעכער אָנהייב.

איצט זיצט ער בײַ אונדזער רעדאַקציע־טיש און דערציילט וועגן דעם לעצטן פֿלוג פֿון דער קאָסמאָס־שיף „סאָיוז־ט3“:

— אַ וווּנדערלעכער עקיפּאַזש, ווונדערלעכע מענטשן! לעאָניד קיזים, אָלעג מאַקאַראָוו און גענאַדי סטרעקאַלאָוו האָבן אַזויפֿיל אויפֿגעטאָן! — אויסגעפֿרווּוט, באַנײַט, באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס איז נאָך געווען ניט זייער קלאָר, און איך האָב ניט מורא צו זאָגן, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פֿון אַ נײַעם עטאַפּ אין די אויספֿאָרשונגען. הײַנט ווייסן מיר שוין וועגן דער אַלוועלט מער, איידער מיר האָבן געוווּסט נעכטן, אָבער מאָרגן דאַרפֿן מיר וויסן נאָך מער. דערשלאָגן זיך אין דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפֿט אַ הויכע רעזולטאַטיווקײַט אָן אַ ברייטער אויסנוצונג פֿון דער טעכניק איז אוממעגלעך. בײַ אונדז פֿאַרפֿולקומען זיך די גאַנצע צײַט ניט נאָר די קאָסמישע שיפֿן, נאָר אויך די קאָסמישע סטאַנציעס, די אָנפֿירונג־סיסטעמען, די פֿאַרבינדונג און דגל. פֿאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס מיר פֿליִען אין קאָסמאָס, זײַנען דורכגעמאַכט געוואָרן פֿלוגן אויף די שיפֿן „וואָסטאָק“, „וואָסכאָד“, „סאָיוז“, „סאָיוז־ט“. הײַנט די אָרביטאַלע סטאַנציעס! אין משך פֿון די לעצטע יאָרן זײַנען געשאַפֿן געוואָרן זעקס אַזעלכע סטאַנציעס. „סאַליוט־6“ איז די מעכטיקסטע דערגרייכונג פֿון דער קאָסמישער טעכניק, נאָר זי ווערט שוין אויך פֿאַרעלטערט, ווײַל עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן גאַנץ נײַע און דערבײַ פּרינציפּיעל אַנדערע אַגרעגאַטן, מאַכשירים, סיסטעמען, וועלכע גיבן אַ מעגלעכקײַט צו דורכפֿירן ברייטערע און מער רעזולטאַטיווע אויספֿאָרשונגען.

געאָרגי טימאָפֿייעוויטש שפּאַרט זיך אָן אין ווענטל פֿונעם שטול, טוט אַ קוק אויפֿמערקזאַמער אויף די בײַוועזנדע און צעשמייכלט זיך:

— זײַט מיר מוחל פֿאַר אַזאַ לאַנגן מאָנאָלאָג. איך בין גרייט אײַך ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגן. און דאָך... לאָמיר עפּשער אָנהייבן פֿון דעם, וואָס איך וועל נאָכאַמאָל דורכקוקן דאָס אַרטיקל, וואָס איך האָב פֿאַר אײַך אָנגעשריבן.

דאָס אַרטיקל ליגט אויפֿן טיש. איידער ער האָט עס אָפּגעגעבן אין זשורנאַל, האָט ער עטלעכע מאָל דאָס דורכגעלייענט, אַרײַנגעטראָגן קאָרעקטיוון, אויסבעסערונגען, פֿאַרפֿינקטלעכט אייניקע דעטאַלן, עפּעס־וואָס אויסגעמעקט, עפּעס־וואָס צוגעשריבן, פֿאַרברייטערט. ס׳איז געבליבן אָפּצושיקן דאָס אַרטיקל דעם איבערזעצער...

— פֿונדעסטוועגן וואָלט איך עס געוואָלט נאָכאַמאָל דורכקוקן...

און ער פֿאַרטיפֿט זיך אין קסאַוויאַד.

אין קאַבינעט פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר ווערט שטיל. די בײַוועזנדע זעען, ווי דער קאָסמאָנאַווט נעמט אַרויס אַן אויטאָהענטל און הייבט אָן ווידעראַמאָל מעקן, צושרײַבן, ענדערן.

— מיט אַ צײַט צוריק, ווען דאָס אַרטיקל איז שוין געווען גרייט, — זאָגט ער, — איז אַלץ געווען ריכטיק. איצטער, נאָכן פֿלוג פֿונעם עקיפּאַזש „סאָיוז־ט3“, ווייסן מיר אייניקע נײַע פֿראַטים...

געאָרגי טימאָפֿייעוויטש איז אַוודאי גערעכט, און קיינער קאָן ניט דערווידערן. איצט לייענט ער מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקײַט וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה, און דער שוין פֿונלאַנג גרייטער קסאַוויאַד ווערט צעפּינטלט מיט זײַנע אויסבעסערונגען. אָט שטעלט ער אויפֿן ראַנד פֿון אייניעם אָן אַבזאַץ אַ פֿראַגעצייכן — דאָס איז פֿאַר זיך: עפּשער וועט מען נאָך דאַרפֿן דערנאָך זיך אומקערן צו דער פֿראַזע.

— עפּשער וואָלט געווען אַ זאַך אײַך נעמען פֿאַר אַ רעדאַקטאָר אין „סאָוועטיש היימלאַנד“? — טוט אַ שפּאַס דער הויפּט־רעדאַקטאָר.

דער גענעראַל בערעגאָוואָי נעמט אַראָפּ די ברילן און זאָגט מיט אַן ערנסטער מינע:

— ניין, מע דאַרף ניט, כ׳וועל זיך ניט ספּראַווען. אין אָט דער זאַך דאַרף מען האָבן אַ באַזונדערן טאַלאַנט.

— און איר האָט אים ניט?

— יעדערן — זײַנס...

אַזוי גייען דורך עטלעכע מינוט. דער קאָסמאָנאַווט לייגט אַוועק אין אַ זײַט דעם קסאַוויאַד:

— און איצט בין איך גרייט ענטפֿערן אויף אײַערע פֿראַגן.

מע וויל, פֿאַרשטייט זיך, וויסן וואָס מער: די צילן און די אויפֿגאַבן פֿון דער קאָסמאָנאַווטיק ביכלל, די קאָנקרעטע דערגרייכונגען אינעם באַהערשן די אַלוועלט, די אינטערנאַציאָנאַלע אויספֿאָרשונגען...

נאָך יעדער פֿראַגע שאָקלט בערעגאָוואָי מיטן קאָפּ: מאַסקים, פֿאַרשטאַנען, באַלד וועל איך אײַך אויפֿקלערן די זאַך...

— לאָמיר מאַכן אַזאַ איבערבליק, — זאָגט געאָרגי טימאָפּייעוויטש. — דער וועג אין קאָסמאָס האָט זיך אָנגעהויבן ווען? דעם 4 אָקטיאַבער 1957 מיטן אַרויסלאָזן דעם ערשטן קינסטלעכן ספּוטניק? ניין, ניט דעמלט. דעם 12 אַפּרעל 1961, ווען יורי גאַגאַרין האָט דורכגעמאַכט זײַן ערשטן פלוג? ווידער ניין! דער וועג אין קאָסמאָס האָט זיך אָנגעהויבן א סך פריִער. צום אַלעם ערשטן איז געווען די אידעע. די מענטשהײַט האָט געטרוימט אַנטפּלעקן די סודעס פון דער אַלוועלט. וויפל לעגענדעס זײַנען געשאַפן געוואָרן אַרום דעם! און גאָרנישט האָט דעם מענטשן ניט אָפּגעשטעלט. ס'איז ניט געווען קיין גרענעץ צו זײַן געוואַגטקײַט, צו זײַן מוט, צו זײַן שווּנג.

ווי אַלע מאָל, ווען עס גייט אַוועק אַ שמועס וועגן קאָסמאָס, איז ניט מעגלעך זיך ניט צו פאַרופן אויפן גרויסן געלערנטן קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי.

— איך האָב ניט מורא זיך איבערצוכאַזרן, — זאָגט דער קאָסמאָנאַווט בערעגאָוואָי. — לאָמיר, זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט געזאָגט נאָך אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט ציאָלקאָווסקי: „די מענטשהײַט וועט ניט פאַרבלײַבן אייביק אויף דער ערד... יאָגנדיק זיך נאָך ליכט און נאָך ראַכוועס, וועט זי צוערשט ניט זיכער אַרײַנדרינגען העכער פון דער אַטמאָספער, און דערנאָך וועט זי באַהערשן פאַר, זיך אַלע ראַכוועסן אַרום דער זון...". מע האָט געדאַרפט זײַן א גאָען, קעדײַ דאָס אַלץ פאָרויסזען!

און נאָך א קליינער פּאַוזע:

— ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז צו דער ענדגילטיקער באַהערשונג פונעם קאָסמאָס איז נאָך גאָר ווײַט, אָבער א באַליביקער וועג הייבט זיך אָן פון אַן ערשטן טראָט. דערווײַל באַהערשן מיר די ראַכוועסן אַרום דער ערד, דערנאָך וועלן מיר פליִען אַרום דער גאַנצער זון־סיסטעם, און ערשט שפּעטער וועט שוין קאָנען גיין א רייד וועגן פלוגן אין אַנדערע גאַלאַקטיקעס, אין אַנדערע געשטערנס...

די בײַוועזנדע זײַנען פאַרכאַפּט פון דעם, וועגן וואָס עס דערציילט דער גענעראַל בערעגאָוואָי. אָבער ער וויל ניט מאָנאָפּאָליזירן די טעמע פון דעם געשפּרעך, סטאַרעט זיך ניט א בליץ טאָן מיט ערודיציע, אַרויסברענגען אַזעלכע האַנאָכעס, וועלכע זײַנען אומבאַשטרײַטבאַר. דאָס זײַנען עפּשער בלויז געדאַנקען, וועלכע ער זאָגט אַרויס פונקט ווי פאַר זיך אַליין. ער וויל, אַז די בײַוועזנדע זאָלן זיך אויך אַרײַנציִען אינעם שמועס. און ווען אַזאַ געשפּרעך קומט פאָר, איז ער צופרידן: אָט דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט, ווײַל קאָסמאָס איז איצט געוואָרן א זאַך ניט נאָר פאַר אויסדערוויילטע.

דאַכט זיך, ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן זיך אין דער וויסנשאַפטלעכער און קינסטלערישער ליטעראַטור געפירט הייסע שטרײַטן: צי קאָן מען בכלל לעבן און אַרבעטן אין קאָסמאָס? און איצטער וווּנדערט זיך שוין קיינער ניט, ווען אויף דער אָרביטע אַרבעטן גאַנצע עקיפּאַזשן אין משך פון לאַנגע כאַדאָשים.

— אָט אַזוי פּאָשעט? ניין, ניט פּאָשעט, — זאָגט געאָרגי טימאָפּייעוויטש. — דער וועג אין קאָסמאָס איז געווען זייער א שווערער: פון 108 מינוט ביז א מעסלעס, פון א מעסלעס ביז א וואָך, פון א וואָך ביז א כוידעש און כאַדאָשים... איצטער אַרבעטן סאָוועטישע עקיפּאַזשן אויף דער אָרביטע גאַנצע קוואַרטאַלן, א האַלביאָר, און גאָר אײַנגיכן וועט מען אַרבעטן נאָך א לענגערע צײַט...

דער קאָסמאָנאַווט איז, פאַרשטייט זיך, די צענטראַלע פיגור אין אָט דער אַרבעט, ער נעמט אויף זיך זייער א סך, דאָס סאַמע וויכטיקסטע. נאָר ניט ער אַליין טוט עס. דאָס ווייסן שוין אַלע.

געאָרגי טימאָפּייעוויטש זעצט פאָר דעם געשפּרעך:



— איך וויל דערמאָנען די ווערטער פון אונדזער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, דעם טײַערן סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו. אין נאָיאַבער 1960 האָט ער געשריבן אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ", אַז עס זײַנען שוין פאַראַן אַלע נייטיקע באַדינגונגען, דער מענטש, דער סאָוועטישער מענטש זאָל פאַרווירקלעכן אַ קאָסמישן פלוג. דאָס איז געווען אַן איבעראַשנדיקע נײַס, אַ סענסאַ־ציע! און ווײַטער האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש באַגרינדעט דעם געדאַנק, אַז דער פלוג פון אַ מענטשן אין קאָסמאָס וועט עפענען נײַע, אומגעזעענע פּערספּעקטיוון פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט. נאָך די ערשטע פלוגן וועלן קומען אַנדערע אויס־פאָרשונגען: עס וועלן געשאַפן ווערן סטאַ־בילע אָרביטאַלע סטאַנציעס, אַף וועלכע די געלערנטע וועלן דורכפירן עקספּערימענטן אַף דער הייך פון הונדערטער קילאָמעטער. קאָסמישע שיפן וועלן דורכפירן רעגולערע רעיסן פון דער ערד צו דער סטאַנציע און צוריק...

יאָ, דער גרויסער געלערנטער האָט פאָרויסגעזען אַזאַ וועג, לויט וועלכן עס וועט זיך אַנטוויקלען די קאָסמאָנאַווטיק, און ער האָט אַליין ניט ווייניק געטאָן, אַז זי זאָל גיין אין אָט דער ריכטונג.

— אין יענער צײַט האָט קאָראָליאָווס אַרטיקל אַרויסגערופן אין דער וועלט־פּרעסע אַק־טיווע אָפּרופן. און באַגלײַך דערמיט האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע באָבעמײַסעס, וועלכע זײַנען באַזירט געוואָרן אַף אַמאַטאָרישע קענטענישן און פאָרשטעלונגען. די נעוויִעס פונעם „פּראָפעסאָר ק. סערגייעוו" (אַזוי האָט ער זיך אונטערגעשריבן אונטער יענעם אַרטיקל), האָט אַרויסגערופן אַ סאַך אַטאַקעס. און דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך: אונדזערע סאָנים האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס שטייט הינטער אָט די מעגלעכקײַטן, און זיי האָבן מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט מאַכן צונישט די וויסנשאַפטלעך־טעכנישע דערגרייכונגען פון פּססר.

„ס'איז ניטאָ קיין שום צווייפל אין דעם, — האָט געשריבן קאָראָליאָוו, — אַז ס'איז שוין ניט ווײַט די צײַט, ווען מעכטיקע קאָסמישע שיפן, וועלכע וועגן פיל צענדליקער טאָן און זײַנען אויסגעשטאַט מיט פאַרשיידענערליי אַפּאַראַטור, וועלן מיט עקיפּאַזשן אַפן באָרט פאַר־לאָזן די ערד און, ווי די אוראַלטע אַרגאָנאַווטן, זיך לאָזן אין ווײַטן וועג. זיי וועלן זיך אוועקלאָזן אין אומענדלעכע רײַזעס, אין פּיליאָריקע קאָסמישע רעיסן אַף מאַרס, ווענערע און אין אַנדערע ווײַטע וועלטן. מע דאַרף האָפן, אַז אין אָט דער נאָבעלער, געוואַגטער זאַך וועט זיך אַלץ ברייטער פאַנאַנדערוויקלען די צווישנפעלקערלעכע מיטאַרבעט פון די געלערנטע מיטן פאַרלאַנג צו אַרבעטן לטובֿת דער גאַנצער מענטשהײַט, לטובֿת דעם שאָלעם און פּראָגרעס".

— ווי איר זעט, — באַטאָנט דער קאָסמאָנאַווט, — איז סערגיי פּאַוולאָוויטש געווען גע־רעכט. די פּראָגראַם „אינטערקאָסמאָס" ווערט איצט דערפאָלגרײַך פאַרווירקלעכט. די קאָסמאָ־נאַווטן פון אַ ריי סאָציִאַליסטישע לענדער זײַנען שוין געווען אין קאָסמאָס, און אין דער נאָענטער צײַט וועלן אַהין פליִען אויך אַנדערע. אַ גרויסע ראָליע אין אָט דער וויכטיקער אַרבעט שפּילט דאָס שטערן־שטעטל, וווּ עס געפינט זיך דער צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָ־נאַווטן. אַלע מיטאַרבעטער פונעם צענטער — די געלערנטע, קאָסמאָנאַווטן, אינזשעניערן, מעדיקער — האָבן פיל אויפגעטאָן, קעדיי אויסצופילן מיט דערפאָלג אָט די אויפגאַבע...

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז געאָרגי טימאָפייעוויטש בערעגאָוואָי איז דער אָנפי־רער פון אָט דעם צענטער. איצטער דערציילט ער וועגן דער קאָמפּליצירטער קאָמפּלעקס־פּראָגראַם פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, וועגן דעם, וויִאַזוי עס ווערן קאָאָרדינירט די אָנשטרענ־גונגען פון אַ ריי וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן און אונטערנעמונגען, ווי עס ווערט פאַרפולקומט די מעטאָדיק פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן.

אלע מאָל, ווען עס גייט אַ רייד וועגן די דערגרייכונגען אינעם באַהערשן דעם קאָסמאָס, ווערט דערמאָנט דער סאַמע ערשטער, דער גוואַגסטער פֿון די גוואַגטע — יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין. אַזוי קומט פֿאָר אויך איצט.

— יורי אַלעקסייעוויטשס העלדנטאַט, — באַטאָנט דער גענעראַל, — באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן שרעקלאָזיקייט און מעסירעסנעפעש, מיט וועלכע ער האָט זיך געלאָזט שטורעמווען דעם קאָסמאָס, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער האָט געענדערט דעם כאַראַקטער פֿון אַ העלדנטאַט, פֿאַרברייטערט אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן אָט דעם באַגריף, דערהויבן דעם מענטש צום גרויסן זין, וואָס עס האָט אין אים געזען מאַקסים גאָרקי: דער מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ.

— וואָס אַ יאָר, — זאָגט געאָרגי טימאָפּייעוויטש, — ווערט דער העלדנטאַט פֿון יורי גאַגאַרינען אַלץ שענער און מאָנומענטאַלער. און דערפֿאַר איז גאַגאַרין געוואָרן און פֿאַרבליבן דער ליבלינג פֿון דער מענטשהייט. ער האָט פֿאַרווירקלעכט איר טרוים און ער געהערט שוין איצט צו אַלע מענטשן אויף דער ערד, ווײַל ער האָט אויסגעטראָטן פֿאַר זיי דעם וועג אין דער אַלוועלט.

— יורי גאַגאַרין איז צווישן אונדז שטענדיק געוועזן דער ערשטער. ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט אין סוידעספּולן און גרויזאַמען קאָסמאָס, דער ערשטער באַוויזן, וואָס פֿאַר אַ מענטש עס דאַרף זײַן דער פֿליִער־קאָסמאָנאַווט, דער פֿאַכמאַן פֿון אַ נײַער העלדישער פּראָפֿעסיע, ווי‏אַזוי מע דאַרף זיך אויפֿירן בייס דער באַגעגעניש מיט דער אומבאַקאַנטער און ניט אויסגעפֿאָרשטער וועלט. ער איז געוועזן פֿאַר אונדז אַלעמען אַ מוסטער. אַזעלכע שטאַרבן ניט — זיי לעבן אייביק, אַפֿילו ווען זיי זײַנען ניטאָ צווישן אונדז.

געאָרגי טימאָפּייעוויטש האָט, ווי געזאָגט, געעפֿנט די נײַע רובריק אין אונדזער זשורנאַל — דאָס „קאָסמאָס־ווינקל". „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן אויף אָט דער טעמע. דער קאָסמאָנאַווט זאָגט אַרויס אייניקע פֿאָרשלאָגן, ווי‏אַזוי ווײַטער צו פֿירן די רובריק, און די רעדאַקציע נעמט אָן די רעקאָמענדאַציעס מיט גרויס דאַנקבאַרקייט.

אַלעקסאַנדער ניעמאַוו

ג. ט. בערעגאָוואָי אין רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

## פונעם ציקל „רינג נאָך רינג"

### נײַ־יאָר, 1981

אויב איך וועל נאָך לעבן צוואַנציק יאָר,
דאַן א נעם טאָן כ׳וועל זיך, אַף נעמאָנעס,
און אַזוי גאָר פּאָשעט, אַף דער וואָר,
איבערפּעקלען זאַכן און נעשאָמעס,
זיך אַליין, דעם זייגער, דעם געדאַנק,
די געדיכטע קראָפּעווע, די רויזן,
אָט דעם אַלטן, קלוגן ביכער־שראַנק
און מײַן פּען — אין פאָלגנדן יאָרטויזנט.

שטעלט אײַך פאָר: א הייב געטאָן דעם קאָס,
צו אַן אַנדער וועלט כ׳בין אוילע רעגל.
א יאָרטויזנט האָב איך ערשט פאַרלאָזט,
א יאָרטויזנט האָב איך שוין באַגעגנט.
און ווי פּאָשעט טוט זיך עס — געָנוי,
ווי פון יעדן אַלטן טאָג צום נײַעם,

אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג. אַזוי
גייט די צײַט פון ברײשיס ביז אַדהײַעם.

אָבער ס׳איז אַזאַ מעהאַלעך פאָרט,
אַז צווישן איין טראָט און צווייטן ברויזן
וועלטישע עפּאָכעס אַף דעם אָרט,
ווו געשפּרייט עס האָט זיך א יאָרטויזנט.
לאָמיר שטיין א רעגע, פון און ביז,
לאָמיר איבערכאַפּן דאָ דעם אָטעם.
אָט־אָ הייבט זיך אָן דער קאָמוניזם!
א לעוואָנע־רעפּובליק איז אָט־אָ!

אויב איך וועל נאָך לעבן צוואַנציק יאָר,
וועל איך זען מײַן כאָלעם אַף דער וואָר.

### אַף דער זײַט פון דער זון

אין מײַ 1982 וועלן די פּלאַנעטעס פון דער זון־סיסטעם זיך צוזאַמענקלײַבן אַף איין זײַט פון דער זון. אין דער ערשטער העלפט אַפּרעל וועט די ערד אַרײַנגיין אין סעקטאָר פון דער טרעפונג, ווו עס וועלן זיך שוין געפינען אַלע אַנדערע פּלאַנעטעס, כוץ מערקורי, וועלכער וועט קומען צו לויפן אַפן ראַנדעוווּ אין דער מיט פון מײַ.

(פון א צײַטונג־נאָטיץ)

א גוט־מײַ אײַך, פּלאַנעטעס,
לאָמיר ריידן אַף „דו".
דו, מערקורי, פאַרשפּעטיקסט
אַף אַזאַ ראַנדעוווּ!

צי דו ווייסט ניט, מערקורי,
אַז ווענערע שוין וואַרט,
און געַנוג איז איר צוריר,
ס׳זאָל פאַרשווינדן די נאַכט.

אויב פאַר דיר איז ווענערע
איבער עפּעס ניט רעכט, —
זאָלסט קאַפּאָרע דאַן ווערן
פאַר דער באַסמאַלקע־ערד.

קלײַב זיך אויס לויט דײַן ווילן,
לויטן האַרץ און פאַרשטאַנד,
און פאַרטרוי די געפילן
דער, וואָס גיט דיר די האַנט.

אײַל זיך צו, כאָסנבאָכער,
און ווי ס׳רעדט זיך אין מינסק, —
וועסט באַטראַכטן זיך נאָכער,
איצטער גיי אַף א ריסק.

עס וועט זײַן פאַר מיר ליבער
דאָס, וואָס דרינגט פונדערפון —
ס׳זאָל די אַלוועלט אַריבער
אַף דער זײַט פון דער זון.

## דער דיכטער

דער דיכטער, וואָס קומט מיט א שליכעס,
גיט איבער די מענטשן זײַן פּערז,
ווי מושע ראַביינו די לוכעס:
„אָט נעמט אײַך דאָס גוטס און דאָס שלעכטס...

דאָס גוטס איז סײַ שטיל, סײַ באשיידן,
פון שלעכטן געניסט ניט די זינד,
אַזוי ווי בעשאַס דער אקיידע
אווראָם האָט געצערטלט זײַן קינד"...

דער דיכטער קומט אָפּ מיט א בראָכע,
ער טײַנעט: „ניט דאָס כ'האָב געמיינט"...

די מוטער די אייביקע ראָכל
ברעכט אויס אין א ביטער געוויין.

דאַן מעלדן די טעג זיך און יאָרן,
און טראָגן ארויס דעם פּסאַקדין:
איר אלע קאָנט ווערן דערצאָרנט,
קיין סייכל ניטאָ איז דערין.

דער דיכטער, וואָס קומט מיט א שליכעס,
גיט איבער די מענטשן זײַן פּערז,
ווי מושע ראַביינו די לוכעס, —
און נעמט אײַך דאָס גוטס און דאָס שלעכטס.

## געדאַנקען נאָכן אריבערגיין דעם בריק

אלפּי־פּשאַט און אלפּי־סייכל
כ'וועל זיך אומקערן צוריק,
ווײַל פון אָט דעם וועג א טייל־כל
איז דער הענגענדיקער בריק.

אָקאָרשט כ'בין אים דורכגעגאַנגען,
איצט פאַרשטעלט אים א טומאַן,
ווי דער בריק וואָלט ניט געהאַנגען,
ווי ער איז גאָר ניט פאַראַן.

נאָר אין אָפּבילד פון מײַן מויעך,
וואָס פון וועטער הענגט ניט אָפּ,
אינדערעמעסן עס דויערט
אלץ — פון אויבן ביז אראָפּ.

ס'טוט דער בריק פאַר מיר אן עפּן
אָט דעם קאַנט, וואָס פרײַנטלעך ליגט.
אף צוריקוועגס וועל איך טרעפן
צו דעם הענגענדיקן בריק.

## אומבײַט

אָטעמט שווער באַם אוועקגיין דער ווינטער,
לאָזט זיך אויס, ווי פון בלאָזזאַק א זיפץ,
סניעזשקעס שיטערע פאַר די קינדער —
דאָס איז אלץ, וואָס ער פאַרמעגט איצט.

איידער צווינגען, איז בעסער איידל
אים אוועקלאָזן מיטן רויך.

לאָמיר אָפּשפּיליען פון די קייטן
אלע ריטשקעס, דעם דונער אויך.

שפּילט די וועסנע אף סטרונעס דינע,
זי באַגעגנט מיט וואַסער און ערד.
לאָמיר צוקייטלען צו דעם דונער
אונדזער שליטן מיט ביידע פערד!

## דאָס אויסלייז־וואָרט

(וועגן דעם מינהעג פון קאַפּאָרע)

וויפל אויסלייז־געלט אײַך געבן
פאַר דעם ווײַסן האָן,
ער זאָל קרייען,
ער זאָל לעבן?
זאָגט, וואָס דאַרף איך טאָן
אף צו אויסלייזן פון כאַלעף,
פון א פּרײַען סאָף
פאַר די זינד פון יידן אלע
מײַן איין־אייניציק אָף?

אָט דער מינהעג איז א שווינדל,
און שוין צײַט, ער זאָל פאַרשווינדן.

הער מיך אויס, דו ווײַסער פויגל
מיט דער רויטער קרוין,
לאָמיר אָפּשיקן צום טײַוול
קוידעם דעם פאַרשוין,
ווײַל נאָר ער באַמט שטאַמט פון שעכטן,
ס'איז אין בלוט זײַן באָרד,
און אליין ער שטאַמט פון נעכטן,
און ער לעבט פון מאָרד.

און פון זײַן געבויגן שטיבל
לאָמיר גלײַך ארויס
און אַרײַנגיין צו די יידן

אין דער אלטער קלויז
און אוועקלייגן א דראָשע
דאָרטן פאַר דעם קלאָל
מיט א הויכן שופר־שאַל,
מיט א רוף צו אלע־אַל,
אז געוואַלד! עס איז ניט קאָשער
און ניט אָנשטענדיק ביכלאַל.

אַט דער מינהג איז א שווינדל,
און שוין צײַט, ער זאָל פאַרשווינדן.

דו און איך, מײַן ליבער האָן —
אינדערמיט און אויבנאָן.
קרייען מיר און זינגען שיין
אָן אן איבעריקן מיין.

## זען און הערן

טראַכט אַרײַן זיך אינדערינען,
איך די רייד, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן,
ניט גערירט איך בין פון זינען,
כאָטש דו וועסט אַף דעם זיך קלאָגן.

כ׳האָב געזען, וואָס ס׳לאָזט זיך הערן,
כ׳האָב געהערט, וואָס זען מע קען נאָר,
און ס׳איז גאָרניט, מעג איך שווערן,
פון דעם בײַט אָט דעם ניט שענער.

וועסט א מאַך געבן מיט רוגזע:
— היי! די יאַצרעס דו פאַרפלאָנטערסטע! —
דאָך איך האָב געהערט, אָן גוזמע,
ווי די שיינקײַט זינגט דזשאָקאָנדעס.

כ׳לעבן, ס׳איז ניט אָפּגעזונדערט
קלאַנג פון בילד. אין ווייס לעסאַטע:
כ׳האָב געזען דעם גרויסן וווּנדער,
וועלכער הייסט פּאַסיאָנאַטע.

ווען ס׳גייט אוף דער יונגער מוילעד,
הער איך אים, און כ׳הער די רויזן,
שיר־השירים זע איך בוילעט,
און איך הער די ליבע ברויזן.

כ׳וויל ניט, זאָלסט א פּײַנט מיר ווערן,
כאָטש עס האָט די ווערט א צענער,
דאָך איך זאָג דיר ווידער גערן:
כ׳האָב געזען, וואָס ס׳לאָזט זיך הערן,
כ׳האָב געהערט, וואָס זען מע קען נאָר.

## אינדערפרעמד

עפשער זײַנט איר קיינמאָל ניט געווען נאָך אינדערפרעמד...
דאָס פרעמדע רייצט מיט נײַקײַטן אין אָנהייב טאָקע.
עס גלעט די הויט פון לײַב דאָס פרעמדע העמד,
א רעגנדל באַגליקט, וואָס פונקט ווי אין דער היים מאַראָקעט.

נאָר מיטאמאָל — דאָס האַרץ האָט אינדערפרעמד פון גאָר א ווייניקײַט פאַרקלעמט...
אײַ, גיי דערצייל אײַך, אז איר ווייסט ניט, וואָס אַזוינס איז לעבן אינדערפרעמד.

## אומפאַרמײַדלעכקײַט

אוואַדע, עס טרעפט אַזאַ רעגע,
ווען ס׳דוכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פראָסט,
באַלד קערסטו זיך אום צו די ברעגן,
וואָס גלײַכגילטיק האָסטו פאַרלאָזט.

עס ווילט זיך אַף עפעס נאָך האָפן,
דער מאַמען טוט ווי פאַר איר קינד,
אפילע אויב שטרענג זי וועט שטראָפן,
דאָך מויכל זײַן וועט זי די זינד.

נאָר אָט וואַכן אוף אין זיקאָרן
די אייגענע מײַסים און רייד,
ווען אָפן דעם פּײַנט האָסט געשוואָרן
פאַרשאַפן איר צאָרעס און לייד.

און שעפּטשען עס ווילט זיך דיר: שולדיק...
פאַר אַלץ שוין כאַראָטע געהאַט...
און רוסלאַנד איז גרויס און געדולדיק,
און רוסלאַנד איז שטרענג צו פאַראַט.

## שפעט!

ניט קיין פרײַנט און ניט קיין קרויווים
וועלן אײַך אַן אָנשפּאַר זײַן,
קיינער וועט ניט טאָן קיין טויווע,
אויב קיין נוץ ער האָט דערײַן.

ניט קיין גוטהאַרציקע שכיינים,
ניט קיין צאַדיק, ניט קיין גוויר,
כאָטש געטאָן איר האָט אײנינעם,
מעגלעך, שאָדן אָן א שיר.

ניט קיין נײַ־געבאַקטע העלדן,
ניט קיין דאָקטער, קיין פּאָעט, —
עס וועט קיינער אײַך ניט העלפן,
און אײַך העלפן איז שוין שפּעט.

## ליבע

אַלץ, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
האָט קיין מינדסטן שײַכעס ניט אהער.
מיטאַמאָל דו רינסט אַרויס פון מײַנע אויגן,
ווי א זיסע, אויסגעבענקטע טרער.

אַלץ, וואָס מיטן סייכל איז געבונדן,
אין מײַן לעבן איז ניט שלעכטס, ניט גוט.
טראָפּנווײַז דו טריפסט אַרויס פון מײַנע ווונדן,
ווי דאָס נאָך ניט אָפּגעקילטע בלוט.

אַלץ — קאַפּויר, און אַלץ — ניט ווי בא לײַטן,
ווען איך קלײַב זיך אין א וועג א ווײַטן.

## איך דערמאָן זיך אין מײַנע מומעס

אָפט עס קומט צו כאָלעם מיר מײַן מומע ברײַנע,
ווי זי נעמט זיך אײַנשטילן די אַפּעטיטן מײַנע:

— קאַשניקעס און קעזניקעס, קיכעלעך און קאַרזשיקעס,
פּלעצלעך און פּיפּאַלעקעס, קנישעס — מאָלע טאַם.
ווילסט געבעקס מיט אײַנגעמאַכטס? ווילסט געבעקס מיט ראָזשינקעס?
מ׳האָט זיך נאָך מיט פּירעשקעס אויכעט ניט געסאַמט.
פּופּיקעס און לעבערלעך מיט גריוון און מיט ציבל,
שמיר שוין אָן מיט גענדזן־שמאַלץ א שטיקל קאָרנברויט,
כ׳האָב שוין אָף דעם ריבײַזן קאַרטאָפליעס אָנגעריבן,
האָסטו א פּאָר סקאָווערעדעס מיט לאַטקעס פאַר א נויט...

אָפט עס קומט צו כאָלעם מיר מײַן צווייטע מומע, ביילע,
כ׳לויף צו איר אַנטלײַען פאַר דער מאַמעס וועגן קיילים.

— נעם דיר אָט דעם לאָקשנטאָפּ, דאָס קריגל פון ציקאָריע,
ניט פאַרגעס דעם מאַקעטערעץ פונעם קוגל אויך,
ס׳פּלעשעלע פון בוימל מיטן בערשטעלע אין קאָרעק,
ס׳גלעזל צו דעם גאַז־לעמפּל, וואָס שווארץ עס איז פון רויך.
זעסט די צוויי טשאַוונעס — פאַרן באָרשטש און פאַר קאַרטאָפל,
בעקנס צום געבראָטנס, פאַר דעם לאָקשן־טייג א ברעט?
דאַרפסט דאָך אויך די באַקדייזשע? עמעס, כ׳האָב געטראָפן?
מײַד ניט אויס דעם פלעדערווישׁ, די באַליע פאַרן גרעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב צערעדט זיך צופיל וועגן ביידע מומעס מײַנע...
וויאַזוי דען אַנדערש וועל איך קאָנען זיי דערמאָנען?

■ ■ ■

ריווקע רובין

# אזא מין טאָג

## 16. די שפּיל פון גורל

אָן עמעס, ווען ניט לינע און אָשער... פריִער לינע. אָשער — דאָס איז דערנאָך. צי וואָלט מיר געסטײַעט מוט און צי וואָלט גאָר אופגעקומען די סאמע באדערפעניש צו צוואנציק יאָר אוועקצולאָזן זיך איינע אליין קיין מאָסקווע? און אויב ניט מאָסקווע, צי וואָלט מיך דער גורל אופגעזוכט אנדערש־ווו, קעדיי צונויפירן מיט שאָלעמען? ווען מע זאָל זיך אָבער גוט ארײַנטראכטן, איז „אין אָנהייב געווען דאָס וואָרט". גאנצע דרײַ ווערטער פון דעם דירעקטאָר פײַנזילבער. ווען ניט ער, וואָלט אויך לינע ניט אוועק קיין מאָסקווע. ניט שטענדיק איז אונדז געגעבן געוואָרן אָפּצושאצן דאָס, וואָס מיט אונדז געשעט, צי שלעכט איז עס, צי גוט.

## 17. איך, ליובקע קאָזאק, לינע און דער דירעקטאָר

מיט ווערטער האָט אונדז דער דירעקטאָר פײַנזילבער באשאָנקען אָפּט. פון אונדז האָט מען געגרייט פעדאגאָגן, איז נייטיק געווען קוידעמקאָל אונדז אליין צו דערציִען. האָט אונדז דער דירעקטאָר געהאלטן אין איין דערציִען. דעריקער אף פארזאמלונגען, אף וועלכע ער איז ארויסגעטראָטן ווי דער איינציקער רעדנער. אויסער די טעג פון רעוואָליוציִאָנערע יאָמטויווים,— קימאט שטענדיק מיט שטראָף־רייד. ער האָט קיינמאָל ניט געהעכערט דאָס קאָל, גערעדט, קאָן מען זאָגן, אפילע שטיל, נאָר אײַנגעגעסן, האָט מען נישט הערן אים ניט געקענט. ווען אין עס־צימער פלעגט זיך צעברעכן א טעלער, איז באלד געקומען א פארזאמלונג וועגן א צעבראָכענעם טעלער. מיר, די אלע, וואָס לעבן און לערנען זיך צוזאמען מיטן שולדיקן אין דעם אומגליק־פאל מיטן טעלער, וועלן פון הײַנט אָן, דאָס הייסט, נאָך דער הײַנטיקער פארזאמלונג, פארעכנט ווערן פאר שולדיקע אין יעדן קומענדיקן צעבראָכענעם טעלער, ווײַל א טעלער געהערט צו דעם סאָציִאליסטישן אייגנטום און „דאָס סאָציִאליסטישע אייגנטום דארף מען היטן, ווי אָן אויג אין קאָפּ".

---

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד", נום. 5.

טעלער האָבן אָבער אַ מיִעסע טעווע. ווי מע זאָל ניט זײַן מיט זיי געהיט, איז ווען עס גייען זיי אויס די יאָרן, ברעכן זיי זיך, מוזן שוין איינציקע עסן זאַלבענאַנד פון איין טעלער. שפעטער ווערן מיר צום עסן אײַנגעטײלט אין צוויי קיטעס. און מיטאַמאָל, אין איין שיינעם פרימאָרגן, טרעפן מיר אַפן טיש נײַינקע טעלער, אַפילע מיט בלימעלעך אַף די ראַנדן. פאַר יעדן איינעם אַ באַזונדער טעלער. די שטראָף זײַנען מיר אָפגעקומען. פון אומבאַוווסטזיניקע זײַנען מיר געוואָרן באַוווסטזיניקע.

זומער, הינטער דער שטאָט, ווערן די צימערן אין צוזאַמענווינונג באַלויכטן מיט גאַזלאָמפן. דאָס וואָלט אונדז קיין האָר ניט געאַרט, ווען די גלעזער פון די לאָמפן וואָלטן ניט געהאַט קיין טעווע צו פלאַצן. פלאַצט אַ גלאָז, קומט באַלד אַ פאַרזאַמלונג וועגן אַ געפלאַצטער גלאָז. דער דירעקטאָר פאַרפעסטיקט אונדז ווידעראַמאָל אין דער דייע, אַז „דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום דאַרף מען היטן, ווי אַן אויג אין קאָפ". אַף דער פאַרזאַמלונג טראָגט מען אַרײַן אַ לאָמפ פון אַ שכיינעסדיקן צימער. און ווײַטער זיצן די ייִנגלעך, צי די מיידלעך, בא וועלכע ס'האָט געפלאַצט די גלאָז, אין דער פינצטער. ביז עס באַווײַזט זיך אומגעריכט אַ נײַע בלאַנקענדיקע גלאָז אינעם לאָמפ — דער עכטער סימן, אַז די אומבאַוווסטזיניקע זײַנען געוואָרן באַוווסטזיניק.

אין די רייד פונעם דירעקטאָר האָט געשטעקט אַ היפש ביסל מאַגידעס, נאָר אַפן אויסזען איז ער געווען מער ענלעך אַף אַ קאַטוילישן גײַסטלעכן, איידער אַף אַ מאַגיד — אַ ריין געגאָלטער, אַ ציכטיק געקליידטער, מיט אַ פאָר גרויסע ניטדאָיִקע אויגן און בלאַסע הענט. מיר האָבן געהאַט פאַרן דירעקטאָר גרויס אָפשײַ. זײַנע שטראָף־רייד האָבן מיר אָנגענומען פאַר ליב. אַף די פאַרזאַמלונגען זײַנען מיר געזעסן, וויפל ס'האָט זיך אים געוואָלט, מיר זאָלן זיצן.

קיין קינדער פון פאַבריקאַנטן און באַנקירן זײַנען צווישן אונדז ניט געווען. זײַנען די טרעגער פון בייז געוואָרן די, וואָס האָבן באַוויזן אַ יאָר אָדער צוויי צו לערנען זיך אין גימנאַזיע. אַף זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו פאַרעכנט ווערן צו דער אַלטער וועלט, צו זײַן „געוועזענע".

לינען איז אַף קיין איין רעגע ניט אײַנגעפאַלן צו האַלטן זיך פאַר אַ „געוועזענער", כאָטש אַרײַנשטעלן אַ פוס אין גימנאַזיע האָט זי אויך באַוויזן. לינע איז אַן איצטיקע. זי איז דאָ. נאָך אַ מין „דאָ". אָט האָט זי זיך צונויפגערעדט מיט אַ יונגן רעזשיסער, און מיר שפילן אויס אַ פאַנטאָמימע, און אָט אָרגאַניזירט זי אַ קעסטל־אָוונט, און אָט לאַדט זי אײַן צוויי דיכטער מיטאַמאָל, און זיי לייענען אונדז פאָר זייערע לידער... קומט אַף גאַסטראָלן דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער, שפילן מיר אויס אין עטלעכע טעג אַרום שאָלעם־אַלייכעמס „200.000", און לינע זעט, מיר זאָלן נאָכמאַכן יעדן זשעסט, יעדע טנוע פון די אַקטיאָרן, אַלץ זאָל זײַן פונקט ווי בא זיי.

אונדז זײַנען געבליבן געציילטע כאַדאָשים אַף צו פאַרענדיקן די לער. אינגיכן וועלן מיר אַליין זײַן לערער. פאַלט אײַן לינען, דער „גימנאַזיסטקע", דער „געוועזענער", אַפן ערשטן מײַ־אָוונט פאַרוויקלען זיך אין אַ שוואַרצן טוך מיט רויטע קווייטן (ביז איצט איז פאַר מיר אַ רעטעניש, ווי איז געקומען צו איר אַזאַ רײַכע טוך) און זי פילט אויס לויט אַלע טאַקאָנעס דעם טאַנץ, וואָס טראָגט מיקאַדמוינים דעם נאָמען „ציגאַנאָטשקאַ". אַקאָמפאַנירט האָט לינען אַפן ראָיאַל אַ ייִנגל פון מוזיקאַלישן קרײַז. מיסטאָמע האָבן ביידע ניט איין לעקציע פאַרפעלט, מע האָט געזען, דער נומער איז אַן אויסגערעפעטירטער. קלאַפט דאָס ייִנגל איבער די קלאַווישן, שפרינגט אַזש אונטער אַפן קײַלעכדיקן בענקל, און לינע ציטערט פאַרפירעריש־ציגײַנעריש מיט די אַקסלען. דאָ עפנט זיך שטיל די טיר, אין זאַל קומט אַרײַן דער דירעקטאָר און זעצט זיך אַף איינעם פון די לעצטע פרײַע ערטער. באַגלייט פון הילכיקע אַפלאָדיסמענטן, לאָזט זיך לינע צו איר אָרט, און עס שוועבן איר נאָך די עקן פון דעם שיינעם טוך מיט די קווייטן. אַ ניט באַמערקטער קימאַט פון קיינעם, עפנט דער דירעקטאָר שטיל די טיר און פאַרשווינדט. ווי ער איז געקומען, אַזוי איז ער אַוועקגעגאַנגען.

נאָך לינען האָב איך געזאָלט דורכלייענען פערעצעס „דרײַ נייטערנס", „צוליב קאָנטראַסט" — האָט געפאַסקנט לינע. ליובקע קאָזאַק אָבער האָט ניט געוואָלט, איך זאָל לייענען די „דרײַ נייטערנס". פאַרדריסט מיך, וואָס דער דירעקטאָר איז אַוועק. ער וואָלט געוויס געווען פאַר מיר און פאַר לינען, ניט פאַר ליובקען. ער איז דאָך אַזאַ מענטש... זייער אַ געבילדעטער, אויסגעוועזן, זאָגט מען, אַ וועלט, און אַזאַ אידייִשער...

וועגן פערעצן פלעגט ליובקע ריידן אין דעם זעלבן נוסעך, ווי וועגן איינעם אַזאַ, וואָס מע האָט „באַאַרבעט" אַף אַ פאַרזאַמלונג. אויב אַ מענטש איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מע דאַרף אים שוין „באַאַרבעטן", איז פאַר אים אין קאָמיוג קיין אָרט ניטאָ. אויסשליסן — אַף קיין מיל־

דערן אורטייל איז ליובקע ניט אײַנגעגאנגען. האָט זי אף די „דרײַ נייטערנס” און אף מיר אין איינוועגס אָנגעזעצט זיך אזוי, אז אָט־אָט, פיל איך, נעמט זי מיך באַארבעטן און אויסשליסן.

— פערעץ, — האָט געפֿײַערט ליובקע, — איז א פאנאטיקער און א כאָסיד. און א מיסטיקער איז ער אויך, נאָר ער האָט צו טאָן מיט יענער־וועלט.

פרווו איך איר דערוויַיזן, אז אין די „דרײַ נייטערנס” גייט א רייד ניט וועגן יענער־וועלט, נאָר וועגן דער־וועלט. און די אידיי...

— אויך מיר א אידיי, — שלאָגט מיך איבער ליובקע, — נאָר כאסאנים ליגן זיי אין קאָפּ, דײַנע נייטערנס. און דו האָסט אף זיי ראכמאָנעס, ווײַל דו ביסט פונקט אזא קלאָגמוטער, ווי זיי.

פארמאָגט האָט ליובקע איר אייגנס א פאָר קרומע פיס, סײַ אין קעלט, סײַ אין היץ פאַרוקטע אין א פאָר שטיוול מיט ברייטע כאַליעוועס, און א קאָפּ שווארצע, געלאָקטע האָר. ניט געווען אזא קאם, וואָס זאָל ניט ברעכן אָן זיי די ציין. די נידערשטעליקײַט פון דעם קאם האָט זיך אָבער געלאָזט זען נאָר אין די זומער־כאדאָשים. ווינטער־צײַט פלעגט ליובקע אף איר פון דער נאטור געשענקטער קוטשמע ארופזעצן נאָך איינע — א שאָפענע, זייער א הויכע. געטראָגן זי אפן קאָפּ וווילוינגעריש, עטוואָס אָן א זײַט, איבערלאָזנדיק אפן שטערן איין לאָק. אָט דאפקע אדאנק דער קוטשמע און דעם לאָק, מיסטאמע האָבן די שטיוול דאָ אויך צוגעשפילט, איז זי בא אונדז געקרוינט געוואָרן מיטן צונאָמען „ליובקע קאָזאק”. איר אליין פלעגט זיך מיסטאמע דוכטן אין איר שאָפענער קוטשמע, אז זי פליט אף א הייסן פערד מיט א בלאנקער שווערד אין דער האנט, און דער וועג איז פאר איר אויסגעפלאסטערט מיט קערפערס פון ווײַסגווארדייער און נעפּ־לײַט. קיין שום אונטערשייד צווישן די צוויי קאטעגאָריעס פונעם מענטשלעכן מין האָט זי ניט געזען.

ליובקע האלט אף מיר אן אויג, ווײַל זי האָט מיך ליב. אזוי זאָגט לינע. נאָר בעסער וואָלט שוין ליובקע מיך ניט ליב געהאט. בעסער וואָלט זי געהאלטן אן אויג אף עמעצן אנדערש, אָדער גאָר אף קיינעם ניט. פון ליובקעס בליק ווערט בא מיר דער קאָפּ צוגעוואקסן צו די אקסלען, און מײַן צאָפּ, וואָס גרייכט אזוי אויך ביזן גארטל, לאָזט זיך אראָפּ נאָך ניַדעריקער. קנאפּ, וואָס איך דערלויב זיך צו טראָגן א צאָפּ, איז ער נאָך א שרעקעוודיקער. ער האָט מוירע פאר ליובקען. ווען ער קען, וואָלט ער אינגאנצן פון מיר אנטלאָפן. איך בין איינס, און ער איז עפּעס אנדערש.

...איך בין דורכגעגאנגען די פראקטיק אין שול. ארײַנגעפאלן בין איך אין א קלאס פון איבערגעוואקסענע קינדער. לויטן עלטער האָבן זיי זיך געדארפט לערנען אין פערטן, פינפטן, צי אפילע אין דעם זעקסטן קלאס, נאָר זיצן זיצן זיי אין דעם צווייטן. מײַן מאמע האָט גלײַך געזאָגט: „וועסט פון זיי האָבן קאלטס און ווארעמס. זייערע טאטעס האָבן געשמעקט פולווער, ניסן זיי מיט פעפער”. די לערערקע גורעוויטש, א פרוי פון א יאָר דרײַסיק, בא וועלכער איך האָב געזאָלט דורכגיין די פראקטיק, האָט זיך ווי צונויפגערעדט מיט מײַן מאמען:

— אומזיסט האָט מען אײַך געשיקט אין אזא קלאס. דאָ קען מען זיך גאָרנישט ניט אויסלערנען. אויסגעריסענע יאָרן קען מען דאָ האָבן, מער גאָרניט. ניין, — האָט זי געזאָגט אנטשיידן, ווי דאָס וואָלט זײַן געווענדט אין מיר, — ביזן פינפטן קלאס וועל איך זיי אף זיך ניט שלעפן, באָדײַ מע זאָל מיך אראָפּנעמען פון דער ארבעט.

איך פיר דורך דאָס ערשטע מאָל דעם לימעד פון אריפמעטיק. אין קלאס איז אן ערדציטערניש. ניט זייער קיין שטארקע, נאָר א דרײַ־פיר באלן דערגרייכט זי. דער עפּיצענטער פון דער ערדציטערניש זײַנען די שול־בענק. אלץ אף זיי און אין זיי ציטערט און פאלט מיט א טראסק צו דער ערד: לערנביכער, פענאלן, לינייקעס. קעדיי אוועקצולייגן זיי אף אן אָרט, מוז מען די צודעקלעך פון די פארטעס עפענען און דערנאָך פארמאכן. ווערט עס געטאָן מיט אזא קנאק, ווי די ערדציטערניש וואָלט שוין דערגרייכט צו גאנצע צען באלן.

אפן צווייטן טאָג האָט מיר די לערערקע פארטרויט דעם לימעד פון גראמאטיק. קיין ערדציטערניש האָט זיך דאָס מאָל אין קלאס ניט געמערקט. פארקערט, ס'איז געווען צו שטיל. איך האָב געהערט מײַן אייגן קאָל און ניט געגלייבט, אז עס איז מײַנס. עפּעס א טויב קאָל, ווי פון א פוסטער פאס ארויס. עס הייבט זיך אוף א ייִנגל און גייט זיך שווײַגנדיק דורך מיט א ניט היגן פּאָנעם, ווי א לונאטיקער, צווישן די רייען. און אָט בלאָנקען שוין איבערן קלאס צוויי לונאטיקער, און פינף, און צען, און הונדערט, און טויזנט. דער גאנצער ערדקײַלעך איז באזעצט מיט לונאטיקער, און אלע זײַנען זיי זיך צונויפגעקומען בא מיר אין קלאס. בין איינער פון זיי האָט, קלוימערשט ניט זעענדיק (ער איז דאָך א לונאטיקער, אויסער דער לעוואָנע זעט ער גאָרניט), מיך א שטויס געטאָן אונטערן אָרעם און ארויסגעשלאָגן דאָס שטיקל קרײַד,

מיט וועלכן איך האָב שוין אָפן טאָוול ניט געשריבן, נאָר קאָנוווּלסיוו פאַרדריקט אין דער האַנט.

די לערערקע האָט ניט אויסגעהאַלטן.

— באַנדיטן! — האָט זי אויסגעשריִען מיט א ווילד קאָל.

צום גליק האָט זיך אין איר אויסגעשריי אַרײַנגעמישט א רעטונגס-קלאַנג — דאָס גלעקל אַף צו פאַרענדיקן דעם לימעד.

ווען איך בין צום דריטן מאָל געקומען אין שול, האָט די לערערקע מיך אָנגעקוקט מיט אַזא מיטלײַד, ווי איך וואָלט געווען שטערבלעך קראַנק.

— איך וועל זיך דורכריידן מיטן אָנפירער פון אײַער פראַקטיק, מע זאָל אײַך שיקן אין אַן אנדער קלאַס, — האָט זי געזאָגט.

איך האָב ענערגיש א פיר געטאָן מיטן קאָפּ אַף „ניין”.

מיר זײַנען אַרײַן אין קלאַס. איך האָב זיך געשטעלט צום טישל, די לערערקע גורעוויטש האָט זיך געזעצט אַף דער לעצטער באַנק. איך האָב ניט געצווייפלט אין דעם, אַז מיך דערוואַרט א נײַע עקזעקוציע. אין האַרצן האָב איך אַפילע אָפּגעגעבן די אוטאָרס פון דער עקזעקוציע דאָס גערעכט. באַלד ניט איך, ניט זייער שטענדיקע לערערקע קענען זיך מיט זיי קיין אייצע ניט געבן, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זיך ניט ווילטאָן? איך בין אַפילע א ביסל נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס קען קומען נאָך אַן ערדציטערניש און נאָך אַן עפּידעמיע פון לונאַטיזם. נײַגעריק בין איך טאַקע געווען, נאָר אַרײַנגעקומען בין איך אין קלאַס מיט דער פעסטער דייע הײַנט קיין שום עקזעקוציעס איבער זיך ניט דערלאָזן.

איך גיי אַרײַן מיט דער לערערקע אין קלאַס. די שילער הייבן זיך אוף אונדז אַנטקעגן, ווי געוויינלעך, און ווי געוויינלעך אין דעם דאָזיקן קלאַס, הייבן זיי אוף א מוירעדיקן טראַסק מיט די הילצערנע צודעקלעך. איך שטעל זיך צום טישל, און מײַן האַרץ, וואָס אָט ערשט, הינטער דער טיר, האָט עס זיך אַראָפּגעקײַקלט ערגעץ אין א טהאָם, פאַרנעמט באַלד זײַן וווין-אָרט. עס זיצט דאָ, ווו סע דאַרף זיצן. איך בין רויק, וואָס רויקער קאָן ניט זײַן. די שילער פירן זיך דערווײַל ווי ס'איז אָנגענומען, נאָר איך פיר זיך ניט ווי ס'איז אָנגענומען. איך עפן ניט דעם זשורנאַל, איך פרעג ניט דעם דעזשורנעם ווער עס פעלט אין קלאַס. די צונג, וואָס איז בא מיר איצט אזוי ווייך און בייגיק, וועט מיר צוניץ קומען אַף עפּעס וויכטיקערס. אָט וועל איך בעסער פרעגן בא דער דרײַסיק-קעפּיקער הידרע, וואָס האָט מיך מוירעדיק פײַנט (פאַרוואָס?) און ווינטשט מיר אַלדאָס בייז (פאַרוועןּ?). וועל איך פרעגן:

— ווער פון אײַך קען אויספײַפן א ניגון?

אין דער שטילקײַט, וואָס הערשט עטלעכע רעגעס, און איך שטיי זיך אַזאַ רויקע באַם טישל און וואַרט אַף אַן ענטפער, רײַסט זיך האַזעדיק אַרײַן א פײַף (וואָס איז די האַזע, איך האָב דאָך אַליין געבעטן, מע זאָל פײַפן), און דער גאַנצער קלאַס כאַפּט אונטער, שוין מיט ווערטער דאָס זעלנערישע: «Соловей, соловей, пта-шеч-ка...». איך זינג מיט. א קאָל האָב איך ביז הײַנט א שטאַרקס. איך דעם פראַט בין איך קײנמאָל ניט אָפּגעשטאַנען פון לינען. זינגען מיר אזוי אויס די גאַנצע ליד, און ווידער ווערט וואַרט מאָדנע שטיל. אַלעמענס פּענעמער זײַנען געווענדט צו מיר. בא קיינעם איז ניטאָ קיין כיישעק צו ווײַזן מיר פּאַקוסן. מע וואַרט אַף פּאַקוסן פון מיר.

— גוט, — זאָג איך, — אָט די ליד וועלן מיר אַרײַנעמען אין דער פּיעסע.

מע שווײַגט. מע קוקט.

— הערט זיך גוט צו. איך וועל אײַך דערציילן אײנע א געשיכטע. דערנאָך וועלן מיר שאַפן א דראַמקרײַז און מיר וועלן אַלע צוזאַמען פון דער געשיכטע מאַכן א פּיעסע און דערנאָך וועלן מיר זי אויסשפּילן פאַר דער גאַנצער שול.

ניט לאַנג געטראַכט, דערצייל איך מיט אייגענע ווערטער ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַנדערסענס „נאַכטיגאַל”. איך זע זיך ניט אַרום, ווי מע האַלט שוין בא פאַרטיילן די ראָלן. א נאַכטיגאַל האָבן מיר דאָך שוין, אָט טאַקע דעם פײַפער. ער איז, ווײַזט זיך אַרויס, אַן עמעסער אַרטיסט אין זײַן פאַך. קעדיי פאַרזיכערן מיך אין דעם, נעמט ער דאָ אָפּן אָרט אויספײַפן פייגלשע געזאַנגען. א מעדיקער פאַרן קינסטלעכן נאַכטיגאַל האָבן מיר שוין אויך, און א זייגערמאַכער, און א קאַפּעלמײַסטער — אַלץ, ווי אין דער מײַסע.

אַף דער דריטער באַנק הייבט אוף די האַנט, ווי א סטאַטעק, — נו, יאָ, דאָס איז דאָך דער, וואָס האָט מיך נעכטן א שטויס געטאָן אונטערן אָרעם, אַן אייפּעלע אַזאַ, אַף א קאָפּ העכער פון מיר. די אויפגעהויבענע האַנט זײַנע איז אַן איידעס פון דעם, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. דאָס פּאָנעם איז פלאַך און גלאַט, אַן איין שאַרפן קאַנט, ווי עמעצער וואָלט עס בעקיוון אָפּגעהובלט.

סע זאָל זיך, כאַלילע, אָף דעם ניט באַווײַזן אוועלכער־ניט־איז אויסדרוק. זאָגט צו מיר יענץ פּאָנעם:

— „סאַלאָווײ — פּטאַשעטשקאַ" זאָל זינגען דער קייסער און זײַן סוויטע.

ווען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער דערזען אָף דער בינע איינעם אַן אַקטיאָר, וויאַזוי ער האָט געקײַט אַן עפּל און קימאַט אָן ווערטער, נאָר מיט בײַסן און קײַען, געמאַכט לאַכנדיק ביז שטעכעניש אין די זײַטן אַ זאַל מיט מענטשן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יענץ „אייפּעלע" האָט פאַרמאָגט אַ געבענטשט פּאָנעם פאַר אַ קאָמיקער.

די לערער אין שול האָבן זיך ניט געקענט אָפּווונדערן פון מיר. איינע אַן אַלטיטשקע זאָגט זיך אַרויס אין לערער־צימער, ווי איך וואָלט גאָר דערבײַ ניט געווען:

— אַ קליינינקע, אַ שטשופּלינקע און ווי זיי פּאָלגן זי...

— זיי האַלטן זי פאַר איינער פון זיי, דערפאַר פאָלגן זיי, — אַ בומעראַנג פון דער לערערקע גורעוויטש.

וואָלט איך ניט געווען אַזוי נאַריש־גליקלעך פון מײַנע אופטועך, וואָלטן צו מיר דערגאַנגען צוויי זאַכן: די אַלטע לערערקע האָט מיט אירע פאַרפרעסטע ליפּן ניט אַזוי געלויבט מיך, ווי געטאַדלט די לערערקע גורעוויטש, וואָס זי, אַזאַ גרויסע און אַ פולע אין לײַב, האָט זיך ניט געקענט קיין אייצע געבן מיט אַ קלאַס, מיט וועלכן ס'האָט זיך געשפּראַוועט די „קליינינקע און שטשופּלינקע". דער לערערקע גורעוויטשעס בומעראַנג, ווידער, וואָס האָט געצילט אין דער אַלטער לערערקע, האָט געהאַט בעדייע אויך מיך אַ דראָפּע טאָן.

...אַ קאָנפערענץ פון די פּראַקטיקאַנטן צוזאַמען מיט די לערער פון די שולן, וווּ זיי האָבן פּראַקטיקירט. נעמט אַ וואָרט ליובקע קאָזאַק, און, ווי אַפּצולאַכעס, גלײַך נאָך מיר. זי שטייט פעסט מיט אירע קרומע פיס אין די ברייטע שטיוול, און די שאָפּענע קוטשמע אָף איר קאָפּ זיצט ווויליונגעריש אָף איר אייגענער קוטשמע מיטן לאָק איבערן שטערן.

— מע וויל אונדז אײַנריידן, — הייבט אָן ליובקע, — און ווײַטער האָב איך גאָר ניט וואָס צו הערן. דאָס האַרץ מײַנס, וואָס האָט גענומען באַ מיר קלאַפּן אין די אויערן גאָר, האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דער „מע" דאָס בין איך. — מע וויל אונדז דאָ אײַנריידן, — זאָגט ליובקע קאָזאַק, — אַז ניט מיט פּיזישער מי, ניט מיט דער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין דאַרף מען דערציִען דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר, נאָר מיט דראַמקרײַזלעך (זי גיט אַ קנאַק מיט די פינגער), — טראַ־ליאַ־ליאַ, מיטן טשיריקען פון פייגעלעך.

קיינער האָט ליובקען ניט אונטערגעהאַלטן. קיינער האָט זיך אָבער פאַר מיר ניט אײַנגעשטעלט, די לערערקע גורעוויטש איז געזעסן אין פּרעזידיום מיט אַן אומדורכדרינגלעכן פּאָנעם. וויפל מאָל האָט זי בייס דער פּראַקטיק מיך געלויבט אין די אויגן און, ווי מע האָט מיר דערציילט, אויך הינטער די אויגן. טאָ פאַרוואָס שווײַגט זי? אַ סאָפעק האָט זיך אין מיר דערוועקט. ליובקען האָט מען באַ אונדז ניט ליב געהאַט, אין איר פּרינציפּיעלקײַט אָבער האָט, דוכט זיך, קיינער ניט געצווייפלט. איז עפּשער אינדערעמעסן אַלץ, וואָס איך טו, פּרינציפּיעל ניט ריכטיק. ליובקען געפעלט קיינמאָל ניט דאָס, וואָס איך טו. ס'איז „טראַ־ליאַ־ליאַ"...

ליובקעס „טראַ־ליאַ־ליאַ" האָט מיך אַ לאַנגע צײַט פאַרפאָלגט. דעריבער האָב איך זיך אַזוי דערפרייט מיטן דירעקטאָר, וואָס איז שטיל אַרײַן אין זאַל, ווו איך האָב געזאָלט לייענען די „דרײַ נייטערנס". איך האָב שוין פאָרויס געהאַט אַ נעקאָמע אין ליובקען, ווײַל דעם דירעקטאָר וועלן די „דרײַ נייטערנס" געפעלן ווערן. ער איז דאָך אַזאַ מענטש... גייט ער אָבער באַלד אַוועק, און די גאַנצע צײַט, וואָס איך דעקלאַמיר, קריכט מיר אין די אויגן ליובקעס לאָק פון אונטער דער שאָפּענער קוטשמע.

...דער לעצטער זומער פון דעם לעצטן לערניאָר. גרויסע ראָזע קאַרטאָפליעס אָפן רידל, אַרומגעקלעפּטע מיט פרישע אופגעגראָבענער ערד. מערן, ווי געלע ליכט מיט שפּיציקע קנויטן, אויסגעשטעלטע איינס אין איינס אָף די ביז ריין אויסגעיעטע בייטן. און די רייכעס פון פעלד, ווי געשמאַק זיי לייגן זיך אָפן גומען... מיר האָבן געאַרבעט מיט האַסמאַדע, און אין די רו־טעג האָבן מיר קיין פרײַע מינוט ניט איבערגעלאָזט דעם לערער פון באָטאַניק מיט דער מאָדנער פאַמיליע ווינאָגורע. אַ פאַנאַטיש פאַרליבטער אין דער נאַטור, האָט ער אונדז אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זײַן ליבע. עטלעכע צוקינפטיקע געלערנטע אויסגעכאָוועט און אליין אַ יונגער אוועק פון דער וועלט אָן אַ נאָמען.

אין איינעם אַ רו־טאָג פאַלט אײַן מיר מיט לינען דורכצוגיין זיך אין שטאָט אַרײַן. געטראַכט און געטאָן. צוגעבונדן איין שוך צו דעם צווייטן מיט די שנירלעך, אַריבערגעוואָרפן איבערן רעכטן אַקסל און אוועקגעטופּעט באָרוועס און האָפּערדיק. קומט אונדז אָן אַנטקעגן אַ שטאָטיש פורל. אָף דעם פורל זיצט דער דירעקטאָר מיט זײַן ווײַב. ביידע זײַנען זיי אָנגעטאָן אין ווײַסן און ביידע טראָגן אָף די קעפּ שטרויענע היט. כאָטש דאָס פערדל טרײַבט ער

אַן אַליין, דער דירעקטאָר, ניט קיין קוטשער, כאַלילע, דאַך ווײַזט ער מיר זיך אויס, ער און אויך זײַן ווײַב, איך האָב עס מוירע געהאַט צו דערטראַכטן ביזן סאָף, ווי „געוועזענע". אין דעם ווײַסן אַנטאָן און אין די שטרויענע היט זײַנען זיי פאַר מיר אופגעקומען ווי ניט אַף דער וואָר, ווי איך וואָלט זיי אַרויסגעלייענט פון טורגעניעווס אָדער גאַנטשאַראָווס אַ ראָמאַן.

אַ ביסל איבערגעשראָקענע פון דעם, וואָס מיר האָבן אַן אַ דערלויבעניש געלאָזט זיך אין שטאָט אַרײַן, זײַנען מיר שטיין געבליבן אוןביידע, אין איין קאָל אויסגעשריִען צום פּורל:

— גוט־מאָרגן!

דער דירעקטאָר האָט צוריקגעהאַלטן דאָס פערדל, אויסגעגלײַכט זיך מיט אונדז און מיט זײַן איינגעגעסענעם קאָל, ווי געוויינלעך, ניט הויך, אַ שלײַדער געטאָן:

— Марш за коляской!

ווען זײַן בײַטש גיט אַ פּאַך איבער אונדזערע רוקנס, וואָלט עס אונדז אזוי ניט געטראָפן, ווי די דרײַ געצייילטע ווערטער. פון דעם, וואָס זיי זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַף רוסיש, ניט אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער מיר זײַנען געוווינט געוועזן צו הערן זײַן מאַגידיש־קסיאַנדזישן מוסער, האָבן זיי באַקומען אַ באַזונדערע שאַרפקייט.

דער דירעקטאָר גיט אַ צי מיט זײַנע בלאַסע הענט, אפילע די זון בעמט זיי ניט, די לייצעס, ער פאָרט ווײַטער. ווײַזט אויס, ער צווייפלט ניט אין דעם, אַז מיר וועלן זיך לאָזן „מאַרשירן" נאָך זײַן „קאָליאַסקע". נאָר מיר שטייען. קערט ער אויס צו אונדז דעם קאָפּ און גיט צו שוין אַף יידיש:

— געמעגט עפּעס קליגערס צוטראַכטן צום ערשטן מײַ, איידער אַרויסגיין צוקן מיט די אַקסלען. גימנאַזיסטישע שטיק...

אַ סטויפּיקל שטויב. פאַרשווונדן דאָס פּורל.

— ליובקע קאַזאַק לאָזט אײַך גריסן, — זאָגט דעם נאָך לינע און צעלאַכט זיך מיט אַ פולן מויל זייער ווײַסע, זייער שיינע און זייער ביזיע ציין: — ער גרייט שוין דאָרט אַ רעדע וועגן אונדז אין זײַן „קאָליאַסקע", נאָר איך וועל אים פאַרשפּאָרן די טירכע. האָסט געזען, די פּריצטע האָט אַף אונדז אפילע ניט אַ קוק געטאָן. זיצט מיטן פּאָנעם צום עק פון דעם פערד...

— ער האָט דאָך מיסטאָמע אַליין אויך געלערנט אין גימנאַזיע, — כאַפּ איך זיך, — טאָ פאַרוואָס האָט ער אזוי פײַנט גימנאַזיסטקעס?

— אין גימנאַזיע... אין סאַרבאָנע, זאָגט מען, האָט ער זיך געלערנט. אַ קריפּל איז ער, אָט וואָס. דערפאַר שלאָגט ער זיך אזוי אָפּ מיט די הענט און די פיס פון די „פאַרקריפּלטע אינטעליגענטן". אָט מײַן פעטער, — זאָגט לינע מיט שטאָלץ, — איז אַן עמעסער אינטעליגענט. ער וועט אזוי ניט ריידן מיט צוואַנציקיאָריקע מיידלעך, ווי אָט דער... „פּײַנזילבער". באַ אָרעמע מענטשן זײַנען גאָר אַזעלכע פּאַמיליעס ניט געווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, לינע — מיט איר פעטער. מיט הילצערנע קעסטלעך, אַרומגעצויגן מיט רימענס, אַף דער פּלייצע האָבן מיר זיך געלאָזט קיין מאָסקווע. און דאָפּקע צו דער צײַט, מיר זײַנען ביידע אַנגענומען געוואָרן אין דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. מיט בעטלעך אין צוזאַמענוווינונג.

## 18. אַפן טישינסקער מאַרק

לינעס פעטער האָט פאַר־טאָג, באַ דעם ערשטן אַליאַרעם, געוואָרפן זיך אין שפּיטאָל. זײַן מיין איז געווען — די אָרטיקע קראַנקע איבערגעבן זייערע קרוויוים און די געקומענע פון פּראָווינץ אַרויספירן וואָס גיכער פון שטאָט. לינעס פאָטער, אויך אַ דאָקטער, וועלכער האָט שוין אַ היפּשע צײַט איבער זײַן שוואַכן געזונט ניט פּראַקטיקירט, האָט זיך אויך געלאָזט גיין אין שפּיטאָל, קעדיי מיט עפּעס צו באַהעלפיק זײַן דעם ברודער. לינעס מאַמע, ווי אויך דעם פּעטערס צווייטע פרוי האָבן אַרויסבאַגלייט לינען מיט דאַניקן און אַליין, נאַטירלעך, געבליבן וואַרטן אַף זייערע מענער. שפּעטער, ווי ס'האָט זיך לינען אײַנגעגעבן צו דערוויסן, זײַנען ביידע פרויען אַרײַנגעפאַלן אין געטאָ, און זייערע מענער, די דאָקטוירים, זײַנען אומגעקומען צוזאַמען מיט די קראַנקע אין שפּיטאָל. דאָ אין די דײַטשן געוועזן פאַרשפּאָרט צו פאַראָרדענען, אַז אַזעלכע און אַזעלכע זאָלן מאַכן צווײַ טריט פּאָרויס, זאָל זײַן אַף קוליעס, זאָל זײַן כאָטש אַף אַלע פיר. דאָ האָט אַלעמען אַן קיין שום צערעמאָניעס אויסגעגלײַכט אַ באָמבע.

ערשט איין כודעש איז אַדורך, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און ווי פוסט עס איז שוין מײַן שטוב. ווו איז מײַן מאַן, ווו איז לינע, ווו איז אָשער? צי וועט נאָך ווען זײַן געגרייט מײַן אָרעמער טיש פאַר געסט, צי וועט קלינגען אַ לײַד צווישן די קרומע פיר ווענט, צי וועלן זיך אַמפּערן הארציקע פרײַנט? איז אויך די פוסטע שטוב, די שטוב אָן שאָ־לעמען, דאַרף איך פאַרלאָזן. דער אוטשאַסטקאָווער האָט שוין עטלעכע מאָל אַרײַנגעקוקט צו מיר — ווען קלײַב איך זיך אַרויספאָרן מיטן קינד פון מאָסקווע.

ווי קאָן איך אַרויספאָרן, אַז איך האָב ניט קיין איין בריוו פון שאָלעמען. איך זאָל כאָטש דעם ערשטן באַקומען, אָן אַדרעס וויסן. שאָלעם איז אַוועק אין אָפּאָלטשעניע אין איין טאָג מיט אָשערן. לויף איך קעסיידער אַף דער קליין־גרוזינער. אָשער האָט מיר איבערגעלאָזט דעם שליסל פון זײַן צימער, איז דאָרט נאָך ערגער, ווי בײַ מיר. אַ בעט, אַ קינדערש בעטל, אַ טיש — זיי זײַנען איצט איבעריק זיך אַליין. צוליב וואָס שליס איך אויף יעדעס מאָל די טיר, ס'וואָלט דאָך געווען גענוג נאָר אַרײַנקוקן אין דעם פּאָטשט־קעסטל פון אויסן, איז ניין, עס ציט מיך, עס דוכט מיר אַלץ, איך וועל דאָ אויפכאַפּן אַ הויך פון לעבן.

לענגער וואַרטן קען מען ניט. פּאַק איך אײַן די נייטיקסטע זאַכן ליובינקעס און זעץ זיך מיט איר אין טראַמוויי, וואָס פירט צום וואָקזאַל. ליובינקע שווײַגט דעם גאַנצן וועג. מיר שטײַגן אַראָפּ פון טראַמוויי, מיר לויפן צום וואָקזאַל. איך האָב פון פריִער געוווּסט, אַז דער וואַגאָן פאַר קינדער וועט אַרײַן אין דעם עשעלאָן פון איינעם אַ וויכטיקן אַנשטאַלט, וואָס ווערט עוואַקויִרט פון מאָסקווע. אויפן פּעראָן וואַרט אַף אונדז אַ צוג — אַ צאַצקע, אָן עמעסער פּאַסאַזשירן־צוג, ווי אין די גוטע צײַטן. בלענדיקע בלויקײַט פון ווענט, ליכטיקע שײַן פון שויבן, ווי ערשט פון אונטערן באַרשט און וואַסער אַרויס, אַפילע טרעגער האָבן דאָ. טוט מיך ניט ווילנדיק אַ ברי: שאָלעמען איז פערציק יאָר, און די, נאָך גאַנץ יונגע... די מיטאַר־בעטער פון דעם וויכטיקן אַנשטאַלט וואָלטן ווי־ניט־איז געגעבן זיך אָן אייצע אָן די טרעגער אויך.

איך זוך אַף דעם וואַגאָן פאַר קינדער. גיב איבער ליובינקעס זאַכן פון האַנט צו האַנט אַ מענטשן מיט אַ גראָוון קאָפּ, וועלכער שטייט אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן. זאָגט פּלוצ־לינג ליובינקע:

— מאַמע, וואַרף מיך בעסער אַרונטער אונטער די רעדער, איידער איך זאָל אַוועקפאָרן מיט אָט־אָ דער מיִעסער באָן...

אַזוי זאָגט צו מיר מײַן אַכטיאָריק טעכטערל, און דאָס פּאָנעם בײַ איר איז אַנטשלאָסן און אַנטשיידן. פיל איך, ווי מײַן פּאָנעם כאַזערט איבער דעם אויסדרוק פון אירן. פון אונדזביידן איז זי איצט די עלטערע. זי בינדט מיר אָן איר ווילן. דער מענטש מיטן גראָוון קאָפּ האָט אויך געהערט, וואָס ליובינקע האָט געזאָגט, קוקט ער אַף מיר מיט אַ פרעגנדיקן בליק. איך מאַך צו אים אַ טראַט, און ער קערט מיר אום אָן ווערטער ליובינקעס טשעמאָדאַן.

קוים אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מײַן שטוב, טראָגט מיר אַ שכיינע אַנטקעגן אַ צעטעלע. אַן אומבאַקאַנטע פרוי האָט געבראַכט. אַ צעטעלע פון לינען. לינע גיט מיר צו וויסן, אַז זי געפינט זיך מיט דאַניקן אין מאָסקווע, אין עוואַקאָפּונקט אויפן טישינסקער מאַרק. ווי נאָר כ'וועל באַקומען דאָס צעטעלע, זאָל איך באַלד אַהין לויפן. אויב איך פאַרהאַלט זיך, שרײַבט זי, קען איך אַמאָל זי מיט דאַניקן דאָרט שוין ניט טרעפן. און דעם פּאַספּאָרט זאָל איך אומ־באַדינגט האָבן בײַ זיך.

אַ ווײַלע קוק איך אַ צעדולטע אויפן צעטעלע, נאָר טראַכטן איז ניטאָ ווען. צי האָב איך שוין ניט פאַרשפּעטיקט? איך לאָז זיך צום טישינסקער מאַרק, וואָס געפינט זיך אַ צען מינוט גאַנג פון מײַן שטוב. פאַר די צען מינוט, און עפשער נאָך ווייניקער, ווײַל ניט איך גיי, נאָר איך לויף, וואַרפט מיך פון פרייד (לינע איז געקומען, לינע לעבט) צו אומרו: וואָס הייסט, איך קען זי ניט טרעפן? און וואָס האָט זי ביכלאַל צו טאָן אויפן טישינסקער מאַרק? פאַרוואָס וואַרט זי אַף מיר דאָרטן און גייט ניט אַהיים? עפשער איז זי גאָר פאַרווּנדעט, אָדער מיט דאַניקן איז עפּעס געשען...

איך באַווײַז מײַן פּאַספּאָרט דעם מיליציאָנער בײַ דער טיר — אַ יונג ייִנגל, וואָס מאַכט זיך גרויס. אַזעלכע ייִנגלעך לאָזן ניט דורך אין אַ געוויינלעכער צײַט קיין איין פילם וועגן שפּיאָנען. ער נישטערט אין מײַן פּאַספּאָרט, קלײַבט צו אָס צו אָס. זײַן בליק איז שטרענג, פול מיט פאַרדאַכט, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען אַף דער וואַך בײַ אַן אַרסענאַל פון געווער.

די נידעריקע הילצערנע געבײַדע, אין וועלכער איך בין אַרײַנגעקומען, איז פון אינעווייניק געווען צעפּאַסעוועט אין דער ברייט מיט לאַנגע ברעטער־בענק. קיין שום אַנדער מעבל איז דאָרט ניט געווען. אַן אָפּשטעל־פּונקט אין וועג אַף אַ מינוט, אַף אַ שאָ, אַף אַ מעסלעס...

וואָס איז דאָ געווען פריִער, פרידנס־צײַט, אינגאנצן מיט איין כוידעש צוריק — א סכוירעלאגער, אָדער אויפעס פלעגט מען אהער ברענגען פון די קאָלווירטן? איצט איז דאָ אן אָנגעוואלגער פון מענטשן. דער געדיכטער רייעך פון שווייס און דער געפילדער פון אָן א שיר קוילעס, ווי אלע וואָלטן גערעדט מיטאמאָל, ווארפט מיך שיר ניט פון די פיס. איך לאָז זיך גיין צווישן די בענק — ווער עס זיצט און בײַסט איבער, ווער עס ליגט מיט א קלומעק צוקאָפנס, ווער עס מאכט עטלעכע שפאַן אהין־אהער, אף וויפל סע לאָזט זיך. און מע רעדט, מע רעדט. א מין געפלאָנטער פון לעשוינעס: ייִדיש, ווײַסרוסיש, רוסיש. איך זע, עס זײַנען דאָ ניט ווייניק שווײַגנדיקע אויך, נאָר אף די איז גאָר א שרעק צו קוקן. ווי זיי וואָלטן אנשוויגן געוואָרן אף שטענדיק.

לינע... זי שטייט אָנגעשפארט מיט דער פלייצע צו דער וואנט אין דער סאמע טיף. איך זע באלד, זי איז פון די שווײַגנדיקע. און דאניק, וואָס שטייט בא איר זײַט, — אויך. דערזען מיך, לעבט לינע אוף. ניין, נאָר די אויגן און די הענט לעבן אוף. מיט די הענט כאפט מיך לינע אָן בא די אקסלען, מיר צעקושן זיך אפילע ניט, און פירט מיך נעענטער צום ארײַנגאנג. דאָ איז שטילער. „ווו איז אָשער?”, „ווו איז שאָלעם?” אָ, ווען איך האָב וואָס צו ענטפערן לינען, און זי, ווי זי וואָלט מיר ניט געגלייבט:

— גאָר־גאָרנישט? קיין איין בריוו ניט? טאקע קיין מינדסטע יעדיִע? פון ביידן?

אין לינעס שטים הער איך דאָס אמאָליקע: „ווו זאָל איך זוכן מײַן מומע טײַבעלע?” און פונקט ווי דאַן אין דער קינדהײַט, ווער איך אופגעטרייסלט פון ראכמאָנעס. ביז די שפיץ פינגער, ביז די וואָרצלען פון די האָר אפן קאָפ בין איך איבערפולט מיט ראכמאָנעס צו מײַן כאווערטע לינע.

לינע האָט אין וועג פארלאָרן דעם פאספאָרט. מע גלייבט איר ניט, אז זי איז א מאָסקווער, לאָזט מען זי ניט ארויס פון עוואקאָפונקט. „גוט, וואָס דעם קאָפ ניט פארלאָרן. די מעסערשמיטן... זיי זײַנען פראנק־און־פרײַ געפלויגן איבער דער שטאָט און הינטער דער שטאָט... אונדזערן קיין איין סאמאָליאָט ניט געזען, פארוואָס איז דאָס אזוי?” — פרעגט לינע מיט פארביטערונג. מע וויל זי גלײַך פונדאנען, — זאָגט זי, — עוואקויִרן ערגעץ ווײַטער אין הינטערלאנד, מיט די אלע פון ווײַסרוסלאנד, וואָס מע האָט אונטערגעקליבן אין וועג. הײַנט וועט מען זיי פירן אין באָד ארומוואשן זיך און אף מאָרגן... צעטלען זײַנען שוין צונויפגעשטעלט.

— וווהין וועל איך פאָרן אָן א פאספאָרט? כאָטש אף איין בריוו פון אָשערן דערוואַרטן זיך... און א ביסל זאכן, זאָל זײַן פאר דאניקן, מעג איך נעמען פון דער היים? גיי ארײַן אין זשאקט, — בעט מיך לינע, — שוין הײַנט מוז איך האָבן א ספראווקע, אז איך בין א מאָסקווער.

דאניק טוליעט זיך צו דער מאמען. כאָטש די האָר זײַנען בא דאניקן שווארצע, האָט ער צווישן אונדזערע פרײַנט און אויך אין קינדערגאָרטן געהאט א שעם פון א „ליכטיק קינד”. איצט לײַכטן בא אים נאָר די גרויסע דערשראָקענע אויגן. דאָס פאָנעם איז ברודיק, פון אונטער די בלויע טרוסיקעס, אָפגעבליאקעוועטע קימאט ביז ווײַס, סטאַרטשען א פאָר שווארצע קני. דאניק, — גיט מיר א שניט באם הארצן, — דאניק איז אריבער אין א נײַער קאטעגאָריע פון דעם מענטשלעכן מין. ער איז שוין ניט דער, וואָס געווען. לינע איז שוין אויך אן אנדערע. צעפודלטע האָר, גרויע פון שטויב. באָרוועסע פיס מיט צעשפאָלטענע נעגל. „פואנטן” — טראָגט זיך בא מיר דורך אין מויעך און באלד נאָכדעם: „עס טוט איר ווײ, זי האלט אין איין פארײַסן די פינגער פון די פיס”.

— ראָכל, זאָג, זאָג, אז איך בין אויך א מאָסקווער. אָן יענעם לייטענאנט זאָג.

א גראָבע ייִדענע מיט א געשטופלט פאָנעם. יעדעס גריבל איז פארשלאָגן מיט ברוד. זעט אויס דאָס פאָנעם ווי א ברעט, אן אָנגעפיקעוועטע מיט קעפלעך פון טשוועקעס.

ליובקע... ליובקע קאָזאק... איך דערקען זי לויט די קרומע פיס און דער הויכער קוטשמע האָר. די צווייטע קוטשמע, די שאָפענע, ווי אויך די ברייטע שטיוול, האָט זי, ווײַזט אויס, איבערגעלאָזט די דײַטשן, צוזאמען מיט אנדערע, מער נייטיקע זאכן. די קוטשמע און די שטיוול האָב איך געדענקט, ווײַל דאָס איז זי, דאָס איז געווען ליובקע, נאָר אז זי איז א געשטופלטע — דאפקע ניט. ווען זי האָט יעדן פרימאָרגן געוואשן דאָס פאָנעם, האָט זיך עס ווייניקער אָנגעזען.

וואָס פאר אן אומגליקלעכע ליובקע עס שטייט פאר מײַנע אויגן — א מוירעדיק אָפגעריסענע, מיט א געשטופלט פאָנעם, מיט קרומע פיס, מיט א פאָר נאקעטע הענט, גראָבע און אין דער זעלבער צײַט שיטערע בא די אקסלען, ווי די וואָליע בא אן אינדיק. נאָר פון איר פאנאבעריע האָט זיך גאָרנישט ניט געמינערט. ניט זי בעט, זי הייסט מיר באשטעטיקן, אז זי איז א מאָסקווער. זי וועט גיין, זאָגט זי, ווו מע דאַרף, זי וועט דערציילן, זי וועט דערווײַזן. אומעטום זיצן פארעטער, וועט זי דערווײַזן. צו די, וואָס זײַנען איינינעם מיט איר גע־

לאָפן פון דער היים, שאַט אויך ניט צוקוקן זיך, ווי ס'דאַרף צו זײַן. אַזוי האַלט זי, ליובקע, ווײַל קלאַגמוטערס זײַנען זיי, ניט קיין פּאַטריאָטן. זיי גלייבן ניט אין אונדזער זיג.

— און דו אויך, — ווענדט זי זיך אָן קיין שום איבערגאַנג צו לינען, — פאַר די מעסער־שמיטן זיך איבערגעשראָקן. — און פּלוצעם גאָר אומדערוואַרט: — ראָכל, אויב דו וועסט פאַר מיר קריגן אַ ספּראַווקע, אַז איך בין אַ מאָסקווער, וועל איך פאָרן צוזאַמען מיט אײַך. מיט מיר וועט איר ניט פאַרפאַלן ווערן.

דער לייטענאַנט, אויף וועלכן ס'האָט אָנגעוויזן ליובקע, איז אַרומגערינגלט פון מענטשן. מע בעט, מע פרעגט, מע טײַנעט זיך אויס, מע פאָדערט. לינע וואַרט, ער זאָל זיך דערנענ־טערן צו אונדז. דאַן וואַרפט זי זיך צו אים מיט בעטנדיקע הענט.

— מאַמאַשאַ, — זאָגט צו לינען דער לייטענאַנט, — וואָס לעבט איר אַזוי איבער? און טאָ־מער איר זײַט אַ מאָסקווער, וועט איר דאָך אַלציינס מיטן קליינעם דאַרפן אוועקפאָרן. אָן אַ פּאַספּאָרט וועט איר ניט בלײַבן. מע וועט אײַך אַרויסשיקן. איך וועל אַליין...

— מיר זײַנען מאָסקווער, — שלאָגט איבער זײַנע רייד ליובקע, — אָט, זי וועט באַשטע־טיקן. ראָכל, ווײַז דעם כאַווער לייטענאַנט דײַן פּאַספּאָרט.

איך וויל מער ניט הערן, וויאַזוי מע רופט לינען „מאַמאַשאַ". איך וויל מער ניט זען, וויאַזוי לינע שטרעקט אויס אירע הענט אין אַ געבעט. נאָר ליובקע האָט מיר דאָ געפעלט... פון יויצע וועגן ווײַז איך דעם לייטענאַנט מײַן פּאַספּאָרט. ער אויך, פון יויצע־וועגן טוט אַף אים אַ קוק, ניט נעמענדיק אין דער האַנט. דאָס פּאָנעם איז בא אים דאַפּקע פון אַ ווילן שטאָף, דער אונטערשלאַק אָבער טויג ניט — גוטמוטיקײַט, אונטערגעבעט מיט גלײַכגילט...

— איך לויף אין זשאַקט! — גיב איך אַ מאַך מיטן פּאַספּאָרט צו לינען.

וואָקזאַל האָבן מיר זיך מיט אונדזערע קינדער איניינעם, איך — מיט מײַן מאָסקווער פּאַספּאָרט, לינע — מיט אַ צײַגעניש, אַז זי איז אַ מאָסקווער. אַף קיין בריוו, ניט פון אַשערן, ניט פון שאַלעמען, האָבן מיר זיך ניט דערוואַרט. לאַנגע כאָדאָשים נאָך האָבן מיר ביידע גע־זוכט, וויאַזוי צו פאַרבינדן זיך מיט אונדזערע מענער.

אין איינעם אַ טאָג רופט מיך עמעצער אָן אַף דער גאַס באַם נאָמען. איך קוק זיך אום — ליובקע. ווײַזט אויס, זי איז געקומען קיין אַלמאַ־אַטאַ פריִער פון אונדז. זי האָט שוין באַוויזן אַפילע צו פאַרוקן די קרומע פיס אין אַ פּאָר שטיוול מיט ברייטע כאַליעוועס. ס'איז האַרבסט אין דרויסן. אַנשטאָט דער אַמאָליקער שאָפּענער קוטשמע באַצירט איר קאָפּ אַ קינדערש וואָלן היטעלע מיט אַ פּאָמפּאָן.

— מאָרגן וועל איך צו אײַך קומען, — פאַרזיכערט מיך ליובקע, פּונקט ווי ס'וואָלט געווען אָן אָפּגערעדטע זאַך פון נעכטן. — נאָר אַזעלכע קלאַגמוטערס, ווי דו און לינע, האָבן זיך געקענט פאַרקלײַבן אין די סאַמע בלאָטעס. אין אַזאַ שיינער שטאָט... — ליובקע גיט אַ מאַך מײַסע באַלעבאָס מיטן קאָפּ צו דעם אַלאַטאַו, ווי ספּעציִעל פאַר אירטוועגן וואָלט ער זיך גע־זילבערט אין דער ווײַט, און פּונקט ווי זי האָט מיך באַגעגנט, אָן אַ „גוט־מאָרגן" גייט זי אוועק אָן אַ „זײַ־געזונט".

אַף מאָרגן האָט ליובקע אַרויסגעלייגט באַ אונדז אַפן טיש צוויי פּושקעס אַמעריקאַנער פלייש־קאָנסערוון. לינע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן עפענען אַ פּושקע, קעדיי צו מעכאַבעד זײַן אויך ליובקען מיט איר אייגענעם געשאַנק, האָט יענע זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרזוכן אַפילע אַ פּיצל:

— נאָר פאַר די קינדער!

ליובקע איז באַ אונדז אַ גאַנץ אָפטער גאַסט. מיט קיין פּוסטע הענט קומט זי ניט. דאָ ברענגט זי אַ קליינע, דערפאַר אָבער אַ קלאָר־ווײַסע בולקע (אַ קרײַעץ פון אַ שוואַרץ לעבל ברויט איז אויך ניט שלעכט), דאָ אַ גלעזערנע באַנקע צעלאָזטע פּוטער, דאָ אַ גרויסן, ווי אַ קירבעס, רויטבאַקיקן אַפּאָרט. דאָס אַלץ פאַר די קינדערסוועגן. דאָס געשאַנק באַגלייט ליובקע יעדעס מאָל מיט איינע און די זעלבע ווערטער און אַליין שײַנט זי דערבײַ פון נאַכעס:

— עסט, עסט, כעווערלײַט, וועלן פון אײַך אַרויסוואַקסן גוטע קאָמיוגיסטן!

לינען און מיך נערט ליובקע מיט די לעצטע נײַס, וועלכע מיר האָבן, פּונקט ווי זי, אויס־געלייענט אין די צײַטונגען, אָדער געהערט דורך ראַדיאָ. נאָר וואָס ווייסן מיר, וואָס פאַר־שטייען מיר... אָט, ליובקע ווייסט אַלץ. איר אַלטן צונאָמען „ליובקע קאָזאַק" האָבן מיר שוין פון לאַנג פאַרגעסן. אַ פײַנער קאָזאַק, וואָס איז ברייטער, ווי לענגער. מיר דוכט, זי איז איינע אַזאַ אין שטאָט. אַ דיקן מענטש איז איצט זעלטן צו טרעפן. געוועזענע פעטלײַביקע האָבן דעם אויסזען פון אויסגעטרייסלטע זעק. ליובקען רופן מיר איצט צווישן זיך „די וואָרהײַט אין דער לעצטער אינסטאַנץ".

וואָס האָט אונדז געצוווּנגען אופֿצונעמען בײַ זיך די דאָזיקע „וואָרהײַט"? ניט אַזוי אירע געשאַנקען, וואָס זײַנען געווויס געווען ניט איבעריק, נאָר דאָפּקע דער ווידערגעפֿיל, וואָס זי האָט בײַ אונדז אַרויסגערופֿן. מיר האָבן געהאַט פּאַרוואָס צו זײַן איר דאַנקבאַר און קיין דאַנקבאַרקײַט ניט געפֿילט. איז וואָס ווײַטער האָט אָף אונדז אַלץ מער געדריקט דער אָל פֿון איר כאַוועראַשאַפֿט און פֿון אונדזער שולדיקײַט קעגן איר, ווײַל אומדאַנקבאַר.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. ניט זעלטן האָט זיך צו מיר פּאַרגאַנוועט דער געדאַנק, אַז מיר דולדן „די וואָרהײַט" בלויז איבער איין סיבה — מיר האָבן פֿאַר איר מוירע. מיט גרויס בושה האָב איך זיך דעם פֿאַר זיך מודיע געווען, נאָר באַפֿרײַען זיך פֿון איר ניט געקענט. אין איינעם אַן אָוונט, ווען מיר בײַדע, לינע און איך, זײַנען געזעסן יעדערער איבער אַ באַרג שילערישע העפֿטן, האָב איך אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן:

— עפּשער איז זי גאָר ניט אַזאַ שלעכטע?

— ווען זי זאָל ניט טאָן קיין שלעכטס... — האָט זיך אָפּגערופֿן לינע.

## 19. די שכיטע אָפֿן אינדזל כּיאָם

פֿיר יאָר נאָך דער מילכאָמע. בײַ מיר זײַנען קאַניקולן. ליובינקע איז אין פּיאָנערן־לאַגער. נעמט מיך שאָלעם מיט אין דעם הויז פֿאַר קינסטלער בײַ דער אָזערע סענעזש. פֿאַר מיר זײַנען דאָס צוויי כאַדאָשים פֿון לעבן אָף אַלעם גרייטן פֿאַר גאָר אַ ביליקער פּרײַז. פֿאַר שאָלעמען זײַנען געזיכערט צוויי כאַדאָשים רויִקע מי אין אַ שעפֿערישער גרופּע. פֿאַר זיך דאַרף ער גאַראַניט צאָלן. נאָר פֿאַר מיר.

אַ געמיטלעך ווינקל איז אָט דאָס „הויז" בײַ דער אָזערע סענעזש, וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע הײַזער הינטער אַ ברייטן טויער. די הײַזער מיט די ניט גרויסע צימערן און שמאָלע באַלקאָנען זײַנען אויסגערעכנט ווי נאָר אָף צו איבערנעכטיקן. אין די הײַזער מיט די גרויסע פֿענצטער, מיט צימערן פֿון אַ היפּשער קוואַדראַטור, פֿאַרברענגען די קינסטלער דעם טאָג אין מי. דער הויף מיט אַלע זײַנע געבײַען געפֿינט זיך ניט אין אַ יישעווּ, נאָר אַליין פֿאַר זיך. פֿון לינקס, ווען איר קומט אָן פֿון דער סטאַנציע אָפֿן אויטאָבוס, אָדער אָף אַ פּריוואַטער מאַשין (קיין אַנדערע פֿאַרקערמיטלען זײַנען דאָרט ניטאָ), ציט זיך אַ געמישטער וואַלד, פֿון רעכטס, ווען איר קומט שוין אַרײַן אין הויף, שפּרייט זיך פֿאַר אײַך די אָזערע סענעזש. ווי גיסט זי זיך צונויף מיטן האָריזאָנט איז ניט שטענדיק צו כאַפּן מיטן אויג. ווי אַ יאַם.

צווישן די קינסטלער אין דעם דאָזיקן געבענטשטן ווינקל זײַנען דאָ ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זײַנען אויסגעשטאַנען שווערע שלאַכטן, געלעגן אין מיליטערישע שפּיטאָלן און מיט פֿאַרלאַטעטע ווונדן זיך ווידער אומגעקערט אין שלאַכט. האָט מען זיך ניט צונויפֿגערעדטערהייט, און עפּשער האָבן זיך אייניקע יאָ צונויפֿגערעדט, דעם 22־טן יון צונויפֿגעקליבן אין דעם אַרבעטס־צימער פֿון איינעם אַ קינסטלער. געשטעלט אַ ביסל מאַשקע, פֿאַרבײַסנס. געזונגען לידער. לידער פֿון נאָגנדיקער בענקשאַפֿט. נאָך אַ היים, נאָך רו.

מיר טוט ווײ, וואָס לינע איז ניט מיט אונדז. איך זע אַזוי קלאָר לינען אין איר אָרעמען צימער אָף דער קליין־גרוזינער גאַס, אין אַשערס געוועזענעם באַכערשן צימער. אָף דער טאַכטאַ בײַ איר זיצט מיטן אויסגעצויגענעם פֿוס אין דעם אָרטאָפּעדישן שוך דער איידל שווײַגנדיקער, געדולדיקער גענאַדי פֿאַכאָמאָוויטש. און דער באַרויִקנדער דאַניק איז געוויס ניטאָ איבערן דעריהיים.

די טרויעריקע געמיטלעכקײַט אינעם אַרבעטס־צימער פֿון דעם קינסטלער, אַ מענטשן אַ שטרענגן און ניט קיין יונגן, וואָלט מיסטאָמע אָנגעהאַלטן ביזן סאָף פֿון דעם אָוונט, ווען ניט די באַרימערײַ פֿון איינעם אַ געלן יונג מיט אַ פֿאַר לאַנגע הענט פֿון אַ שלעגער. אין מאָלערײַ איז דער דאָזיקער געווען ניט קיין גרויסער בעריע, נאָר אָף יענעם אַ מייווין. פֿון זײַן „מעווינעס" האָט ניט בײַ איין קינסטלער אָפּגענומען דעם אָטעם, ווי פֿון אַ זעץ אונטערן לעפֿעלע.

אַ מיטגליד פֿון קאָלערליי קאָמיטעטן, קאָמיסיעס, זשורי האָט ער זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אויבנאָן, ביז דער „אויבנאָן" איז געוואָרן זײַן פּראָפֿעסיע. און וואָס ווייניקער ער האָט געטויגט צו עפּעס רעכטס, האָט ער אַלץ כוצפּעדיקער געקלעטערט אַרויף.

א היפשע ווײַלע האָט ער זיך געקרעפּטיקט יענעם אָונט. קעדיי ניט אַרויסצוקריכן אַפּן אויבנאָן. ער האָט אַפילע מיט אָן אָפּן מויל געשלונגען די לופט, ווי א פיש אַף דער טריקע־ניש, בײַס אַנדערע האָבן געזונגען. ביז די אין לײַב אײַנגעגעסענע געוווינהײַט ניט צו הערן קײנעם, אויסער זיך אַליין, האָט איבער אים גענומען די אויבערהאַנט. דערצו איז ער נאָך געווען א ביסל בעגילופן, האָט ער זיך צעלאָזט:

„אָט, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן...” „איך כאַפּ אים אָן באַם גאָרגל אין פּריאַס — בוד זדראַוו, היטלער קאַפּוט...”, „איך שלעפּ אים אין שטאַב באַ די האָר, ווי א זיך טרינקענדיקן”...

עפּשער איז עס אַפילע אָן עמעס, דאָס, וואָס עס דערציילט דער געלער יונג, נאָר וואָס מער ער צעגאַרטלט זיך, אַלץ געדיכטער ווערט דאָס שווײַגן פון די איבעריקע. געוויס איז ווערמען פון זײ אויך אויסגעקומען אַליין צו כאַפּן און צו געכאַפּט ווערן באַם גאָרגל, איז פאַר־וואָס פילן זיי זיך אַזוי געענגט? עפּעס שעמט מען זיך דאָ צו קוקן אײנער דעם אַנדערן אין די אויגן. און איך? איך ראַטעווע זיך אין אַזאַ מין ערטל, וווהין דעם באַרימער איז דער אַרײַנגאַנג פאַרבאָטן... זײַנע רייד זשומען מיר אין די אויערן, נאָר הערן הער איך אים ניט. אָן אַנדערן זע איך פאַר זיך אין געדאַנק און אַנדערע רייד הער איך:

עס טראָגט מיך אוועק אַף דער גאָרקי־גאַס מיט צוויי יאָר צוריק. יאָ, אין 47־טן איז דאָס געווען. טרעף איך אָן אַקטיאָר פון אונדזערע קאַנטן. א ליבער, דורכויס פרידלעכער מענטש. איך האָב אים אַפילע ניט באַלד דערקענט אין דער מיליטערישער אוניפאָרם. א פּאָלקאָווניק... זאָגט ער מיר, ער איז ערשט פון בערלין, דעמאָביליזירט. אין צוויי שאָ אַרום גייט אָפּ זײַן צוג. אײַנלאַדן אים צו זיך איז שווער, אויב אַזוי, צו שפּעט, זאָג איך:

— איך וועל אײַך באַגלייטן.

— א דאַנק. אויב איר ווילט, קאָנען מיר זיך דערווײַל א ביסל דורכגיין. דער ווײַסרוסי־שער וואָקזאַל איז ניט ווײַט.

מיר פאַרקערעווען אַפּן טווערסקאָי בולוואַר.

— שאַלעם?..

— געקומען, — אײַל איך זיך ענטפערן, — שוין צוויי כאַדאָשים...

פרעגן אים פונקט אַזוי לאַקאָניש, ווי ער מיך „פערל און די קינדער?”, סטײַעט מיר ניט קײן מוט. טאַקע דערפאַר, וואָס ניט קײן שלאַכטלײַט, איז וועגן זײ צו פרעגן די מוירע גרעסער.

אַפּן טווערסקאָי בולוואַר איז קימאַט אַלץ, ווי געווען. ביימער, גאַזאָנען, אַף יענער זײַט פון די גאַזאָנען טראָגן זיך מאַשינעס. מענטשן, שול־קינדער ווײַניקלעך. קינדער אין וויגעלעך מער, ווי מע וואָלט זיך געקאָנט ריכטן. און באַבעס זיצן אַף די בענק דערנעבן. אַלע, דוכט מיר, שטריקן זיי שקאַרפּעטקעס און היטעלעך. גאָר פיצינקע, פאַר די, אין די וועגעלעך. דאָס גאַנצע שטריקעכץ לייגט זיך אַף אײַן אַף דער אָפּענער דלאָניע. אַף קײן גרעסערס סטײַעט ניט קײן פאָדעם. זיידעס זײַנען אויך דאָ, אַפילע גאַנץ יונגע זיידעס און עפּשער זײַנען זיי גאָר טאַטעס, נאָר דאָס וועגעלע שטופּט מען מיט אײַן האַנט. אײניקעס פון זיי זיצן, ווער מיט א שטעקן, צוגעשפּאַרט צו דער באַנק באַ דער זײַט און ווער מיט א פּאָר קוליעס באַ ביידע זײַטן. זיי זיצן זיך אַזוי, פונקט ווי פון קאַדמוינים, זינט זיי זײַנען אַליין געקומען אַף דער וועלט און געלעגן אין א וועגעלע, אָדער געהוידעט זיך אין א וויגעלע, האָט זיי געפעלט א האַנט אָדער א פוס.

— אָט אַ־דאָ, פונקט אין דעם אָרט, — זאָגט מיר דער אַקטיאָר, — האָב איך פרילינג 41־טן געזען ביניאָמין זוסקינען. ער האָט זיך באַוויזן אַפּן ראָג פון מאַלע־בראָנע, לײַכט אַריבער־געשפּרונגען א גאַזאָן און געלאָזט זיך מיט א טענצלדיק געגעלע, דרייענדיק א דין שטעקעלע אין דער האַנט, איבערן בולוואַר. איך האָב נייטיק געדאַרפט מיט אים זיך דורכריידן, צוליב אים, קאָן מען זאָגן, געקומען קײן מאָסקווע, נאָר אָפּשטעלן אים — קײן האַרץ ניט געהאַט. געזען, דער מענטש איז אויסגעטאָן פון זײַן אייגענעם נאָמען. ער איז אין שפּיל. און אין שפּיל טאָר מען זיך ניט מישן, פונקט ווי אין א ליבע, — א שמייכל, און דאָס פּאָנעם פאַרגייט אין א כמאַרע. עס קומט אָן אײַנפאַכער זאַג, פונקט ווי דאָס געזאָגטע פון אים וואָלט געהאַט א דירעקטע שײַכעס צו זוסקינס דערשײַנען אין אײנעם א פרילינג־טאָג פון 1941 אַפּן טווער־סקאָי בולוואַר:

— און מײַנע זײַנען אומגעקומען אין געטאָ.

איך האָב דאָך זיי גוט געקענט, „זײַנע”. וואָלט איך זיך געמעגט נאָכפרעגן אַף זיי גע־נויער. ס׳וואָלט, דאַכט זיך, געווען מענטשלעך. לאָזט ניט זײַן קוק עפּעס פרעגן. שווײַגן מיר ביידע א היפשע ווײַלע. און דערנאָך, שוין באַם געזעגענען זיך, לייגט פאַר מיר אויס דער

אקטיאָר דער פּאָלקאָווניק, אזא מין עפּיזאָד, דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו דערציילן וועגן זיך: ער טרעט אַרײַן מיט זײַן טייל אין א דײַטשישן דאָרף און טרעפט ניט דאָרטן קיין איין לעבעדיקן מענטש. אלע סימאָנים ווײַזן, אז ערשט נעכטן איז דאָ געווען א לעבן. מיטאָמאָל האָט זיך אופגעהויבן קינד־און־קייט און ניט געוואָרן. אין א צווייטן דאָרף — דאָס זעלבע. ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אף א געשריפטס, צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון א הויז:

„אנטלויפט! א ייִד גייט אהער! ער פאַרניכטעט אף זײַן וועג אלץ און אלעמען. ער נעמט ראַכע פאַר זײַניקע!"

דער אקטיאָר פּרוּווט זיך עס צו פאַרטײַטשן אזוי:

די אײַנוווינער פונעם דײַטשישן דאָרף האָבן אין די טעג פון מאַפּאָלע אריבערגעטראָגן די אידיי פון טאָטאַלער אויסראָטונג אף זיך. ווי מיר, הייסט עס, זײַנען זיך באַגאַנגען מיט אנדערע, דאַרפן זיך די אנדערע באַגיין מיט אונדז. פאַר זיי איז שוין לאַנג געווען אויס מיטן מענטשלעכן יאָכיד. ס'איז דאָ נאָר א קלאַל, וואָס אָדער מע פירט אים צו דער שכיטע, אָדער, אויב ער נעמט אין דער דאָזיקער שפּיל פון לעבן און טויט די אויבערהאַנט, שעכט ער יענעם.

זאָג איך:

— און עפּשער איז דאָ עפּעס אנדערש? עפּשער איז עס «Мальчики кровавые в глазах»?

— אכרײַעס? אָן אָנזאָג אף דער פּײַן פון כאראָטע? מעגלעך, גאַנץ מעגלעך... יאָ, עס ווילט זיך פאַרשטיין... בעסער איז אזוי צו פאַרשטיין... גרינגער אפן האַרצן...

דערווײַל האַלט שוין דער געלער יונג באַם אײַנעמען בערלין...

צי וואָלט בערלין אײַנגענומען געוואָרן, ווען ניט ער, איז אונדז ניט באַשערט געווען צו דערוויסן זיך. א שטילער קלאַפּ אין טיר. אלע האָבן זיך דערפרייט. צי דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער איידעלער קלאַפּ האָט איבערגעריסן די פריקרע באַרימערײַ, אָדער מע האָט דאָ דערוואַרט אָן אָנגעלייגטן גאַסט.

אין צימער איז אַרײַן א יונגע פרוי, א הויכע, א דינע, מיט א לענגלעך פּאָנעם און א גלאַט פאַרקעמטן בלאָנדן קאָפּ. איר שמאָלע פיגור האָט שטײַף ארומגענומען א קרעמאָווע קלייד, אָן אויסגעשניטנס פון איין שטיק און מיט צוויי נעט א צונויפגענייטע. פון דעם שטייענדיקן קעלנערל האָט ארויסגעקוקט זייער א צאַרטער הויכער האַלדז. און אָט איז זי אינגאַנצן, די פרוי, אזא ווי זי איז, מיט איין בליק, דאַכט זיך, ארומצוכאַפּן.

געווען איז די פרוי א קונסטקענערן און געאַרבעט אין דער שטאָט ס. אלס דירעקטאָר פון דעם געגנטלעכן קונסט־מוזיי. דער מאָלער אלעקסייענקאָ, אין וועמענס צימער מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, איז געווען אירער א בען־איר. האָבן מיר פון אים געוווּסט, אז צוטרעטן צו דער אַרבעט אין מוזיי האָט זי געזאָלט נאָך אין 41־טן יאָר נאָכן פאַרענדיקן דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. אף דער אַרבעט איז זי אָבער ניט געפאָרן. אָנגעגעבן זיך פרײַוויליק אין דער אַרמיי אלס סאַניטאַרקע, געאַרבעט אין סאַמע פײַער און פון אלע געפאַרן ארויס גאַנץ. פאַרוווּנדעט געוואָרן, און שווער, שוין נאָענט צום סאָף פון דער מילכאָמע. געוווּסט האָט ער עס פּאָשעט פון איר אַנקעטע. ארויסגייענדיק פון שפּיטאָל, האָט זי געאַרבעט אונטער זײַן נאַטשאַלסטווע אלס סעקרעטאַר־מאַשיניסטקע אין שטאַב פון דעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט. פון דער היים האָט ער זי ניט געקענט. ערשט דאָרטן, אין דער דינסט, באַקאַנט זיך.

— איגאָריאָק שלאָפט שוין? — האָט געפרעגט די פרוי איר געוועזענער נאַטשאַלניק.

— שלאָפט.

— און וועגן וואָס האָט ער הײַנט געפרעגט „פאַרוואָס"?

— הײַנט זײַנען מיר געגאַנגען אין דאָרף. פרעגט ער מיך, פאַרוואָס גייט פון קוימען א פּאַרע. פאַרענטפער איך: „א רויך". דערנאָך זיד איך אים אוף א טעפּעלע מילך אף דער פּליטקע, פרעגט ער, פאַרוואָס גייט פונעם טעפּעלע א רויך, פאַרענטפער איך: „א פּאַרע".

— פרעגט ער... — כאַפּט אונטער לאַכנדיק דער פרויס געוועזענער נאַטשאַלניק.

— דאָס איבעריקע וועל איך אײַך מאָרגן דערציילן, — גיט א שמייכל אויך די פרוי.

איגאָריאָק האָט אף א זעלטענעם אויפן איבערגעכאַזערט דער מוטערס געשטאַלט. בא זײַנע דרײַ מיט א האַלבן יאָר איז ער שוין געווען א לאַנגינקער און א שמאָלינקער, אויך מיט א הויכן האַלדז, ווי בא איר, און מיט גלאַטע בלאָנדע האָר.

קיין קינדער, איבערהויפּט קליינע קינדער, זײַנען, אויסער איגאָריאָקן, אין דעם הויז פאַר די קינסטלער ניט געווען. זעלטן־ווען פלעגט קעגן אלע געזעצן באַווײַזן זיך א קינסטלער פון א דאָרעם־ אָדער מיזרעך־שטאָט, געקליידט, ווי יעדער איינער אינטעליגענטער מאַנצבל אין מאָסקווע, וועלכער האָט באַוויזן אראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מיליטערישע שינעל. אלס קלאַל פלעגט ער אראָפּברענגען מיט זיך א פרוי מיט שוואַרצע צעפּ, אָנגעטאָן אין א לאַנגן ביז

טראָט בונטן כאַלאַט, און אַ פינף־זעקס קינדער פון פאַרשיידענעם מין און עלטער, אַלע אין קאָלירטע טיובעטייקעס אַף די קעפּ. נאָר געדויערט האָט עס געוויינלעך ניט מער ווי אַ זעקס־זיבן טעג. דער מאַן האָט פון גאַנצפרי ביז אין אָוונט פאַרבראַכט אין מאָסקווע, פאַרנומען זיך דאָרט מיט זײַנע שעפערישע אָדער אַמטלעכע איניאַנים און דערנאָך פלעגט די מישפּאָכע שטיל פאַרשווינדן.

דאָס, וואָס וואַלעריע געראַסימאָוונע, אַזוי האָט זי געהייסן, די הויכע, בלאָנדע פרוי, האָט מען דערלויבט פאַרברענגען מיט איר קינד אין שעפערישן הויז גאַנצע צוויי כאָדאָשים, האָט אַליין פאַר זיך גערעדט וועגן דעם, אַז אויסער דער מאַמען האָט איגאָריאָק קיינעם ניט.

דאָס אָנקומען פון דעם נײַעם גאַסט האָט אַרײַנגעטראָגן אַ קענטיקע אופלעבונג אין אונדזער קליינער געזעלשאַפט, כאָטש זי אַליין האָט ניט געהערט צו די שטאַרק בארײדעוודיקע. אַלעקסייענקאָ האָט אָנגעגאָסן איר גלעזל ביז פול. האָט זי זיך אופגעהויבן פון אָרט און מיט דעם געצווונגען אַלעמען אופשטיין. שטייענדיק שטאַרק אויסגעגלײַכט, לויט דער מיליטערישער געווינשאַפט, מיט פולע גלעזלעך אין די הענט, האָט מען דערמאָנט די, וואָס ווען שוין קיינמאָל דעם טאַם פון אַ כאַווערשער סודע ניט פאַרזוכן. דערנאָך איז וואַלעריע געראַסימאָוונאַ געבליבן זיצן מיט צונויפגעפלאָכטענע פינגער אונטער דער קין איבערן הויכן האַלדז. זי איז זייער שיין געזעסן, געוויס אַליין פון דעם ניט ווייסנדיק.

שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער, האָט מיר שאָלעם באַוויזן אַ קליינינקע צייכענונג, בלויז עטלעכע ליניעס, בישטיקע און אינדערגיך אָנגעוואָרפענע אַפן פּאַפּיר.

— אָט, איין קלייניקייַט, — האָט געזאָגט שאָלעם, — צעשפּרייט די אָרעמס איבערן טיש. אַ מין ווייכע פרויישקייַט עס האָט זיך אין איר אַנטפּלעקט. איך וואָלט זי גערן געמאָלט...

— געמאָלט?

— איך האָב געזען פאַר זיך די ליניייש־גראַדע שטאַלט פון דער פרוי און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַזאַ בעט זיך, מע זאָל זי דאַפקע צייכענען. אַף אַ קאָל האָב איך עס, פאַרשטייט זיך, ניט אַרויסגעזאָגט.

— יאָ, געמאָלט, — האָט געזאָגט שאָלעם.

זײַן פאַרלאַנג איז מעקוייעם געוואָרן, נאָר ערשט אין צוואַנציק יאָר אַרום. דאַן, אין 49־טן, איז קיינעם פון אונדז אַפן זינען ניט געקומען, אַז די צופעליקע באַקאַנטשאַפט אין שעפערישן הויז זאָל האָבן וועלכע־ניט־איז ערנסטע פאָלגן. מאַכט זיך אַזוי, אַז מיט יאָרן שפּעטער ברענגט אונדז די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט אַן אומגעריכטע פרייד. דערנאָך, ווען שאָלעם איז שוין ניט געווען, קערעוועט זי זיך אויס צו צווייען פון אונדז, צו מיר און צו וואַלעריע געראַסימאָוונען, מיט ביזאָיען און צער. און ענדלעך, ווען דער גוירל וואָלט מיך און שאָלעמען אין איינעם אַ זומער ניט צונויפגעפירט מיטן דירעקטאָר פונעם קונסט־מוזיי אין דער שטאָט ס., וואָלט אין מײַן פרײַנטשאַפט מיט לינען, כאָטש די נעט אין אונדזער פרײַנטשאַפט האָבן ניט זעלטן געטרעשטשעט פאַרבאָרגן, דאָך צו קיין גוואַלדריס ניט געקומען.

---

ניט אַרויסגייענדיק פון איר פאַרטראַכטקייַט, מיט די צונויפגעפלאָכטענע אונטערן קין פינגער באַם הויכן האַלדז און מיט די צעשפּרייטע איבערן טיש אָרעמס, האָט וואַלעריע געראַסימאָוונאַ שטיל אָנגעהויבן:

— ווען מע פרעגט מיך וועגן דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק... אין 44־טן איז דאָס געווען. אַ שטעטל אין מײַרעוו־אוקראַיִנע, אויסגעקאַלכטע פּוסטע הײַזער מיט שוואַרצע גריבער פון טירן און פענצטער און מיט אַקוראַט אַרומגעצייכנטע מיט סינקע זעקסקאַנטיקע שטערן אַף די ווענט. מאָדנע, נאָר ביז הײַנט צו טאָג אַסאָציִירן זיך בא מיר די דאָזיקע ווענט מיט זייער אַ פרידלעכן רייעך — פון פרישן געבעקס. פריש געבעקס האָט זיך דאַן, פאַרשטייט זיך, אפילע ניט געכאָלעמט. געווען איז עס דער רייעך פון די שײַטלעך בערעזע־האָלץ, וואָס מיר פלעגן אין שטאַב לייגן טריקענען אַף דער אָנגעגליטער „בורזשויקע". אַזאַ וואַרעמער רייעך, אַ היימישער. און אַנטקעגן שטייען די פּוסטע הײַזער... שטילער גרויל זעצט זיך אָפּ, ווײַזט אויס, טיפער אַף דער נעשאָמע... — האָט פאַרענדיקט וואַלעריע געראַסימאָוונאַ.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „עפּשער איז אין אָנבליק פון די דאָזיקע הײַזער פאַר איר אופגעקומען דאָס בילד פון עזשען דעלאַקרואַ, די טעמע, איבער וועלכער זי האָט אין יענער צײַט געאַרבעט: „די שכיטע אַפן אינדזל כיִאָס"."

— וואַלעריע געראַסימאָוונאַ, דערווײַל איז דאָך נאָך מיסטאַמע אפילע קיין טעכנישע באַזע ניטאָ פאַר אײַער אַרבעט, — האָב איך איינמאָל ניט דרייסט אַ פרעג צי אַ זאָג געטאָן.

— דערווײַל האָב איך דאָך זי נאָך ניט אָנגעשריבן, — האָט זי איינפאַך געענטפערט.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט באַם טיש אינעם עס־צימער דער געלער יונג מיט די לאַנגע הענט פון אַ שלעגער געזאָגט צווישן איין כאַפּ מיטן גאָפּל אַ שטיקל פלייש און דעם צווייטן:

— אזש אַפן אינדזל כ׳אָס האָט זי פאַרטראָגן... האָסט געהערט, וועגן וואָס זי שרײַבט? אין שטאַב געזעסן... וואָס קאָן מען פון איר פאַרלאַנגען?

— טאַקע. געפונען אַן אַקטועלע טעמע...

— אַף אייניקע האָט די מילכאָמע אַפּילע מיט אַ פליגל ניט אָ פּאָכע געטאָן. ערודיטן...

## 20. דער „לאַנגער בלײַפעדער"

די באַציִונגען מיט וואַלעריע גראַסימאָוונען האָבן זיך איבערגעריסן מיט דער צעשיידונג. מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, זי — אין דער שטאָט ס. טיילמאָל האָבן מיר זי דערמאָנט מיט וואַרעמקײַט אין אונדזערע רייד, מיר האָבן זיך אָבער ניט איבערגעשריבן, אַפּילע גאָרנישט וועגן איר ניט געוווּסט.

קומט פּלוצלינג אָן פון איר אַ בריוו אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט, אין וועלכן זי לאַדט אײַן שאָלעמען צו מאַכן אַן אויסשטעלונג אין דעם מוזיי, וווּ זי איז אַדהײַעם דירעקטאָר. זי האָט ניט לאַנג צוריק, שרײַבט זי, פאַרבראַכט דרײַ טעג אין מאָסקווע, נאָר אַזוי ווי די צײַט איז באַ איר געווען שטאַרק באַגרענעצט, האָט זי ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט מיט אונדז זיך פאַרבינדן. נאָר אַף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג אין מאַנעזש איז זי געווען און עס זײַנען איר שטאַרק געפעלן געוואָרן שאָלעמס אַרבעטן. מיט דער קולטור־פאַרוואַלטונג באַ איר אין שטאָט האָט זי זיך שוין דערעדט. גייט איצטער בלויז אין שאָלעמס האַסקאָמע.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום איז שאָלעם אַרויסגעפאָרן אַף דער עפענונג פון זײַן פערסאָנעלער אויסשטעלונג אינעם קונסט־מוזיי פון דער שטאָט ס. איך בין געקומען עטוואָס שפּעטער, ווען אין שול האָבן זיך אָנגעהויבן די פרילינג־קאַניקולן. שאָלעמען האָב איך געטראָפן זייער אַ האָפערדיקן, ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק, ווען אַ מענטש פילט באַזונדערס שאַרף אַ צופלוס פון קויכעס. אויב אַפּילע זײַן קאָפּ איז ווײַס, דוכט זיך אים, אַז אַ נײַ לעבן קומט אים אַנטקעגן.

שאָלעם האָט מיך באַגעגנט אַפן וואָקזאַל און באַלד אָנגעזאָגט, אַז אַלץ איז טאַקע גוט, נאָר קעסיידער באַזוכן די אייגענע אויסשטעלונג איז אים שוין דערעסן — „פּונקט ווי כ׳וואָלט גאַנצע טעג געקוקט אַף זיך אַליין אין שפּיגל". שאָלעם האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַרבעט. האָט ער אין איינעם פון די לעצטע טעג פאַרן שליסן די אויסשטעלונג געבעטן וואַלעריע גראַסימאָוונען, זי זאָל אים פּאָזירן פאַר אַ פּאָרטרעט.

געמאָלט האָט שאָלעם וואַלעריע גראַסימאָוונען אינעם זעלבן קלייד, אין וועלכן מיר האָבן זי געזען אין קינסטלער־הויז מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אין דעם זעלבן קלייד, האָט מיר דערציילט שאָלעם, האָט זי געעפנט די אויסשטעלונג. ווײַזט אויס, דאָס קלייד איז ספּעציִעל באַ איר אָפּגעהיט געוואָרן פאַר „פּאַראַדנע טעג". איר געהאַלט אין מוזיי, די לעקציִעס אין שטאָט (מער אומזיסטע, ווי באַצאָלטע), די אַרײַנפיר־אַרטיקעלעך אין די בוקלעטן און קאַטאַלאָגן צו די גאָרניט אַזוי אָפטע אויסשטעלונגען אין מוזיי האָבן אין אַ קנאַפּער מאָס באַזאָרגט די איינזאַמע פרוי מיטן קינד. צו דער צײַט, עמעס, שוין אַ סטודענט.

דער פּאָרטרעט איז געווען אויסגעפּילט מיט אַקוואַרעל־פאַרב, אין אַ וואַרעמער גאַמע. אַוועקגעזעצט האָט שאָלעם זײַן מאָדעל אין דער זעלבער פּאָזע, וואָס זײַן אויג האָט אויפגעכאַפּט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק. זי איז אויך אַפן פּאָרטרעט געזעסן אַ גלײַכע, אַ דינע מיט צונויפגעפלאָכטענע פינגער באַם הויכן האַלדז, די אָרעמס צעשפּרייט איבערן טיש. דער טיש און די צעשפּרייטע איבער אים אָרעמס — די אייגציקע האָריזאָנטאַל אין דער אויסגעשפּראָכן ווערטיקאַלער קאָמפּאָזיציע.

וואַלעריע גראַסימאָוונאַ אַליין האָט זיך זייער פאַרוווּנדערט, ווען שאָלעם האָט איר געזאָגט נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, אַז אַזוי איז זי געזעסן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, דעם 22־טן יוני, בײַס זי האָט גערעדט וועגן דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק פון די מילכאָמע־יאָרן. פּאָזירט האָט זי שאָלעמען צוויי טעג, צו צוויי־שאָ אַ טאָג. און ס׳האָט זיך באַקומען. אַפן פּאָן

פון רויטע ביימער־שטאַמען אַ שלאַנקע פרויען־פיגור אין אַ ליכטיקן קרעמאָווע קלייד. אַ העל־ער בלאָנדער קאָפּ און אַזאַ מין שטרענגקײַט... אָן אָפּשײַן פון סריפּעס אָף איר געשטאַלט. געמאָלט האָט שאָלעם די פרוי אין סאַמע פרילינג. די האַרבסטיק־רויטע שטאַמען זײַנען אויפ־געקומען אין דעם נומער פון דער גאָסטיניצע, שוין אָן דער מאָדעל. ווען שאָלעם האָט איר באַוויזן איר פּאָרטרעט, אַ היפּש געענדערטן פון די שטאַמען אין הינטערגרונט, האָט זי אַרויס־געזאָגט מיטן זעלבן ערנסט, וואָס אויפן בילד, בלויז:

— אָט דאָס איז עס...

דערזען, אַז דער פּאָרטרעט נעמט שטאַרק אויס בײַ דער מאָדעל, און נאָך בײַ אַזאַ מאָ־דעל, וואָס ווייסט ווי צו שאַצן אַ קונסט־ווערק, איז שאָלעם שוין געווען גרייט דעם פּאָרטרעט שענקען. וואַלעריע געראַסימאָוונאַ איז אָבער דערויף ניט אײַנגעגאַנגען.

— ווייסט איר וואָס? — האָט געזאָגט שאָלעם. — מוטשעט זיך מאָרגן נאָך אַ פּאָר שאָ, וועל איך פּרוּוון מאַכן אַ וואַריאַנט.

אָט אָף אַזאַ אופן האָט בײַ וואַלעריע געראַסימאָוונען אין צימער, באַנאַנד מיט עטלעכע רעפּראָדוקציעס (אָף איין וואַנט דעלאַקרואַ, אָף דער צווייטער — באָנאַר), באַוויזן זיך איר אייגענער פּאָרטרעט, געמאָלט פון אַ הײַנטצײַטיקן קינסטלער.

ניט געקוקט דערויף, וואָס שאָלעמען, ווי ער האָט מיר געזאָגט אויפן וואָקזאַל, איז „דערעסן" צו באַזוכן די אויסשטעלונג, פאַרברענגען מיר דאָרט גאַנצע טעג. פונדערווײַטן, דורך דער אַנפילאַדע פון די זאַלן, דערזע איך שאָלעמען אין אַ קרײַז פון מאַטראָסן, גאָר יונגיטשקע. די קײַלעכדיקע היטעלעך מיט די סטענגעס מאַכן זייערע קײַלעכדיקע יינגלשע פּנימער נאָך קײַלעכדיקער. עפּעס דערקלערט זיי שאָלעם. מיר איז טשיקאַווע, וואָס פאַרלאַנגען פון מײַן מאַן די מאַטראָסן. לאָז איך זיך צו אים גיין און דערזע פּלוצלינג אינעם דורכגאַנג צווישן דעם ערשטן און צווייטן זאַל... לינען. לינע איז ספּעציעל געקומען אָף דער אויסשטעלונג. מײַן האַרץ פאַרגייט זיך פון פרייד, ווי כ׳וואָלט מײַן כאַווערטע יאָרן ניט געזען. איך פאַרגעס, אַז ערשט מיט אַכט טעג צוריק האָט זי מיך באַגלייט אויפן וואָקזאַל. שאָלעם האָט זי שוין אויך דערזען, ער גייט צו איר, צעקושט זיך, נעמט אונטערן אָרעם, גרייט צו פירן זי איבער די זאַלן. איך זע, אַז ער איז אויך שטאַרק גערירט פון איר קומען. לינע לאַכט און דרייט זיך אַרויס פון זײַן האַנט.

— איך בין ניט קיין אייפּעלע, כ׳וועל זיך אַליין פאַנאַנדערקלײַבן. דו נעם בײַ מיר בעסער די מאַשינקע.

זע נאָר, לינע האָט גענומען מיט זיך איר שרײַב־מאַשינקע, — פאַרוווּנדער איך זיך. אין דער ערשטער רעגע האָב איך עס ניט באַמערקט.

מיט לינעס אָנקומען איז דער טאָג געוואָרן זייער קאָמפּאַקט. יעדע שאָ האָט באַקומען וואָג, כאָטש עס זײַנען געווען שאָען, ווען מיר, איך מיט שאָלעמען, זײַנען געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט. מיר האָבן נאָר געוואַרט, ביז לינע וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט איר אַרבעט. אַזוי איז געווען די עטלעכע שאָ, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין די אויסשטעלונגס־זאַלן, אַזוי איז געווען אַ היפּשע צײַט, ווען מיר האָבן זי געמוזט איבערלאָזן איינע אַליין אין דעם נומער פון גאָס־טיניצע און דערווײַל ניט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. געפילט זיך דערבײַ שטאַרק באַ־שעפּטיקט, ווײַל אַפילע בײַס דעם וואַרטן אָף לינען זײַנען מיר שוין געווען באַהערשט פון איר טעמפּ. נאָכן באַטראַכטן די אויסשטעלונג האָט לינע געזאָגט צו שאָלעמען:

— מיר האָט געדוכט, איך קען דיך. ווען מע זעט אָבער אײַנס בײַ אײַנס אָף די ווענט, איז גאָר אַנדערש. — און אָן אַן איבערגאַנג: — איך בין הונגעריק, ווי אַ וואָלף. בײַ אײַך אין גאָסטיניצע קען מען עפּעס איבערכאַפּן?

זײַנען מיר אַוועק אין גאָסטיניצע. עפּעס „איבערגעכאַפּט" אין קאַפע, אַרײַן אין נומער. לינע האָט זיך גלײַך אײַנגעגעסן מיטן בליק אינעם קאַרטאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן דיל, צוגעשפּאַרט צו די פיסלעך פון אַ שטול.

— דאָ געמאָלט? אַ שאָד, וואָס דער פּאָרטרעט איז ניט אַרײַן אין דער עקספּאָזיציע, — האָט געזאָגט לינע און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — איצטער גייט זיך דורך אָף דער אויסשטעלונג, אָדער ווּ איר ווילט. איך דאַרף דאָ אַ שאָ צוויי אַרבעטן. האַלב פיר וואַרט איך אָף אײַך. איך פלי הײַנט אַוועק. אַ בילעט אָף צוריק האָב איך.

איר שרײַב־מאַשינקע איז שוין געשטאַנען אויפן טיש. מיר האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוגיין פון דעם נומער, ווי דער פּוטליאַר איז געלעגן אָן אַ זײַט און די קאַרעטקע האָט אַ פיר געטאָן אָף לינקס אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר.

פונקט האַלב פיר האָט אונדז לינע געלייענט די רעצענזיע וועגן דער אויסשטעלונג. דערנאָך האָבן מיר זי באַגלייט אין דער רעדאַקציע פון דער געגנטלעכער צײַטונג. מיר האָבן

זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק אין סקווער, ווו מיר האָבן אָפּגערעדט אַף איר צו וואַרטן. לינע האָט איבערגענומען בא שאָלעמען איר פּאָרטאַטיווע שרײַב־מאַשינקע און מיט אַ באַשעפּטיקטן טראָט געלאָזט זיך צו דער געבײַדע פון דער רעדאַקציע — דעם האַנט־בײַטל אַף אַ רימען איבערן לינקן אַקסל, די שרײַב־מאַשינקע אין דער רעכטער האַנט.

— אַ כאַוווער פון צענטער, — האָט מיט אַ שמייכל אַ ווונק געטאָן אַף איר שאָלעם. — און שוין ערנסט: — ווי גוט, וואָס זי האָט געפונען איר באַרוף.

— דער אומגליק האָט געהאָלפן, — האָב איך באַמערקט, — מילכאָמע...

לינע האָט זיך דערנעענטערט צו אונדזער באַנק מיטן זעלבן באַשעפּטיקטן טראָט, ווי זי איז אַרײַן אין רעדאַקציע.

— איבערמאָרגן, — האָט זי אונדז אָנגעזאָגט.

— עפּשער וועסטו זיך באַקאַנען מיטן דירעקטאָר? — האָב איך ניט דרייסט געפרעגט. זי מוז שוין זײַן אין דער היים. בא איר איז הײַנט אַ ביבליאָטעטשנער טאָג.

— אוואַדע וועל איך... איך דאַרף דאָך וויסן, וועמען איך האָב געלויבט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער אויסשטעלונג.

זײַנען מיר אַוועק צו וואַלעריע געראַסימאָוונען. זי האָט פּונקט געוואַשן דעם דיל אינעם ענגן פּירהויז. זי האָט אַ שאָקל געטאָן צו אונדז מיטן קאָפּ און מיט אַ האַנט אײַנגעלאַדן אין צימער. אַליין האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם נאַסן זאַק־טוך אין עמער און ערגעץ מיט דעם אַרויס.

— נאָך איינער? — האָט זיך פאַרוווּנדערט לינע, גלײַך פּיקסירנדיק מיטן אויג דעם פּאָרטרעט אַף דער וואַנט. — מיר דוכט, ער איז בעסער פון יענעם.

— ווײַל אין אַ ראַם, — האָט אויסגעמורמלט שאָלעם, — דוכט זיך דיר אויס...

— מיר דוכט זיך ניט. איך זע.

עפּעס איז אין איר ענטפער געווען פון דעם צווישן בלוי און ראָז אַרויסגעזאָגטן, ווען מיר און לינען איז געווען יעדערער צו צוועלף יאָר: „דאָס מיינט איר מיך? איך זאָל צו אײַך קומען?"

וואַלעריע געראַסימאָוונאַ איז אַרײַן אין צימער אין דעם זעלבן קווייטלדיקן כאַלאַט, אין וועלכן מיר האָבן זי געטראָפן. בלויז, קענטיק, אײַנגעוואַשן זיך און פאַרגלעט די האָר. דאַן ערשט האָט שאָלעם פאָרגעשטעלט לינען פאַרן דירעקטאָר פון מוזיי. צווישן ביידע פרויען האָט זיך באַלד פאַרבונדן אַ שמועס, כאָטש אַ קורצער, נאָר ווי צווישן גוטע באַקאַנטע. און אינדערעמעסן, לינע האָט נאָך אין 49־טן ניט ווייניק געהערט פון אונדז וועגן וואַלעריע געראַסימאָוונען. איר איז אויך געווען באַוווּסט די פאָרגעשיכטע פון שאָלעמס אויסשטעלונג. וואַלעריע געראַסימאָוונען איז אויך לינע הערצבערגס נאָמען געווען באַקאַנט. פון עטלעכע אַרטיקלען, וואָס איר איז אויסגעקומען צו לייענען.

פון וואַלעריע געראַסימאָוונען זײַנען מיר אַוועק ווידער אין גאָסטיניצע, ווײַל לינע האָט אַרויסגעזאָגט אַ פאַרלאַנג נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אַפן ערשטן פּאָרטרעט. קוקנדיק, האָט זי, ווי איך האָב באַמערקט, אַפילו עפּעס פאַרשריבן. דערנאָך האָבן מיר זי באַגלייט אַפן אַעראָדראָם. שוין שטייענדיק בא דער קאַליטקע, האָט זי אַ פאָכע געטאָן צו אונדז מיט דער האַנט און צוזאָגנדיק אויסגערופן: „אין מאָסקווע וועט אויך זײַן". וואָס האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגן לינע, איז פאַר אונדז געבליבן ניט קלאָר: צי האָט זי געוואָלט אונדז אויפמונטערן מיט דער האָפענונג, אַז אויך אין מאָסקווע וועט זײַן אַן אויסשטעלונג, אָדער זי האָט זיך געקליבן אויך אין אַ מאָסקווער צײַטונג פאַרעפנטלעכן אַ רעצענזיע וועגן דער אויסשטעלונג אין דער שטאָט ס.

אומגעקערט האָבן מיר זיך אין אונדזער נומער אין אַ ווייכן געמיט, נאָר גאַנץ היפּש פאַרמאַטערטע. אַפן שרײַבטיש האָט זיך געוויזן אַ זײַטעלע פּאַפּיר, אַן אַרויסגעריסנס פון אַ נאָטיץ־ביכל. אַפן פּאַפּיר איז מיט לינעס האַנט געווען אויפגעשריבן:

„שאָלעמס דאַנקבאַרער בליק... פון אַ לאַנגן בלײַפעדער געמאַכט אַ גראַציע".

עטוואָס אָפּגערוקט איז געווען צוגעשריבן: „דער בלײַפעדער איז גאָר ניט קיין נאַר. אַף אַזאַ מאַטאָנע אײַנגעגאַנגען"...

צי האָט לינע דאָס זײַטעלע פּאַפּיר פּאַשעט פאַרגעסן אַפן טיש, אָדער זי האָט עס בעקיוון איבערגעלאָזן, קעדיי מיר זאָלן איבערלייענען? שאָלעם שמייכלט:

— לינעס שפּיצלעך... נאָר ווען ניט זי, וואָלט לינע ניט געווען לינע...

— און מיר וואָלטן זי אַזוי ניט ליב געהאַט, — כאַפּ איך אונטער און בייסמײַסע גיט מיר אַ טיאָכקע אין האַרצן, ווי אַ שווער פּאָרגעפיל וואָלט זיך צו מיר פאַרגאַנוועט. פּאָרגעפיל. עפּעס אַזוינס, וואָס קומט פריִער, וואָס זאָגט אָן. נאָר אַלצייִנס, אויב דער פּאָרגעפיל קומט אויף, איז ער דאָך שוין אַ געפיל.

3*

שאַלעם מאכט פון לינעס צעטעלע א קנאַפּן ווענז. זײַן קאָפּ איז פאַרנומען מיט עפּעס אנדערש.

— ווייסט, — זאָגט ער, — איך וואָלט גערן געמאכט נאָך א פּאָרטרעט פון וואַלעריע גערא־סימאָוונען. אין דעם קווייטלדיקן קלייד, אין וועלכן זי האָט אונדז באגעגנט.

— איך האָב אויך באמערקט... זי האָט זייער שיין אויסגעגלײַכט זיך איבערן עמער.

— אויסגעגלײַכט זיך איבערן עמער, אויך מיר א זאך... זי איז דאָך פון דעם מין פּרויען: «Коня на скаку остановит...» און וועט זיך מיט דעם ניט איבערגענעמען, — האָט ער צו־געגעבן פאַרטראַכט.

## 21. געטלעכע קלאַנגען

די יונגע דאָקטערשע איז ארויס פון דער פּאַלאַטע און שטיל געגעבן מיר צו וויסן, אז אויס. שוין. פּונקט ווי איך וואָלט אָן איר דאָס ניט געוווּסט. איך האָב דאָך געזען, אז אַט, באַלד... נאָר ניט געגלייבט. געלאָזט זיך אין אָרדינאַטאָרסקע זי רופן צוהילף. קומט זי ארויס פון דער פּאַלאַטע און זאָגט מיר אָן... און וואָס טו איך דערבײַ? ניט איך וויין, ניט איך שרײַ. איך זאָג גאָר דער דאָקטערשע א דאנק, פּונקט ווי זי וואָלט דאָ מיר אָנגעזאָגט די בעסטע בסורע. איך גיי ווידער ארײַן אין דער פּאַלאַטע, צוליב וואָס, ווייס איך ניט, נאָר, דאכט זיך, אז מע דארף אזוי, איך האָב דאָ עפּעס נייטיקס צו טאָן. גייט מיר נאָך די דאָקטערשע, און אין פּאַ־לאַטע גופא אייסעקט זיך די יונגיטשקע קראַנקן־שוועסטער בא דעם שאַפקעלע לעבן מײַן מאַנס בעט. נעם איך ארויס פון מײַן אוואָסקע א סלאָיִקל עפּל־פּיורע, נו, יע, די דאָקטערשע האָט דאָך מיר ערשט נעכטן געזאָגט, אז מײַן מאַן איז זייער נוצלעך עפּל־פּיורע, האָב איך אָפּגעקאָכט און שטעל זי אוועק אף דעם שאַפקעלע, בא וועלכן עס אייסעקט זיך די שוועסטער, און איר גופא דערלאַנג איך א שאכטל שאָקאָלאַד. דאַפקע דערפאַר, וואָס איך ווייס, אז זי ארבעט שיין און ערלעך, אָן שום מאַטאָנעס, האָב איך גראָד הײַנט איר געבראַכט א מאַטאָנע. האָט זי מיך מאָדנע אָנגעקוקט, און אין נאָז האָט מיר א שלאָג געטאָן דער רייעך פון וואַ־לעריאַן־טראָפּנס. און עפּשער זײַנען דאָס געווען גאָר אנדערע טראָפּנס, איך טרינק פון דער מענזורקע אין איר האַנט, איך טרינק געהאָרכזאַם ביזן דעק. וואָס מע וויל, קאָן מען מיט מיר איצט טאָן. אָט פאַרשטעלן פון מיר צוויי ווײַסע כאַלאַטן מײַן מאַנס פּאָנעם. זיי לאָזן מיך צו אים ניט צו. און איך טו זיי צוליב. איך גיי ניט צו געזעגענען זיך, ווי עס פּירט זיך בא לײַטן. אז איך דארף עס גאָר ניט אזוי נייטיק. וואָס איך וואָלט יאָ געוואָלט, איז עפּשער צו־זעצן זיך אָט דאָ, אין דער פּאַלאַטע, און זיצן לאַנג, ביז פאַרנאכט און עפּשער ביז פאַרטאָג. ווער איך אָבער אזוי דעליקאַט פון איר ארויסבאַגלייטן און איך זע זיך ניט ארום, ווי איך האַלט שוין ווידער מײַן אוואָסקע אין דער האַנט.

באַם זעצן זיך אין אוטאָבוס האַלט מיך עמעצער אונטער באַם אָרעם. מײַן פּאָנעם, ווײַזט אויס, טראָגט שוין אף זיך די שילד פון אומגליק. אפילע א בילעט האָט מיר עמעצער ארײַנ־געלייגט אין קעשענע. און איך, אזא מין באַרדאַס, גיב יענעם עמעצן א פּיאַטאַקל פאַרן בי־לעט. איך הייב זיך אוף פון מײַן אָרט פּונקט צו דער צײַט. דער אוטאָבוס וועט זיך אָט באַלד אָפּשטעלן בא מײַן שטוב. איז וואָס איז שײַעך, איך וויין דאָך ניט און דער קאָפּ איז בא מיר א קלאָרער. מער ניט, וואָס די אוואָסקע האָב איך פאַרגעסן אין וואַגאָן, און עמעצער גיט מיר זי בעכיפּאָזן איבער. ערשט דאַן דערזע איך אין דער אוואָסקע צוויי ריין אויסגעוואַשענע פלעשלעך פון קעפיר, א שאכטל שאָקאָלאַד און א סלאָיִקל עפּל־פּיורע.

איין מענטשן קלינג איך נאָר אָן, א נאָענטן פרײַנט, ער זאָל מער ניט זוכן אין די אַפּ־טייקן קיין לאַזיקס אין אמפּולן. „קיינער דארף עס שוין ניט” — זאָג איך. ערגעץ פון דער ווײַט דערטראָגט זיך צו מיר דער שווערער אָטעם פון דעם, וועמען איך האָב אָנגעקלונגען דעם ערשטן. ער זוכט ווערטער. עפּעס וויל ער מיר זאָגן, נאָר איך לאָז ניט. „קלינגט אָן ליובען” — בעט איך און לייג אוועק דאָס טרײַבל.

וואָס פאַר א יאָמטעוו פראַווע איך עס הײַנט? אליין, אָן שאַלעמען. א פולע שטוב מיט מענטשן בא מיר. און איך, אזא שלעכטע באַלעבאָסטע, ניט איך קום זיי אנטקעגן, ניט איך דריק וועמען די האַנט. איך ליג אינעם אָנטאָן אין בעט מיט פּענכערס הייסע וואַסער בא די הענט און די פיס (ווער האָט עס מיך אזוי ארומגערינגלט?). די געסט מײַנע בייגן זיך אײַן

בעיין ברײַרע צו מיר, אַ ליגנדיקע, און קושן מיך אין שטערן, ווי איך אליין וואָלט שוין געווען אַ באַרמינען.

איך וויין ניט. דער קאָפּ איז מיר קלאָר. איך זע, ווי מײַן טאַטע עפּנט אַ שופלאָד פון מײַן שרײַבטיש, אַ צוּוייטן, זוכט עפּעס דאָרט, געפינט, גיט איבער איר מאַן. ער גייט אַוועק מיט עטלעכע פּאַפּירן אין די הענט. איך פאַרשטיי, ער גייט אַוועק מיסאַסעק זײַן זיך מיט דעם, וואָס מע מוז. אין צווייטן צימער רעדט עמעצער וועגן אַ מודעאָ אין צײַטונג, וועגן אַ נעקראָלאָג. צו מיר האָט עס אַלץ ניט קיין שײַכעס. מענטשן אָבער ווייסן ניט פון דעם. גייען זיי צו צו מײַן בעט און פרעגן אייצעס, אַזוי זאָל מען טאָן, אָדער אַנדערש. איך שאָקל צו יעדערן מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ". איך געטרוי זיי. מיסטאַמע וועלן זיי טאָן אַלץ, ווי סע דאַרף צו זײַן. גוטע מענטשן וועלן פאַר מיר אַלץ טאָן.

אין דעם גרויסן זאַל פונעם קינסטלער־פאַריין קומען מיר אָן די ערשטע, איך און מײַן טאַטע. ניין, ניט די ערשטע. אַ ייִדישער דיכטער שטייט דאָ מיט דער פּלייצע צו אונדז און קוקט אין פּענצטער. דערהערט טריט, קערט ער זיך אויס צו אונדז, וויל צוגיין און האַלט זיך אָפּ. ווײַזט אויס, עפּעס איז אין אונדז דאָ אַזוינס אין דער רעגע, וואָס לאָזט צו אונדז נאָענט ניט צו. איך גיב אַ מאַך צו אים מיטן קאָפּ פונדערווײַטנס און פאַרגעס באַלד וועגן אים. זאָל ער מיר מוחל זײַן, דער דיכטער, וואָס איז געקומען דער ערשטער. ער האָט אַזוי פרײַנטלעך פאַרנייגט פאַר מיר מיט מײַן טאַטער זײַן שיינעם שוואַרצן קאָפּ, וואָס בלויז עטלעכע זילבערנע שנירעלעך האָבן באַוויזן אין אים זיך פאַרגאַנוועגען. דער דיכטער איז אויך איניגיכן אַוועק אַפּן שוועל פון זײַנע פופציק יאָר.

דעם אָרן האָט מען נאָך ניט געבראַכט. און מיר זײַנען אין זאַל נאָר זאַלבעצווייט, איך און מײַן טאַטער. אַזוי דוכט זיך מיר. טאָמער אויסער דעם דיכטער זײַנען שוין געקומען נאָך מענטשן, ווייס איך ניט פון זיי. איך בין אַ טאַם.

— מאַמע, — מונטערט מיך שטיל מײַן טאַטער, — הייב אוף די אויגן...

איך פאָלג. איך הייב אוף די אויגן. איך גיי זיך דורך מיט אַן אייפּערדיקן בליק איבער די ווענט, אַף וועלכע עס זײַנען אויסגעשטעלט עטלעכע בילדער מײַן מאַנס.

ווער איך אַף אַ ווײַלע אויס טאַם. איבערן זאַל שוועבט די נעשאָמע פון מײַן מאַן. ערגעץ פונדערהייך קוקט ער צוזאַמען מיט מיר און מיט אונדזער טאַטער אַף זײַנע בילדער... און איך טרייסט אים אינדערשטיל: „טײַערער מײַנער, קיינער וועט דיך שוין מער קיינמאָל ניט באַוולען".

דער זאַל איז פול. מײַן מאַן איז שוין אויך דאָ. מע האַלט וועגן אים רעדעס. מאָדנע, ער איז דאָך אַזוי ניט געווען, מע זאָל האַלטן וועגן אים רעדעס. אַ געטלעכע מוזיק טראָגט זיך אינדערלופטן, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אַ געשאַפענע. איך זע ניט דעם ראַיאַל, איך זע ניט, וועמעס פינגער עס שוועבן איבער די קלאַווישן.

אַ שטילשווײַגן פאַרן אַרויסטראָגן דעם אָרן. פאַר מיר אַנטשטייט אַן אומגעריכטע זעונג: אַן עלטערע פרוי אין שוואַרצן געקליידט מיט אַ פאַנעם, וואָס טראָגט אַף זיך דעם כויסעם פון אייביקײַט. זי פאַרנייגט זיך פאַר מיר טיף־טיף, ביזן גאַרטל. איך דערקען זי... עס דערגייט צו מיר... די געטלעכע קלאַנגען האָט אַרויסגעבראַכט פונעם ראַיאַל אַליין מאַריע יודינאַ, די גאָניאַלע פּיאַניסטן. און פאַרנייגט האָט זי זיך ניט פאַר מיר, פאַר דער מענטשלעכער פײַן האָט זי זיך פאַרנייגט, פאַרן גוירל פון דעם מענטש, וועלכער קומט אוף אין דער וועלט און פאַרגייט. יודינאַ איז אַזוי גיך פאַרשוואונדן, אַז איך ווייס ניט, מיסטאַמע האָב איך נאָר מיט די אויגן זי באַוויזן צו באַדאַנקען און עפּשער דאָס אויך ניט. דער אוילעם טרעט עטוואָס אָפּ. מיר שטייען שוין באַם אָרן נאָר זאַלבענאַנד, איך און מײַן טאַטער, און גאָר...

זינט דער אויסשטעלונג אין דער שטאָט ס. איז נאָך קיין יאָר ניט אַדורך.

## 22. פיגורן אַף דער שאַך־ברעט

ווען אַ מענטש איז גליקלעך, האָט ער ניט קיין סאָנים. אַזוי, אַלנפאַלס, דאַכט זיך אים, איבערהויפּט, ווען ער אַליין איז לײַטזעליק צו מענטשן. ער איז פאַרטאָן אין זײַן מעלאָכע, ער איז פאַרליבט און ס'איז אים ביכלאַל גוט אַפן האַרצן, איז פאַרוואָס זאָל מען זײַן צו אים שלעכט? גליק איז אַ מאַגניט. ער ציט צו זיך. צו אַ גליקלעכן מענטש קלעפּן מענטשן. ער איז אַרומגערינגלט מיט כאַוויירים, פרײַנט און סטאַם באַקאַנטע. אַלע האָבן אים גערן, איבערהויפּט איז עס שײַעך צו יונגע מענטשן.

בא מיר מיט שאָלעמען איז געווען אָן אָפּענע שטוב. ווי די כורווע, אַזוי דער צו שפּעט דעראָבערטער „פּאַלאַץ״. סאָנים זײַנען געווען בלויז פּרינציפּיעלע. אין דער נאָענטסטער סוויווע — עכטע פֿרײַנט. אין דעם זײַנען מיר געווען זיכער אויך דאַן, ווען די עלטער האָט שוין געקלאַפּט אין טיר.

איך האָב איבערגעלעבט דעם הו־הא אַרום אָן אומגליק, די פּײַערלעכקײַט פון דער צעשיידונג אָף אייביק. דערנאָך איז געקומען שטילקײַט, פּוסטקײַט, איינזאַמקײַט. מײַן ווײַטערדיק לעבן שטעלט זיך מיר פאָר ביז הײַנט־צו־טאָג, ווי אַ מין פאַנטאַסטישע שאָך־ברעט, ווו די פיגורן האַלטן אין איין בײַטן זיך מיט די ערטער. מענטשן, מיט וועלכע איך בין געווען קוים באַקאַנט, זײַנען געוואָרן פרײַנט. ווי ביטער ס׳איז אָבער געווען צו דערקוקנדיקן זיך אין דעם, אַז איך, ווען עס וואָלט געגאַנגען נאָר אין מיר, איז מיילע, נאָר אויך שאָלעם, האָבן סאָנים. און סאָנים ווערן גיכער פון אַלעמען אַלטע פרײַנט, וועלכע ווייסן אַלע אײַערע מײַלעס און כעסרוינעס. און פײַנט האָבן זיי אײַך דאָפּקע פאַר די מײַלעס. וואָס איר זאָלט ניט טאָן און וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, ניט נאָר איצט, נאָר פאַר אַלע פריִערדיקע יאָרן, באַקומט אין זייער אויפפאַסונג אַ פאַרקערטן באַטײַט, פון וועלכן איר האָט ניט קיין אָנונג. איז עס פעלשונג ערשט איצט, אין דער עלטער, אָדער די קערנער פון שלעכטס האָבן אומזעבאַרע שוין פון לאַנג געזיירט אין דעם באָדן? אויב שוין פון לאַנג, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי די אומפרײַנטשאַפט ניט אַרויסגעוויזן פריִער? פריִער וואָלט דאָך מיר געווען גרינגער דאָס איבערצוטראָגן. פריִער בין איך דאָך ניט געווען אַליין. ווי פאַרשטייען עס ניט מענטשן, אַז יעדערן פון זיי איז באַשערט פריִער אָדער שפּעטער צו בלײַבן אַליין? דער סיידער האָוילעם איז דאָך אַזאַ: אָדער איר פעלט זיך אַליין און דאַן ווערט פאַרוואַרטיילט אָף עלנט אײַער סאַמע נאָענטער מענטש, אָדער עס פעלט זיך אײַער סאַמע נאָענטער מענטש און דאַן... און דאַן איז אײַך שלעכט, אוי, ווי שלעכט... אין דער עלטער שטעלט אונדז דאָס לעבן אַרויס מער וועקסלען, ווי אין מעשעך פון דעם גאַנצן לעבן. מיר צעצאָלן זיך פאַר אונדזערע אייגענע גרײַזן און פאַר דעם שלעכטן, וואָס אַנדערע זײַנען קעגן אונדז באַגאַנגען. און דעריקער צעצאָלן מיר זיך פאַרן גליק, אויב מיר האָבן פון דעם גענאָסן. מיט דעם אַליין צעצאָלן מיר זיך, וואָס מיר האָבן עס ניט מער.

איך גיי איבער מאַסלאָוועקע, די ערשטע גאַס אין מאָסקווע, ווו ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן אַ היפּשער וווינונגס־מאַסיוו פאַר קינסטלער. אַזויפיל וווינונגען, אין וועלכע מענטשן האָבן געקענט מײַן מאַן, געקענט מיך. גיי איך אַזוי פאַרטראַכט, און מײַן האַרץ לעכצט נאָך פרײַנטשאַפט. אַ פּאָר גרויסע שיך קומען מיר אָן אַנטקעגן. איך הייב אויף די אויגן — אַ באַקאַנטער מאָלער — אַ מענטש מיט אַ היפּשן מעגושעמדיקן גוף און אַ גוטמוטיק פּאָנעם. אַן אַרײַנגייער אין אונדזער שטוב. שאָלעם האָט אים אַלס מאָלער הויך געשעצט. אַלס מענטש אויך. און געדוכט האָט זיך, אַז די סימפּאַטיע איז אַ קעגנזײַטיקע.

מיר שטעלן זיך אָפּ. מיר שמועסן זיך דורך. ער פרעגט זיך נאָך אָף מײַן געזונט. איך שטרעק אויס אַ האַנט צום געזעגענען און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז ער איז, דאַכט זיך, אַ מיטגליד פון דער אויסשטעלונג־קאָמיסיע. גיב איך אַ פרעג, צי איז שוין באַשטעטיקט דער פּלאַן פון די אויסשטעלונגען אָפן קומענדיקן יאָר. דעם מאָלערס פּאָנעם פאַרענדערט זיך, ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערפילט זיך באַליידיקט. אָט דאָ ערשט באַמערק איך ביכלאַל עפּעס אָן ענדערונג אין זײַן פּאָנעם. אָט אין יענער מינוט, נאָך איידער ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס זאָגן האָט ער ניט געדאַרפט, איז פאַר מיר אויפגעקומען יענע שאָך־ברעט און זײַן פיגור איז באַלד איבערגעשטעלט געוואָרן אין אַ נײַעם קוואַדראַט.

אין קינסטלער־פאַריין זײַנען דאָ אַזויפיל און אַזויפיל מיטגלידער, — האָט מיר אויפגעקלערט דער מאָלער, — און אַלע שטייען אין דער ריי אָף אַן אויסשטעלונג. איז אים קנאַפּ, וואָס ער האָט שאָלעמס ווײַסן אָוועקגעשטעלט אין אַ ריי, ווי נאָך הערינג, גיט ער צו אַלץ מיטן זעלבן אויסדרוק פון פּאָנעם, ווי איך וואָלט אים באַליידיקט:

— איך קלײַב זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דער אויסשטעלונג־קאָמיסיע, אַז מע לאָזט שוין אַ גאַס ניט דורכגיין.

ווי מיט וואַר האָט אין יענעם פראָסטיקן טאָג מיר אָפּגעבריט דעם נאַקן הינטערן אויפגעשטעלטן קאָלנער. געטראַכט האָב איך וועגן גאָרניט. געגאַנגען בין איך אין ערגעץ ניט. מיט אַ טעמפּקײַט אין קאָפּ און מיט אַ געפיל, אַז וווהין איך זאָל ניט גיין, וועל איך קיינעם ניט טרעפן, אַ פּוסטע וועלט אַרום מיר, האָב איך זיך אומגעקערט אין מײַן פּוסטער היים. אין מיטן העלן טאָג האָב איך אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין שטוב. אָט אַזוי, מיסטאָמע פון געוווינהײַט. ווען צו אונדז פלעגן קומען געסט, פלעגט מען שטענדיק פאַרווונדערן זיך פון דער ליכטיקײַט אין שטוב, אַזוי האָבן מיר ליב געהאַט. צו וואָס אָבער האָבן מיר געטויגנט די לאָמפּן

איצט? אין די פענצטער, גרויסע מאָדערנע פענצטער, ניט קיין פענצטער, נאָר גלעזערנע ווענט, האָט געשלאָגן די טאָג־שײַן. אַזויאַרום האָט די ליכט פון מײַנע לאָמפּן אויסגעזען מאַט — פאַרטונקלט, טויט.

אויסלעשן די לאָמפּן איז מיר ניט אײַנגעפאַלן. עפשער וואָלט איך זיי פונדעסטוועגן אויסגעלאָשן, דאַרף מען צוליב דעם מאַכן עטלעכע טריט איבערן צימער. דעם ווינטער־מאַנטל און די פוטערנע הוט וואָלט איך געוויס געמעגט אויסטאָן פון זיך, נאָר דאָס פּאָדערט שוין גאָר אײַזערנע קויכעס. האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ שטול אין סאַמע מיטן צימער און בין געזעסן. אַ שטילע פּוסטקײַט האָט מיך אַרומגערינגלט, ווי אויסער מיר וואָלט גאָר קיין לעבן אַף דער ערד ניט געווען. פּוסטקײַט אַרום און אַ פּוסטקײַט אין מיר. אַזאַ מין שוואַכקײַט איז מיך באַפאַלן. איך בין שוין ניט איך. אָט פון דער מינוט אָן, ווי איך האָב יענעם, דעם „גוטמוטיקן“, ניט געלאָזט דורכגיין די גאַס, בין איך געוואָרן אויס איך, אַ בעטערן בין איך געוואָרן, אַ בעטלערקע מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, און ניט פּאָשעט אַ בעטלערקע, נאָר אַ בעטלערקע — אַ כצופּע, וואָס כאַפּט מענטשן באַ די פּאָלעס, לאָזט אַ גאַס ניט דורכגיין. עס ווערט מיר הייס. וואַרף איך אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל און די הוט און לייג זיך צו אַף מײַן געלעגער מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. איך ווייס שוין פאָרויס, אַז אָדער איך וועל אַזוי ליגן, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, אָפּליגן עפשער אַ שאָ, עפשער צוויי און עפשער דרײַ, כאַפּנדיק אַפילע פון צײַט צו צײַט אַ דרעמל. עס קען אָבער אויך געמאָלט זײַן, אַז איך וועל ווײנען. און אויב איך וועל וויינען, וועל איך זיך שוין ניט קענען אָפּשטעלן. איך וועל וויינען, ביז מײַן קאָפּ וועט צעשפּאָלטן ווערן פון ווייטעק, ביז עס וועלן באַ מיר נעמען גליווערן די הענט און די פיס. פּלוצלינג דערפיל איך אַ שמייכל אַף די ליפּן. אַ שמייכל, וועלכער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. ער איז פאַרלאָפן דעם וועג דער סיבע, וואָס האָט אים געבראַכט אַף דער וועלט און באַזעצט אַף מײַנע ליפּן. אַזאַ מין נאַרישקײַט... איך האָב זיך געכאַפּט, פונוואַנען איז געקומען די ענדערונג אין דעם גוטמוטיקנס פּאָנעם — ער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צײַן. פריִער האָבן די אייבערשטע צײַן, גרויסע, פאַרגעלטע, געשפאַרט פאָרויס, האָט די אונטערגעהויבענע אייבערשטע ליפּ צוגעגעבן דעם פּאָנעם אַ גוטמוטיקן אויסדרוק. איצט זײַנען באַ אים די ליפּן געשלאָסן און פאַרמאָגן אַ גוטע פאָרם. די געראָטענע אַרבעט פון דעם פּראָטעזיסט האָט אומגעקערט דעם פּאָנעם דעם פאַר אים אייגנטימלעכן אויסדרוק, איז די גוטמוטיקײַט פאַרשוווּנדן.

איך האַלט שוין באַלד באַ פאַרגעסן די הײַנטיקע באַגעגעניש. אײַנגאַנצן אָבער פאַרגעסן איז שווער. די ביטערניש ליגט אָפּן גומען. גיב איך אַ טראַכט... איך ווייס גאָר ניט, צי קען מען זאָגן, אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן. וויפל אַן ערעך קאָן געדויערן באַ אַ מענטשן אַרויסברענגען אין געדאַנק, נו, פינקטלעך אַכט ווערטער — אַ רעגע, צוויי, גאַנצע אַכט רעגעס? אַפילע ניט אַרויסברענגען, זיי זאָלן נאָר דורכשווּעבן אין געדאַנק. איז אָט, אַזעלכע האָבן זיי באַ מיר דורכגעשוועבט: „זײַן ווײַב איז נאָך דערווײַל ניט קיין אַלמאָנע“...

פון וועלכן פינצטערן קוואַל האָבן זיי אין מיר אַ זעץ געטאָן, די ווערטער? דער ביזאָיען פּאַטשט מיך איבער די באַקן. זיי ווערן אַזש פײַערדיק־רויט פון די פּעטש. עס קומען אויף אין זיקאָרן די

## 23. דרײַ שיינע מעכאַשייפעם

פון דעם סאַמע ברעג טײַך לויף איך נאָך די עטלעכע ייִדן, וועלכע טראָגן אַף די הענט עפּעס לאַנגס און אויסגעצויגנס. אַ ווײַסן אומגליק טראָגן זיי. זיי ברענגען אים אַרײַן אין דער שטוב מיטן באַגלאָזטן גאַנעק פון פאָרנט. די שטוב איז מיר באַקאַנט. דאָ ניט לאַנג, ס'איז געווען פאַרן קריסטלעכן פּייסעך, האָב איך מיט שטילער אַנציקונג געקוקט אַף די „פּאַניענקעס“ אין די שטרויענע היט, וועלכע האָבן, אונטערהייבנדיק מיט דער רעכטער האַנט זייערע לאַנגע קליידער, געשטעלט געהיטע טריט אַף די טרעפּ פונעם באַגלאָזטן גאַנעק. און יעדעס מאָל פלעגן אַרויס זיי אַנטקעגן די דרײַ שוועסטער—יעסוימעס. צוויי פון זיי, האָב איך געוווּסט, זײַנען נייטערנס, די דריטע — אַ מאָדיסטקע. געווען איז אין שטוב אויך אַ ברודער, אַ בלאַסער באָכער מיט לאַנגע האָר און אַ געגאָלטן פּאָנעם, ווי באַ דעם קסיאָנדז פון קאָסטיאָל. אָט טאָר

קע אדאנק דעם דאָזיקן ברודער האָבן אלע געהאט אָפשיי פאר זײַנע שוועסטער, וועלכע האלטן אים אויס, קעדיי ער זאָל אָנקומען זיך לערנען אף א דאָקטער.

ניט געקוקט דערוף, וואָס איך בין דעם גאנצן וועג נאָכגעלאָפן נאָך יענע עטלעכע ייִדן און, ווען געקומען, איז אין געצײילטע רעגעס אין הויף געוואָרן ענג פון דעם געדיכטן ווײַבערשן יאָמער, האָב איך דאָך ניט געוווּסט אף קלאָר, אז דאָס ווײַסע, וואָס די ייִדן האָבן ארײַנגע־טראָגן אין דער טיר פון דעם באגלאָזטן גאנעק, איז יענער באָכער, וועלכער האָט געזאָלט לערנען זיך אף דאָקטער. ערשט אף מאָרגן, ווען איך האָב ווידער דערזען עפּעס לאנגס און אויסגעצויגנס, אײַנגעוויקלט שויך ניט אין א ווײַסן לײַלעך, נאָר באדעקט מיט א שווארצן, האָט אף מיר צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, וואָס האָט דעמלט אָנגעצײילט אוועלכע־ניט־איז פינף אָדער זעקס יאָר, א ווייע געטאָן מיטן רייעך פון אומגליק. גלײַך נאָכן אָרן האָבן פון דער צעעפנטער טיר ארויסגעריסן זיך אין הויף דעם דערטרונקענעמס שוועסטער, אין וועלכע כ'האָב ניט דערקענט יענע ווילע מיידלעך, וואָס פלעגן זיך אמאָל ארײַנכאפּן צו מײַן מאמען עפּעס לײַען, אָדער גלאט אזוי זיך אויסריידן דאָס הארץ, דערציילן א נײַעם נעס וועגן זייער געבילדעטן ברודער.

— פארוואָס קומט עס אונדז? — האָבן זיי געשרײַען, איבערשרײַענדיק מיט די קוילעס איינע די אנדערע, און דער גוואלדריס פון פאָרנט אף זייערע קליידער האָט מיט זיי מיטגעשרײַען: — מיט וואָס האָבן מיר זיך פארזינדיקט פאר גאָט? פארוואָס איז נאָר אין אונדזער גאָרטן אײַנ־געבראָכן געוואָרן אזא מעכטיקער בוים?

ווּוקסיקע, פולברוסטיקע, צעפּאטלטע, האָבן אלע דרײַ מיט ווילד צעברענטע אויגן אף די רויטע, ווי פון פראָסט געכאפּטע פּענעמער, דראָענדיק אויסגעשטרעקט די הענט צו די פאר־ווייַנטע ווײַבער און אויסגעבלייכטע מאנצבלען, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאמלט אין הויף:

— קנאָפּ מענטשן אין שטאָט? ניט קיין יעסוימים? פארוואָס פעלט זיך בא זיי ניט קיינער? די גאנצע טויכעכע האָט זיך אף אונדז אויסגעגאָסן.

איך בין אנטלאָפן אהיים. שפּעטער זײַנען געקומען דער טאַטע מיט דער מאַמען. שוויַיגדיק האָבן זיי אויפגעגעסן איינער דעם אנדערן אף די הענט וואַסער פון דעם עמער אפן בענקל אין קיך. שוויַיגנדיק האָבן מיר זיך געזעצט עסן וואַרמעס. נאָכן עסן האָט די מאַמע מיך געשיקט אין הויף שפּילן זיך, נאָר איך האָב זיך ניט גערירט פון אָרט. האָט די מאַמע געזאָגט:

— א ראַכמאָנעס, אוואַדע א ראַכמאָנעס...

אָט דאַן האָב איך זיך צעוויינט. נאָר ניט פון ראַכמאָנעס. וועגן יענעם, אונטער דעם שוואַרצן צודעק האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן. פון אים איז פאַרבליבן אין מיר נאָר אַן אומקלאָרער פּאַכעד. געוויינט האָב איך פון פאַרדראָס אף די דרײַ ווילע מיידלעך, וואָס פאַר מיר אין די אויגן זײַנען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעכאַשייפעס. אָט אַזעלכע האָבן זיי זיך מיר פאַרגעדענקט אפן גאַנצן לעבן — דרײַ שיינע מעכאַשייפעס מיט ווילד צעבערענטע אויגן און דראָענדיקע הענט. געוויינט האָב איך אויך פון פאַרדראָס אף מײַן אייגענער מאַמען, וועלכע האָט מיך ניט פאַרשטאַנען.

— נו, נו, — האָט מיך אײַנגעשטילט די מאַמע און א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

א באַרויגעזע האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער איר האַנט און שלוכצנדיק אַרײַנגעלייגט אין איין פראַגע אַלע מײַנע פאַרדראָסן:

— פאַרוואָס זײַנט איר פון דאָרטן ניט אַוועק?

— אָט א שלעכטס... — האָט זיך אַזש פאַרוואונדערט די מאַמע.

איך האָב זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. און פּלוצלינג דער טאַטע:

— מע דאַרף אף זיי ניט פאַריבל האָבן, מײַן קינד. זעסט דאָך, קיינער איז ניט אַוועק.

מיט יאָרן שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען דאָס פּראָנצויזישע ווערטל: „פאַרשטיין הייסט מויכל זײַן”... און ביז איצט קען איך זיך ניט אָפּגעבן קיין כעזשבן אין דעם, ווען פאַרשטאַנד איז געווען פון א העכערער מאַדרייגע אין יענעם טרויעריקן טאָג — דער מאַמעס, וואָס האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט אין דעם צאַר פון די אומגליקלעכע מיידלעך, אַז זי האָט ניט באַמערקט די מעכאַשייפעס, וואָס אין זיי, צי דעם טאַטנס, וועמען ס׳איז געראָטן צו פאַרשטיין די ביטערע איבעראַשונג פון א קינד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אַנטדעקט, אַז פאַר מיטגעפיל קען מען צאָלן מיט קלאָלעס.

פאַרשטיין איז עפּשער שווערער, ווי מויכל זײַן, קעדיי צו פאַרשטיין יענעם, מוז מען כאָטש אף א ווײַלע זיך אויסטאָן פון זיך. מע מוז שטעלן זיך אף יענעמס אָרט.

אַנומלטן האָב איך צופעליק געטראָפן דעם מאָלער, פון וועלכן איך האָב אין איינעם א טאָג געפילט זיך אַזוי באַאוולט. טאַקע אף דער זעלבער מאָסלאָווקע האָבן מיר זיך געטראָפן פּאָנעם־על־פּאָנעם. ער האָט זיך דער ערשטער אָפּגעשטעלט. נאָר אין זײַן שטיין בלײַבן איז געווען אַזאַ אומזיכערקײַט, אַז איך האָב באַלד דערקענט: יאָ, ער געדענקט... איך האָב מיט גרייטקײַט דערלאַנגט אים א האַנט. פאַר די עטלעכע מינוט, וואָס מיר האָבן געשמועסט, האָט זײַן פּאָנעם באַקומען דעם גוטמוטיקן אויסדרוק פון אַמאָל, פּונקט ווי ס׳וואָלטן בא אים אײַבראָנײַס אויסגעוואַקסן די היפּשע געלבלעכע ציין אונטער דער אייבערשטער ליפּ.

מיר געזעגענען זיך. ער פאַרקערעוועט צו זײַן אַטעליע, איך — צו דער מעטראָ. מיך מאַטערט די פראַגע, וואָס זשע איז עס דאַן געווען? קינע צום פאַרשטאָרבענעם, ווײַל אַליין באַוולט? אין זײַן באַגאַבטקײַט איז שווער געווען צו צווייפלען, נאָר קיין פּערסאָנעלע אויסשטעלונג האָט ער צו זײַנע זעכציק יאָר נאָך אויך ניט געהאַט. עס זײַנען אים קעסיידער פאַרלאָפן דעם וועג פיל ווייניקער באַגאַבטע, און יעדן אופטו זייערן האָבן באַגלייט אַלץ נײַע באַלוינונגען און אויסצייכענונגען, און ער איז אַלץ געשטאַנען אין דער ריי... איז ער עפּשער בייס אונדזער דעמלטיקער באַגעגעניש גאָר געווען פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן דעם דאָזיקן פענאָמען אין זײַן ביִאָגראַפיע, און דאָ קום איך אָן קעמוי ווי מיט א טײַנע צו אים... און עפּשער איז בא אים אַזאַ מידע — ניט באַלעסטיקן זיך מיט קיין שום זאָרגן, ווען ער דערלויבט זיך איינמאָל אין א שמיטע דורכגיין איבער דער גאַס. און עפּשער איז אין טאָך פון זײַן דעמלטיקן שאַרפן ענטפער געלעגן פאַנאַטיש אָרנטלעכע גראָדליניקײַט — האָב געדולד, הייסט עס, צו וואַרטן אף דעם, וואָס דיר קומט. און עפּשער בין איך גאָר אַליין שולדיק אין אַלעמען, איך האָב אָנגענומען א מענטשן ניט פאַר אַזאַ, ווי ער איז. ניט נאָר מײַן עלטער, נאָר אפילע די איינע דערפאַרונג פון מײַן אַרבעט אין שול האָט מיך געמעגט אויסלערנען, אַז מע טאָר קיינמאָל ניט פאָדערן פון א מענטשן מער, ווי ער קען. און עפּשער... דער דאָזיקער „עפּשער” איז מיר געקומען אפן זינען דער לעצטער. עפּשער געהערט ער צו דעם מין, צווישן מאַנצבלען באַגעגנט זיך דער דאָזיקער מין ניט זעלטן, וואָס פאַרלײַדט ניט דעם רייעך פון אומגליק. אַזעלכע ראַטעווען זיך פון אים, ווי זיי קענען.

# 24. דאָס טעלערל אַף דער וואַנט

איינע אַ שילערן האָט מיר אַפן ליטעראַרישן קרײַז פאַרגעבן אַ פראַגע:

— פאַרוואָס האָט לעוו טאָלסטאָי צוגעשאַנקען וראָנסקין ציינווייטעק? ס'איז אים קנאַפּ געווען דער אומגליק מיט אַנען?

די פראַגע פון מײַן שילערן איז ניט נאָר אַ פראַגע, נאָר אויך אַ טײַנע. שיר ניט אין שאָדנפרייד איז זי כוישעד דעם מעכאַבער פון „אַנאַ קאַרענינאַ".

טאַקע פאַרוואָס? „צו דעם בלאָטער אַ מאַקע" — זאָגט מיר אונטער אַ ווערטל מײַן מאַמע־לאָשן, וואָס לעבט אין מיר און איז פרעמד מײַנע שילער.

...איך בין געווען נאָך אַ יונגע פרוי און געזונט, דאַכט זיך, אַף אַלע אייוורים. זעצן זיך מיטאַמאָל אַף מיר אָן מוירעדיקע קאָפווייטעקן. היילן זיך האָב איך פון שטענדיק אָן ניט ליב. מײַן טאָכטער שפּאַסט איבער מיר ביז איצט. פון דער גאַנצער פאַרצווײַגטער הײַנטצײַטיקער מעדיצין, זאָגט זי, האַלט איך נאָר פון דער „גיכער הילף". נאָך עטלעכע יאָר פון קריכן אַף די ווענט פון ווייטעק, ווענדע איך זיך ענדלעך צו מײַן ראַיאָנעם דאָקטער. ניט קיין יונגע, אַ זייער דערפאַרענע דאָקטערשע און דערפאַר טאַקע עפּשער אַ וואָכעדיק־סקעפּטישע, זאָגט זי מיר, ניט לאַנג טראַכטנדיק:

— אַ מיגרען. ווי'אַזוי צו היילן אַ מיגרען, ווייסן מיר ניט. איר וועט עלטער ווערן, וועט זי אַליין דורכגיין.

אָן שום פראָשקעס און קיין שום מיקסטורן. האָב איך פאָרגעזעצט צו שלינגען מײַן פּיראַמידאָן, געלייגט אָנגעריבענעם רעטעך צום שטערן (דעם רעצעפּט האָב איך איבערגענומען בײַ מײַן מאַמען, וואָס האָט אויך געליטן פון אַ מיגרען), אַפילע טיילמאָל געלייגט אַפן קאָפּ פּענכערס מיט הייס וואַסער. פון דעם, האָב איך געהערט, ווערן פאַרברייטערט די בלוטגעפעסן. צו די אַלע סגולעס בין איך ביסלעכווײַז צוגעוווינט געוואָרן, ווי צום רייניקן די ציין יעדן פרימאָרגן, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרלאָרן די פּולע.

איך האָב געהאַט אַ שכיינע, וואָס ס'איז גענוג געווען צו זאָגן, אַז בײַ אײַך איז אַ קאַטער, זי זאָל גלײַך כאַפּן אַ גאַנצע לונגען־אָנצינדונג. איז קיין וווּנדער ניט, וואָס זי איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע מאָסקווער מעדיצינישע באַרימטהײַטן, האָב איך זיך געלאָזט פון איר אײַנריידן גיין צו אַ דאָקטער, וואָס אַף דעם שילדל בײַ זײַן טיר איז געווען אויפגעשריבן: „גריגאָרי בענעדיקטאָוויטש דאָבזשינסקי, אָן אַלטיטשקער, זייער אַ דעליקאַטער, ווײַזט אויס, אָן אָפּשטאַמיקער פונעם אַדל־שטאַנד, האָט ער מיך לאַנג אויסגעהערט אין טרײַבל, אַרומגעטאַפּט מיט די פינגער און געזאָגט:

— איר לײַדט אַף אַ מיגרען.

אין אונטערשייד צו דער ראַיאָנער דאָקטערשע, האָט ער מיר צוגעשריבן פּילן און פּראָשקעס און געבעטן אַרײַנקומען אין אַ כוידעש אַרום. אַרויסבאַגלייטנדיק מיך פון זײַן קאַבינעט, האָט ער נאָך היפּש גערעדט און דערקלערט. וואָס — געדענק איך ניט. ווײַל אין די רעגעס האָט מיך מער פון אַלץ געמאַטערט דער געדאַנק, ווו זאָל איך אוועקלייגן דעם צוגעגרייטן קאָנווערט? — גיין צו אַ דאָקטער אַהיים ניט אין פּאָליקליניק זײַנען מיר דאַן ניט געווען געווינט. — אַף דער טומבאָטשקע אין פּאָדער־צימער, אָדער אַפן שרײַבטיש? און צי איז גענוג דאָס, וואָס אין קאָנווערט? דערצו איז עס נאָך געווען ווינטער־צײַט. אַ נאָרקאָווער אָדער אַ סויבל־פוטער איז געווען ניט פאַר מײַן מאָס געדאַכט. וואָלט כאָטש מײַן אויבער־בעגעד געווען אונטערגעבעט מיט וואַטין, איז וואַטע אָבער ביליקער און ס'איז גרינגער צו קריגן אויך. טראָג איך אַף זיך אַזאַ מאַסע, אַז בײַ דער מינדסטער אָדליגע גיי איך אָפּ מיט שוויס, ס'איז מיר קנאַפּ איין הויט, וואָס ווײַנט, ווי אַ ביבער, קלעפּט זיך צו מיר דאָס וועש, ווי אַ צווייטע.

די געדולדיקײַט, וואָס דער אַלטיטשקער דאָקטער ווײַזט אַרויס צו מײַן בעגעד, וועלכן ער האַלט פאַר מיר אויסגעשפּרייט, לאָזט שוין ניט איבער קיין מינדסטן סאָפעק אין זײַן אָנגעהעריקײַט צום אַדל־שטאַנד. איך אײַל זיך וואָס גיכער צו באַפרײַען אים פון דער מאַסע, און אַזוינוי פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס, טרעף איך מיט ביידע הענט אין איין אַרבל. בעקיצער, דעם וויזיט צו גריגאָרי בענעדיקטאָוויטשן בין איך קוים איבערגעקומען און דערנאָך ערשט געכאַפּט אַ פּאָטשאַטעק פון מײַן שכיינע. ניט איבער דער וואָג פון מײַן מאַנטל, נאָר איבער דעם ווערט פון דעם פּאַפּירל אין מײַן קאָנווערט.

— אַז ער איז גאָר צו אַזוינס ניט געווינט, — האָט זי מיט מיר אײַנגעטײַנעט. — ער איז טאַקע אַ גרויסער דאָקטער, נאָר קיין גרויסן וועזן פון זיך מאַכט ער ניט. אין די הויכע פענצ־

טער קריכט ער ניט. פאַר אים איז געגנוג זײַן אוסאַטשאָווקע. און אַ טשודאַטשעסטווע האָט ער נאָך אַזאַ: בײַ פּאָליאַקן און בײַ סטאָליערס נעמט ער ניט קיין געצאָלטס, ווײַל זײַן טאַטע, זאָגט ער, איז געווען אַ פּאָליאַק און אַ סטאָליער, און באַלד ער האָט אײַך געבעטן אַרײַנקומען נאָכאַמאָל, זאָלט איר זיך אַפילע ניט דערוועגן ברענגען אים אַ קאָנוועט.

אַרײַנקומען אַ צווייטן מאָל צו גריגאָרי בענעדיקטאָוויטשן איז מיר ניט געווען באַשערט, ווײַל אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט גאַנץ אוסאַטשאָווקע, ווי ס'האָט מיר דערציילט מײַן שכיינע, באַגלייט אים אין זײַן אייביקער רו.

דער דריטער דאָקטער, צו וועלכן איך בין געגאַנגען, איז געווען ניט קיין טעראַפּעווט, נאָר אַ נעוראָפּאַטאָלאָג. שאָלעם האָט זיך געוווּנדערט, וויִאַזוי איז עס אונדז פריִער ניט אײַנגעפאַלן, אַז אַ נעוראָפּאַטאָלאָג איז פּונקט דאָס, וואָס איך דאַרף. דערצו נאָך איז געווען אַ מיצווע צו מאַכן אָן אָנהייב אין דער פּאָליקליניק פאַר געלערנטע, צו וועלכע מע האָט אומגעריכט צוגעפּעסטיקט שאָלעמען און פאַרייַנס אויך מיך און ליובינקען. לאָז איך זיך פאָרן אַף דעם אַלטן מאָסקווער גאַגאַרין־געסל, ווו ס'געפינט זיך די פּאָליקליניק. צו דעם קאָסמאָנאַווט יורי גאַגאַרין האָט דאָס דאָזיקע געסל קיין שום שײַכעס ניט געהאַט. ער אַליין איז נאָך דאַן אַף דער וועלט ניט געווען. דער קאָסמאָס איז יאָ געווען. מיר האָבן אַפילע געוווּסט, אַז מיר זײַנען אַלע אַ טייל פון אים. אָבער אַרומפליִען, ווי אַ מאַלעך, אָדער אַ דעמאָן אינעם קאָסמאָס — וועגן דעם האָבן געקענט פאַרטראַכטן זיך בלויז גאָר גרויסע געלערנטע, אי דאָס ביז אַ צײַט פאַרן מויל ניט ברענגען.

אין דער פּאָליקליניק אַף דעם גאַגאַרין־געסל האָט מיך אויפגענומען אַ נעוראָפּאַטאָלאָג — אַ יונגערמאַן מיט זייער אַ שיינעם, גוט אויסגעבונדענעם שניפּס הינטערן קאָלנער פון אַ שניי־ווײַס העמד. דאָס אייבערשטע קנעפּל פונעם כאַלאַט איז געווען ניט פאַרשפּיליעט, אַזוי אַז פאַר יעדערנס אויג איז געווען צוטריטלעך סײַ דער שניפּס, סײַ דאָס קעלנערל פונעם העמד. דער יונגערמאַן אַליין וואָלט אויך געווען אַ שיינער, ווען ער פאַרנעמט ניט אַזויפיל אָרט אין דער ברייט.

דער ברייטער נעוראָפּאַטאָלאָג האָט געפירט מיט זײַן ווײַז־פינגער פאַרבײַ מײַן נאָז, געקלאַפּט מיט זײַן העמערל איבער מײַן קני (פּונקט ווי עס ווערט געטאָן ביז הײַנט־צו־טאָג) און דערנאָך אַרויסגעטראָגן זײַן פּסאַק־דין, אין וועלכן ס'איז געווען אויך אַ שטיקעלע טרייסט:

«Мигрень — это не болезнь, а страдание».

דאָס הייסט, אַ צאָרע איז עס טאַקע, נאָר אַזאַ, מיט וועלכער מע קען אויסקומען. אַף יענער־וועלט, די שאָ זאָל ניט זײַן, וועל איך אַוועקגיין איבער אַן אַנדער סיבע — די זאַך אָבער גייט אין דעם, — האָט צוגעגעבן דער דאָקטער, — וואָס בײַ אים איז ניטאָ אַזאַ זיכערקײַט, ווי בײַ זײַנע קאָלעגן, אַז בײַ מיר איז אַ מיגרען.

— אָט וועל איך אײַך געבן אַ צעטל אין דעם אינסטיטוט פון נייראָכירורגיע. וועלן מיר דאַן זען. עפּשער איז בײַ אײַך גאָר אַ געשווילעכץ אין מאַרך.

אין דער היים שטעלט אַף מיר שאָלעם אָן זײַן בליק, וואָס דאַרף הייסן: — „נו?” זאָג איך אים: «Мигрень — это не болезнь, а страдание» און זינג פאַר אים אויס:

פון מײַן סטראַדאַניע ווײ־ײ־ייסט ניט קיינער,
פון מײַן סטראַדאַניע ווייסט נאָר גאָט אַליין...

די „סטראַדאַניע” האָב איך אויסגעזונגען פאַר שאָלעמען מיט אַ פולן מויל געלעכטער. איך בין דאַן געווען אַ מוירעדיקע לאַכערקע. אַגעוו, איז אַפילע איצט, אויב עס מאַכט זיך, אַז איך לאַך, איז מיר שוין שווער אָפּצושטעלן זיך. אַז איך וויין, איז אויך אַזוי. איך בין אַזאַ, ווי מײַן מאַמע, ווי מײַן באָבע — איינע פון ז'עם ווײַבלעכן מין. איז מיר שלעכט, וויין איך (לעצטנס האָב איך זיך דערקונדיקט, אַז ווען מיר איז שלעכט אַזוי, וואָס ערגער קאָן גאָרנישט ניט זײַן, דאַן דאַפקע וויין איך ניט), ווען מיר איז גוט, לאַך איך. אַזוי ווי איך בין געווען אין יאָרן שוין עפּשער גאָר ניט אַזוי יונג, נאָר איך האָב ליב געהאַט און געווען געליבט, בין איך געווען יונג און ניט געגלייבט, אַז מיט מיר קאָן געשען עפּעס שלעכטס, האָב איך זיך אַזש פאַרקאַטשעט אין אַ געלעכטער, דערציילנדיק שאָלעמען וועגן דעם ברייטן נעוראָפּאַטאָלאָג. און ווי איך לאַך אַזוי, האָט בײַ מיר פלוצלינג אָנגעהויבן וויי טאָן דער קאָפּ. עס זײַנען געווען מינוטן, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קען אָנווײַזן פּינקטלעך מיטן פינגער דאָס אָרט, ווו עס זיצט אין מײַן קאָפּ די געשווילעכץ. געווען איז עס אין דעם הייסן

כוידעש יון, און דער קאָפּוויטעק האָט מיך געמאַטערט קימאַט צוויי מעסלעס — פון דעם 20־טן ביזן 22־טן.

די געשיכטע פון מײַן קאָפּוויטעק און וויאַזוי איך בין אין איין רעגע פון אים אויסגעהײלט געוואָרן, דערצייל איך מײַנע שילער, געווײנלעך, בעקיצער. איין זאַך נאָר דאַרף איך פאַר זיי אויסלייגן פּינקטלעך און אַפילע באַזונדערס באַטאָנען.

— אָט אַזוי, — זאָג איך, — דער קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן פּונקט ביז דער מינוט פון דעם 22־טן יון 1941, ווען דאָס באַשיידענע טעלערל אויף דער וואַנט האָט אָנגעזאָגט...

— די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, — כאַפּט אונטער די שילערן, וואָס האָט מיר פאַרגעבן די פראַגע וועגן וואָראָנסקין.

— יאָ, — מײַן פרײַנט, — ענטפער איך, — פון יענעם פרימאָרגן אָן האָב איך מײַן מיגרען פאַרגעסן. — פאַר זיך גיב איך עטוואָס פאַרלאָרן א טראַכט: „וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס, אייגנטלעך, צו וואָראָנסקין?"

— סובלימאַציע... די שטאַרקערע דאָמינאַנטע האָט אַרויסגעשטויסן די פריערדיקע, — פּרוווט אונטערפירן א וויסנשאַפטלעכע באַזע אונטער מײַן קאָפּוויטעק א באָכערל, וואָס שוין פון דעם 7־טן קלאַס האָט ער געצילט אין אוניווערסיטעט. זײַן לײַדנשאַפט איז פּסיכאָלאָגיע.

— בא ראַכיל באָריסאָווגע איז דאָך פּונקט פאַרקערט ווי בא וואָראָנסקין, — טראַכט אויף א קאָל א צווייט באָכערל. — א צאָן האָט אים וויי געטאָן. און דאָ... מילכאָמע.

אויפן קרײַז אַנטשטייט א געפּעכט:

— און וואָס האָט געזאָגט וואָראָנסקיס מוטער? „דאָס האָט גאָט אונדז געהאָלפן — די מילכאָמע אין סערביע".

— די גרעפן איז געווען אָן אַלטע נאַרישע גאַנדז, האָט זי געזאָגט...

איך הער זיך צו צו דער אַמפּערײַ פון מײַנע שילער. איך האָב עס ליב. ביז א צײַט שטעל איך זיי ניט אָפּ און מיש זיך ניט אַרײַן. דאָס מאָל טו איך א זאָג מער צו זיך, ווי צו מײַנע שילער, אומגעריכט אַזוי טו איך א זאָג פון דער הייך פון מײַן עלטער און פון מײַן איצטיקן נעשאָמע־צושטאַנד:

— דער קראַנקער צאָן בא וואָראָנסקין איז טאָלסטאָיס גנאָד בענעגייע זײַן העלד.

אויף דעם פאַרענדיקט זיך די זיצונג פון דעם קרײַז. שטיל גייען זיך פאַנאַנדער די שילער. און איך... איך פיל זיך עטוואָס פאַרשעמט. דאַכט זיך, איך האָב זיי צוגעטראָגן זיך אַליין אָנשטאָט טאָלסטאָיס העלד. עס קומען פאַר מיר אויף עטלעכע שטעלן: וואָראָנסקי רעדט וועגן זײַן לעבן, וואָס איז אים שוין ניט נייטיק און גיט בייסמײַסע מיט אומגעדולד א פיר מיטן קינבאַק, הינטער וועלכן עס נאָגט דער קראַנקער צאָן, און... זײַן בליק פאַלט אויף די רעלסן, דעם אָרט פון זײַן אומגליק, און דאָס צווינגט אים אויף א ווײַלע צו פאַרגעסן דעם ווייטעק פון דעם צאָן.

איך לאָז זיך גיין אַהיים. איך האַלט שוין בא דעם אונטערשטן טרעפּל. יאָגט מיך אָן א שילערן, וועלכע האָט אויפן קרײַז די גאַנצע צײַט געשוויגן.

— ראַכיל באָריסאָווגא, איך וויל בא אײַך עפּעס פרעגן, — זאָגט זי שעמעוודיק. — וואָס פאַרא טעלערל איז עס בא אײַך דעמלט געהאַנגען?

איך קוק זי אָן א צעדולטע.

— און וועגן פליִענדיקע טעלער האָט איר אַמאָל געהערט, רעמאָטשקע? — פאַלט מיר אײַן צו פרעגן.

דאָס פּאָנעם פונעם מיידל שײַנט אויף:

— אַוודע געהערט, — און, פאַרכלינענדיק זיך פון באַגײַסטערונג, מאָלט זי פאַר מיר אויס אַקוראַט, ווי עס זענען אויס די פאַנטאַסטישע, פון קיינעם ניט געזעענע, פליִענדיקע טעלער. פאַר איר האָבן זיי א גרעסערע מאַמאָשעס פונעם טעלערל אויף דער וואַנט, וועלכע האָט אָנגעזאָגט דאָס גרויזאַמע, וואָס איז אויף אייביק אַרײַן אין אונדזער לעבן. אין אירס אויך, כאָטש זי, דאַפקע א טאָכטער פון א קאַדראָווון אָפיצער, איז וועגן דעם, ווײַזט אויס, ניט כוישעד.

איז עס עפשער בא זיי אַלעמען אַזוי, בא מײַנע שילער? און איך אַליין און מײַנע רייד זײַנען פאַר זיי פּונקט אַזוי אַלטמאָדיש, ווי דאָס טעלערל אויף דער וואַנט, וואָס איצט קאָן מען עס זען עפשער אין גאָר א פאַרוואָרפענעם דאָרף? פאַר זיי איז עס שיר ניט די פאָרגעשיכטע פון דער מענטשהײַט.

איך לאָז אָפּ פון זיך רעמען, גיי אַרויס אויף דער גאַס, און באַלד גיט צו מיר א שמייכל די טרייסט — יענץ מיידל, וואָס איז אויפן קרײַז מיר אַרײַן אין די רייד: „די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן!" און ווידער, — טראַכט איך, — דער מענטש פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ דאַרף פאַר מײַנע שילער זײַן נאָך ווײַטער. בא אים איז דאָך אַפילע אַזאַ טעלערל, ווי בא מיר אויף דער וואַנט, ניט געווען. און נישקאָשע, מײַנע כעוורע פאַרשטייען גאָר ניט שלעכט דעם ווײַטן

גראף טאָלסטאָי. ס׳קאָן זײַן, אַז דאַפקע אַדאַנק אים פֿאַרשטייען זיי אויך מיך אַ ביסל. אַניט וואָלטן זיי נאָך מײַנע ווערטער וועגן דעם גנאָד פֿון ציינוווייטעק אַזוי שטיל זיך ניט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. געוויס אַזוי, אַליין טאָלסטאָי האָט דאָך אויך מיך געהאַט אין זינען... עפּשער נאָך פֿאַר דעם, ווי איך בין געקומען אויף דער וועלט...

## 25. „זײַ באַ זיך ניט געפֿאַלן...״

גוטע מענטשן, וועלכע קענען מיך ניט פֿון הײַנט, באַמערקן געוויס, אַז איך האָב שטאַרק פֿאַרלאָרן אין וואָג, אַז פֿון דעם, וואָס די באַקן זײַנען אײַנגעפֿאַלן, האָט זיך מײַן פּאָנעם היפּש געעלטערט. נאָר דאָס אַלץ געהערט צו דעם אויסערלעכן. און וואָס פֿאַרא מאָס מײַן לעבן איז אַריבער אין גאָר אַ נײַער אויסמעסטונג, ווייסט עפּשער נאָר מײַן טאָקטער. איז אַפֿילע פֿון איר באַהאַלט איך זיך אָפּט אויס הינטערן פֿאַנצער, מיט וועלכן איך האָב זיך לעצטנס אַרומגענומען. נאָר זי וועט מיך אויפֿזוכן אויך אין דער באַהעלטעניש.

אין דעם אָנזיכט פֿון פֿרעמדע שטעק איך דאַפקע אַרויס דעם קאָפּ פֿונעם פֿאַנצער. וווּנדערן זיך אייניקע איבער מײַן לעבנספֿייִקײַט. אָט, אַפֿילע באַ גינסטיקע אומשטענדן האָב איך שוין לאַנג געמעגט אוועקגיין אויף פּענסיע, האָב איך אָבער די אַרבעט ניט געוואָרפֿן, אַפֿילע פֿון דעם ליטעראַרישן קרײַז זיך ניט אָפּגעזאָגט. קומט צו מיר אַרײַן אַ מענטש, שטעל איך קיבעד, עס מאַכט זיך, אַז אַ בעסערן, ווי אין די גוטע צײַטן, ווײַל אין די גוטע צײַטן איז ניט געווען פֿאַרוואָס דעם קיבעד צו פֿאַרשאַפֿן. לאָדט מען מיך אײַן צוגאַסט, גיי איך. באַ זיך ווייס איך גוט, אַז איך בין געגליכן צו אָן אָנגעדרייטן זייגער. דרייט מען אים אָן, רוקן זיך די ווײַזערס איבער דעם געווינטן וועג אָפּן ציפֿערבלאַט. גייט אין אים אויס דער אָנגעדרייטער כּיעס, בלײַבט ער שטיין. ניט קיין מענטש בין איך — אָן אויטאָמאַט בין איך. און ערגער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס איך האָב ניט קיין מינדסטן כיישעק צו ווערן אַ אויס אויטאָמאַט.

און מיטאַמאָל — אַ באַדערפֿעניש זיך אויסצורײדן. לינע איז צו מיר צוגעקומען. ווי געווײנלעך, האָט מיט איר אָנקומען אַ פֿלייץ געטאָן אַ שטראָם פֿון לעבן. לינע, וועלכע האָט, פּונקט ווי איך, שוין אַריבערגעשפּרײַזט דעם זעקסטן צענדליק, איז פֿול מיט פּלענער. עס ווילט זיך איר, זאָגט זי, אָנשרײַבן אָן אַרבעט אָט אַזוי, ווי עס שרײַבן די „דערוווּנשטשיקעס״, עפּעס וווּנדערלעכס זאָל עס זײַן. זי פֿילט, זי האָט געפֿונען איר טעמע. זי וועט באַזוכן אַ היפּשע צאָל געגנטלעכע קונסט־מוזייען, און אַ סאָך זאָל נעמען צום קאָנסערוואַטיזם. זאָלן שעדעוורען הענגען אויף די ווענט און ניט ליגן אין די קעלערס. זי האָפֿט געבן דעם אייניגען אַ נײַע ווענדונג.

איך קוק אויף דער ענערגישער, גליקלעכער לינע און, אָן קיין שום פֿאַרבינדונג מיט אירע איצטיקע רייד, טראָג איך זיך אַריבער אין געדאַנק צו יענעם טאָג, ווען לינע האָט גײיִאָמערט אין מײַן אָרעמען צימער: „אוי, ווי איך האָב ליב געהאַט אַשערן. דאָס לעבן איז מיר ניט ניכע, אַזוי בענק איך נאָך אים״. איז פֿאַרוואָס זאָל איך פֿאַר איר ניט אויסגיסן מײַן צאַר? נעם איך דערציילן לינען וועגן דעם, וואָס איך האָב אַפֿילע מײַן טאָקטער ביז איצט ניט דערציילט, וועגן מײַן לעצטן באַזוך אין שפּיטאָל. מײַן טאָקטער שאַנעווע איך, דערצייל איך ניט, אָבער לינע מעג עס וויסן. ווי זי זאָל מיר ניט מיטפֿילן, וועט זי דאָך אַזוי קרענקלעך, ווי ליובינקע, דאָס ניט אויפֿנעמען. דערצייל איך לינען, איר דער איינציקער, אַלע פּראָטים. אַפֿילע דעם גראָטעסק, דעם קרומען שמייכל פֿון יענעם טאָג מיט די צוויי פֿלעשלעך פֿון קעפֿיר אין דער וואָסקע, מיטן שאָכטל שאָקאָלאַד, מיטן סלאָיִקל עפּל־פּיורע — אַלץ לייג איך פֿאַר איר אויס. און באַלד איך האָב זיך שוין צערעדט, באַלד איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון מײַן פֿאַנצער, גיי איך אַריבער אויך צו מײַן „איצט״, צו דער פּוסטקײַט, וואָס איך פֿיל אַרום זיך און אין מיר. און לינע הערט מיך, זי הערט מיך מיט אַלע אייוורים. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אויף מיר מיט פֿאַרשטאַנד און מיט מיטלײַד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום לאָדט מיך אײַן לינע צוגאַסט. קיין פֿרעמדע, פֿאַרזיכערט זי מיך, וועלן ניט זײַן. בלויז עטלעכע נאָענטע פֿרײַנט לאָדט זי אײַן פֿאַרן אוועקפֿאָרן. איך קען זיי, און זיי קענען מיך.

לינע אין אַ בלוי געשטיקט פֿאַרטעכל פֿליט אַרויס אַ צעפֿאַליעטע פֿון קיך מיך באַגעגענען, נעמט מיך אַרום, קושט מיך אין ביידע באַקן. זי באַגלייט מיך אין דעם גראַמען עסצימער,

באקאנט מיך מיט די עטלעכע אומבאקאנטע (אזעלכע זײַנען פונדעסטוועגן דאָ) און באזעצט מיך בא דעם שיין סערווירטן טיש, איבערלאָזנדיק בא מײַן רעכטער האנט א פרײַ אָרט.

— דאָס איז פאר גענאדין, — זאָגט זי, — אזוי האָט ער מיט מיר אויסגענומען. ער פילט צו דיר א שוואכקײַט.

דאָ האָט זי מיר דאפקע צוגעטראָפן. גענאדי פאכאָמאָוויטשן בין איך שטענדיק געגן. לינע איז פארשוווּנדן. איך ווארף זיך דורך מיט עטלעכע ווערטער מיט דעם, מיט יענעם און לאָז זיך אויך צו דער קיך. עס ווילט זיך מיר באגריסן מיט גענאדי פאכאָמאָוויטשן. ווו קען ער נאָך איצטער זײַן, אויב ניט אין קיך? אין אזא פאראנטוואָרטלעכן מאָמענט וועט ער דאָך ניט איבערלאָזן לינען אף גאָטס באראָט. און ווירקלעך, אין דער אָפענער טיר דערזע איך, וויאזוי, שפיגלענדיק זיך אין דעם שיינעם געשיר, — בא לינען איז שוין איצט אלץ שיין — די געראמע צימערן, דאָס מעבל, דאָס געשיר, — גרייט גענאדי פאכאָמאָוויטש באצײַטנס דעם זיסן טיש. לינע שטייט בא דער פליטע מיט דער פלייצע צו מיר.

— כ'האָב ספּעציעל איבערגעלאָזט אן אָרט, — דערהער איך, — זאָלסט זיך זעצן לעבן איר. ס'איז א ראכמאָנעס... פארברענג מיט איר א ביסל.

דער „ראכמאָנעס" אליין איז גענוג, איך זאָל זיך שטיל נעמען שארן אף צוריק. דער־גייט צו מיר נאָך:

— קיין שטערן אין הימל האָט זי קיינמאָל ניט געכאפּט, און איצט פארשטייסטו דאָך, גענאדי... נו, וועסט געפינען וועגן וואָס צו ריידן...

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ניסגאלע ווערן און פארשטערן זיי די סימכע? איז אָבער ניט געווען קיין „זיי", נאָר „זי" איז געווען. כאָטש גענאדי פאכאָמאָוויטש איז געשטאנען צו מיר אין פּראָפיל, האָב איך קלאָר געזען דאָס וואָלקנדל, וואָס איז אָנגעלאָפן אף זײַן פּאָנעם. ניין, לינעס „ראכמאָנעס" איז אים ניט צום הארצן...

...איך זיץ בא דער רעכטער האנט פון גענאדי פאכאָמאָוויטשן. ער, די אומשולד אליין, פילט זיך שולדיק אנטקעגן מיר, כאָטש ער האָט ניט קיין אנונג פון דעם, אז דאָס געזאָגטע אין קיך איז דערגאנגען צו מײַנע אויערן. אים, דעם שווײַגער, קומט ניט אזוי גרינג אָן מיך צו פארווײַלן, כאָטש אונדזער באקאנטשאפט איז שוין פארקניפּט אין א היפּשן בינטל פון יאָרן. לינעס לײַטזעליקײַט: זי הייסט איר מאן מיך פארווײַלן. דעם ערשטן מאָל האָט זי אמאָל געהייסן טאנצן מיט מיר א וואלס. מיט א ברייטער האנט האָט זי מיר צוגעטיילט די אופמערקזאמקײַט פון אירע מענער אפילע אין דער יוגנט. וויזײַט אויס, זי איז געווען זיכער, אז פאר קיין איינעם פון זיי קאָן איך ניט פאָרשטעלן קיין אינטערעס.

גענאדי פאכאָמאָוויטש פארגעסט, אז מע האָט אים געהייסן מיך פארווײַלן. צו דער דאָזיקער אוודע איז ער קיין האָר ניט צוגעפּאסט. וואָס עס קומט אים אוף אין געדאנק, וועגן דעם רעדט ער מיט מיר. מיר קומען ארוף אף דער טעמע, וואָס איז אונדז ביידן צום הארצן, און דאָ ווערט גענאדי פאכאָמאָוויטש בעעמעס אופגעלעבט. וועגן דאניִילן דערציילט ער מיר. ניט וועגן דעם נאָווי דאניִעל, נאָר וועגן דאניִילן, וועגן אונדזער דאניקן. שוין בא דער ערשטער באגעגעניש, ווען דאָס זעכצניאָריק ייִנגל האָט אף אים קוקן ניט געוואָלט, האָט גענאדי פאכאָמאָוויטש אים אָנגערופן באם פולן נאָמען. מער ניט, וואָס רוסיפיצירט. ניט דאַ־ניִעל, נאָר דאניִיל. און אזוי איז עס פארבליבן. אין די אויגן און הינטער די אויגן. אין די יאָרן פון דעם איינזײַטיקן רויגעז און אין די יאָרן פון טיפער צוגעבונדנקײַט איינער צום אנדערן. בא דאניִילן, דערציילט מיר גענאדי פאכאָמאָוויטש, איז לעצטנס אף דער ארבעט עפּעס ניט גלאַט. ניט לאנג באקומען פון אים א בריוו. „מיילע, — שרײַבט ער, — וועל איך א צווייט מאָל ווערן א „דוואָיעטשניק". איך בין ניט ערעגײַציק..."

— איר געדענקט, — פרעגט מיך גענאדי פאכאָמאָוויטש, — ווי דאניִיל איז געקומען אהיים, אין צענטן קלאס שוין, מיט א „צוויי" נאָך אלע זײַנע פינפן? קאליע געמאכט דעם אטעסטאט.

— א, איך דערמאָן זיך, לערמאָנטאָווס „מצירי"?..

— נו, יאָ, די לערערקע פון ליטעראטור און שפּראך האָט פארגעבן דעם קלאס אזא מין גראמאטישע איבונג — אראָפּשרײַבן א היפּשן אויסצוג פון „מצירי", „פונדאנען ביז דאַ־נען" און צעשטעלן אין דעם אויסצוג „ריכטיק" די פונקטואציע.

— האָט דאניק געפרעגט, — אָ, ער איז געווען א מײַסטער אף אזעלכע קאשעס: „לער־מאָנטאָוו האָט קיין רוסיש ניט געקענט?"

— געפרעגט און געכאפּט א „2". און קיין האָר זיך ניט גענומען צום הארצן.

גענאדי פאכאָמאָוויטש צעלאכט זיך שטיל און האנאָעדיק, ווי עס לאכן סראָוו גוטע מענטשן — פאר זיך, ניט פאר יענעם.

— עפּעס ענלעכס קומט בא אים איצטער פֿאַר אַף דער אַרבעט מיט אײנעם אַן אוטאָ־ריטעט. „לאָז צו אַ נאַר צו כּאַכמע, וועט פֿון אים ערשט אַרויסשפּאַרן דער נאַר", — אַזוי שרײַבט ער אונדז דאַניִל.

אין דעם ווי מיר שמועסן אַזוי, רײַסן זיך אַרײַן עטלעכע שטימען פֿון די געסט. מע בעט לינען זינגען. זינגט זי אויס איירן אַ באַליבטן ציגײַנערשן ראָמאַנס און ווענדט זיך מיט אַ ליבן שמייכל צו מיר:

— אַנו, ראַכעלע, לאָמיר אָקאָרשט אויסזינגען אַ ייִדיש לידל.

איך זאָג זיך ניט אָפּ. איך זינג צוזאַמען מיט לינען אײן ייִדיש לידל נאָכן אַנדערן. און ווען זי איז געצווונגען אַלס באַלעבאָסטע אָפּווענדן זיך פֿון טיש, זינג איך שוין אײנע אַליין. איך וווּנדער זיך אַף דער פֿרישקײט פֿון מײַן קאָל. איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז איך פֿאַרמאָג עס נאָך. אַזויפֿיל צײַט קיין מויל ניט געעפֿנט, ווי קומט צו מיר זינגען? איך פֿיל, אַז אויך מײַן פּאָנעם האָט זיך געענדערט. עס האָבן זיך אומגעקערט די פֿרישע פֿאַרבן, זאָל זײַן אַף אַ ווײַלע. מײַן שאָכן פֿון דער לינקער האַנט, אונדזערער אַן אַלטער פֿרײַנט, מײַנער און שאָלעמס, וועלכן ביז איצט רופֿ איך „מאָטעלע" און ער מיך „ראַכעלע" (ווי ווינציק עס זײַנען שוין אַזעלכע פֿאַרבליבן), הער איך, ווי מאָטעלע זאָגט צו עמעצן אינדערשטיל מיט אַ מין לויטערער באַפֿרידיקונג:

— פֿאַרויטלט זיך... אונדזער ראַכעלע...

אָט טאַקע ער, מאָטעלע, האָט מיך באַגלייט ביז אין שטוב אַרײַן. נאָר בין איך געבליבן אַליין, האָב איך דערפֿילט, אַז אָט־אָט שלינגט מיך אײַן מײַן עקלהאַפֿטער פּאַנצער. ווענגן לינען טראַכט איך, פֿויל אַזוי טראַכט איך, עס סטײַעט מיר ניט קיין ענערגיע אַפֿילע אַף אַן עכטן פֿאַרדראָס, אַז עפּשער איז זי גאָר גערעכט. זי שטײַגט באַרג־אַרויף, לינע. און איך? קיין שום „וועזנטלעכס" וועל איך שוין קײנמאָל ניט אויפֿטאָן, ס'איז אַ סאָפּעק, צי האָב איך ווען אין מײַן לעבן עפּעס אַזוינס אויפֿגעטאָן. קיין שטערן אין הימל האָב איך בעעמעס ניט געכאַפּט. אַ לערערקע... געבן „אַ נײַע ווענדונג" אַוועלכן־ניט־איז געביט — דאָס איז פֿאַר לינען אַ זאַך, האַלעווײַ זאָל עס איר געלינגען. שאָלעם האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איך וואָלט געקענט שרײַבן, ווען איך גיב זיך מיט דעם אָפּ. אים זײַנען געפֿעלן געווען מײַנע בריוו. ער האָט זיי אַלע אָפּגעהיט. ווען ער איז אוועק אין אָפּאָלטשעניע, האָט ער מיר אַנגעוויזן אַפֿן קאַר־טאָנענעם קעסטעלע, אין וועלכן זיי זײַנען געווען אַקוראַט צונויפֿגעלייגט לויט די דאַטעס. איצט איז מיר דאָס קעסטעלע איבערגעגאַנגען פֿון שאָלעמען בעירעושע. זײַנע בריוו צו מיר ליגן בא מיר באַזונדער. אײנעם אַ ליטעראַרישן פּרווו האָב איך יאָ אַמאָל געמאַכט, נאָך פֿאַר מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט שאָלעמען. ווען איך האָב פּראַקטיקירט אין שול. ניט לאַנג איז מיר געקומען צו דער האַנט יענער „פּרווו" — „דער דאַלטאָן־פּלאַן אין דער ייִדישער סאָוועטישער שול". איך געדענק שוין ניט ווער איז ער, דער דאַזיקער דאַלטאָן, און וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט ער צו דער סאָוועטישער שול און צו דער דעמאָלטיקער ייִדישער שול ביפֿראַט, האָט מיר אַפֿילע מײַן אייגן אַרטיקל ניט געקענט אויפֿקלערן. האָב איך די צײַטונג אַרויסגעוואָרפֿן.

לינע האָט פֿאַרן אוועקפֿאָרן מיר אָנגעקלונגען און געזעגנט זיך. פֿון מײַן זינגען, זאָגט זי, זײַנען אירע געסט ניספּאַעל געוואָרן. רוסישע מענטשן, וועלכע האָבן קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען, האָבן זיך געכידעשט, ווי שיין עס זײַנען די ייִדישע פֿאָלקס־געזאַנגען.

— ביסט אַ מאַלאַדיעץ! זײַ בא זיך ניט געפֿאַלן, — קרעפּטיקט מיך לינע אין טעלעפֿאָן.

נו, פֿאַר לײַטן בין איך דאָך אַלצײַנס אַ מאַלאַדיעץ. פֿאַר זיך טראַכט איך, וואָלט מיר גאָט אומגעקערט מײַנע אַמאָליקע קאָפּווייטעקן, אָדער כאָטש אַ גוטן צײנווייטיק, וואָלט איך עפּשער ניט געווען בא זיך אַזוי געפֿאַלן. נאָר פֿונוואַנען און פֿון וועמען קען איך באַשאַנקען ווערן פֿון אַזאַ גנאָד?

בין איך דאַפֿקע באַשאַנקען געוואָרן...

## 26. אַ בריוו פֿון וואַלעריע געראַסימאָווונען

איך קום אײנמאָל אַהײם פֿון דער אַרבעט, שליס אויף מיטן קלײנעם שליסעלע, וואָס הענגט בא מיר אַף אײן רינגל מיטן גרעסערן צו דער טיר, מײַן פּאָסט־קעסטל. אַ בריוו פֿון וואַלעריע געראַסימאָווונען. איך האָב ליב אירע בריוו. זי שרײַבט מיר אָפֿט. נאָר אויסער דער ערשטער מיטגעפֿיל־טעלעגראַמע, שרײַבט זי מיר קײנמאָל ניט קיין טרייסט־ווערטער. פֿאַרקערט, זי פֿאַרגינט זיך צו זאָגן, אַז איך בין אײנע אַ גליקלעכע, איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַ זײַדן העמדל. שאָלעמס בוקלעט האָט שיר־שיר ניט געפּלאַצט. ניטאָ קיין פּאַפּיר.

גייט דער בוקלעט דאפקע יאָ ארויס. אין אַ כּוידעש אַרום וועל איך אים האָבן בא זיך אפן טיש. און דאָס אַלץ אַדאנק וויטאלי וועליכאָוון. זײַן טאַטע, אַ געוועזענער פּאָל־קאָווניק, האָט אַ פּרײַנט מיט באַקאַנטשאַפטן אין דער בעסטער טיפּאָגראַפיע פון דער געגנט. וועט שוין זײַן איינמאָל פּאַפיר...

ווײַזט אויס, איך בין טאַקע אַ גליקלעכע. אַ סימען, לינע האַלט אויך אַזוי. אָט טאַקע דאַן, ווען איך האָב איר דערציילט וועגן מײַן לעצטן באַזוך אין שפּיטאָל, האָט זי מיר געזאָגט:

— דו ביסט אַ גליקלעכע. דו ביסט געווען מיט שאָלעמען ביז זײַן לעצטן אָטעם. און איך... וואָס ווייס איך וועגן אָשערן?

און איך האָב זיך דאַן דערפילט ווי שולדיק אַנטקעגן לינען און דער כּיישעק אויסצוגיסן פאַר איר דאָס האַרץ איז בא מיר פּלוצלינג אָפּגעפאַלן. ס'האָט זיך מיר אפילע אַף אַ ווײַלע אָפּגעדוכט, אַז עפּשער האָב איך זיך צופיל צעגאָסן.

נו, אַז איך בין אַ גליקלעכע, האָט מיר שוין וואַלעריע גראַסימאָוונא איינמאָל געשריבן, שיקט זי מיר אַ צווייטן מאָל צו אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט זיך בא איר פאַרלעגערט. טאַקע זי אַליין איז אַף דער פאָטאָגראַפיע, דער מיטאַרבעטער פון מוזיי וויטאַלי וועליכאָוו, אַ יונגער גוואַר מיט אַ פּאַצעטיש בלאָנד בערשטעלע איבער דער אייבערשטער ליפּ, שאָלעם און איך.

— איר זײַנט אַ שיינהײַט, — טראָגט מיר דאָס מאָל צו וואַלעריע גראַסימאָוונא. — אַן עמעסע קראַסאַוויצע, קוקט זיך גוט צו, ראַכיל באָריסאָוונא, וועט איר אַליין זען.

ווען עמעצער אַנדערש זאָגט מיר אין מײַן איצטיקער לאַגע, אַז איך בין „אַ גליקלעכע”, אַז איך בין אַ „שיינהײַט”, וואָס פאַר אַ באַליידיקנדיקע אומטאַקטישקייט וואָלט דאָס געווען. אָבער וואַלעריע גראַסימאָוונא... איך זע זי מיט איר גלאַט פאַרקעמטן בלאָנדן קאָפּ און מיטן ערנסטן, שטענדיק ערנסטן פּאָנעם אפילע דאַן, ווען אַף די ליפּן פאַרבלאָנדזשעט אַ שמייכל. ניין, זי ווייסט ניט פון קיין קונצן. ווי עס זאָל ניט אויסזען מאָדנע, מיינט זי עס ערנסט, דאָס, וואָס זי שרײַבט. אַ נייגונג צו אילוזיעס? קיין האָר ניט. דער טאַלאַנט פון פרײַנטשאַפט רעדט פון איר ארויס.

מיטן פאַרכאַסמעטן קאָנווערט אין דער האַנט, גרייט פאַרויס צו דער האַנאַ, וואָס עס וועט מיר פאַרשאַפן דער בריוו, עפן איך די טיר פון דעם ליפט. לויט אַן אומקלאָרער אַסאָציאַציע טראָגט זיך בא מיר דורך אין קאָפּ — לינע איז שוין אוואדע אַ וואָכן דרײַ אין מאָסקווע. געננוי געדענק איך ניט. אָנגעקלונגען נאָר איין מאָל, אין דעם טאָג, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון דער קאָמאַנדירונג. זי איז מיסטאַמע שטאַרק פאַרנומען. און עפּשער איז זי גאָר ניט מיט אַלעמען? העכער אַ כּוידעש צײַט אין וועג... זי איז דאָך שוין אויך ניט קיין מיידעלע.

צו דעם אָנהייב פון וואַלעריע גראַסימאָוונעס בריוו האָב איך זיך אומגעקערט ערשט שפּעטער, ווײַל ווי איך האָב נאָר אים פאַנאַנדערגענומען, האָבן מײַן בליק צוגעצויגן מאָדנע אומדערוואַרטעטע ווערטער. אין דער ערשטער מינוט האָבן זיי מיך איבעראַשט, דערנאָך באַרוישט, ווי אַ שטיין וואָלט אין מיר געטראָפן.

„...אויב לינע אַרקאַדיעוונאַ האָט דאָס געמיינט, האָט זי אירס אויסגעפירט, — שרײַבט מיר וואַלעריע גראַסימאָוונא. — מע עסט מיך שוין, מע צעלייגט מיך שוין אַף טעלערלעך, מע הריזעט אַרום בא מיר יעדעס ביינדעלע. איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ טאַם פילן אין דעם די הריזונעס. מיט קיין פעטס האָב איך צו מײַנע באַלד פינף און פופציק יאָר ניט באַוויזן אַרומצווואַקסן. פון מײַן צוקינפטיקער פּענסיע וועל איך אויך געוויס פעט ניט ווערן. נאָר אַף פּענסיע קען איך נאָך דערווײַל ניט אוועקגיין, ווײַל דאָס וועט אויסזען, ווי איך אַנטלויף, איך פאַרוויש די שפּורן פון מײַן שענדלעכן „פאַרברעכן”. אָדער איך וויל אַרויסרופן בא לײַטן ראַכמאָנעס צו זיך. פרײַער פון אַלעמען וועט זיך אָן דעם אָנכאַפּן יעוולאַמפּיע. זי איז בא אונדז די איינציקע אַ קאַנדידאַט פון קונסט־קענטעניש, האָט גאָט אַליין געבאָטן, זי זאָל זיך פאַרמעסטן אַפן אָרט פון אַ דירעקטאָר. ווידער, האָב איך עטלעכע מאָל אַף פאַרשיידענע באַראַטונגען געלויבט זי פאַר איר אַרבעט, מעג זי דאָך געוויס אַרויסשטויסן מיך פון מײַן אַרבעט. וואָס איך האָב פאַרדינט, דאָס האָב איך, ווי מײַן זיידע פלעגט זאָגן: ניטאָ אַזאַ מיצווע, וואָס זאָל בלײַבן אומבאַשטראָפט.

מיטאַמאָל זײַנען בא יעוולאַמפּיען אופגעקומען טײַנעס צו די אײַנקונפטן פון מוזיי פאַר די לעצטע צען יאָר. פונקט איצט, ווען מיר גרייטן אָן אַן אויסשטעלונג פון די דאָזיקע אײַנקונפטן, מיט וועלכע עס איז באַרײַכערט געוואָרן דער מוזיי, האָבן זיך בא איר געעפנט די אויגן. אַז די פאָנדן זײַנען (בא איר אין די הענט, אַז זי איז דער הויפּט־אופּזעער איבער זיי האָט זי אַף

אַ ווײַלעטשקע פֿאַרגעסן. איר גאַנצע אינטעלעקטועלע ענערגיע איז איצט אָנגעצילט אויף מיר. אַ געשמאַק, האַלט זי, האָב איך דאַפֿקע, נאָר, צום באַדויערן, אַן איינזײַטיקן. אין וועלכער זײַט עס קוקט אַ מענטש, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פֿון אַ מוזיי, איז ניט קיין פּריוואַטער עניִען. איך בין אַזוי געוווינט צו קוקן ניט אַהין, וווּהין מע דאַרף, אַז איך האָב פֿאַרזען אַ בילד (2 מעטער אויף 3) פֿון אונדזערן אָרטיקן מאָלער. אויף דער דערעפֿענונג פֿון דער אויסשטעלונג, אויף וועלכער דאָס בילד איז געווען אויסגעשטעלט, האָב איך בלויז דערמאָנט, ווי־אַזוי עס הייסט. קיין גוט וואָרט פֿאַר אים ניט געפֿונען. דערפֿאַר אָבער אַ נאַטיורמאָרט, 30 אויף 40 סאַנטימעטער סאַכאַקל, פֿון איינעם אַן אַרמעניש קינסטלער, וועלכער האָט צו אונדזער מוזיי קיין שום שײַכעס ניט, האָב איך דאַפֿקע ניט פֿאַרזען. צוגעײַלט זיך אײַנצוקויפֿן די דאָזיקע האַלב־אַבסטראַקציאָניסטישע מעציִע. די דאָזיקע „מעציִע", ווי יעוולאַמפּיִע האָט אָנגערופֿן דעם נאַטיורמאָרט, האָט זי אין איר קונציקער קאָרטן־שפּיל אַרויסגעלייגט אַלס דעם הויפּט־קאָזיר אויף איינער אַ פֿאַרזאַמלונג. דערנאָך זײַנען געווען נאָך פֿאַרזאַמלונגען מיט נײַע קאָזירס...

טײַערע ראַכיל באָריסאָוונע, האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט. איך פֿאַרשטיי, אַז בײַ אײַך איז דער קאָפּ ניט דערבײַ. פֿונדעסטוועגן מוז איך זיך מודיע זײַן, אַז איך האָב געוואַרט אויף אַ בריוו פֿון אײַך, האָב געהאָפֿט, אַז איר וועט זיך אָפּרופֿן. לינע אַרקאַדיעוונאַ איז דאָך אײַער נאָענטסטע כאַווערטע. דאָס האָט איר דאָך זי געבראַכט צו מיר אין שטוב אַ קוק טאָן אויפֿן פּאָרטרעט. איז צי־דען דערגייט צו אײַך ניט דער עניִען, וועלכער קאָסט מיר אַזויפֿיל בלוט? נו, און אײַך איז ער גאָר ניט בנוגע? אַזוי אָדער אַנדערש, דאָס איז שוין אינגאַנצן ניט צו באַגרײַפֿן, ווערט דאָך אויך אויף סאָלאָמאָן יעפֿימאָוויטשן געוואָרפֿן אַ שאָטן".

איך לייען דעם בריוו ביזן סוף און פֿאַרשטיי ניט קיין וואָרט. כאַפּ איך זיך צום אָנהייב, דערגייט צו מיר, אַז וועגן לינעס אַן אַרטיקל האַנדלט זיך דאָ אין אַ סאָלידער צענטראַלער צײַטונג. די דאַטע ווײַזט וואַלעריע געראַסימאָוונאַ ניט אָן. עס קומט איר אַפֿילו ניט אויפֿן זינען, אַז איך האָב דאָס אַרטיקל אין די אויגן ניט געזען. איך האָב דאָך אים אָבער אינדערעמעסן ניט געזען און ניט געלייענט. איך האַלט אין דער האַנט אַ בריוו, וואָס שרײַט פֿון ווייטעק, און וואָס ווײַטער ווער איך אַלץ מער באַהערשט פֿון שטוינונג און שרעק. אויף וואָס קלאָגט זיך עס וואַלעריע געראַסימאָוונאַ? וואָס האָט דאָרטן לינע אָנגעשריבן אין איר אַרטיקל, וואָס איז אויך שאָלעמען בנוגע?

די צײַטונג שרײַב איך דאַפֿקע אויס. אָן וואַלגערט זיך אויפֿן נידעריקן זשורנאַל־טישל אַ באַרג מיט צײַטונגען. ניט יעדן טאָג קוק איך אין זיי לעצטנס אַרײַן. דורכגעלאָזט. איך נעם פֿאַנאַנדער איין צײַטונג נאָך דער אַנדערער. דאַפֿקע די, וואָס איך דאַרף, איז ניטאָ. איך נעם זיך נאָכאַמאָל לייענען דעם בריוו. אַזאַ קלוגע פֿרוי, וואַלעריע געראַסימאָוונאַ, מיט אַזאַ קלאָרן קאָפּ, און קיין טאָלק אין איר שרײַבן קען מען ניט דערגיין.

איך לאָז זיך אין דער ראַיאָנער ביבליאָטעק, קוק דורך אַלע נומערן פֿאַרן לעצטן כוידעש. אַהאַ, אָט איז עס. אָט איז ער, דער ווייטעק, וועלכן איך האָב געגאַרט. אָט איז ער, דער גנאָד... ער האָט מיך ווירקלעך אַרויסגעשלעפּט פֿון מײַן פּאַנצער. עס איז געקומען די אָפּווענדונג פֿון מײַן צאַר, וואָס וועט מיך באַגלייטן ביזן סוף פֿון מײַנע טעג. זאָל ער מיך מאַטערן, זאָל ער נאָגן, ער מוז אָבער אַוועק אין דער טיף. מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז דאָס פּאַסקודנע שעדל, וואָס האָט זיך זינט אַ צײַט אין מיר באַזעצט, זאָל זיך פֿילן צו באַקוועם אין זײַן נײַער דירע. זאָל ער כאָטש זײַן פֿאַרצעף באַהאַלטן הינטער די צונויפֿגעלייגטע לאַפּקעס און ניט טויטשען מיך קעסיידער מיט די קאָפּיטעס. דאָס לעבן גייט. און מע מוז דעם קוקן גלײַך אין די אויגן. יאָ, פֿאַר דעם גנאָד האָב איך באַצאָלט מיט אַ טײַערער פּרײַז. פֿאַרלאָרן, פֿאַרלאָרן נאָך איין נאָענטן מענטש. אַ מענטש, מיט וועלכן איך האָב דורכגעשפּאַנט באַנאַנד קימאַט מײַן גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן. פֿאַרלאָרן מײַן כאַווערטע לינע הערצבערג. און דאָך קאָן מען זאָגן, אַז ווילנדיק ניט ווילנדיק האָט זי מיך אומגעקערט צום לעבן. האַלעמײַ זאָל איך לייקענען, אין דער ערשטער רעגע, ווען איך האָב פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם נייטיקן נומער פֿון דער צײַטונג, זײַנען אין מיר פֿאַרקילט געוואָרן אַלע אייוורים, בעפֿויעל מאַמעש, ס'איז מיר געוואָרן זייער קאַלט. דערנאָך האָט אַ שטעכעניש גענומען פֿאַרשפּרייטן זיך פֿון דער לינקער זײַט ברוסט צו דער לאָפּעטקע. ס'האָט מיר אַפֿילו אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַ באַקאַנטער רייעך פֿון אַ רעפֿוע. איינע אַ יונגע אין אַ ווײַסן כאַלאַט האָט מיך איינמאָל מיט אַזוינס מעכאַבעד געווען. אין איינער אַ פּאַלאַטע. ס'איז ניטאָ אָבער לעבן מיר קיינער אין אַ ווײַסן כאַלאַט, ס'איז ניטאָ קיין רייעך פֿון קיין שום רעפֿוע. „ראַטעווע זיך אַליין" — איך לייג אַוועק אונטער דער צונג אַ פּיצינק־מאָנציק קײַלעכל און עס העלפֿט. דער ווייטעק נעמט פֿון מיר אָפּטרעטן, און ווי האָט דען געקענט אַנדערש זײַן? אָט אַזוי מיטאַמאָל, פּלוצלינג דער־

לויבן זיך אין אינפאַרקט, צי אין אַנדער אַנשיקעניש? ניין, דאָס האָב איך ניט געטאָרט. איך האָב פּאַשעט דערויף קיין צײַט ניט געהאַט. צוגעהאָלפֿן האָט מיר אויך דאָס, וואָס ניט נאָר א דײַגע, אַפֿילו אַן אומגליק פאַרטײַע איך אײַן־זיך, ווי א באָמבע פון א פאַרלאַנגזאַמטער ווירקונג. דער אופרײַס קומט שפּעטער. א שאַרפער, א צעשמעטערנדיקער. איך קען זיך און וויס זייער גוט, אַז די עמעסע געפאַר פאַר מיר טראָגט אין זיך דער דאָזיקער „שפּעטער". בײַס דער אופרײַס קומט, פאַרליר איך יעדע שליטע איבער זיך. דער טויט זאָל מיר שטיין פאַר די אויגן, קען איך שוין זיך ניט צאַמען.

אין יענע מינוטן אין ביבליאָטעק האָט דער ווייטעק א ביסל זיך צוגעײַלט, געקומען פאַר דער צײַט און בעיין ברייערע געמוזט אָפּטרעטן, און ווי נאָר ער איז אַפּגעטראָטן, בין איך אײַ־בערגעפולט געוואָרן מיט א מוירעדיקער ענערגיע. איך האָב איצט אַזויפיל צו טאָן. אַזאַ באַרג האָט זיך אָף מיר אַרופגעוואַלגערט — צוויי קעלערס אין א צײַטונג פון א היפּשן פאָרמאַט אונ־טערן אַלגעמיינעם קעפּל „גרויסמוטיקײַט און העפקייערס" און צוליב אָנשווילעכקײַט מיט עטלעכע אונטערקעפּלעך.

יעדן נאָרמאַלן מענטש איז באַקאַנט אויסער די פינף געפילן־אָרגאַנען, אויסגערעכנטע אין יעדן עלעמענטאַרן ווערטערבוך, אויך א זעקסטער, וועלכער קומט אוף אין די סאַמע אַנטשיי־דענע, סאַמע שאַרפע מאָמענטן אין לעבן. אָט דער דאָזיקער זעקסטער, וועלכער האָט קיין נאָמען ניט, האָט באַלד, ווי נאָר כ'האָב געעפנט די צײַטונג, א טרײַב געטאָן מײַנע שוואַרצאַ־פלען צו איינעם פון די אונטערקעפּלעך אינעם אַרטיקל —

## 27. „פון יעדן שעפּס א בײַוועלע"

און נאָך מער: צו יענע עטלעכע שורעס, וואָס זײַנען מיר באַזונדערס נעגייע:

„...עס מאַכט זיך, אַז מענטשן, דאַפּקע באַהאַוונטע, נוצן אויס זייער געשמאַק און וויסן ניט אַפן בעסטן אויפן. טרעפן זיי זיך מיט אַן עכטן טאַלאַנט, פאַלן זיי אָף אים אָן, ווי די היישעריקן. ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען, קומענדיק אָף אַן אויסשטעלונג פון א מאָסקווער מאָלער אין א געגנטלעכן מוזיי, האָב איך באַם דירעקטאָר אין שטוב געטראָפן אָף דער וואַנט אירן א פּאָרטרעט און, מע דאַרף זאָגן, פון א גרויסער ווערט, געמאָלט פון דעם זעלבן מאָלער". דאַכט זיך, וואָס, ווער, ווען? אַן אומשולדיקע פּראָזע, וואָס איז צו גאָרנישט ניט מעכײַעוו? אָבער אונטערן קעפּל „פון יעדן שעפּס א בײַוועלע" קלינגט אַזאַ פּראָזע, ווי א מעכטיקער גלאָק. און ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע, צו וועלכע דאָס קלינגען וועט דער־גיין צו דער רעכטער מינוט און זיי וועלן זיך שוין געבן די מי מיט די אייגענע הענט וואָס בעריעשער צו פאַנאַנדערוויגן דעם צונג פון דעם גלאָק, אַנדערע זאָלן, כאָלילע, אים ניט פאַרהערן. מע האָט אים שוין גאַנץ פײַן צעוויגט. א סימען — וואָלטעריע גערשיסמאָוונעס בריוו... איז זי, הייסט עס, אָט די פלינקע בריזע, וואָס וועט ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט כאַטש איין בײַוועלע אָפּצושערן פון א שעפּס. און דער שעפּס אַליין, ווער איז ער אַזעלכער און פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט שערן?

איך פאַרשטיי, אַז דאָס ערשטע, וואָס איך דאַרף טאָן, איז איבערלייענען דאָס אַרטיקל פון אָנהייב ביזן סאָף. ווי זעט עס אַלץ אויס אין קאָנטעקסט מיט דעם איבעריקן? אָט דאָס דאַפּקע בין איך ניט בעקויעך צו טאָן. אָט וועל איך בעסער צוגיין רויק אַזוי, מיט געמאָסטע־נע טריט צו דער ביבליאָטעקערשע.

— עפּשער האָט זיך באַ אײַך פאַרהיט אַן איבעריקער עקזעמפּליאַר פון אָט דעם נו־מער? — ווענדע איך זיך צו דער באַיאָרטער פרוי, וואָס האָט מיך ניט איין מאָל געזען אין דער ביבליאָטעק. — עס גייט מיר אין לעבן, — גיב איך שטיל צו.

די פרוי, זע איך, שלאָגט זיך מיט דער דייע, וואָס זאָל זי דאָ טאָן. עפּעס האָט זי אָבער איבערגעלייענט אָף מײַן פּאָנעם אַזוינס, וואָס צווינגט זי אויוועגער זײַן דעם געזעץ. זי בייגט אָף די מעטאַלענע האַלטערס פון דער פּאָדשיווקע, נעמט פאָרזיכטיק אַרויס די נייטיקע צײַ־טונג:

— ביז מאָרגן...

איך גיב זיך איין מאָל א צי צום טעלעפאָן, א צווייט מאָל, נאָר ניין, איך בין נאָך ניט גרייט צו דעם שמועס מיט לינען. איך מוז נאָך א ביסל אָפּרוען. באַפרײַען זיך פון דער פּי־

זישער שוואכקייט. א ראכמאָנעס האָט געפרעסט מײַן האַרץ. א ראכמאָנעס אף וואלעריע גערַאסימאָוונען, וואָס אין דעם אומגעריכטן קלאַפּ, וועלכן זי לעבט איצט איבער, איז אויך אונדזער שולד, מײַנער און שאַלעמס, א ראכמאָנעס אף שאַלעמען, וועלכער קען זיך שוין אליין פאר זיך ניט אײַנשטעלן; א ראכמאָנעס אף זיך אליין, וואָס איצט בין איך שוין פאַרורטיילט יעדע מאָסע צו טראָגן נאָר אף די אייגענע אקסלען.

טאַמער וועט איר זען אן אוולע פון מײַן קינד,
ווי א מאמע, זאָלט איר עס פאַרגלעטן...

פון די סאַמע יונגע יאָרן האָבן אין מיר געלעבט די שורעס פון דער רירנדיקער פאָלקס־ליד. האָב איך אויך אף לינען ראכמאָנעס געהאַט. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אז מײַן קלוגנ זאָל איר ניט פאַרשאַפן קיין ווייטעק.

אָבער „פאַרגלעטן"? פאַריכטן מוז מען דאָ, ניט פאַרגלעטן. עפשער וועט זי אליין, לינע, עפּעס צוטראַכטן?

— אַל־לאָ, — אזא מין אויסגעצויגענער „אַל־לאָ" פון א מענטשן, בא וועמען ס'איז רויק אף דער נעשאָמע, וועלכער דערוואַרט פון יעדן קלונג א נײַע פּאָרציע נאכעס־רועך.

— לינע, כ'וויל דיר זאָגן...

— וואָס, ערשט געכאַפּט זיך, איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל? נו, נו, איך האָב אף דיר קיין פאַריבל ניט. רייד. ס'איז שוין געווען די עמעסע יאָזדע... נאָר, דאכט זיך, קעדײַ געווען, האַ?

אזא אומשולדיקע פרייד פליסט צו מיר פון יענער זײַט פונעם שנור, אז אף א ווײַלע ווער איך פאַרשטומט. ס'איז דאָך אָבער לינע, איר קאָל. איך זאָל לינען פאַרשטערן... הייב איך אָן אומגעריכט צו ריידן אזוינס, צו וואָס איך האָב זיך קלאָל ניט געגרייט.

— יאָ, לינע, — זאָג איך, — ניט שטענדיק גיט זיך אײַן א מענטשן צו פאַרווירקלעכן זײַן טרוים. איך באגריס דיך, לינע, דו האָסט פאַרווירקלעכט...

— איך האָב געוווסט, ראַכעלע, אז דיר וועט געפעלן.

„ראַכעלע" — דאַפקע דאָס צערטלעכע „ראַכעלע" האָט מיך אומגעקערט צו די געדאַנקען. אָט פּונקט ווי דאָ ערשט האָב איך אומגעריכט גענומען רײדן ניט דאָס, וואָס איך האָב זיך געקליבן צו ריידן, אזוי האָט איצט מײַן קאָל אומגעריכט גענומען קלינגען מיט מעטאַל:

— ווי האָסטו אָבער געקאָנט אָט אזוי, פאַרבײַגייענדיק, אָפּרייניקן פון וועג א ווירדיקן מענטשן, ניט אומקוקן זיך אפילע, צי האָט ער ניט געבראַכן דערבײַ רוק־און־לענד?

— א, דו מיינסט דעם „לאנגן בלײַפעדער?" — לינע לאכט. מײַן מעטאַל האָט דערווײַל קיין רעזאָנאַנס ניט אַרויסגערופן. — פאַרשטייסט, איך האָב פײַנט נאכאַלן. זי האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן. באַם נאָמען האָב איך זי דאָך ניט אָנגערופן.

— און עמעס. שאַלעמען האָסטו אויך באַם נאָמען ניט אָנגערופן. קומט דיר אוודע דערפאַר א דאַנק. א בילבל בלײַבט אָבער זעלטן אָן א נאָמען.

— א בילבל? — פאַראַכטונג און זיכערקײַט אין דעם אייגענעם גערעכט.

איך לאָז אָפּ די לייצעס. איך טראָג זיך אין א גאַלאָפּ. איך שרײַ, ווי א באַנומענע, און קיין זאַך קען מיך שוין ניט אָפּשטעלן. איך שרײַ וואָס רעכט און ניט רעכט. אלע „דרײַ־שײַנע מעכאַשייפעס", וועלכע האָבן, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אין דער ווײַטער קינדהײַט, אף שטענדיק פאַרפלאָנצט אין מיר אן עקל צו שלעכטס, אלע דרײַ שרײַען זיי איצט פון מיר אַרויס. נאָר קיינעם אַרט ניט מײַן געשריי. לינע ענטפערט קיין וואָרט ניט. ווער איך אלץ מער פאַרביטערט. לינע האָט קיינעם באַם נאָמען ניט אָנגערופן, און איך רוף אָן:

— איז וואַלעריע, הייסט עס, א כאַבאַרניצע... און שאַלעם? שאַלעם איז געווען א שווינדלער. מיטן פאַרטרעט האָט ער וואַלעריען אונטערגעקויפט...

אף דעם ענטפערט מיר לינע. און דאַפקע רויק, מיט א מין קאַלטבלוטיקער אכזאָריעס:

— דאָס ווייס איך ניט, אין לעבן מאַכט זיך אלץ.

איך בלײַב אָן לאָשן. זאָג איך שוין שטיל, און ניט מיט מעטאַל קלינגט מײַן קאָל, נאָר גיכער מיט צעטראַסקעטן גלאָז:

— לינע, באַטראַכט זיך, וואָס דו רעדסט און וואָס דו טוסט, לינע. ווײַסט דאָך דערנאָך כאַראָטע האָבן אף דײַנע רייד. דערמאָן זיך אף א רעגע: שאַלעם און אָשער... לינע, דו ווייסט ניט, וואָס עס האָט איצטער אויסצושטיין וואַלעריע. אן איינזאַמע פרוי, עפּשער קאָן מען נאָך עפּעס פאַריכטן?

— איך קלײַב זיך גאָרניט צו פאַריכטן. און ביכלאַל, אף הײַנט איז איבערגענוג.

פאַר מיר איז אויך געווען איבערגעגנוג. אין דער רעגע, ווען צו מיר האָבן זיך דערטראָגן די מעסיקע סיגנאַלן פון „פאַרנומען“, האָט פון מײַן געדעכעניש זיך אויסגעוועפּט מײַן כאַווערטע לינע. ניט געווען און ניטאָ. איך געדענק אפילע ניט, ווי זי זעט אויס. אָט דער פּיפּיקער זשורנאַליסט, וועלכער מיִעסט זיך ניט מיט גאָרנישט, אַבי דערפאָלג, מיט וועלכן איך האָב דאָ ניט לאַנג גערעדט, דאָס קאָן דאָך ניט זײַן לינע...

דעם זעלבן אָוונט שרײַב איך אָן וואַלעריע גערּאַסימאָוונען, זי זאָל מיר צו וויסן געבן, צי ס׳איז בייטיק מײַן קומען. אויב יאָ, פאָר איך באַלד אַרויס. אַף מאָרגן אינדערפרי קלינגט מיר אָן גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש און בעט אַ דערלויבעניש נאָך דער אַרבעט צו מיר אַרײַנקומען.

ער לאָזט זיך ניט דערלאַנגען ניט קיין טיי, ניט קיין קאַווע. צוגעזעצט זיך, אויסגעצויגן די קראַנקע פוס אינעם גרויסן שוך, אײַנגעמאָסטעט דערנעבן דעם שטעקן און גענומען ריידן, ווי שטענדיק, שטיל און באַדאַכט. נעכטן, זאָגט ער מיר, ווען איך האָב גערעדט מיט לינען אין טעלעפאָן, איז ער געווען אין דער היים. עמעס, ער איז געזעסן אין צווייטן צימער, נאָר דאָך איז צו אים דערגאַנגען, אַז איך בין ניט צופרידן מיט לינעס אַרטיקל (אַנטשולדיקט, ראַכיל באָריסאָוונע, איר זײַט, קאָנטיק, געווען שטאַרק אופגערעגט, האָט איר הויך גערעדט). טוט עס אים זייער וויי:

— איר ווייסט, וואָס פאַר אַ האָרעוואַניע דאָס איז געווען. לינען האָט מען געדאַנקט, מע האָט זי באַגריסט. מענטשן זאָגן, אַז זי האָט די ערשטע מיט פולן ערנסט אופגעהויבן די פראַגע פון די מוזיי־פאָנדן.

— די מענטשן זײַנען גערעכט, — שטים איך צו.

— נו, אָט, זעט איר, — דערפרייט זיך גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש. — און וועגן דער איבער־געגעבנקייט פון די מוזיי־טוער, און, פון דער אַנדערער זײַט, וועגן די מיסברויכן... לינע האַלט, אַז יעדער עכטער טאַלאַנט נייטיקט זיך אין שוץ. אַן עכטער טאַלאַנט איז גליקלעך שוין פון דעם אַליין, וואָס עמעצער האָט אים פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן אים באַרויבן, פאַלט אים גאָר ניט אײַן. אַזוי זאָגט זי, לינע.

אַ ביטערער שמייכל בעט זיך צו מיר אַף די ליפּן: „אויך שאָלעמען, ווײַזט אויס, האָט לינע גענומען אונטער איר שוץ“. נאָר ווי קען איך זיך דערלויבן איצטער צו שמייכלען? איך פיל, עס דערנעענטערט זיך דאָס סאַמע שווערע סײַ פאַר מיר, סײַ פאַר גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן.

— איר אייגע, — זאָגט ער, — דער סאַמע נאָענטער פרײַנט, זײַנט ניט צופרידן פון דעם אַרטיקל. נאָכן שמועס מיט אײַך איז לינע געווען אַזוי בלאַס, אַזוי צערודערט, אַז מיר האָט זיך אויסגעדוכט („אַנטשולדיקט, ראַכיל באָריסאָוונע“), זי פילט זיך באַליידיקט.

גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש שטעלט אַף מיר אָן אַ פאָר בעטנדיקע אויגן. אַזאַ קרעפּטיקער, ווּקסיקער מאַנצבל (עמעס, דער פוס...), און דער בליק איז בײַ אים אַ קינדעריש־נאַיִווער. איך הייב אים אָן דערציילן... וועגן וואָס? נו, וועגן דעם, ווי־אַזוי ס׳איז אופגעקומען שאָלעמס אויסשטעלונג אין דער שטאָט ס. וועגן וואַלעריע גערּאַסימאָוונען דערצייל איך און אויך וועגן דעם פּאָרטרעט. ווי־אַזוי שאָלעם האָט געמאָלט און געשענקט דעם וואַריִאַנט.

— וואָס? וואָס האָט איר געזאָגט? דאָס האָט סאָלאָמאָן יעפימאָוויטש געשענקט...

— יאָ, יאָ, דאָס האָט סאָלאָמאָן יעפימאָוויטש געשענקט... און ער אַליין האָט מיט צוויי יאָר צוריק געבראַכט לינען צום דירעקטאָר אין שטוב אַרײַן.

סטאָפּ, אָט דאָ דאַרף איך זיך אָפּשטעלן. גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש פאַרמאָגט שוין גענוג שטאָף אַף אַליין צו באַטראַכטן די זאַך. פאַר זײַן גײַסטלעכן בליק, פאַרשטיי איך, איז אופגעקומען דאָס געהעריקע אָרט אינעם אַרטיקל. ווי זאָל איך זיך אָבער אָפּשטעלן? עפשער, עפשער קאָן מען נאָך מיט עפּעס העלפן וואַלעריע גערּאַסימאָוונען... ער וועט ווירקן אַף לינען... דערצייל איך ווײַטער און פיל בייסמײַסע, אַז עפּעס טו איך דאָ ניט רעכט. ס׳קאָן זײַן, אַז די אוולע, וואָס איך באַגיי קעגן לינען, איז שרײַענדיקער פון דער אוולע, וואָס זי איז באַגאַנגען. איך רייד דאָך מיט איר מאַן. איך צעבויטע מיט מוטנע וואַסערן דעם שטילן האַפן, צו וועלכן לינע איז צוגעקומען נאָך אַ ווייטעקלעכן יִשעוור־האַדאַאַס מיט זיך. איך פאַרלאַנג דאָך ניט קיין שלעכטס לינען. ס׳איז דען אָן עמעס, אַז זי איז פאַר מיר „ניט געווען און ניטאָ“? איך קען זי דען אָפּרײַסן פון מײַן לעבן? „לינע, פײַנט האָבן קאָן איך דיך ניט. דו טוסט מיר וויי, לינע!“

איך גיי אַראָפּ פון דעם גלײַכן וועג, ווײַל איך ווייס ניט, צי איז ער גלײַך. איך נעם זיך פּלוצעם גאָר פאַרענטפערן לינען פאַר איר מאַן:

— מע קאָן פאַרשטיין (אין קאָפּ בײַ מיר ווידער דאָס פראַנצויזישע „פאַרשטיין — הייסט מויכל זײַן“). אַ פריילעך פאָלק די פראַנצויזן, אַלץ גייט בײַ זיי צו גרינג, זיי פאַרשטייען, זיי

זײַנען מויכל, — מע קען פאַרשטײן, — זאָג איך, — לינע פאַרמאָגט אין זיך דאָס אַלץ, וואָס דאַרף אַ מענטשן מאַכן גליקלעך, לויט דער נאַטור איז זי אַ מוצלעך, און דער גורל אירער איז, ווײַזט אויס, אַזאַ, אַז פֿון דער סאַמע קינדהײַט (אין קאָפּ באַ מיר: „און טאָמער אַ מענטש פאַרמאָגט עפּעס אַנדערס, ניט דאָס, וואָס לינע, איז ער ניט ווערט קיין גליק)...— איך דערצײל גענאַדי פאַכאָמאָוויטשן וועגן לינעס אײַנזאַמקײַט נאָך דעם אומגליק מיט איר מומען און נאָך, און נאָך... איר לעבן מיט אַשערן ריר איך ניט אָן. איך ווײס ניט, ווי רעדט מען מיט אַ צווײטן מאַן וועגן דעם ערשטן. איך רעד וועגן לינעס טיפער אַנטוי־שונג, ווען נאָך אירע ערשטע דערפאָלגן אין זשורנאַליסטיק בײס דער מילכאָמע און עטלעכע יאָר נאָך דער מילכאָמע, איז זי געוואָרן געצוווּנגען אַנשוויגן ווערן. און ווי‏אַזוי זי האָט גע־טרוימט אַוועקצושטעלן ערנסט, אַזוי ווי אונדזערע „דערעוואָנשטשיקעס״ אַוועלכע־ניט־איז טאָג־פּראַגע, וועלכע זאָל געבן אַ נײַע ווענדונג אַ באַשטימטן געביט אין אונדזער לעבן. און אָט האָט זי געפֿונען איר טעמע און איז מיט גלאַנץ אַרויסגעטראָטן אין דער צענטראַלער פּרעסע. און דאָ, — זאָג איך, — האָט זי איבערגעכאַפּט די מאָס...

איבערגעכאַפּט די מאָס? אָט דאָס האָב איך ניט געטאָרט זאָגן. אַ בילבל איז ניט קיין איבערגעכאַפּטע מאָס. אַ בילבל איז אַ בילבל. ער צילט שטענדיק אין אַ מענטשלעכן לעבן. פֿון קײן קלענערער פּרײַז ווײסט ער ניט. און אַ בילבל אין דער פּרעסע איז אַ געזעלשאַפט־לעכע אַקציע. דאָס איז שוין ניט נאָר אַ באַשולדיקונג, ווילנדיק ניט ווילנדיק ווערט דאָ אונ־טערגעזאָגט דער אורטײל. אַ רעמעז, אַ ווונק? דאָס איז נאָך מיעסער. אַ רעזערוו פאַרן ווינ־קענדיקן אויג צו באַהאַלטן זיך הינטער דער אַראָפּגעלאָזטער וויִע: „ניט דאָס, הײסט עס, האָב איך געמײנט...״

איך פאַרשפּאַר צו טרעפן, צי האָט זיך גענאַדי פאַכאָמאָוויטש אונטערגעגעבן מײַן פאַר־ענטפערונג, אָדער גאָר, פאַרקערט, ס׳האָט זיך אים איבערגעגעבן, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל, ניט דאָס, וואָס איך האָב גערעדט, נאָר דאָס, וואָס איך האָב ערשט אַ טראַכט געטאָן.

— אַזאַ טיפע באַלײדיקונג... פון לינען... איך פאַרשטײ, ווי דאָס האָט אײַך געטראָפן, ראַכיל באָריסאָוונאַ...

ער פאַרשטײט? גאָרנישט פאַרשטײט ער ניט. רײַסט עס מיך אויף.

— געטראָפן? ביזן ביין אַרײַן געטראָפן! — זאָג איך בײז. — ניט אין מיר אָבער גײט עס איצטער. וואַלעריע גראַסימאָוונאַ...

— דער דירעקטאָר? זי האָט פֿון דעם אויך צאַרעס? איך האָב געמײנט, איר האָט פאַריבל („אַנטשולדיקט ראַכיל באָריסאָוונע...״).

ווען ניט דער הײַנטיקער בריוו פֿון וואַלעריע גראַסימאָוונען, וואָס האָט אָנגעיאָגט דעם נעכטיקן, וואָלט איך אין צווײ ווערטער דערצײלט גענאַדי פאַכאָמאָוויטשן וועגן דעם, וואָס זי האָט מיר געשריבן אין דעם פאַריקן בריוו. אָבער דער הײַנטיקער? איך וועל ניט וואַרטן, ביז צו איר וועט דערגײן מײַן ענטפער. ווי נאָר ס׳וועט זיך פאַרמאַכן די טיר הינטער גע־נאַדי פאַכאָמאָוויטשן, וועל איך דורכדיקטירן אין טעלעפאָן אַ טעלעגראַמע. וואַלעריע גראַ־סימאָוונא אַלײן האָט זיך ביז איצט אָף קײן פאַרסאָנעלן טעלעפאָן ניט אָנגעלעבט. אָף קײן רעכטער ווייַנונג אויך ניט, כאָטש אין צווײ קוואַרטאַלן פֿון דעם מוזײ שטײט אַ נײַ הויז פאַר זײַנע מיטאַרבעטער. וועל איך טעלעגראַפירן וואַלעריע גראַסימאָוונען, צי איז צוועק־מעסיק, איך זאָל קומען.

וואָס פאַר אַ ביטערן בריוו איך האָב עס הײַנט באַקומען און דאָך זײַנען אין אים אײַנ־געוועבט אויך שטראַלעכלעך פֿון הומאָר. אַזעלכע דינינקע, קוים זעבאַרע און דאָך... אַנדערש קאָן זי ניט, וואַלעריע גראַסימאָוונא. האָב איך, לײענענדיק דעם ביטערן בריוו, דאָך בוילעט געזען פאַר זיך דעם קאַרגן שמײכל אין די ווינקלען פֿון מויל אָף איר ערנסטן, שטענדיק ערנסטן פּאָנעם.

„...נעכטן איז באַ אונדז ווידער געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג. און דאַפקע אַ ראָמאַנטישע, מע קאָן זאָגן, אַפילו אַ טרוימערישע. ווער קאָן דען וויסן, וועגן וואָס אַ מענטש טרוימט? אָט האָט יעוולאַמפּיִע, לעמאָשל, געטרוימט צו זען מיך הינטער די גראַטעס. איר געדענקט, ווי מילד זי איז געוואָרן מיט סאָלאָמאָן יעפּימאָוויטשן און מיט אײַך בײס דער אויסשטעלונג? און ווי זי האָט געלויבט מיך פאַר מײַן איניציאַטיוו?.. איצט, פאַרקערט, וואַרפט זי מיר אויף, אַז איניציאַטיוו ווײַזט איך אַרויס נאָר דאַן, ווען עס קומט צו אַן אויסשטעלונג פֿון אַ קינסטלער, וועלכן איך לאַד אײַן לויט מײַן ווילקיר. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר גאַנצע צווײ (צווײ!) אַזעלכע אויסשטעלונגען. „עפּעס שטעקט דאָך דערין. די מאָסקווער זשורנאַליסטן האָט אויך עפּעס דערשפּירט... קײן סײכל פעלט איר ניט״. מיט איר טרוים האָט יעוולאַמפּיִע זיך גע־טײלט מיט די פאַרזאַמלטע נאָך דער אַרויסטרעטונג פֿון דער מומע גרושע, כאָטש יענע האָט,

ניט אָפּגעבנדיק זיך אין דעם קיין חשבון, א היפּש ביסל איר קאַליע געמאַכט די יויך. די מומע גרושע, אונדזער אופראַמערן, געדענקט איר מיסטאַמע. זי איז זייער א קענטיקע. אַליין א פּיצל, נאָר מיט א מוירעדיקן גרויסן קאָפּ. הייבט זי אָן איר רעדע אַזוי (איר ערשטע רעדע, זינט איך קען זי):

— יעוולאַמפּיִע האָט מיך אַלץ פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן די פּאָסילקעס. זאָג איך איר: „וואַליע האָט מיר פאַרזאָגט נאָך דעמלט, נאָך דער מילכאָמע, איך זאָל וועגן די פּאָסילקעס קיינעם ניט דערציילן". זאָגט יעוולאַמפּיִע: „אַלצייגס ווייס איך וועגן זיי. איז אויב איר וועט אַרויסטרעטן אַף דער פאַרזאַמלונג, וועט זייַן בעסער".

די מומע גרושע ווערט אַף א היפּשער ווייַלע אַנשוויגן, און אַלע וואַרטן אַף דער נייַער סענסאַציע — פּאָסילקעס גאָר...

— אָט וועל איך זאָגן, — אַנטשליסט זיך ענדלעך די מומע גרושע. — איך האָב צו וואָרליען גאָרניט (די מומע גרושע איז א היפּש ביסל עלטער פון מיר און אַרבעט מיט מיר צוזאַמען אַלע יאָרן, מעג זי מיך רופן „וואַליע"). — דאָס, וואָס וואַליע האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט מיט א פּריפּיאָק, אַרט מיך ניט. באַבאַ אָנאַ אי יעסט באַבאַ. נאָר צוליב וואָס האָט זי געדאַרפט שיקן די פּאָסילקעס... קאַרטאָטשקעס זייַנען דאָך דאַן נאָך געווען... אָפּרייַסן פון זיך און דעם קינד, אָט דאָס, וואַליע, — טוט זי א קער צו מיר איר גרויסן קאָפּ, — האָב איך דעמלט געזאָגט און איך זאָג דיר איצט, דוריאַכאַ טי, אָט וואָס...

דער מומע גרושעס אַרויסטרעטונג איז באַגלייט געוואָרן מיט א געלעכטער, די נייַגעריקייַט איז אָבער פון די פּענעמער ניט פאַרשוואונדן. יעוולאַמפּיִע האָט זיך געמאַכט ניט ווינסדיק פון דעם דורכפאַל פון איר רעזשיסור. אופגערייצט איז זי אָבער, ווייַזט אויס, געווען ביז לעצט. ווען ניט די מומע גרושע, וואָלט יעוולאַמפּיִע עפּשער באַשטאַנען נאָר אַף דעם, מע זאָל מיך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. אָבער דאָ האָט זיך בא איר אַרויסגעריסן, אַז זי וועט זיך ניט באַרויִקן, קאָלזמאַן זי וועט מיך ניט זען הינטער די גראַטעס. מיט קונסט, — זאָגט זי, — דאַרפן און קאָנען זיך פאַרנעמען נאָר מענטשן מיט ריינע הענט.

וויטאַלי, דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, האָט בא איר אָפּגענומען דאָס וואָרט און גאָר ניט, ווי עס פּאַסט פאַר א פאָרזיצער, אויסגעשאָסן איר גלייַך אין פּאָנעם אַרייַן:

— און איך וועל זיך ניט באַרויִקן, קאָלזמאַן איר וועט דאָ בלייַבן בא אונדז אין מוזיי.

יעוולאַמפּיִע האָט זיך ניט פאַרלאָרן און רויִק געענטפערט פון אָרט, וועלכן ס'האָבן שוין באַוויזן צו פאַרפולן ביז לעצט אַלע קרייַזן און פאַלדן פון איר גוף (אַבי מע זאָגט, אַז דיקע זייַנען ווילמוטיקע):

— דאָס וועלן מיר נאָך זען, ווער עס וועט בלייַבן און ווער עס וועט אַוועקגיין.

הייבט זיך אוף אונדזער קאַדראָוויטשקע. זי איז בא אונדז א נייַע, א יונגינקע און זייער אַן איידעלינקע!

— איך האָב א פראַגע צו וואַלעריע געראַסימאָוונען. זי רעכנט זיך בא אונדז, ווי א мать-одиночка, איז וועמען האָט זי עס געשיקט די פּאָסילקעס ערגעץ אַף צאָפּן? (די מומע גרושע האָט, אַגעוו, קיין שום „צאָפּן" ניט אָנגערופן). — אויב וואַלעריע געראַסימאָוונא האָט א מאַן און אויב אַפילע ער האָט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט, האָט זי דאָך דאָס געדאַרפט אָנווייַזן אין דער אַנקעטע. איצטער איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן.

— וואַלעריע געראַסימאָוונא, — ווענדט זיך צו מיר וויטאַלי, — איר וועט ענטפערן אַף דער פראַגע? אויב איר ווילט ניט, קאָנט איר ניט ענטפערן.

— איך וויל, — זאָג איך, — אַלץ, וואָס אַגראַפּענע פּיליפּאָוונא האָט געזאָגט איז עמעס. קיין מאַן אָבער האָב איך ניט און קיינמאָל ניט געהאַט.

— איך האָב נאָך א פראַגע, — זאָגט די איידעלינקע קאַדראָוויטשקע, — איך קלייַב זיך ניט צו מישן אין אייַער פּריוואַטן לעבן, וואַלעריע געראַסימאָוונא, נאָר איך וואָלט וועלן וויסן, אויב איר וועט זייַן אַזוי גוט מיר עס אופצוקלערן, ווער איז דער אינזשעניער, וואָס קומט צו אייַך אַרייַן?

— אַן אינזשעניער, — ענטפער איך.

אַרום איז שטיל. איך זיץ און וואַרט, וואָס דאָ וועט ווייַטער זייַן. איז ווייַטער געווען אַזוי: די מומע גרושע האָט קיין האַנט ניט אופגעהויבן, קיין וואָרט ניט געבעטן. זי איז אָנגעפאַלן אַף מיר מיט קוילעס:

— פון ווען אָן בין איך דאָס פאַר דיר געוואָרן אַן אַגראַפּענע פּיליפּאָוונא? און ווי איך האָב איגאָריאָקן געניאַנטשעט האָסטו פאַרגעסן? אַפילע א פּאָסילקע האָב איך איינמאָל אָנשטאָט דיר אַוועקגעטראָגן אַף דער פּאָטשט. שרייַב עס אַרייַן אין מייַן אַנקעטע, יעוולאַמפּיִע, און איך וועל זיך כאַסמענען. מיט א ציילעמל קען איך. א מאַן — ניט קיין מאַן, דו, יעוולאַמ־

פּיִע, וואָלסט קיין פּאָסילקעס ניט געשיקט. קאסאטקא מאַיא, בעסטשאסטנאיא טי, וואָס האָבן זיי זיך צו דיר צוגעטשעפּעט? — אַזוי פארענדיקט די מומע גרושע און ווישט זיך מיט די קולעקעס די אויגן.״

„ווען צווישן הימל און ערד שטייט אַ וואַנט פון דורכויסיקער בלייַענער פינצטערניש, — שרייַבט ווייַטער וואַלעריע גראַסימאָוונאַ, — איז שווערלעך אָפּצוזוכן אַ וועג צום זאַגס. יעוולאַמפּיִען וועל איך ניט גיין דערווייַזן, פאַרוואָס איז אין דער מעטריקע פון מייַן זון אָנשטאָט דעם נאָמען פון זייַן פאָטער אַ גלייַכגילטיקער פעטער שטריך אינדערברייט... און איך? ווען איך האָב שוין פאַרלאָרן דעם שפּור פון דעם, אַף וועמען ס'איז אויסגעפאַלן דער גורל צו נייטיקן זיך אין פּאָסילקעס, האָב איך אַלציינס ניט געקענט דערלויבן זיך מיט וועמען־ניט־איז דורכשפּאַצירן זיך אין זאַגס. אַפילע אין דער אָנזיכט פון אַ ליכטיקן הימל און אָן אַספאַלטירטן גרונט אונטער די טריט. אויב איך דערצייל אייַך שוין וועגן דעם, ראַכיל באָריסאָוונע, וועל איך ניט לייקענען, אַזאַ איז געווען, און אַ ליבע איז צווישן אונדז געווען, עפּשער אַפילע אַ שטאַרקערע, ווי מייַן ערשטע ליבע. יענע אָבער איז געווען געקרייצט מיט פייַער און איבערגעריסן געוואָרן איבער דעם אומרעכט, פון וועלכן דער פאָטער פון מייַן קינד איז געפאַלן אַ קאָרבן. עס קאָן זייַן, אַז אין מייַן נאַטור ליגט אַ היפּש ביסל פאַנאַטיזם, נאָר ווערן עמעצנס אַ ווייַב האָב איך ניט געקענט. אַ נאָרמאַל פאַמיליען־לעבן איז ניט פאַר מיר. האָב איך, ווי איר זעט, ניט יעוולאַמפּיִען, ניט דער איידעלינקער קאַדראָוויטשקע ניט גענאַרט. קיין מאַן האָב איך ניט און קיינמאָל ניט געהאַט. דער אינזשעניער קומט שוין, צום באַדויערן, אויך ניט אַרייַן. פאַרשפּעטיקטע יעדיִעס... ער וווינט שוין גאָר אין אַן אַנדער שטאָט. ניט לאַנג האָט ער מיר מודיִע געווען, אַז ער האָט ענדלעך פאַרפירט זיך אַ מישפּאָכע. דער טאָן איז אַזאַ, ווי ער וואָלט זיך מיסוואַדע געווען, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק פאַר מיר. נאָר שולדיק בין איך דאָך, איך אַליין...

אָט אַזוי, ראַכיל באָריסאָוונע, האָב איך זיך פאַר אייַך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. מיט קיין איין מענטשן האָב איך נאָך קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט. זייַט רויִק פאַר מיר, מייַן טייַערע, עס וועט מיט מיר קיין שום בייז ניט געשען. זעט איר דאָך, איך בין אין דעם אַזוי זיכער, אַז איך האָב געפונען אין זיך קויעך אָפּצווענדן זיך פון די אָנפאַלן אַף מיר און אופּמישן גאָר אַ בלעטל פון מייַן פּערזענלעכן לעבן, ווי דאָס ווערט אָנגערופן. פּונקט ווי אַלדאָס איבעריקע, וואָס איז אונדז נעגייִע, איז ניט אונדזער פּערזענלעך לעבן...״

איז וואָס זאָל איך טאָן מיט גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן, איך, ראָכל, ווייס? ווייַזן אַ זייַטיקן מענטשן אַ פרעמדן בריוו איז נאָך ערגער, ווי איך וואָלט אַליין אָן אַ דערלויבעניש איבערגעלייענט אַ בריוו, וואָס איז אַדרעסירט ניט צו מיר. אַף דעם בין איך קיינמאָל קיין באַלן ניט געווען. זאָגט אָבער גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש!

— עס וועלן זיך דאָך געפינען דאָרט אָרנטלעכע מענטשן, זיי וועלן דערווייַזן...

איך פאַרפּרעס די ליפּן, עס זאָל זיך בא מיר ניט אַרויסרייַסן: „פאַרוואָס עפּעס „דאָרט״? נו, און לינע?״ איך צווייפל שוין ניט מער. לייענען דעם בריוו וועל איך גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן ניט געבן. נאָר פאַרזוכן פון דעם ניט געשמאַקן געקעכץ, וואָס האָט געשוימט אין דעם קעסל פון מוזיי אין דער שטאָט ס., האָב איך אים געצוווּנגען. איך קען גוט די זאַלן פון דעם דאָזיקן מוזיי. אין וועלכן זאַל די פאַרזאַמלונגען זאָלן ניט געהאַט פאָרגעקומען, האָבן אַלציינס פון די ווענט אַראָפּגעקוקט אַף די פאַרזאַמלטע גייַסטיקע אייביקייַטן, וווהין האָבן זיי באַהאַלטן די אויגן, די היטער פון מוזעס?

דעם אינהאַלט פון וואַלעריע גראַסימאָוונעס נעכטיקן בריוו האָב איך אויסגעלייגט מיט אייגענע ווערטער. פון דעם הייַנטיקן האָב איך אַראָפּגעשריבן, גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש האָט געדולדיק געוואַרט. די עטלעכע אַבזאַצן וועגן דער נייַער פאַרזאַמלונג, אַ טראַכט געטאָן און דערלויבט זיך צוצוגעבן נאָר איין פראַזע פון דעם בריוו, בלויז איין פראַזע, וואָס האָט צו טאָן מיט וואַלעריע גראַסימאָוונען ניט אַלס דירעקטאָר פון מוזיי: „ווען צווישן הימל און ערד שטייט אַ וואַנט פון דורכויסיקער בלייַענער פינצטערניש, איז שווערלעך צו געפינען אַ וועג צום זאַגס...״ פאַר גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן האָב איך עס אַראָפּגעשריבן, ספּעציִעל פאַר אים, אַף אַזאַ אויפן האָב איך פּאָוואָלינקע אַ צי געטאָן אַ פאָדעם פון איין מענטש צו אַ צווייטן. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט, די דאָזיקע מענטשן, נאָר ערגעץ אין דער ווייַט, פּאַראַלעל, האָבן זיי ביידע באַטראָטן פאַרבלוטיקטע שטעגן. צו אים וועט דערגיין, צו גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן...

לינע האָט מיר איינמאָל דערציילט... ער, דער דאָקטער, האָט געייַלט דורך אַ וויסטן צעטאָפּטשעטן פעלד אין מעדסאַנבאַט. אַ יונג ייִנגל מיט אַ האַלב אויסגערונען אויג האָט דאָרטן געוואַרט אַף הילף, און פלוצלינג, אינמיטן וועג, איז דעם דאָקטער באַפאַלן, ווייַזט

אויס פון ניט דערעסן, די הינערפלעט. האָט ער שוין אַליין, ווי אַ בלינדער, אויסגעשטרעקט די הענט פאָרויס אָן עפּעס אָנצוכאַפּן זיך, עפּעס אָנטאַפּן, איז ניטאָ וואָס. די הענט, פּריקרע פּײַנטע, קלעפּיקע פון אנגסטלעכן שווייס און פון אָוונטיקן טוי, טרעפן אין אַ פּוסטקײַט. שרײַט טייללמאָל גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש פון שלאָף, אַזוי האָט מיר דערציילט לינע. עס כאַ־לעמט זיך אים אַלץ, אַז ער שלאָגט זיך ערגעץ דורך אין דער פינצטערניש מיט אויסגע־שטרעקטע הענט אין אַ פּוסטקײַט און עמעצער יאָמערט אין דער ווײַט, רופט אים צוהילף.

איך וויל ניט אַרײַנוואַרפן גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן אַפּדאַסנײַ אין זײַן וויסטן כאַלעם. מע רופט דאָך אים אָבער אויך איצטער צוהילף. אַ שוועסטער זײַנע, אַ שוועסטער אין מי און אין פּײַן, אַ ריינע, ווי אַ טויב, קלײַבט מען זיך אָנבינדן אַ קרימינאַל. און דעם ערשטן סיג־נאַל צו דעם האָט געגעבן לינע, זײַן פרוי. און לינען איז יענע דען ניט קיין שוועסטער? ווען איך קען איר איצטער זאָגן, מײַן כאַווערטע: „לינע, עפּשער האָט די, וואָס באַלד פון דעם ערשטן קוק האָסטו אַף איר געוואָרפן אַן אומכיין, עפּשער האָט זי אין איינעם אַ בלײַ־ענעם טאָג געשלעפּט אַף אירע אַקסלען פון דעם שלאַכטפעלד דײַן אָשערן?"

איך גיב איבער פון האַנט צו האַנט גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן דאָס איבערגעשריבענע זײַטל: זאָל ער ווײַזן לינען, ניט ווײַזן, זאָל ער טאָן, ווי ער פאַרשטייט. איך גיב דאָס זײַטל, ער נעמט און ביידע מײַדן מיר אויס צו קוקן איינער אַפן אַנדערן. יאָ, מיר זײַנען ביידע פאַר־שעמט. מיר זײַנען ניט געוווינט צו טאָן אַזוינס, וואָס די אומשטענדן האָבן אונדז געצוווּנ־גען צו טאָן.

איך באַגלייט גענאַדי פּאַכאָמאָוויטשן ביז דער טיר. ער איז ווי קלענער געוואָרן אין וווּקס. געווייינלעך שפּאַרט ער זיך אָן אַף זײַן שטעקן, ווי לעפּאַנעם וועגן, הײַנט איז ער איבער אים אַריבערגעבויגן. אַ שאַרפער, שטרענגער בליק, געווענדט ניט אַזוי צו מיר, ווי אין זיך. מיסטאָמע האָט זיך מיר עס אויסגעדוכט, אַז גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש איז איבערגע־בויגן איבער זײַן שטעקן. פאַרקערט, ער שטייט אַנטקעגן מיר איינגאַנצן אַ גלײַכער, ווי קיין שום קויל וואָלט אין אים קיינמאָל ניט געטראָפן. אַ פעסטער דריק פון דער האַנט, שוין אַ ביסל צו אַ פעסטער. „אַ כירורג, — דערמאָן איך זיך. — בייס דער מילכאָמע האָט ער געאַר־בעט אַלס כירורג".

איך טעלעגראַפיר וואַלעריע גערואסימאָוונען. אַף מאָרגן באַקום איך אַן ענטפער מיטיק־צײַט: „אַ דאַנק. אין אײַער אָנוועזנהײַט איז דערוויל קיין נויטווענדיקייט ניטאָ". אין אָוונט פון דעם זעלבן טאָג קלינגט מיר אָן גענאַדי פּאַכאָמאָוויטש: „מיט אַ שאָ צוריק איז לינע אַרויסגעפלויגן קיין ס." מער קיין וואָרט ניט. אַ ווײַטער, אַ פרעמדער „טר־טר־טר" אינעם טרײַבל.

עס גייט דורך אַ וואָך. קיינער שרײַבט מיר ניט. קיינער קלינגט מיר ניט. און איך לעב אין אַ מוירעדיקער אָנשטרענגונג. איך בין זייער פאַרנומען. די אָנשטרענגונג, וואָס אין מיר לאָזט מיר ניט איבער קיין רעגע אַף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. מײַן טאָכטער קלינגט מיר דאַפקע יאָ. עטלעכע מאָל אין טאָג. זי ווייסט פון אַלץ. וואַלעריע געראַסימאָוונען האָט זי גע־זען בלויז צוויי מאָל און דאָך איז זי פאַר איר אומרויִק. זי איז, פּונקט ווי איך, שטאַרק באַליידיקט פאַר שאָלעמען, איר טאַטן, און לינע, ווי איך פאַרשטיי, פּײַניקט זי אויך, לינע איז איר פון קינדוויַיז אָן אַן אייגענע. מער פון אַלץ אָבער באַאומרויִקט זיך מײַן טאָכטער פאַר מיר. זי בעט מיך ראַכמים, איך זאָל כאַטש אַף אַ קורצער צײַט אַריבערפאָרן צו איר. ס'איז נאַטירלעך. ס'איז, קאָן מען זאָגן, אַפילע טראַדיציִאָנעל. ווען איינער פאַרלירט אַף אייביק אַ לײַבלעך־נאָענטן, מיִען זיך גוטע מענטשן ניט איבערלאָזן אים אַליין. איז אָט מיט וואָס פאַרא קאַטעגאָריעס עס דענקט איצט מײַן טאָכטער. „אַף אייביק"... פון דעם ווערט מיר נאָך שווערער. ווען זי נעמט מיך אײַנריידן, ליובינקע, און איך האַלט זיך שוין אָט־אָט בא אונטערגעבן, זאָג איך:

— און טאָמער אַ קלונג?

דאַפקע אָט דער ניט זייער לאָגישער אַרגומענט ווירקט אַף מײַן טאָכטער. איך פאַרשטיי, אַז ערגעץ אין אונטערבאַוווּסטזײַן לעבט אין איר אויך די אידיי פון דער „אָפּווענדונג" פאַר מיר. איך אָבער וואַרט בעעמעס אַף אַ קלונג. איך וואַרט אַזוי, אַז פון דער אַרבעט, אָדער פון אַ קראָם, אין וועלכער איך קוק אַרײַן פאַרבײַגייענדיק, קום איך צו לויפן אַהיים אָן אָטעם. איך זאָל ניט פאַרהערן דעם קלונג. און עפּשער ליגט אין פּאָטשט־קעסטל אַ בריוו, אַף וועלכן מע דאַרף באַלד ענטפערן.

אַ בריוו האָב איך באַקומען ערשט אַפן צענטן טאָג נאָך דעם, ווי ס'האָט מיר דאָס לעצטע מאָל אָנגעקלונגען לינעס מאַן.

## 28. ווידער א בריוו פון וואלעריע געראסימאָווענע

„...די זשורנאַליסטן ליִנע הערצבערג האָב איך ניט אופגענומען ניט בײַ זיך אין דער היים, ניט, ווי עס זאָל אײַך ניט ווונדערן, אויך אַפילע אין מוזיי. אַגעוו, האָט זי אַליין, ווײַזט אויס, ניט געהאַט קיין גרויסן כיישעק זען זיך מיט מיר. אַרײַן אין מוזיי, האָט זי באַלד אָפּגעשטאַט אַ ווויזיט יעוולאַמפּיִען אַלס דער פּאַרוואַלטערן פון די פאָנדן. יענע האָט אַ העלפט פון איר גוידער פאַרלאָרן, שלעפנדיק פאַר דער מאָסקווער זשורנאַליסטן די לײַוונטן. אַזוי האָט מיר דערנאָך דערציילט וויטאַלי. יעוולאַמפּיִע האָט אים אַליין אַרויסגערופן צוהילף. אַלציינס האָט ער זיך געדרייט אונטער דער האַנט. האָט זי אים אַנטשעדיקט, ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט.

— ס'איז גוט. פאַרגעסט, — זאָגט מיר וויטאַלי און אַ מאַך מיט דער האַנט פון אַ גע־שעפּטלעכן מענטש, וואָס קליינינקײַטן באַמערקט ער אַפילע ניט — עט, נאַרישקײַטן" — הייסט עס בײַ אים. זײַן גרויסע האַנט פון אַ מאַנצבל — אַ גוואַר פאַרמאָגט אין זיך עפּעס קינ־דערשס, ווי ער וואָלט נאָך ניט געווען, נאָר געשפּילט אין אַ מאַנצבל — אַ גוואַר. האַלט ער ניט אויס די אומשולדיקע שפּיל און צעשמייכלט זיך מיטן גאַנצן מויל געדיכטע ווײַ־סע ציין:

— אַן עמעסע ציגײַנערקע. אָט די הערצבערג. אַ מין קויעך אין איר, אַ כאַראַקטער אוי, אוי, אוי... קוקט אַלץ אַפּן זייגער און יאָגט אונטער מיט דעם יעוולאַמפּיִען. עס ברענט בײַ איר. נאָר מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי האָט געשריבן וועגן דער אויסשטעלונג פון שאַ־לעם ווײַסן, האָט זי געוואָלט אָנשרײַבן ביכלאַל וועגן אונדזער מוזיי, ער געפעלט איר שטאַרק, נאָר קיין צײַט ניט געהאַט. וועט זי עס איצטער טאָן.

„איר וועט מיר גלייבן, ראַכיל באָריסאָווונאַ, אין וויטאַלי וועליכאָוון, וואָס אין מײַנע אויגן איז ער נאָך אַ יִינגל, ניט געקוקט, וואָס אַ באַווײַבטער, האָב איך געפילט אַן עמעסע אַנציקונג פאַר דער זשורנאַליסטן הערצבערג אַלס פרוי. נו, מיילע, איך בין ניט קיין מאַנצבל. איז וואָס קען איך וועגן איר זאָגן? זי האָט אַ שאַרף אויג און אַ פלינקע פעדער, טאָ זאָל איר גאָט העלפן, אויב זי וועט קיין שלעכטס ניט טאָן".

פון איבעראַשונג לאָז איך אַראָפּ וואַלעריע געראַסימאָווונעס בריוו אָף דער קני. מיט אַ היפּש ביסל יאָרן צוריק, נאָך מילכאָמע־צײַט, האָט דאָך ליִנע מיר געזאָגט קימאַט דאָס זעלבע וועגן ליובקע קאָזאַק, וועלכע האָט שוין דאַן בײַ אונדז געהייסן „די וואָרהײַט אין דער לעצטער אינסטאַנץ", עס זאָל אַזוי צונויפאַלן... איך וויל ניט, איך וויל ניט שטעלן ליִנען מיט ליובקען אָף איין ברעט, אָבער דאָך — „וואָרעם, וואָרעם, הייס!"

„בייס איך בין געווען אַפּן פראָנט, — שרײַבט מיר ווײַטער וואַלעריע געראַסימאָווונע, — טיילמאָל איין פרוי צווישן אַ סאַך מאַנצבלען, האָבן די דאָזיקע מאַנצלען געהאַלטן מיך פאַר זייער אַ דרייסטער. איך אַליין האָב ניט געוווּסט, צי בין איך אַ דרייסטע, צי אַ שרעקעוודיקע. די דרייסטקײַט האָט זיך געלאָזט זען, די שרעק האָב איך פאַרבאָרגן אין זיך. שאָלעם־צײַט האָבן מיך פון דער יוגנט אָן געשראָקן צו פלינקע, צו אַנטשיידענע פרויען. עפשער דערפאַר, וואָס מײַן שטיפמאַמע האָט געהערט צו דעם מין. איך האָב איר גאָרניט געקענט פאַרוואַרפן. עפשער האָט זי מיך אַפילע ליב געהאַט. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געוווּסט, ווויהין עס קען זי פאַרטראָגן און וואָס זי קען פּלוצלינג „אַנטשיידן". נו, גענוג, וועגן דער זשורנאַליסטן הערצבערג וויל איך מער ניט טראַכטן. פון די אַלע שוועריקײַטן, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אָף מײַן לעבן, איז דער לעצטער עפּיזאָד איינער פון די לײַכטסטע.

טיילמאָל וואַרפט מען אוף אייניקע אָנפירער פון אַנשטאַלטן דאָס ניט וועלן „אַרויס־טראָגן דאָס מיסט פון שטוב". איך מיין אָבער, אַז ניט שטענדיק איז אַ מוז דאָס מיסט אַרויסטראָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן. איך, פערזענלעך, בין צופרידן ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן מוזיי, וואָס דער איניען איז פאַרבליבן אינווייניק. זאָלן בעסער מענטשן קוקן אין מוזיי אָף ווּרובעלן און לעוויטאַנען, איידער אַרײַנטעמען אין זיך דעם סאַם פון קליינלעכן ווידעראַנאַנד אין זײַנע ווענט.

איך ווייס, ראַכיל באָריסאָווונאַ, איר האָט געלעבט אין איינע שרעק, אַז מײַן „איניען" זאָל ניט דערגיין צו אַ געריכט־אויספאָרשער. נו, זאָגן, אַז ס'איז געשמאַק האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן פון דער דאָזיקער בעקאָוועדיקער פּראָפעסיע, וואָלט געווען פון מײַן זײַט שטאַרק איבערגעטריבן. נאָר מוירע האָב איך פאַר גאָרנישט ניט געהאַט. ניט אומזיסט האָב איך אַ היפּשע צײַט געאַרבעט אין אַ מיליטערישן שטאַב. צו פּינקטלעכקײַט בין איך גע־

וווינט. דער אײַנקונפט באַ סאָלאָמאָן יעפימאָוויטשן איז געמאַכט געוואָרן שוין אפן צווייטן טאָג נאָך דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג. דרײַ אקווארעלן האָט ער אַליין דעם מוזיי געשענקט. זײַנען דערוף פאַראַן צוויי באַזונדערע אַקטן. מיך האָט ער געמאָלט אַ וואָך פאַרן שלוס פון דער אויסשטעלונג. אין מוזיי האָבן דעם פּאָרטרעט אַלע געזען. געשענקט מיר דעם וואַריִאַנט מיט אַן אויטאָגראַף און אַ דאַטע מיט צוויי טעג פאַרן אַוועקפאָרן. איר האָט קיינמאָל ניט פאַרנומען קיין אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן, וווּנדערט אײַך מיסטאָמע, וואָס איך שרײַב עס אײַך אַלץ, נאָר דאָס איז צום באַרויִקן, וועט זײַן גענוג.

איצט, אַז פאַר מיר זײַנט איר שוין רויִק, וועט איר שאַרפער דערפילן די אייגענע באַאוולטקײַט. טאָ לאָזט זיך אין דעם ניט אַרײַן. גלייבט מיר, וויטאַלי איז גערעכט: „עט, נאַרישקײַטן, פאַרגעסט”. באַם קינסטלער סאָלאָמאָן ווײַס וועט קיינער זײַן גוטן נאָמען ניט אָפּנעמען. אַפילע מײַן באַשיידענער נאָמען האָט אויך קיין האָר ניט געליטן. ניט אַלע זײַנען דאָך יעוולאַמפּיִעס אָף צו אַרויסלייענען פון צווישן די שורעס נעמען, וואָס זײַנען ניט אָנגערופן געוואָרן. אַגעוו, האָט זי אָנגעגעבן אַ מעלדונג, אַז פון מוזיי גייט זי אַוועק. איך האָב די מעלדונג געכאַסמעט. קיינער האָט, כאָלילע, איר אַוועקגיין ניט באַוויינט. מיר איז געבליבן צו אַרבעטן נאָך צוויי מיט אַ האַלבן כוידעש. דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר ס׳וועט באַשטעטיקט ווערן די פּענסיע, פאַרלאָז איך די אַרבעט אין מוזיי. אַלע מיטאַרבעטער, אײַנשליסנדיק די איידעלינקע קאַדראָוויטשקע, דערלאָזן אַפילע ניט אַזאַ געדאַנק. סטײַטש, טײַנען זיי, אַלע ווייסן דאָך, אַז איך האָב נאָך דער מילכאָמע אַרויסגעשלעפּט דעם מוזיי פון אונטער די רויִנען. דעם עמעס געזאָגט, ווען כאָטש איין מענטש, אויסער וויטיען, דערמאָנט וועגן דעם אָף אַ פאַרזאַמלונג, וואָלט איך זיך נאָך עפּשער באַטראַכט. נו, אַבי קיין שלעכטס האָט מען וועגן מיר ניט גערעדט. קיין איבעריק גוטס אָבער אויך ניט. אויב ניט רעכענען די מומע גרושע, וואָס האָט אָף איר אויפן אים אונטערגעהאַלטן „סטאַרי יאַק מאַלי”, האָט זיך וועגן דעם אָפּגערופן די מומע גרושע אַליין. מערסטנטייל האָט מען געשוויגן. פאַרשטייט זיך, אַז די „פּאָסילקעס” האָבן היפּש צוגעשפּילט דעם שווײַגן. אָבער דאַפקע דאָס איז מיר שווערער פון אַלץ „מויכל זײַן”. ניין, איך טראָג אָף קיינעם ניט קיין שווער האַרץ, טאָ לאָמיר זאָגן, ווי וויטאַלי — „פאַרגעסן”. דאָס זעלבע האָב איך מיט עטלעכע שורעס פריִער געראָטן אויך אײַך. אויב אָבער פאַרטראַכטן זיך ערנסט, איז אײַך שווערער, ווי מיר. ווער בין איך, אייגנטלעך, פאַר דער מאָסקווער זשורנאַליסטן לינע הערצבערג?.. אָף דעם אויסערסט וואַכזאַמען אויג פון יעוולאַמפּיִען האָט זי זיך מיסטאָמע גאָרניט געריכט. באַ מענטשן פון איר פאַך מאַכט זיך: Для красного словца не пожалеет и родного отца. אײַ, וואָס יעוולאַמפּיִעס וואַכזאַם אויג האָט אויסגעיִבט אָף מיר אויך אַ היפּנאָטישע ווירקונג, בין איך אַליין שולדיק. איך האָב שטענדיק געטראַכט, אַז היפּנאָז גיבן זיך אונטער געוויינלעך מענטשן מיט צעשרויפטע נערוון, שוואַכלינגען, בין איך באַשטראָפט געוואָרן פאַר מײַן איבערגעטריבענער פאַרגלויבטקײַט. אין־זיך שטעלט אײַך פאָר אַזאַ קאַזוס: נאָך יענער לעצטער פאַרזאַמלונג, וועלכע איך האָב אײַך באַשריבן, אַ פאַרזאַמלונג, אָף וועלכער איך האָב זיך געהאַלטן זייער רויִק, ס׳איז מיר, דוכט זיך, נאָר טשיקאַווע געווען צוקוקן זיך, וויִאַזוי די פאַרטראַכטע דראַמאַטישע פּעיעריִע איז צעלאָזן געוואָרן אין אַ פאַרס, ווי זאַלץ אין וואַסער, גיט באַ מיר באַנאַכט אַ שפּרונג דער בלוט־דרוק ביז 220 אָף 120. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. איך מוז זיך אָבער פאַר אײַך אויך אַ באַרים טאָן. נאָך דער איינציקער אײַנשפּריצונג, מיט וועלכער ס׳האָט מיך מעכאַבעד געווען דער דאָקטער פון דער „גיכער הילף”, איז דער בלוט־דרוק געפאַלן. איך בין געזונט. טאָ זײַט זשע מיר אויך געזונט. איר זײַנט דאָך אין צען מאָל קליגער פון מיר. ווי איר ווילט אײַך, נאָר אַזוי טראַכט איך. אויב אַזוי איז ניט שײַעך צו געבן אײַך אייצעס, צו „פאַרגעסן”, צו „מויכל זײַן”. איר זײַנט דאָך פאַר דער זשורנאַליסטן לינע הערצבערג ניט דאָס, וואָס איך. לאָמיר אָנרופן די זאַך באַם נאָמען: אין אײַך האָט געפעלשט דער נאָענטסטער פרײַנט. מײַן אַכטונג פאַרן אָנדענק פון סאָלאָמאָן יעפימאָוויטשן, ווי אויך צו אײַך, ראַכיל באָריסאָוונאַ, דערלויבט מיר ניט צו פאַרזיסן די פּיל. און נאָך אַ זאַך — איך וויל ניט, איר זאָלט זיך מוטשען, דערפאַר האָב איך אַרויסגעבראַכט דאָס שענדלעכע וואָרט „געפעלשט”. מעגלעך, אַז איך טרײַב איבער, אַז די פּיל האָב איך פאַרביטערט מיט אַן איבעריקן טראָפּן גאַל, אַזוי אָדער אַנדערש, ווילט זיך מיר, אַז אײַער ענדגילטיקע באַציִונג צום געשעענעם זאָל וואָס גיכער אויסגעקריסטאַליזירט ווערן און איר זאָלט זיך באַרויִקן.

פאַר מיר, אין טאָך גענומען, האָט זיך דער „אום” אויסגעדרייט צו „גראָד”. אָט דערפאַר האָט זיך אַזוי פאַרזאַמט מײַן בריוו צו אײַך, ווײַל איך האָב געוואָלט ענדגילטיק איבערצײַגן זיך אין דעם, איידער כ׳וועל אײַך אָנשרײַבן. צי איז מיר אַ שאָד צו פאַרלאָזן דעם מוזיי?

געווים. פון דער צווייטער זײַט אָבער געדענקט איר, מיסטאַמע, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט איינע אײַערע אַ באַקאַנטע געטראָגן זיך מיט דער אידיי אָנצושרײַבן וועגן דער „שכי־טע אפן אינדזל כיאָס״ פון עזשען דעלאַקרואַ. זײַנען געווען בוקלעטן, קאַטאַלאָגן, צײַטונגס־אַרטיקלען (אַגעוו, האָב איך זייער ליב צו שרײַבן צײַטונגס־אַרטיקלען) און נאָר טיילמאָל, אין אַ שפּעטער שאָ, פלעגט מײַן האַנט אַרײַנלייגן נאָך אַ בלעטל אין אָפּגעדרוקטע אף דער שרײַב־מאַשינקע אין איצט שוין אַ היפּשער פּאַפּקע אין איינער פון מײַנע טישקעסטלעך. איך וועל אַנטדעקן פאַר אײַך אַ סאָד: איצט איז עס שוין אַ בוך, אַ בוך וועגן דעלאַקרואַ, וואָס וואַרט נאָר, איך זאָל מיט אַ רויקן קאָפּ דורכגיין זיך איבער אים און דאַן קום איך קיין מאָסקווע. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך פאַרלויפיק אַרויסשיקן אַן עקזעמפּליאַר, וועט אײַך זײַן גודנע, אָדער די צײַט וועט אײַך ניט דערלויבן, קענט איר וואַרפן דאָס לייענען אינמיטן, אָדער אינגאַנצן ניט לייענען. איך וואָלט עס ניט געוואָלט, נאָר פאַריבל — גאָט באַהיט. וועט איר לייענען מיט אינטערעס, וועל איך זײַן איינע אַ גליקלעכע. געוויינ־לעך, איז די ערשטע לייענערן באַ פיל מעכאַבּרים די מאַשינניסטקע. איך אָבער דרוק דאָך אַליין. וועט איר זײַן די ערשטע. און יעדעס וואָרט אײַערס צי גוט, צי שלעכט, איך פאַרזיכער אײַך, וועט פאַר מיר זײַן מיט גאָלד גלײַך.

וואָס איז שײַך דעם מוזיי, טרוים איך, מײַן אָרט זאָל פאַרנעמען וויטאַלי. איך האָף, אַז איך וועל עס פּויעלן באַ נאַטשאַלסטווע. צו וויטאַלין באַציט מען זיך גוט. צו מיר האָט זיך אויך די באַציִונג ניט געביטן. פאַרקערט, אייניקעריידן מיט מיר אַזוי, ווי ס׳וואָלט מיך, ווי אַ פּיצל קינד, באַפאַלן אַ מין סקאַרלאַטינע, אָדער, לאָמיר זאָגן, מאָזלען. און איצט, אונטער די אָפּגעפּאַלענע שופּן, וואַקסט אף מיר אַ נײַע הויט.

איך נעם אײַך אַרום, מײַן טײַערע. זײַט רויִק. זײַט געטרייסט.

אײַער וואַלעריע״.

„זײַט געטרייסט״. ווי נאָענט עס איז מיר די דאָזיקע ווײַטע פרוי, וואָס אין פּלוג קען איך זי גאַנץ ווייניק. אַן עפּיסטאָליאַרע פרײַנטשאַפט. אַזאַ מין אַרכאַישע אין אונדזער לעבן. טאָגבוכער און לאַנגע בריוו, אויב זיי זײַנען נאָר ניט קיין געשעפטלעכע, שרײַבן איצט סײַדן טשודאַקעס. טאַ לאָמיר בלײַבן טשודאַקעס, וואַלעריע גראַסימאָוונאַ. ווי דאַנקבאַר איך בין אײַך, וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איר מיר קיין טרייסט־ווערטער ניט גע־שריבן. איר וואַרפט קיינמאָל ניט קיין ווערטער אפן ווינט. דאָס האַרץ האָט אײַך דאַן אונ־טערגעזאָגט, אַז קיין טרייסט קאָן ניט זײַן. אין דעם איצטיקן פאַל גלייבט איר. עס קאָן זײַן. נאָר די גרויס פון מײַן נײַעם פאַרלוסט פאַרשטייט איר אויך. „זײַט געטרייסט״ איז אַ ווונטש נאָך אַ גרויסן פאַרלוסט.

## 29. האָר בלאָנדע, אויגן בלויע

די סימכע איז אויס. מיר גייען אַרויס פון רעסטאָראַן אַ היפּש געזעמל — באַ אַ דרײַסיק מאַן. צווישן זיי זײַנען דאָ נעענטערע און ווײַטערע. ווערט די קאָמפּאַניע אומבאַמערקט צע־פלאָסן. ריטשקעלעך צעגייען זיך אין פאַרשיידענע זײַטן. — איינס צום אויטאָבוס, דאָס צווייִ־טע — צו דער מעטראָ־סטאַנציע. „אַ גוטן״, „זײַט מאַצליעך״ — און יעדערער איז שוין פאַר־נומען מיט זײַנע אייגענע זאָרגן. דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, קיין סימען פון קיין רעגן. אין דער אָוונט ליכטיקער פונעם טאָג. מיר שטייען אַ קליין קופּקעלע, סאַמע אייגענע. און דאָ ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין מעטראָ פאָרן אַלע אין איין ריכטונג, נאָר איך איינע — אין אַ פאַרקערטער.

זאָגט דאַניעל:

— מומע ראַכל, איך פאָר מיט אײַך. איך וועל אײַך באַגלייטן.

זאָגט מײַן איידעם:

— איך בין אַ נעענטערער קאָרעוו, איך בין בילכער.

זאָגט דאַניעל:

— דאָס דאַרף מען נאָך דערווײַזן, ווער ס׳איז אַ נעענטערער קאָרעוו.

לאַכן זיי ביידע, מײַן איידעם און דאַניעל.

— צוריקוועגס וועסטו זיך פֿאַרבלאָנדזשען ווי אַ פּיצל קינד, — זאָגט מײַן איידעם צו דאַניעלן. — וועסט פֿאַרגיין אין אַ פֿרעמדער כאַטע פֿון אַ פֿערצן שטאָק אינדערהייך. דו קענסט ניט די נײַע מאָסקווע.

זאָג איך:

— האַלעמײַ זאָלט איר זיך שיידן, אַז איר פֿאָרט אַלע אין איין ריכטונג. אָן, זע איך, איז אַ סטאָיאַנקע פֿון טאַקסי, דאַרף איך ניט קיין באַגלייטער. — און שוין גאָר מיט אַ באַשעפֿטיקטן טאָן: — דאַניעל, קלינג און קום, און איר קומט, און איר, — אַזוי ווענדע איך זיך צו דאַניעלס פֿרוי און זײַן שוויגער און לאָז זיך גיין צו דער גרופּקע האַרט־שווײַגנדיקע מענטשן, וועלכע שטייען איינער הינטער דעם אַנדערן, און קיין טאַקסי איז אַף אַ רעפֿוע ניטאָ. גייט מיר נאָך די גאַנצע קאָמפּאַניע. עס באַקומט זיך, ווי אין דער רעטעניש מיטן וואָלף, דער ציג און דעם קעפּל קרויט. ווער עס זאָל מיך ניט באַגלייטן, אַלציינס דער דרײַלינג — דאַניק, ליובינקע און מײַן איידעם, מוזן צעשיידט ווערן. און איך זע דאָך ווויל, אַז סע גייט זיי אויס אַלעמען דאָס כּיעס צו זײַן נאָך אַ ביסל צוזאַמען. אין דער ריי שטיי איך אַליין. מײַנע שטייען אויך אין אַ קופּקעלע, אַ ביסל פֿון דער זײַט. הייב איך זיך שוין אָן צו ערגערן, וואָס איך פֿאַרהאַלט אַלעמען. איך האָב דאָך געמיינט, אַז אָט זעץ איך זיך און אָט פֿאָר איך. כּיי וואָלט איך שוין בעסער אַרײַן צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע אין מעטראָ און דאָרטן וואָלטן מיר זיך שוין צעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. איז ווידער די רעטעניש...

עס באַווײַזט זיך אינדערווײַט אַ גרין פֿײַערל. יעדערער אין דער ריי גלײַכט זיך אויס, ווי ער וואָלט וועלן אויסזען וואָס שענער, קעדיי מע זאָל אים און ניט קיין אַנדערן אויסקלײַבן פֿאַר אַ פּאַסאַזשיר. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ, און דער שאָפֿער רופֿט הילכיק אויס, ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן עמעצן אַ ראַפּאָרט וועגן גאַנצע צוויי זײַטן פֿון דער וועלט, וווּהין ער איז גרייט צו פֿאָרן: Юго-запад!

נאָך עטלעכע מאַשינעס באַווײַזן זיך, נאָר, ווי אָפּצולאָכעס פֿאָרן זיי אַלע אַהין, וווּהין קיינער פֿון אונדז, וואָס שטייען אין דער ריי, דאַרף ניט פֿאָרן. ווען איינער מיט אַ היפּשן פּאָרטפֿעל נעמט טומלען, מאַכט קוראַזש (צו קיין אַמטלעכער מאַשין איז ער, ווײַזט אויס, נאָך ניט דערוואַקסן, נאָר שאַפֿן זיך מיט מענטשן איז ער געוווינט): „אָט וועל איך פֿאַרשרײַבן דעם נומער", ענטפֿערט אים דער טאַקסיסט: „פֿאַרשרײַבט, אויב איר זײַנט אַ גראַמאָטנער". אין דעם דאָזיקן ווערטער־געפֿעכט רײַסט זיך מיטאַמאָל אַרײַן:

— צום רעטשנאָי וואָקזאַל דאַרף דאָ ווער?

אַ קאַשע... מײַן איידעם האָט שוין אַן עפּן געטאָן דאָס טירל פֿון דער מאַשין און האַלט זיך באַ איר, ווי עמעצער וואָלט זי באַ אים געוואָלט אָפּנעמען. איך כאַפּ זיך אַרויס פֿון דער סאַמע מיט פֿון דער ריי, איך גיב אַ פֿאָכע צו מײַנע באַגלייטער מיט דער האַנט און אָט זיץ איך שוין, ווי אַ גרעפֿן אין דער מאַשין און פֿאָר קימאַט אַהין, ווו מע דאַרף. איך מוז זיך מודע זײַן אין מײַן עגאָיזם. די פֿינף־זעקס מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו דער סטאָיאַנקע פֿריִער פֿון מיר און פֿאַרבליבן דאָרט שטיין, פֿליִען מיר באַלד אַרויס פֿון קאָפּ.

— מײַן טאַקסיסט איז אַ מענטש פֿון די דאַרעמדיקע קאַנטן. וועגן דעם זאָגן איידעס די געדיכטע שוואַרצע האָר אַפֿן קאָפּ און די ניט ווייניקער געדיכטע און ניט ווייניקער שוואַרצע וואָנצעס אַפֿן גלאַט־אָפּגעגאָלטן פּאָנעם. און דאָס פּאָנעם אַליין איז בוימלדיק־טונקל. אַ מוירעדיק באַרעדעוודיקער סוביעקט, דער טאַקסיסט. און דערציילן דערציילט ער בלויז וועגן גאַזלאָנים און רוביבער. לויט אים נאָך קומט אויס, אַז די גאַנצע פֿאַרברעכערישע וועלט, אָנהייבנדיק פֿון די אַמעריקאַנער גאַנגסטערס און אַרבעטסלאָזע נעגערס און ענדיקנדיק מיט אונדזערע היימישע שיקורים (די, זאָגט ער, וועלן אײַך אַרײַנזעצן אַ מעסער אין זײַט איבער אַ האַלבן ליטער), זײַנען אַלע באַשעפֿטיקט דורכויס מיט די שאָפֿערס פֿון די מאָסקווער טאַקסי. צום סאָף פֿון יעדער מײַסע דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ און גיט אַ בליץ אַף מיר מיט אַ פּאָר שוואַרצע, מאַמעש גאַזלאָנישע אויגן.

— אָט האָט מיט מיר אַליין געטראָפֿן... איך בין נאָך געווען אַ פּאַצאַן, געמיינט, אַז דרייען דעם בייגל אין דער מאַשין איז אַלציינס, ווי אָפּבײַסן פֿון אַ פֿרישן בייגל און לייגן אין מויל אַרײַן. איך פֿיר די מאַשין, הינטער מײַן פּלייצע זיצן צוויי פֿאַרשוינען. איך קוק זיך אַף זיי ניט אום. וואָס האָב איך אַף זיי צו קוקן, איך זע זיי אַזוי אויך אין מײַן שפּיגעלע. מיטאַמאָל, איינס און צוויי, גיט זיך אַ דריי אַרום מיר אַ שטריק, עפּעס אַ גרינע גאָר, צי אַ בלויע, און שוין, איך בין געבונדן באַ די הענט און די פֿיס.

— פּונקט אַזוינס האָב איך געזען ניט לאַנג צוריק אין קינאָ, — זאָג איך מיט אַן ערנסטן פּאָנעם. — דער פֿילם הייסט, דאַכט זיך, „לאָז ניט אַרויס פֿון אויג".

— אוהו, איך האָב אויך געזען. דאָרטן איז אזא הויכער, א בלאָנדער.
— א פראַנצויזישער אַקטיאָר, פּיער רישאַר איז זײַן נאָמען. האָבן די באַנדיטן אים צוגעבונדן צו דעם שטול, אַף וועלכן ער איז געזעסן.
— וואָס פאַר א פאַרגלײַך, — פּאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ דער טאַקסיסט, — ער איז דאָך געזעסן אַף א שטול, אָט דער רישאַר, ווי נאָר יענע לײַט זײַנען אוועק, האָט ער מיט די פיאַטעס אײַנגעשפאַרט זיך אין דיל און איז זיך אוועקגעפאָרן אַף זײַן שטול איבערן צימער. באַ מיר איז דאָך אָבער ניט קיין צימער. באַ מיר איז א לאַנגער שאָסיי־וועג, הינטער דער שטאָט, און וואָס וועט זײַן מיט דער מאַשין?
„אהא, אהא, — טראַכט איך מיר, — וואָס וועט טאַקע זײַן מיט דער מאַשין? וויאַזוי וועט ער ווײַטער אַנטוויקלען זײַן סצענאַריי?" איז גאָט א פּאַטער — א באַרג מיט ציגל מאַכט זיך אונדז אַפּן וועג, פאַרט ער דעם באַרג אַקוראַט אַרום און דרייט זיך צו מיר ווידער אויס מיטן פּנים און גיט א בליץ מיט די גאַזלאָנישע אויגן:
— אָט דאָס, — זאָגט ער, — איז דאָס סאַמע געפערלעכע. מיט א ציגל, אַז מע גיט א זעץ איבערן קאָפּ, וועט דער בעסטער אויספאָרשער קיינעם באַ דער האַנט ניט כאַפּן. ציגל לאָזט ניט איבער אַף זיך קיין אָפּבילדונג פון די פינגער. איר האָט עס ניט געוווּסט? דערפאַר ווייסן עס זיי, יענע כעוורעלײַט. א פאַרדעכטיקן פאַרשוין זעץ איך קיינמאָל ניט פונהינטן. נאָר לעבן זיך, אָט אַ־דאָ, ווו איר זיצט.
דעם באַרג ציגל זײַנען מיר פאַרבײַגעפאָרן, ווי א מין גרענעץ. די דעטעקטיוו־טעמע איז געבליבן אַף יענער זײַט. דער טאַקסיסט שווײַגט. זײַן בליק איז אָנגעצילט אַפן וועג. מיט־אַמאָל גיט זיך די מאַשין א טראַג מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקײַט. מיר פליען פאַרבײַ אַן אַרודאָוועץ, און יענער מאַכט זיך ניט זעענדיק. זאָגט מיר דער טאַקסיסט, שוין ניט אויסדרייענדיק צו מיר דעם קאָפּ:
— האָט קיין יעסורים ניט. מיט אים וועל איך אויסקומען צוריקוועגס.
מיילע, קיין גרעסערע דײַגעס זאָל איך ניט האָבן. געבליבן איז מיר צו פאָרן העכסטנס א מינוט צען. איך האָב זיך אַזוי פאַרהערט מיט דעם שאָפערס מײַסעס, אַז איך האָב פון מײַן האַנט־בײַטל פאַרגעסן. אָן ליגט ער ניט ווײַט פון מיר. נעם איך אים אונטערן עלנבויגן.
— אָט דאָס איז גוט, אַ מענטש מיט קאָפּ דערקענט מען באַלד, — שטאָט מיר אָפּ אַן אומגעריכטן קאָמפּלימענט דער טאַקסיסט. — איך האָב פײַנט ראַזיניעס, וואָס כאַפּן זיך אין א יאָר אַרום, אַז עפּעס האָבן זיי איבערגעלאָזט אין דער מאַשין. און ווער איז שולדיק? געוויינלעך, דער טאַקסיסט. פאַרצווייאָרן, דעם 31־טן דעקאַבער איז דאָס געווען, איך געדענק, ווי הײַנט, זיצט באַ מיר א מאַן מיט א ווײַב אין רײַכע פוטערס מיט גרויסע קאָלנערס און פוטערנע היטלען אַריבער די אויערן. שוין עלטערע מענטשן. פײַנע, אינטעליגענטע. דער מאַן האָט מיך פאַרהאַלטן עפּשער צען מינוט, ביז ער האָט אויסגעציילט איינס אין איינס דאָס מינץ אַף צערעכענען זיך מיט מיר. און דאָ שטייען שוין באַ דעם טירל צוויי יונגעלײַט, וואָס האָבן, ווי מע זעט, באַוויזן גוט אונטערגאַרטלען זיך נאָך פאַר נײַ־יאָר.
— איי, שעף, — זאָגט איינער, — וואָס אָווערט עס אַזוי באַ דיר אין מאַשין מיט פיש? — און טיטשעט מיך מיט דער האַנט אין פּלייצע. איך האָב פײַנט, אַז מע טיטשעט מיך אין פּלייצע, דריי איך זיך אויס, קעדיי אָנכאַפּן פאַרן קאָלנער איינעם, דערנאָך דעם צווייטן און אַרויסשלײַדערן זיי ביידן אין שניי. זאָלן זיי זיך פריִער אויסניכטערן, איידער זעצן זיך אין טאַקסי. איז וואָס מיינט איר, פונהינטן איז געלעגן אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר א קעטאָ, א גאַנצער פיש פון א קילאָגראַם פינף געוויס. ערשט באַם באַגעגענען דאָס אַלטע נײַע יאָר, פריִער האָבן מיר אַפן פיש אַפילע ניט געקוקט, האָט די מאַמע דערלאַנגט אים צום טיש. וואָס קען מען טאָן, אַז יענע אינטעליגענטע אין די פוטערס האָבן א קורצן זיקאָרן. — און מיט א שעלמישן בליץ פון די אויגן: — אַזוי לאַנג געציילט דאָס מינץ, ביז די פיש איז פון זיי אַנטרונען. א פיש — א בער...
נאָך דער מײַסע מיט דעם פיש גייט אַוועק א מײַסע וועגן איינעם א מיידל, האָר בלאָנ־דע, אויגן בלויע, א מיידל — א ליאַלקע. דער טאַקסיסט רײַסט אָפּ אַף א רעגע די רעכטע האַנט פונעם רול און גיט אַזש א קוש, ווײַזט אויס, צוליב אָנשוילעכקײַט, די קישעלעך פון די אייגענע פינגער. און די אויגן, בייס ער טוט אַף מיר א קוק, זײַנען גאָר ניט קיין גאַזל־אָנישע. עמעס, זיי גלאַנצן, מעגלעך, צו שאַרף, אָבער ריינע זײַנען זיי, נאַיִווע, ווי באַ א דרײַיאָריק קינד. צערעדט זיך מיטן מיידל, דערציילט ער מיר, האָט ער זיך וועגן איר דער־ווּסט צוויי זאַכן, אַז הייסן הייסט זי גאַליע און אַרבעטן אַרבעט זי אין א פּאָליקליניק אַלס מעדיצין־שוועסטער. ווען זי האָט זיך געזעצט אין דער מאַשין, האָט ער קלאָר געזען,

אַז אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך צעשאָטן ביז די אַקסלען איבער איר בלויען לעדערנעם זשאַקעט, פּונקט צו דער פאַרב פון אירע אויגן. ער פירט זי צו צו איר שטוב, זי צערעכנט זיך מיט אים און טיץ אין דער אָפענער טיר מיט דער שטײַפער פּרוזשינע. אַ קנאַק — טויב צו ווערן. אויס מיטן מיידל. און דער בלויער זשאַקעט בלײַבט ליגן אין דער מאַשין. איז גוט, וואָס ער האָט זיך גלײַך געכאַפּט. פאָרט ער אָפּ וויפל־ניט־איז, טאָ זײַ אַ בעריע און דערקען דאָס הויז, אַז אַלע זײַנען זיי, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. און אַז איין מאַמע איז וואָס? אַ צווילינג לאָזט זיך דאָך אויך דערקענען, ווען מע געוווינט זיך צו. אָף אַ פּאָנעם מאַכט זיך אַ בראָדעווקע, זאָל זײַן די גרויס, ווי אַ שפּילקע־קעפּל, כ׳ווייס, אַ פּיצעמאָנינקע כיין־פּינטעלע. און דאָ וואָס? בעקיצער, איך לאָז זיך לויפן, ווי מיר דוכט, צו דער זעלבער טיר, הינטער וועלכער ס׳איז פאַרשוווּנדן מײַן פּאַסאַזשירקע.

— נו, און געפונען?

— אַ פּראַגע. איינע אַן אַלטיטשקע האָט זיך גלײַך געכאַפּט, ווען איך מיין. די בלויע קורטקע האָט זי דערקענט. דעם נומער פון דער דירע האָט זי נאָר ניט געדענקט אַקוראַט. נאָר אַז דאָס מיידל ווינט אָפּן צענטן עטאַזש ווייסט זי אָף זיכער. פלי איך אַרויף מיטן ליפט אָפן צענטן עטאַזש, קלינג אין איין טיר, אין אַ צווייטער — ביטאָ קיין באַלן אָף דער בלויער קורטקע. שטיל. די דריטע טיר עפנט פאַר מיר טאַקע זי, איר וואָלט זי אָנגעקוקט — האָר בלאָנדע, אויגן בלויע. און זי טוט עס אַ פּאַטש מיט די הענט — אַ מין הענטעלעך... ווען אַזעלכע הענט שטעכן אַרײַן אַ נאָדל, וווּהין עס זאָל ניט זײַן, קאָן עס קיינעם ניט ווי טאָן. דער שוועסטער כוילע מוז געגעזן ווערן. „אוי, גאָר פאַרגעסן, אַ דאַנק אײַך, אַ דאַנק. קומט אַרײַן. זעצט זיך צו״. נאָר ווי צוזעצן זיך, ווען צוזעצן זיך, עס וואַרט דאָך אָף מיר די מאַשין. אַ הינטיש לעבן.

דער טאַקסיסט גיט האָפענונגסלאָז אַ מאַך מיט דער האַנט. אין דער זעלבער רעגע צעוואָיעט זיך זײַן קלאַקסאָן, פּונקט ווי אַ סירענע מילכאָמע־צײַט. אַלס ענטפער אָף דער סירענע, גיט זיך ראַפּטום אַן עפן אַ פענצטער ערגעץ אין דער הייך, און פון פענצטער שטעקט זיך אַרויס אַ פרויען־קאָפּ מיט צעלאָזטע האָר. דער טאַקסיסט גיט אַ קוש די קישעלעך פון די אייגענע פינגער, אַ פאָכע מיט דער רעכטער האַנט און מיר פאָרן ווײַטער.

„שוין וויפל יאָר איז אין מאָסקווע פאַרבאָטן אַזוי צו הודיען... אָט דאָס הייסט אַ קאַוואַליער״, — גיב איך אַ טראַכט. דער טאַקסיסט אַליין איז פון זײַן אויווער זײַן דעם געזעץ, ווײַזט אויס, מוירעדיק צופרידן.

— געזען, — פרעגט ער מיך, — אַ קאָפּ האָר? געזען אַ פּאָר אויגאַנעס?

דער קאָפּ איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב באַוויזן צו דערזען. צו די אויגאַנעס איז געווען אַ ביסל צו ווײַט. נאָר וואָס איך וועל ענטפערן, אינטערעסירט דעם טאַקסיסט גאַנץ ווייניק.

— אָט דאָס איז זי דאָך טאַקע, מיטן בלויען זשאַקעט, — זאָגט ער מיר אָן מיט גדולע. — שוין מער ווי אַ יאָר, ווי מיר האָבן זיך פאַרשריבן.

מיטן טאַקסיסט מיט די „גאַזלאָנישע אויגן״ צעשיידן מיר זיך, ווי די בעסטע פרײַנט. פון האַנט צו האַנט גיבן מיר איבער איינער דעם אַנדערן, איך — די עטלעכע רובל, וואָס אים קומט, און ער מיר — אַ פּאַפּירל, אָף וועלכער ס׳איז אויפגעשריבן אַ נומער פון אַ טעלעפאָן.

— קומט אַרײַן, — זאָגט ער, — וועט איר זען אַ פּאַצאַן פון דרײַ כאַדאָשים, מעגט איר אים געבן זעקס. מײַנע גייט אויס נאָך געסט. אַ פּיראָג באַקט זי אַזיס, די גרויס ווי דער טיש.

— איך וועל קומען, איך וועל קומען, — זאָג איך צו דער אוועקיאָגנדיקער מאַשין.

אין שטוב גיי איך אַרײַן אַ דערוואַרעמטע. ווען איך טו זיך אויס באַם שפּיגל, דערזע איך אָף מײַנע ליפּן אַ נאַריש־גליקלעכן שמייכל. דאַכט זיך, וואָס?..

אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן:

— מאַמע, ווי ביסטו פאַרפאָרן?

— זייער גוט, ליובינקע, געשלאָסן אַ נײַע באַקאַנטשאַפט מיט אַ טײַערן מענטשן.

— אונטערגעכאַפּט אין וועג? אָ, דײַן טאַקסיסט איז אַ יונג — אַ כוואַט. מע זעט גלײַך.

— ניין, ליובינקע. ער אַליין איז אַ טײַערער מענטש.

נאָך ליובינקען קלינגט מיר דאַניק:

— מומע ראָכל, ווי זײַט איר דערפאָרן, בעשאָלעם? — אָט אַזוי פרעגט ער מיך טאַקע — בעשאָלעם? אָף ייִדיש פרעגט ער מיך. דאָס טרײַבל נעמט איבער זײַן פרוי, דערנאָך די שוויגער. אַלע לאַדן זיי מיך אײַן צוגאַסט.

אזא מין טאָג איז בא מיר הײַנט. פֿון סאמע באַגינען האָט ער פֿארפֿירט מיט מיר א מאָדנע שפּיל: דאָ באהעלט, דאָ פֿארטונקלט. אויסגעפּרווט אָף מיר די קראַפֿט פֿון ליכט און שאָטן. און עפּשער איז די שפּיל א געווײנלעכע, די שפּיל פֿון לעבן. אײַ, די קינאָ־לענטע, וואָס האָט זיך הײַנט דורכגעדרייט אין מײַן זיקאָרן, איז קיין ווונדער ניט. ניטאָ אזא שנעל־קײַט, וואָס זאָל איבערשטײַגן די שנעלקײַט פֿונעם מענטשלעכן געדאַנק, כאָטש פֿיזיש לאָזט זיך עס דערווײַל ניט דערווײַזן. און אומגעריכטע באַגעגעניש — און עס האָט זיך אין מיר צעוויכערט... דאָס איז אַלץ דאַניק. ער איז דער רעזשיסער. ער איז דער קונצנמאַכער — האָקוס־פּאָקוס...

אין טאָך האָב איך הײַנט דורכגעלעבט א ליכטיקן טאָג. איך וואָלט זייער געוואָלט זאָגן וועגן דעם אײנעם א מענטשן.

— איך האָב הײַנט געזען דײַן זון, — וואָלט איך געזאָגט, — דאַניקן האָב איך געזען. ווייסט לאַכן, איך האָב אים לעכאַטכילע ניט דערקענט. מיט די לאַנגע האָר, מיט דער באָרד און באַקנבאַרדן. נאָר אַלצייַנס האָט מיך א צי געטאָן צו אים, ווי נאָר כ'האָב אים דערזען אַנטקעגן זיך אין וואַגאָן פֿון מעטראָ. אזוי סימפּאַטיש האָט ער אויסגעזען אין מײַנע אויגן, אַז איך האָב באַשטימט בא זיך, ניט אַנדערש — א פֿאַרליבטער טשודאַק. און אויב אזוי, האָב איך שוין אויך א פּראָפֿעסיע צוגעטראַכט פֿאַר אים אָן אויסטערלישע. פֿאַר א גערפּעטאָלאָג האָב איך אים גאָר געמאַכט. הערסטו, מײַן טײַערע, וואָלט איך געזאָגט, פֿון דאַניקן איז בא מיר אזא וואַרעמקײַט אָף דער נעשאָמע.

דאַכט זיך, אזוי פּאָשעט, הייב איך נאָר אויף דאָס טרײַבל פֿון טעלעפֿאָן, רופֿט זיך אין דעם אָפּ לינעס קאָל.

הייב איך אָבער דאָס טרײַבל ניט אויף. די האַנט ליגט אָף דעם אָן באַוועגונג, ווי א גע־ליימטע. און פֿאַר די אויגן קומט אויף: א ראָזעווער רייף קײַקלט זיך איבער א מיט זון באַגאָ־סענער גאַס צווישן אײנשטאָקיקע הילצערנע שטיבער. און א מיידעלע אין א ראָזעווע היי־טעלע יאָגט אים אונטער מיט א העל־בלוי שטעקעלע.

מאָדנע גיך קײַקלט זיך די רייף און פֿאַרשווינדט אין דער אומענדלעכקײַט.



# פונעם מילכאָמע־בלאָקנאָט

## אין יענע אומרויִקע וואָכן

ווען כ׳האָב פאַרלאָזט מײַן שטילע היים
אין יענע אומרויִקע וואָכן,
האָט קיינער הילפלאָז ניט געוויינט,
האָט קיינער ניט די הענט געבראָכן.

ס׳האָט בלויז דער קליאַן, וואָס אינעם סאָד,
מיט יעדער צווײַג געטאָן א ציטער,
ווי גלײַך ער וואָלט געוווּסט דעם סאָד,
וואָס שרעקט דעם בוים פאַר א געוויטער.

ווען כ׳האָב געשפּאַנט אין ברייטן פעלד
מיט שווערער ביקס אַף יונגער פּלייצע,
דאַן האָבן העפקערדיק געקוועלט
די ברוסטיקע און שלאַנקע ווייצן.

נאָר א פאַרבענקטער פויגל האָט
געררופן מיט א קאָל פאַרשמאַכטן,
ווי גלײַך ער וואָלט געוווּסט דעם סאָד
פון בלוטיקע און שווערע שלאַכטן.

ווען כ׳האָב געשפּאַנט מיט יונגער ברוסט
אין פלאַם, אין גרויל, אין קראַמף פון לײַבער,
איך האָב נאָך דעמלט ניט געוווּסט
צי פאַלן כ׳וועל, צי לעבן בלײַבן.

נאָר וווּנדער־ווערטער פון א ליד
האָבן אין האַרץ זיך טיף פאַרקליבן:
ווער ס׳איז אין לעבן שטאַרק פאַרליבט,
דעם טויט וועט אומבאַדינגט באַזיגן.

## אין סאַמע פײַער

יאָ, כ׳בין געווען אין פײַער סאַמע,
אין רויך, אין קויט, אינעם געשלעג.
פאַרוואָס זשע אַזוי האַרציק וואַרעם
דערמאָנען מיר זיך יענע טעג?

צי ווײַל אין גרויסן קריג ניט איינמאָל
באַוויזן האָבן מיר דער וועלט,
ווי נאָענט, ליב איז אונדז דאָס היימלאַנד
און וואָס אין לעבן אונדז געפעלט?

און עפשער פּאָשעט, ניט גענוג איז,
וואָס פלוצלינג איז אַזוי געשען:
מײַן איינציקע,
מײַן שיינע יוגנט
אין פײַער־פלאַם האָט אָפּגעברענט.

## דער פויגל בויט א נעסט

אַף די פעלדער גיסט זיך בלוט,
ס׳איז די שטאָט אין פײַער,
נאָר דאָס פייגעלע ניט רוט,
בויט א היים א נײַע.

ברענגט א שטרויעלע אין מויל,
און דערנאָך א פעדער.
אינעם נעסטעלע ווערט וווּיל,
ווייך איז דער געלעגער.

צו דער „זי״ — צו זײַן כאַכאָמע,
וואַרפט ער בליקן שאַרפע.
די מילכאָמע ז׳א מילכאָמע,
אָבער לעבן דאַרף מען...

# אויג אף אויג

* * *

נאַכט-באַשעפּענישלעך ווימלען
אינעם טונקעלן גרויען גראָז,
שטערן ליגן אין די הימלען,
ווי די שפּליטערלעך פון גלאָז.

מײַן נעשאָמע איז געפאַנגען
דורך דער נאַכט — ס'אַזאַמין גליק
צו פאַרנעמען אַלע קלאַנגען,
יעדן ריר און יעדן בליק!

דאָרט אין גאָרטן פאַלט אַן עפּל,
דאָ א מוקל זשומעט קוים,
דאָ אין פענצטער צאַנקט אַ לעמפּל,
דאָרט — אַ שטערן אינעם רוים.

צווישן מיר און זיי — קיין גרענעץ,
קיין מעכיצע און קיין שוועל;
עפּשער מײַנס און עפּשער עמעצס
וואַכט אַן אויג איבער דער וועלט.

איבער אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט,
אויסגעשפּרייט האָט זיך אַ נעץ,
און איך פּיל אין האַנט איר פאָדעם
מיטן פרישן טוי באַנעצט.

אין דער הייך און אין דער נידער,
אין די בערג און אינעם טאָל
שאַלן וווּנדערלעכע לידער,
הערט זיך בוילעט אַ באַסקאָל.

* * *

כ'וועל עפּשער באַלד דערגיין דעם זין
און עפּשער שפּעטער,
וואָס רעדן גראָזן צווישן זיך,
וואָס שעפּטשען בלעטער;

וואָס כאָלעמט זיך דעם ווײַסן וואַלד
אין קעלט און שנייען,
וואָס שרײַט אַזוי דער ווינט געוואַלד,
פון וועלכע ווייען?

ווי קאָן מען זײַן פון אַלץ פאַרשטעלט,
גלײַך ווי פאַרשטיינערט?!

די גאַנצע וועלט, די גרויסע וועלט
וואָרט, מ'זאָל פאַרשטיין זי.

אַפילע ניט דערגיין דעם צוועק
פון וועלט-באַשאַפונג,
נאָר גלאַט אַזוי אינמיטן וועג
שטיין אין פאַרגאַפונג:

א שניי-גלעקל אין קאַלטן זומפּ
בליט זיך פרײַ-ליידיק
און שעפּטשעט אײַנגעאַקשנט-שטום:
— איך בין דיר נייטיק!..

* * *

דער הארבסט האָט אונדז געצויגן קליי
און מאַרך פון אַלע ביינער,
און מיטאַמאָל — דער ערשטער שניי,
אַן אויסגעלײַטערט-ריינער.

דער שניי, די זון, דער מילדער פראָסט
מיט ווײַסע שלייערס דעקן
דעם פאַרקן און דאָס זשוכלע גראָז,
אַ שפּענדל און א שטעקן.

די ביימער שטייען אויסגעצירט — „תכריכי־חורף"![1] — ניט גערעכט,
ניט אָפּרײַסן די אויגן. ניט איידל און צו גאַליק.
א שפּערלינג טוט די צווײַג א ריר — דער שניי איז צוגעלאָזט־געטרײַ,
און ס'לײַכט א רעגנבויגן. גיט פרייד מיט זשמעניעס פּולע —
פאַרוואָס האָט ער אַזוי פאַרשוועכט ווי נאָך א לאַנגער שיקערײַ
דעם שניי, ראַביינו ביאַליק: א גלאָז אָף א רעפּוע.

## א מיטליאָריקער מענטש

אַלץ בעסער איך פאַרשטיי פון יאָר צו יאָר
געדאַנקען און געפילן פונעם דאָר,
וואָס גייט פון אונדז פּאַמעלעכקע אוועק,
וואָס שווימט שוין צו צו יענעם לעבנס־ברעג.

מיט ליבע זע איך, ווי ס'גייט אויף די זון,
די אויגן ווערן אָבער פײַכט דערפון:
כ'פיל יעדן נײַעם טאָג, ווי א געשאַנק,
און ס'ווילט זיך זאָגן עמעצן: „א דאַנק".

א דאַנק פאַר אָט דעם אָסיענדיקן וואַלד,
ווו געלע ביימער קוקן אָף מיר קאַלט
און דורך די בלעטער ווינקט צו מיר די שרעק,
אַז אָט־אָ באַלד עס ענדיקט זיך דער וועג.

א דאַנק, וואָס ס'לעבן מענטשן, קעץ און הינט,
א דאַנק, וואָס ס'שמײַסט דער רעגן און דער ווינט,
א דאַנק פאַר יעדער פּרוכט, פאַר יעדן זאַנג,
פאַר דעם, וואָס זאָגן כ'קאָן דערווײַל: „א דאַנק".

פון אָט די ווערטער לאַכט איר שטעכיק־קאַלט
און זאָגט: „צו פרי הייבסט אָן צו ווערן אַלט!"
„דו וואָרטשעסט, ווי א זאָקן", — זאָגט מײַן פרוי...
וואָס קאָן איך העלפן? עס איז פאַרט אַזוי.

איז גייט אוועק, קאַלוזמאַן איר האָט נאָך צײַט,
און לאָזט מיך איבער מיט די אַלטע לײַט;
פון זייער אָוונטיקן טאָג באַהעלט,
כ'וועל פאַרשן, ווי עס ענדערט זיך די וועלט.

וועט כ'זע דאָס צו — ס'באַשלאָגט מיך באַלד א שווייס,
נאָר דאַנקען גאָט, פון קינדווײַז אָן איך ווייס:
די שענסטע בלומען וואַקסן ביז א צײַט,
און ס'פעלד צעבליט זיך נאָכאַמאָל באַנײַט.

---

[1] „טאַכריכיי־כוירעף" (זע כ.־נ. ביאַליקס „המתמיד") — טאַכריכים פון ווינטער.

## פרײַנטשאַפט

(אַ װאַריאַציע נאָך סימאָן דאַך XVII יה.)

װאָס בעסער איז פון פרײַנטשאַפט
אַף גאָר דער גאַנצער װעלט,
פון איידעלער געטרײַשאַפט,
װאָס אונדז דאָס האַרץ באַהעלט?
אַ פרײַנט איז אַ לאַמטערן,
װאָס אונדז דעם װעג באַשײַנט,
שטאָק־פינצטער װאָלט אונדז װערן
צו לעבן אָן אַ פרײַנט.

די שפּראַך איז אונדז געגעבן
מיט גאָר אַ גוטן מיין:
קעדיי מיר זאָלן לעבן
ניט בלויז מיט זיך אַליין.

און כאָטש ניט זייער גאַנגבאַר
איז אונדזער לאַשן הײַנט,
כ׳בין אים אומענדלעך דאַנקבאַר:
איך האָב געפונען פרײַנט.

אַ גליק אַזאַ צו װיסן,
אַז איר זײַנט באַ מיר דאָ,
מײַן ערע, מײַן געװיסן,
מײַן טרייסט אין שװערער שאָ!
ס׳איז ליבער צו פאַרנעמען
פון אײַך אַ טאַדל־װאָרט,
װי ליב־װערטער פון יענעם,
װאָס מעסט זיי מיט אַ קװאָרט.

## זומערדיקע ליבע־ליד

(פון פּאַול גערהאַרדט, XVII יה., געקירצט)

דערװאַך, מײַן האַרץ, שטיי אוף, און קום,
און זע, װי ליכטיק ס׳איז אַרום,
װי אַלץ איז פול מיט לעבן,
װי פריידיק ס׳גרינט דער סאָד, דאָס פעלד,
װי שיין עס איז די גאַנצע װעלט,
װאָס אונדז איז אָפּגעגעבן!

דער װאַלד מיט יונגע בלעטער שמעקט,
די ערד האָט זיך אָפּסנײַ באַדעקט
מיט פרישן גראָז מיט זיסן;
און זע, װי ליבלעך, מאָלע כיין,
עס טוען אָן זיך ציכטיק־ריין
טיולפּאַנען און נאַרציסן!

די לערכע זינגט דער זון איר ליב,
עס פליט פון נעסט אַרויס אַ טויב
און פלאַטערט איבער װעלדער,
דער הויכבאַגאַבטער סאָלאָװיי
באַצויבערט מיט זײַן פרייד־געװיין
די װעלדער און די פעלדער...

עס פליִען בינען אומעטום
מיט אַ דערהויבענעם געזשום
און פלײַסיק האָניק קלײַבן;
און ס׳רײַסט דער יונגער טריבן־זאַפט —
עס װיל זײַן ברויזנדיקע קראַפט
ניט הינטערשטעליק בלײַבן.

די זאַנגען שפּראָצן מיט געװאַלט;
מיט ליבע קוקן יונג און אַלט,
װי הויך איז װייץ און קאָרן.
ס׳איז פול מיט פרייד דעם פויערס בליק:
אַ יאָר פון שעפע און פון גליק
איז אונדז געשענקט געװאָרן!

און אַלץ אַרום, װאָס כ׳זע און הער,
װעקט אוף אין מיר בלויז איין באַגער,
און ס׳טוט דאָס האַרץ באַדרינגען
דער איין־און־איינציקער פאַרלאַנג:
אין אַ באַשיידענעם געזאַנג
דאָס העכסטע צו באַזינגען.

● ● ●

## אוורהם גאָנטאַר

# צוויי דערציילונגען

# ...ווי די אייגענע צען פינגער

אָפּט האָבן מיר אַ טעווע צו טראַכטן און צו זאָגן וועגן נאָענטע און באַקאַנטע: „אָ, איך קען אים, ווי די אייגענע צען פינגער! ווי זיך אַליין!“, און זייַנען זיך מערסטנטייל טויע. יעדער מענטש איז אַנדערש, טיפער, קליגער, נאַרישער, בעסער, ערגער — מיט הונדערטער ניואַנסן, וועלכע מיר באַמערקן ניט, זעען ניט און קאָנען ניט וויסן, דערפאַר טאַקע קומט אַ מאָמענט, ווען מיר עפענען ברייט די אויגן און שרייַען אויס: „עס קאָן ניט זייַן!“

ניט לאַנג צוריק איז מאָיסיי פּאַוולאָוויטש געקומען אין שפּיטאָל צו זייַנעם אַן אַלטן פרייַנט, מע קאָן זאָגן, אַ כאַוווער פון די קינדער־יאָרן. דער פרייַנט זייַנער איז אַוועק אַהין מיט אַ שווערן דיִאַגנאָז, וועלכן ער אַליין האָט געוויס ניט געוווּסט, ווייַל אַלע פּאַפּירן, אַנאַ־ליזן און אונטערזוכונגען, וואָס די פּאָליקליניק האָט געמאַכט, האָט מען אים אין דער האַנט ניט געגעבן. אין פאַרשטעמפּלטע קאָנווערטן האָט זיי אָפּגעטראָגן אין אָנקאָלאָגישן צענטער זייַן זון מאָטל לעזמאַן.

אָבער ווי זאָגט מען עס — קיין פינגער אין מויל האָט מען אים, וולאַדימיר יאַקאָוולע־וויטשן, ניט געדאַרפט אַרייַנלייגן. ער האָט געוווּסט, ווי עס האַלט מיט אים. נאָך דעם, ווי מע האָט דורכגעמאַכט די אַזויגערופענע גאַסטראָסקאָפּיִע, איז שוין אַלץ קלאָר געווען.

איך ווייס ניט, צי איז דאָ ביייטיק געניי צו דערציילן, וואָס איז עס אַזוינס גאַסטראָסקאָ־פּיִע, נאָר... ערשטנס, מאַכט מען דאָס מיט אַ יאַפּאַנישן אַפּאַראַט — אַ דיקע קישקע — אַ מע־טער די לענג, פייַכט און באַוועגלעך, ווי אַ בייזע שלאַנג. אָט די שלאַנג רוקט מען אַרייַן דורכן מויל אין מאָגן אַרייַן, און די לייַכטנדיקע אייגעלעך פון דער דאָזיקער קימאַט לעבע־דיקער באַשעפעניש זעען, וואָס עס טוט זיך דאָרט. דאָס שנוקעלע פון דער שלאַנג בייַסט אַפילע אָפּ אַ שטיקעלע פון דער געשווילעכץ, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין די געדערים פאַר־נעם קראַנקן.

דעם עמעס געזאָגט, איז דאָס ניט פון די אָנגענעמע פּראָצעדורן, נאָר אַז מע מוז, מוז מען. וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אָט דעם אויספּרווו, האָט עס דערציילט מיט אַ שמייכל אין דער אָנוועזנהייַט פון זייַן פרוי און זייַן זון, זיצנדיק באַם טיש באַ אַ גלעזל טיי.

— איך האָב זיך מאַמעש געכידעשט. סאַראַ פלינקע הענט זייַנען באַ דער דאָקטערשע. דו פאַרשטייסט, אַניע, — האָט ער זיך געווענדט צו דער פרוי, — פון אַזעלכע פינגער ווער קיין טעלער זיך ניט אַרויסגליטשן.

— דאָס איז שוין אַ שטאָך מיר, — האָט אַניע קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט, — מער קיין דייַגעס זאָלן מיר ניט האָבן, די לעצטע צייַט פאַלט מיר אַלץ פון די הענט, — האָט זי זיך אָנערקענט, — נאָר מע זאָגט, אַז ברעכן געפעס איז אַ גוטער סימען.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען וולאדימיר יאקאָוולעוויטשן צוגענומען אין אָנקאָלאָגישן צענטער. מינאַסטאַם ניט נאָר אָף מאָיסיי פּאַוולאָוויטשן וואַרפט אָן אַ פּאַכעד גופע דער נאָמען פון דעם דאָזיקן אַנשטאַלט. כאָטש ער האָט אים אַליין געבויט. באַ אים רופט עס גלײַך אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט... פו! ער וויל עס גאָר פאַרן מויל ניט ברענגען, מיט אַ קרעפּס...

אין דער שטענדיק ציכטיקער און ליכטיק־באַלויכטענער שטוב פון וולאדימיר יאקאָוולעוויטשן, ווו ער, מאָיסיי פּאַוולאָוויטש איז געווען אָן אָפּטער גאַסט, — ער האָט ליב געהאַט זיך פּאָרקען אין די פּילצאָליקע ביכער־שאַפעס און אײַנצײַטיק שמועסן מיטן באַלעבאָס, מיט דער באַלעבאָסטע אַנע סעמיאָנאָוונע, וואָס איז קעסיידער געווען פאַרנומען אין קיך, שטענדיק געגרייט עפּעס אַ געשמאַק געקעכץ, און דאָך מיט איין אויער זיך צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכן, אָפּט זיך באַוויזן אָף דער שוועל פונעם מאַנס קאַבינעט, אַפגיך אַרײַנגעוואָרפן אירע עטלעכע ווערטער און באַלד צוריק געלאָפן צו דער סקאָוורעדע, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון דער קיך מיט אַ בייזער שיפּערײַ, — אין דער דאָזיקער גאַסטפרײַנטלעכער שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן צו שטיל, עפּעס טונקעלער איז דאָ געוואָרן, גלײַך ווי אַלע לעמפּ אין די ליוסטרעס און אין די ווינקלען, ווו זיי הענגען, וואָלטן געפּלאַצט.

אַנע סעמיאָנאָוונע האָט זיך אופגעהויבן פונעם דיוואַן, אַרופגעוואָרפן אָף די עקסלען די געבלימלטע ציגײַנערישע שאַל, מיט וועלכער זי איז געלעגן צוגעדעקט, און געגאַנגען מאָיסייען אַנטקעגן. די ווינקלען באַ איר מויל, וואָס האָט נאָך ביז איצט געטראָגן סימאָנים פון פײַנער געשניצטקײַט, זײַנען פאַר איינע עטלעכע טעג געוואָרן טיפער און לענגער. אויך אין די ווינקלען פון אירע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן ביז איר בעקאָוועדיקן עלטער ניט אָנגערירן דעם קאָליר, וועלכע אייניקע האַלטן פאַר אַ סימען פון מיזרעכדיקן טעמפּעראַמענט, האָט מאָיסיי פּאַוולאָוויטש באַמערקט גראָווע פּאַסמעלעך — שוין זשע זײַנען זיי ביז איצט ניט געווען? ער האָט, יעדנפאַלס, זיי דערזען הײַנט צום ערשטן מאָל.

אַנע סעמיאָנאָוונע האָט אַראָפּגענומען פונעם גאַסט דעם רעגנמאַנטל, צוגענומען פון זײַנע הענט דעם שירעם און דאָס אַלץ באַשטאַט אָף זייערע ערטער.

— איר זײַנט, מאָיסיי פּאַוולאָוויטש, געקומען פּונקט צו דער צײַט, — האָט זי זיך אַלץ נאָך געפּאָרקעט באַם הויכן הענגער. — מאָטל קומט גלײַך אַרײַן, ער איז אַראָפּגעלאָפן אין קראָם אַרײַן נאָך הייסע בייגל. פון קינדווײַז איז דאָס באַ אים דאָס בעסטע מײַכל — אַ צעשניטענער בייגל מיט פּוטער! טיי האָב איך שוין פאַרקאָכט.

מאָיסיי פּאַוולאָוויטש האָט פאַריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע, געקוקט אין די ווינקלען — ניין, אַלע לעמפּלעך האָבן געברענט.

די באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, וווּהין ער קוקט, צוגעגאַנגען צום טעלעוויזאָר און אים אײַנגעשלאָסן. פּונקט ווי זי וואָלט געוווסט וועגן וואָס ער טראַכט, געזאָגט פּראָסט, אָן שום באַטאָנונג:

— די עלעקטרע איז הײַנט עפּעס ניט אַזוי. מיר איז אויך פינצטערלעך.

ביז איצט נאָך קוקט מאָיסיי פּאַוולאָוויטש אָף דער דאָזיקער פרוי, וועלכע איז שוין אַריבער די שוועל פון די אכציקער, ווי אָף אַ וווּנדער.

ניין, ניט אין שיינקײַט גייט דאָ, ניט אין שטאַלט. כאָטש געווען איז זי אַי שיין, אַי שטאַלטנע. אַפילע אַצינד געהערט זי צו יענעם מין פרויען, וועגן וועלכע מע שטויסט זיך גלײַך אָן, אַז אין דער יוגנט זײַנען זיי געווען שיין און שטאַלטנע. עס גייט אין דעם, וואָס ער האָט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק שוין טויזנט מאָל געפרעגט זיך אַליין: „אָט דאָס איז כאַנקע? שימען דעם בעקערס כאַנקע? פונוואַנען קומט עס צו איר אָט דער טאַקט, די איידלקײַט, דער גלײַכער סייכל. נאָך איצטער שטייט זי ניט נידעריקער פון איר וועלוולען — ס'הייסט, פון וולאדימיר יאקאָוולעוויטשן, וואָס איז געוואָרן אַ געבילדעטער מענטש, אַ מענטש מיט אַ נאָמען, מיט אייגענע ביכער, וואָס איז, ווי מע האַלט אין זײַנע קרײַזן, אַ געשעצטער לינגוויסט.

אָט דאָס איז כאַנקע?

מאָיסיי פּאַוולאָוויטש — דעמלט האָט ער געהייסן פּאָשעט מוישקע, מוישקע בוהײַ — און זײַן כאַווער וועלוול, וואָס האָט זיך אַפילע ניט אָנגעשטויסן, אַז פון וועלוול טיזליק וועט ער אַמאָל ווערן וולאדימיר יאקאָוולעוויטש, זײַנען געווען כאַוויירים נאָך פון קינדווײַז.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיי זיך אומגעקערט פון דעם בירגערקריג אַהיים. דעמלט, נאָך גאָר יונגע באָכערים, האָבן זיי ניט געהאַט ווו צולייגן זייערע הענט אין קליינעם שטעטלע, וואָס איז געווען טויט ווי אַלע טויטע. זיי האָבן צונויפגעלייגט דאָס מוליאַרסקע געצײַג אין אַ ברייטער ברעזענטענער טאָרבע און צופוס זיך געלאָזט אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט זוכן אַרבעט. אין מאַכנאָווקע, אין זייער היימשטעטל, האָבן זיי געהערט, אַז דאָרטן זוכט מען מוליערס מיט ליכט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען — דעם זעלבן טאָג, ווען זיי

זײַנען געקומען אין דער גרויסער שטאָט, האָבן זיי אָנגענומען א גוט שטיקל ארבעט — אופּ־שטעלן צוויי אויוונס אין שימען קאשקוגעלעס בעקערײַ.

דרײַ מאָל אין טאָג האָט כאנקע, רעב שימען דעם בעקערס מיטלסטע טאָכטער, אראָפּגע־טראָגן עסן די סאָלדאטן, ווי זי האָט זיי גערופן, מיט נײַגער זיך צוגעהערט צו אלץ, וואָס די צוויי באָכערים האָבן איר דערציילט, און אף א קאָל געלאַכט, ווען זיי האָבן זיך געסטארעט איינער דעם צווייטן איבערשלאָגן — זי, כאנקע, האָט גיך פארשטאנען, אז זי געפעלט ביידן...

שוין אין עטלעכע טעג ארום איז צווישן די כאווײרים אויסגעבראָכן א קריג. אָנגעהויבן האָט זיך עס אין גוטן מוט. נאָר וואָס ווײַטער, איז דער בארויגעז געוואַקסן.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן וועלוול. בייס מ'איז געלעגן אפן טיפּיאַק, אײַנגעדעקט מיט די שינעלן, האָט ער א זאָג געטאָן גלאַט אין דער פינצטערניש אריין:

— א פרייד אף אים, לויכט, ווי א לאמטערן.

מוישע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן בויך צום כאווערס פלייצע און מיט דער האנט צו־געדריקט דאָס טיזליקל צו זיך.

— וואָס זשע ארט עס דיך, טיזליקל? — אזוי האָט ער גערופן זײַן כאווער פארן קלייניקן וווקס, — פארגינסט מיר ניט?

וועלוול האָט זיך א וואָרף געטאָן, זיך ארויסגעדרייט פון דעם בוהײַס קלעם און מיט צייגקריצעניש ארויסגעזשיפּעט:

— נעם צו די האָלאָבליעס דײַנע, הערסט, מ׳עסער נעפּעש! — דערבײַ האָט ער א דריגע געטאָן מיטן פוס דעם כאווער אין בויך, טאקע ניט אף קיין קאטאָוועס.

מוישע האָט נאָך אלץ ניט פארשטאנען, פארוואָס יענער איז אזוי בייז, און מיט א היר־זשענדיק געלעכטער זיך נאָכגעפרעגט:

— טיזליקל, טאנע שיינער, וואָס פארא פליג האָט דיך היינט א ביס געטאָן אין הינטער־קיילעך?

וועלוול האָט זיך אופגעזעצט אפן געלעגער און מיט ביידע הענט זיך אָנגעוואָלגערט אף מוישעס ברוסט:

— מיט וואָס נעמסטו זיך איבער, וויל איך וויסן? מיט וואָס, פרעג איך דיך? מיט די גרויסע לאפּעס צי מיט די פּודאָווע ראגלאַיִם?

מוישע האָט געוווּסט, אז דער כאווער זײַנער איז א היציקער און פארשטאנען, אז בעסער וועט זײַן זיך איצט ניט קריגן מיט אים. אָבער זײַן גוטמוטיק געלעכטער האָט נאָך מער צע־רייצט יענעם. טרייסלענדיק דעם כאווערס שווערן קערפּער, האָט ער ניט אופגעהערט צו זידן:

— איך וועל דיך... איך וועל דיך דוירעס זײַן, דו הערסט, טאָמער וועסטו מיט א פינגער אָנרירן כאנקען.

מוישע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר פארכידעשטע אויגן, אים האָט זיך גאָר אפן זינען ניט געלייגט, אז דער קלייניקער און דארינקער כאווער זײַנער זאָל ערנסט טראַכטן וועגן אָט דעם שיינעם און ווויקיקן מיידל מיט די גרויסע אויגן.

יענע נאכט איז וועלוול פון אופרעגונג שוין ניט אײַנגעשלאָפן. ער האָט מיט קינע זיך צוגעהערט צו זײַן כאווערס געזונטן אָטעם, זיך געדרייט אפן טיפּיאַק, נאָר מוישקע איז גע־לעגן רויִק, ווי א בוים.

אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך ווידער איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע. וועלוול איז נאָך מיט מער צאָרן באפאלן דעם בוהײַ און דאָס מאָל אים געדראָעט אויסשטעכן די אויגן, אויב ער וועט נאָכאמאָל זען, אז ער, מוישקע, עסט דאָס מיידל מיט די קוקערס.

— טיזליקל, — האָט יענער זיך אופגעזעצט און אויסגעצויגן דעם כאווער זײַן גרויסע לאַ־פּע, — נא, אָט האָסטו מײַן האנט, צעשנײַד מיך אף פּאַסן, אויב זי וועט אפילע וועלן מיט דיר דורכגיין די גאַס.

— דאָס פארלאָז זיך שוין אף מיר. נאָר געדענק, — האָט וועלוול געכאַפּט מוישקעס האנט, — א וואָרט איז א וואָרט, דו מיש זיך נאָר ניט אריין.

מוישע בוהײַ האָט געהאלטן וואָרט, כאָטש שפּעטער האָט ער כאראָטע געהאט דערוף. ער האָט זיך דערנאָך געכאַפּט, אז ער איז א שלעכטער מייוון אף ווײַבער, ס'איז שוין אָבער געוועזן צו שפּעט. שימען קאשקוגעלעס מיטלסטע טאָכטער, די שיינע און ווויקיקע כאנע, איז א קאלע געוואָרן פארן טיזליקל וועלוול לעזמאנען.

נאָך די יאָמטויוויִם האָט מען געשפּילט די כאסענע. מוישע האָט זיך אָנגעטרונקען און געוויינט, ווי א קליין קינד. „אליין, אליין פארשפּילט, אליין פארשפּילט...” — האָט ער א שיי־

קערער געהאַלטן אין איין טײַנען צו יענע, װעלכע אים איז געלונגען צו אָנכאַפּן פֿאַר די לאַצן, און צו זיך אַליין.

קיינער פֿון די געסט האָט ניט געװוּסט, װאָס אַזױנס האָט ער „פֿאַרשפּילט". װעלװל, אָבער, האָט עס שוין דאַפּקע גוט פֿאַרשטאַנען.

ניט ריװעלע, מוישעס טאָכטער, און ניט מאָטל, װעלװלס זון, װאָס האָבן פֿון געבוירן געלעבט אין איין קאָרידאָר אַ טיר לעבן אַ טיר, האָבן ניט געװוּסט, װאָס צװישן זייערע טאַטעס איז אַמאָל פֿאַרלאָפֿן.

ריװעלע איז פֿון קליינװײַז אָן איבערגעלעגן בײַ די לעזמאַנס אין שטוב, אַרױסגעקוקט דורך זייער פֿענצטער אויף דער גאַס, צי איר טאַטע גייט ניט, און אַז זי פֿלעגט אים דערזען דורך דער שױב, פֿלעגט זי, װי אַ פֿלינק קעצל, אַראָפּשפּרינגען פֿון די טרעפּ, אים אָנכאַפּן מיט ביידע הענט אַרום די גרױסע פּיס און מיטן פּאָנעם זיך אײַנטוליען אינעם טאַטנס קני, ביז ער פֿלעגט אַראָפּשטעלן דאָס קעסטעלע געצײַג, אַרופֿזעצן זי רײַטנדיק אויפֿן האַלדז און אַזוי שפּאַנען איבער די טרעפּ, מיט איר אויף די אַקסלען אופֿשליסן די פֿאַרשפּאַרטע טיר און ערשט אין שטוב זי אַראָפּלאָזן אויפֿן דיל.

— הײַנט ביסטו געקומען שפּעטער, — האָט די קליינע זיך געבראָגעזט, — איך קאָן שױן קוקן אויפֿן זייגער, מאָטל האָט מיך אויסגעלערנט. מיך װעסטו ניט אָפּנאַרן, און באַנאַכט ביסטו װידער געגאַנגען צו כאַלעם... אין בעט ביסטו ניט געװען... נאָר איך האָב ניט געװיינט...

דער טאַטע האָט מיט דער גרױסער דלאָניע געגלעט אירע פֿאַרקעמטע און אויסגעפּלאָכטענע צעפּ און שטיל זי אויסגעפֿרעגט:

— די מומע אַניע האָט עס דיך אַזוי שיין פֿאַרקעמט?

— אַליין, אַליין! — האָט זי געבלאָזן די ליפּן, — די מומע אַניע האָט נאָר אַ ביסעלע, נאָר פֿון אָנהייב פֿאַרפּלאָכטן, װײַטער האָב איך שוין אַליין.

ריװוע איז, װי זאָגט מען עס, גיך אופֿגעגאַנגען. װען מאָטל האָט זיך נאָך אַ פֿאַרפֿאַליער־טער געשפּילט אין פֿערדלעך, איז ריװוע שוין געװען אַ גאַנצע באַלעבאָסטע, כאָטש זי איז ייִנגער געװען פֿון אים קימאַט אויף צװיי יאָר.

מאָטל האָט אַמאָל געהערט, װי די מאַמע פֿרעגט בײַ מוישען:

— פֿאַרװאָס האָט איר ניט כאַסענע? צוליב ריװעלען דאַרפֿט איר עס טאָן.

— און װער װעט עס מיך נעמען? — האָט יענער געלאַכט.

— װער? דאָס שענסטע מיידל. װאָסי, אַ מיִעסער כאָסן? אויף אַלע קאַלעס געזאָגט געװאָרן.

— נו, מיילע, כ'בין מוחל די גליקן. זאָל שוין ריװועלע װאַקסן אָן אַ שטיפֿמאַמע.

שפּעטער מיט יאָרן, װען די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטאָט און צוגענומען װלאַדימיר יאַקאָװלעװיטשן, װאָס איז שוין דעמלט, אין אָנפֿאַנג פֿון דער מילכאָמע, געװען אַ לעקטאָר פֿון מײַרעװר־אײַראָפּעיִשער ליטעראַטור אין היגן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, איז מאָיסיי פּאַװ־לאָװיטש, װעלכער איז אויף שטענדיק געבליבן בײַ זײַן אַלטן נאָמען — פּאַשעט מוישע, און אויך אויף שטענדיק געבליבן אַ בױער — עמעס, ניט קיין פּראָסטער — אַ באַװוּסטער, און אַ באַװוּסטער, קאָן מען זאָגן, אויפֿן גאַנצן לאַנד, און דורך דער ראַדיאָ האָט מען אים גערופֿן דאַפּקע ניט מוישע מעשמאַן, נאָר מאָיסיי פּאַװלאָװיטש, און די שכיינים פֿונעם געבײַ האָבן אויך אים געפּרוּװט אַזױ קרױנען, נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט באַקומען, ניט צוגעשטאַנען צו אים. מוישע מעשמאַן, מוישע בוהײַ.

איז אָט, װען די דײַטשן האָבן אַרױסגעפֿירט אונטער די אױטאָמאַטן זײַן כאַװער װלאַ־דימיר יאַקאָװלעװיטשן, איז מוישע מעשמאַן, דער בוהײַ מיט די שטאַרקע הענט און פּודאָװע פּיס, װי זײַן קינדער־כאַװער האָט אים אַמאָל אויסגעװאָרפֿן, געקומען צו לױפֿן און געפּאַדערט, אַז אַנע סעמיאָנאָװונע מיטן זון, מיט מאָטלען, װאָס איז שוין דעמלט געװען אַ גרױסער און שטאַרקער באָכער, זאָלן גיין מיט אים, שוין די מינוט, אַזױ װי מע גייט און מע שטייט.

אַנע סעמיאָנאָװונע האָט פֿאַרביסן די ליפּן מיט די ציין און ערשט אין אַ מינוט צי צװיי אַרום געענטפֿערט אַנטשלאָסן:

— ניין, אָן װאָלאָדיען װעט זי די שװעל ניט איבערטרעטן. ס'איז אַפֿילע ניטאָ װעגן װאָס צו ריידן. אָט מאָטלען, אױב ער װיל, זאָל ער נעמען מיט זיך.

— קומט! קומט מיט מיר, כאַנע, — האָט ער געשריגן, — איך בעט אײַך, אַניעטשקע. מאָרגן װעט זײַן שפּעט.

זי האָט קיין טראָט ניט געמאַכט, געקוקט בייז אויף דעם אַלטן פֿרײַנט זייערן, אירן און װאָלאָדיעס, און, װי־זשע אױס, זיך געכידעשט, װי־אַזױ עס עפֿנט זיך בײַ אים דאָס מױל פֿאַר־צולייגן, אַז זי זאָל אָװעקגיין פֿונדאַנען אָן װאָלאָדיען.

זי האָט באַמערקט, ווי באַם שאַכן, בײַ מוישע בוהײַ, זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ער האָט אַ טופּע געטאָן מיט בײדע פּיס און אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און, שטייענדיק בײַ דער שוועל, געזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער:

— אַנע סעמיאָנאָוונע, איר זײַנט אַ יונגע פרוי. ווי שטעלט איר זיך עס אײַן בלײַבן צווישן אַזויפיל וועלף?

שפּעטער מיט צוויי טעג, ווען אַנע סעמיאָנאָוונע האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן, וואַרטנ־דיק אויפן שאַכן, האָט ער שוין, אַפּאָנעם, ניט געקאָנט קומען.

אָבער אַזוי ווי דער גורל פירט דאָס רעדל איז שווער אַפילו אויסצוטראַכטן. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַלע זײַנען געבליבן לעבן, מע האָט זיך ווידער באַגעגנט, ווידער זיך גע־פרײַנדעט. געהרופן זיך בײַ די אַלטע קינדערשע נעמען און אויך בײַ די נײַע — כאַנקע, אַנע, אַניעטשקע, אַנע סעמיאָנאָוונע. וועלוול, וואָלאָדיע, וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש. מוישע, מוישע מעשמאַן, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש און אַפילו מוישע בוהײַ. בלויז מאָטל און ריוועלע זײַנען גע־בליבן בײַ זייערע פּראָסטע נעמען.

זעט אויס, אַז איך בין פאַרקראָכן אין אַ זײַט. און קעדיי ס'זאָל קלאָר ווערן, וואָס איך האָב געוואָלט דערציילן, מוז מען זיך אומקערן אויף צוריק.

יאָ, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט ניט לאַנג צוריק באַזוכט זײַן אַלטן פרײַנט, מע קאָן זאָגן, זײַן כאַוער פון דער קינדהײַט אין אָנקאָלאָגישן צענטער.

שוין אַ גוטע פּאָר צענדליק יאָר, ווי ער, וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש מיט זײַן מישפּאָכע, און מאַיסיי פּאַוולאָוויטש מיט ריוועלען מיט איר מאַן און מיט בײדע זייערע קינדער לעבן אין מאָסקווע. און דאַפקע ניט ווײַט איינער פונעם אַנדערן, קימאַט אין צענטער פון דער אַלטער שטאָט. דערפאַר איז ער טאַקע אַזאַ אָפטער גאַסט בײַ די לעזמאַנס.

דער אָנקאָלאָגישער צענטער דאָס איז אַ גאַנצע שטאָט, אַ שטאָט פון עקסטראַ־נײַעם סטיל, וואָס איז געבויט לויט די פּרינציפּן פון די באַרימטע וועלט־אַרכיטעקטאָרן לע קאָרבו־זיע, אָסקאַר נימייער, גענזאָ טאַנגע און איז געמאַכט געוואָרן אויף די מיטלען פונעם לעניני־שן שאַבעסניק, וואָס איז צוריק מיט אַ צײַט איבערגעגעבן געוואָרן צוליב דעם דאָזיקן ציל. מאַיסיי פּאַוולאָוויטש איז אויסגעקומען מיט זײַן בריגאַדע בויען דעם טורעמאַרטיקן טייל, וואָס הייבט זיך אויף פינף און צוואַנציק שטאָק. אין דעם טורעם געפינען זיך די אָפּטיילונגען פאַר די קראַנקע — די סאַמע פאַרשיידנסטע אָפּטיילן, מיט איין וואָרט — אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו אָנקאָלאָגיע. די אַפּאַראַטן, וואָס מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט זיך דאָרט אָנגעזען, איז פּאַשעט אוממעגלעך זיך פאָרשטעלן. דו ליגסט אויף אַ טיש און אין דרײַ טעלעוויזאָרס זעסטו דײַן אייגענע לעבער, אָדער אַנדערע געדערים. נאָר ניט וועגן דעם גייט דאָ אַ רייד.

אינעם גרויסן וועסטיביול, וואָס פירט צו די ליפטן, האָט אַ דיקע עלטערע פרוי צוגענו־מען בײַ מאַיסיי פּאַוולאָוויטשן דעם מאַנטל, אים אויפגעהאַנגען און אויסגעמאָלט, וויאַזוי זיך אויפהייבן אויפן נייטיקן שטאָק. יעדער מענטש איז אַ ביסעלע אַ באַרימער, מאַיסיי יאַקאָוולע־וויטש איז אויך ניט פרײַ פון דער דאָזיקער שוואַכקײַט, און דעריבער טאַקע האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז אים איז דאָ אַלץ באַקאַנט, אַז ער האָט צו דעם אַלעמען צוגעלייגט אַ האַנט.

די פרוי האָט זיך דערפרייט, אָבער באַלד האָט ער באַמערקט, אַז איר פּאָנעם איז בלאַס געוואָרן.

— וואָס זשע, ווער ליגט דאָ? אײַער...

מאַיסיי יאַקאָוולעוויטש האָט איבערגעשלאָגן אירע רייד און דערקלערט, אַז דאָ געפינט זיך איצט זײַנער אַן אַלטער פרײַנט. אַ געלערנטער מאַן, אַ מענטש שוין אין די יאָרן.

די פרוי פונעם גאַרדעראָב מיט די אָנגעדראָלענע פּיס און מיט די אויגן, וואָס זײַנען אין אַ באַליביקער רעגע גרייט זיך אָנגיסן מיט טרערן, האָט זיך אָנגעצילט אים אויסדערציילן אַלץ, וואָס איר איז באַוווסט וועגן אַלע דאָקטוירים, וועגן די פּראָפעסאָרן, וועגן די כאָלאָיִם און זייערע אייגענע, וואָס קומען באַזוכן די קראַנקע. מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט אָבער קיין צײַט ניט געהאַט זיך לענגער פאַרהאַלטן מיט איר — מוירע געהאַט דורכלאָזן דעם פּראָפּע־סאָר, מיט וועלכן ער האָט בעדייע געהאַט אַ שמועס טאָן וועגן וולאַדימירן.

די קאָרידאָרן און די אויסשטאַטונג פון די וועסטיביולן האָבן מיט קיין זאַך ניט דער־מאָנט אין קיין שפּיטאָל. די ווײַכע פּילקאָליריקע שטולן, די טישלעך מיט די קליינינקע די־וואַנדלעך האָבן מאַמעש געבעטן, מע זאָל זיך צוזעצן אָפּרוען, זיצן און באַטראַכטן די ברייטע פּאָלירטע טירן, די אַרײַנגאַנגען, וואָס זײַנען פײַן קאָמבינירט פון אַלומיני און מאַטעווע גלאָז. אָבער אַלע מאָל קומט אויפן זינען, פּונקט ווי עפּעס אַ האַמער וואָלט אַ קלאַפּ געטאָן דיר

איבערן מויעך. יאָ, שיין, פיַין! אָבער מיַינע סאָנים זאָלן דארפן אָנקומען אהער. און באלד קומט א צווייטער, פארקערטער געדאנק: אויב ס׳איז שוין באשערט, איז זאָל דער קראנקער, וואָס פירט אונטער א סאכאקל, מאכט א כעזשבן פון די טעג און די יאָרן זיַינע, זיך געפינען דאָ, אין דער ליכטיקיַיט און פרישקיַיט, אין דער געראַמקיַיט, געמיטלעכקיַיט, מיט וועלכער ס׳איז ארומגערינגל יעדערער, וואָס איז געצווונגען עפענען די דאָזיקע טיר. דאָ טאָר קיינעם ניט קומען אפן זינען, אז פונדאנעט וועסטו שוין קיינמאָל ניט ארויסגיין.

און מאָיסיי פאוולאָוויטשן איז אפילע געוואָרן גרינגער, וואָס ער און זיַינע כאווירים־בויער האָבן צוגעלייגט די הענט, אז דאָ זאָל זיַין אזוי ווי ס׳איז.

אינעם זיַיטיקן קאָרידאָר איז אף א הויכער פאָלירטער טיר געווען מיט פראָסטע רויטע אויסיעס, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, אָנגעשריבן די פאמיליע און די איניציאַלן פונעם פראָפעסאָר.

מאָיסיי פאוולאָוויטש האָט ניט באוויזן אָנעמען זיך פארן הענטל, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אנטקעגן אים איז געבליבן שטיין, א ביסעלע א דערשטויננטע, און עפשער א דערשראָקענע, א בלאָנדהאָריקע שטאלטנע פרוי, מיט א פאָנעם, וואָס זאָגט גליַיך איידעס וועגן שטארקן ווילן, קראפט און כאָכמע.

איצט, ווען מאָיסיי פאוולאָוויטש איז שוין אלט א שיינע עטלעכע צענדליק יאָר,— ער שעמט זיך עס ניט צו זאָגן — 74,— ער געהערט דאָך ניט צו דעם מין פון דער מענטשהיַיט, וואָס האָט א טעווע פארשוויַיגן און אפילע פארקלענערן, אף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך, די צאָל פון די יאָרן,— קאָן זאָגן אָפן און קלאָר: אז כאָטש ער איז געווען און געבליבן ניט גאָר קיין געבילדעטער מענטש, ווייסט ער און קאָן פיל זאכן, וואָס פאראינטערעסירן אָפט געבילדעטע מענטשן, אפילע ספעציאַליסטן. אין זיַין לעבן, ניט געקוקט, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכמאכן צוויי מילכאָמעס, טראָגן דעם אָל אף זיך סיַי פון א טאטן און סיַי פון א מאמען, וויַיל ריוועלע איז געבליבן אף זיַינע הענט, ווען זי איז נאָך קיין פיר יאָר ניט אלט געווען, האָט ער פונדעסטוועגן געהאט ציַיט צו אריַינקוקן אין א בוך. און ניט נאָר אריַינקוקן, נאָר פיל פארגעדענקען און פארנאָטירן. ער וואָלט אויך געקאָנט, פונקט ווי פיל פון זיַינע פריַינט און כאווירים, פארענדיקן אן אינסטיטוט, פונקט ווי וואָלאָדיע ווערן א געבילדעטער מענטש, אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן, זיך באנוגנט בלויז מיט א בוי־טעכניקום, וועלכן ער האָט פארענדיקט הינטער־אויגיק. פארוואָס? שיַיעך פארוואָס? ערשטנס, ריוועלע, צווייטנס, נאָכאמאָל ריוועלע, און וויַיטער איז א גוטער בויער, ער איז זיכער אין דעם, פונקט אזוי גוט, ווי א גוטער לינגוויסט, ווי א גוטער אינזשעניער, ווי א גוטער דאָקטער.

וואָס־וואָס, נאָר קיין גרויסהאלטער איז ער ניט. עס זיַינען געווען פיַינע פרויען, וואָס וואָלטן זיך ניט אָפגעזאָגט צו ווערן א מאמע פאר זיַין טאָכטער און א גוט וויַיב פאר אים, וואָס וואָלט אים צעבונדן די הענט, אָבער ער האָט שוין קלאָר געוווסט, אז זיַינס האָט ער שוין „פארשפילט“, נאָך דעמלט, אין קעלער בא שימען דעם בעקער, ווען ער מיט וועלוועלע טיזליקל זיַינען געלעגן אפן שטרויענעם טיופיאַק, איַינגעדעקט מיט די טוכלע שינעלן... אפילע יענע, וואָס האָט אים געבוירן זיַין איינציקע טאָכטער, האָט ניט געקאָנט פארביַיטן, אָפווישן דעם שאָטן פון דער, וואָס איז דעמלט ניט געוואָרן זיַין וויַיב.

ביין, ער איז ניט קיין גרויסהאלטער, אָבער פון זיַינע באָאבאכטונגען, מיינונגען, איבערציַיגונגען טרעט ער זעלטן אָפ, סיַידן דעמלט ווען ער איבערציַיגט זיך, אז ער האָט געלעבט אין טאָעס.

אין דער ציַיט פון בויען דעם אָנקאָלאָגישן צענטער איז אים אויסגעקומען פיל מאָל זיך באגעגענען מיט אָט דער דאָזיקער פרוי, מיטן פראָפעסאָר סוועטלאנא ניקאָליַיעוונא. ניט איין מאָל זיַינען זיי, בייזע און אָנגעדראָדלטע איינער אפן אנדערן, זיך צעגאנגען אין פארשיידענע זיַיטן יעדערער מיט זיַין מיינונג, מיט זיַין אמביציע.

און אָט שטייען זיי פון ביידע זיַיטן שוועל, און ער זעט שוין, ווי דער שמייכל, וואָס הייבט זיך שטענדיק אָן בא איר פון די אויגן, האָט גענומען פאמעלעכן שטראָמען. זי האָט געמאכט א טראָט אף צוריק, אים אָנגענומען מיט ביידע אויסגעצויגענע הענט פאר די ארבל און קימאט אריַינגעשלעפט אין איר גרויסארטיקן קאבינעט.

— מאָיסיי פאוולאָוויטש, בא איַיך איז אלץ...

— יאָ, יאָ, אלץ אין פולער אָרדענונג,— האָט ער זי ניט געלאָזט דעריידן ביזן סאָף.

— אויב אזוי, איז זעצט זיך אנידער אף אָט דער קרעסלע — ס׳איז פאר די סאמע געהויבענע געסט, און איך ברענג גליַיך א פלעשעלע קאָניאק און מירן אויסטרינקען פאר... נו, זאָל זיַין פאר אונדזער באגעגעניש.

זי איז פלינק איבערגעלאָפן דעם געראַמען קאַבינעט, וואָס איז באַדעקט געווען מיט א בלוילעך־רויטן אַרמענישן טעפּיך, פאַרשוווּנדן אינעם שכיינעסדיקן צימער, ווו עס איז געשטאַנען א הויך „ווענטל", אופגעעפנט דאָס גלעזערנע טירל פונעם „באַר" און פון דאָרטן אַרויסבאַקומען צוויי פלעשעלעך „פּעפּסי־קאָלאַ", צוויי קרישטאַלענע רעזלעכע פּוזשערן און א שאַכטל קאַנפעטן. דאָס אַלץ האָט זי מיט פלינקע הענט, מיט הענט פון א כירורג, וואָס זײַנען אומפאַרגלײַכלעך געשיקטער פון די הענט פון א באַרמען, און דאָס אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפן פּירעקיקן נידעריקן טישעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר שרײַבטיש, אָנגעגאָסן די פּוזשערן, און ביידע האָבן זיי אָן איין וואָרט צו זאָגן אויסגעטרונקען.

— און איצט, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש, זעצט זיך צו,— זי האָט מאַמעש מיט די הענט אים אָנגענומען בא די אַקסלען און געהאָלפן זיך אַראָפּלאָזן אויף דעם שטול.— איך מוז אויף עטלעכע מינוט אַרײַנלויפן אין דער זעקסטער פּאַלאַטע. דאָרט איז א שווער־קראַנק באַכערל, נאָך א קינד, 23 יאָר.

זי האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַראָפּוואַרפן פון דאָרט עפּעס אָן אינזעקט, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין איר הויכער פריזור. און געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. דאָך איז זי אויף א רעגע געבליבן שטיין באַם הויכן שפּיגל, וואָס איז אײַנגעמויערט אין דער ראָם פון דער וואַנט לעבן אַרויסגאַנג, פאַריכט מיט די דינע פינגער די האָר אויפן נאַקן. מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט גוט באַמערקט אין שפּיגל, ווי דער אויסדרוק פון איר פּנים האָט זיך געענדערט — געוואָרן אינגאַנצן ערנסט און רויִק, ווען זי איז אַרויס פון צימער.

דורכן גרויסן פענצטער, וואָס האָט פאַרנומען די וואַנט אַנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג, האָט זיך געזען א שטיק פון דעם נײַעם טייל שטאָט, די מעטראָ־סטאַנציע „קאַשירסקאַיאַ" מיט די קײַלעכדיקע קאָלאָנעס, וועלכע האַלטן אויף זיך א פּירקאַנטיקע געבײַ, דער שאָסיי, ווו עס זײַנען אָן אופהער געלאָפן מאַשינעס, גרינגע, ווי פליִענדיקע קאָלירטע קינדערשע שפּילעכלעך, און ווײַטער — גרינע פעלדער, א שיטער וועלדל, הינטער וועלכן עס הויבן זיך ציגלנע געבײַדעס פון גלײַכע ליניעס מיט אָן א שיר פענצטער. ס'איז גרינג געווען זיך אָנצושטויסן, אַז אַהער האָבן זיך ערשט ניט לאַנג אַרײַנגעקליבן גליקלעכע מישפּאָכעס, וואָס האָבן נאָך עפּשער ביז דעם הײַנטיקן מײַ געוווינט אין ענגע און מעגלעך קאָמונאַלע דירעס.

די ראַכוועס, וואָס האָט זיך געזען פונדאַנען, האָט געפרייט דאָס אויג, און מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געפילט, אַז א שמייכל ליגט אויף זײַן צורע. ער האָט זיך אַפילע אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צום שפּיגל, קעדיי א קוק טאָן אויף זיך. „גאָט מײַנער,— האָט זיך אים א טראַכט געטאָן,— ס'איז דאָך אַזאַ שיינע וועלט! צוליב וואָס זשע האָסטו, פאַרשיווּעץ איינער, וואָס זיצסט אין הימל, צוגעטראַכט ראַקן און מאַקעס, וואָס בײַסן זיך אײַן אין די געדערים ניט נאָר פון אַלטע לײַט, נאָר אויך פון יונגע קינדער? אָט איז זי אַנטלאָפן, צו א יינגל פון 23 יאָר, וואָס האָט נאָך ניט דערפילט דעם טאַם פון אָט דעם אָסיען, וואָס ליגט אָט אָ־דאָ, מיט הונדערט שפּאַן פון דעם גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, וואָס איז אופגעשטעלט נאָר צוליב דעם, קעדיי אַרויסצורײַסן דאָס יינגל פון די נעגל פון קרעפּס, וואָס זויגט און זויגט זײַנע אָדערן, זײַן יונגע נעשאָמע".

זי האָט זיך אומגעקערט, סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ, ניט אין צען און ניט אין צוואַנציק מינוט אַרום, נאָר ער האָט זיך ניט געפילט פאַרלאָזט, אים האָט געקלעקט געדולד צו וואַרטן אויף דעם, צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער. ווײַל געוווּסט האָט ער, אַז אַהער, אין דעם אַנשטאַלט, פאַלט אַרײַן יענער, וואָס קאָן שוין אין קיין אַנדער אָרט קיין הילף ניט זוכן.

„טײַערער, אַלטער פרײַנט מײַנער, וועלוועלע, טיזיקל, ליבער וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש,— האָט מאַיסיי געטראַכט,— ביסט דאָך אַלע יאָרן געווען אַזאַ שוואַכינקער, מיט דינע הענט, מיט דאַרע פיס, מיט שמאָלע אַקסלען, נאָר מיט א גוטער נעשאָמע, מיט אָן איידל האַרץ, און זי, כאָטש, אָנע סעמיאָנאָוונע, האָט עס דערפילט פונעם ערשטן טאָג, ווי נאָר זי האָט דיך דערזען... זי איז א שטאַרקער מענטש, א שטאַרקע פרוי, און כאָטש שוין העכער די זיבעציק, וועט זי אויך דעם אויספּרווו אויסהאַלטן. טאַקע צוליב אים, ער זאָל ניט וויסן, אַז ער טוט איר אָן ווייטעקן מיט זײַן קרענק, צוליב דעם, אַז מאַטעלע, זייער זון, מיט די קינדער זאָלן זיך ניט פילן פאַריאָסעמט. זי וועט אונטערלייגן אירע הענט. יאָ, זי קאָן, זי וועט"...

ער האָט ניט געהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט, ניט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם פענצטער, ביז זי איז ניט צוגעגאַנגען צו אים און אַרופגעלייגט ביידע גרינגע הענט אים אויף די אַקסלען.

— נו, איצט שליס איך אויס אלע טעלעפאָנען און הער נאָר אײַך, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש. איר זײַנט דאָך געקומען ניט נאָר קעדיי א קוק טאָן אף מיר?

אפן טיש האָט זי אָנגעקװעטשט עפּעס א קנאַפּקע און געזאָגט שטיל, גלײַך די לידוסיע, צו וועלכער זי האָט זיך געווענדט, וואָלט געשטאַנען לעבן איר.

— מיט מיר, לידוסיע, קיינעם ניט פאַרבינדן, אויב עקסטרע, קלינג אין אַרטיקן. און צו אים, — איר זײַנט, געוויס, געקומען מיך אײַנלאַדן אף אײַער כאַסענע, שוין לאַנג צײַט!

— אינגיכן, אין א יאָר ארום.

— וואָס הייסט?

— מײַן איינקל האַלט שוין אָט־אָט בא אַרײַנבערענגען אין שטוב אַרײַן איר כאַסן.

— גאָט מײַנער, איך געדענק דאָך טאַטקען פונעם זעקסטן קלאַס. כ'האָב דעמלט קוים געפּויעלט בא איר, זי זאָל זיך לאָזן אַרײַנשטעלן א גאָלדן ראַמעלע אף די יאַסלעס.

— איצט, סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ, זײַנען דאָס ניט קיין ציין, נאָר געקליבענע פּערל.

— איך צווייפל ניט, בא יעדער זיידע איז דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

— איר קענט מיך פאַר א באַרימער?

— דאָס איז, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש, ניט קיין באַרימערײַ.

סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ האָט זיך אינטערעסירט, צי איז ער איבערגעפאָרן אין א נײַער דירע, צי לעבט ער צוזאַמען מיט די קינדער. געהאַלטן זיך אזוי פראָסט, ווי שטענדיק, ווי זי וואָלט ניט געוווּסט דאָס, וואָס זי איז. און ניט דערפאַר, ווײַל מיט אים, האָט זי געהאַלטן, איז ניטאָ וועגן וואָס צו שמועסן. ניין, זי האָט אים אפילע ניט געפרעגט, ווי געפעלט אים דער „צענטער" איצט, ווען אַלץ איז שוין אפן אָרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וואַרט, ער זאָל זאָגן, צוליב וואָס איז ער געקומען. אין איר רויקײַט האָט ער אָנשווילעך מאַמעש געזען איר אומרו.

— אין דער 17־טער פּאַלאַטע, סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ, געפינט זיך מײַנער א כאַווער, א פרײַנט פון די קינדער־יאָרן.

— וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש? אַן אויסגעצייכנטער מענטש. יאָ, אַן עכטער!

— דאָס איז עמעס.

ביידנס שווײַגן האָט, ווײַזט אויס, זיי א סאַך געזאָגט. אים — אַז די זאַך איז גאַנץ אַן ערנסטע, אַנדערש וואָלט זי אים גלײַך באַרויִקט. איר — אַז ער שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס זי שווײַגט.

— מײַן פרײַנט וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש, — האָט ער געקוקט איר אין דעם בייזלעך־אָנגעשטרענגטן בליק, — איז פון קינדווײַז אָן געווען א כאַלעש, א שוואַכינקער, אָבער פול מיט ענערגיע, אַרבעטזאַם, ווי א גוטער פאַנטאַסטישער בולדאָזער, מיט א ווולקאַנישן טעמ־פּעראַמענט. — זי האָט אופמערקזאַם געהערט, און ער האָט פאַרגעזעצט, — רויִק איז ער געווען נאָר אין שטוב מיט זײַן פרוי און מיטן זון. אָבער קיין זאַך ניט פאַרבײַגע־גאַנגען זײַן אָנגעשפּיצטן אויער. זײַן פרוי, אַנע סעמיאָנאָוונע, אַן אויסגעצייכנטער מענטש, האָט געוווּסט, אַז, זיצנדיק פאַרשפּאַרט אין קאַבינעט באַם שרײַבטיש, הערט ער און פאַרגע־דענקט יעדער קלאַנג. און אַלע מאָל קומט א צײַט, ווען ער דערמאָנט אַזעלכס, וואָס אַלע האָבן שוין פאַרגעסן. — זי האָט געשוויגן, געוואַרט, ער זאָל ווײַטער דערציילן. — געווען אף צוויי מילכאָמע. ערשט צו זעקס און פערציק יאָר פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, און דאָך באַוויזן אָנשרײַבן א גוטן צענדליק ביכער, מע האַלט, אַז זייער ווערטפולע.

זי האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, צוויי מאָל זיך דורכגעגאַנגען פון דעם פענצטער ביז דער טיר און דערנאָך געבליבן שטיין מיט דער פּלייצע צום פענצטער, מיט די הענט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פענצטער־ברעט און געקוקט אפן גאַסט.

— בא מיר איז מיט עטלעכע טעג צוריק געווען אַנע סעמיאָנאָוונע, — האָט זי גע־זאָגט, — ניט געקומען בעטן, זי האָט אויך ניט געוויינט, ווי דאָס קומט פאַר קימאַט מיט אַלעמען, זיך אפילע אָפּגעזאָגט אַרײַנצוגיין צום מאַן אין פּאַלאַטע. — כ'וועל בעסער קומען אין דער צײַט פונעם אַלגעמיינעם באַזוך, — האָט זי געענטפערט אף מײַן פאַרשלאָג. — בעסער וועט זײַן פאַר אים, אויב ער וועט ניט וויסן וועגן מײַן באַגעגעניש מיט אײַך. — איך מיין, אַז זי האָט ריכטיק געהאַנדלט. אַן אינטערעסאַנטע פרוי געווען, ווײַזט אויס, גאַר־גאָר!

אים, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש, האָט אַנע סעמיאָנאָוונע ניט דערציילט, אַז זי איז געווען אף אַן אופנאַם, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיטן פּראָפעסאָר.

סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ איז געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע, מיטן פּאָנעם צו אים און מיט די דלאָניעס אָנגעשפּאַרט אפן פענצטער־ברעטל און פאַרגעזעצט:

— אָן עמעסער דאָקטער מוז זײַן אַ פּסיכאָלאָג, וואָס פּאַר אַ ספּעציאַליטעט ער זאָל ניט האָבן, אַפילו אַ דאַנטיסט. איך קלײַב זיך אײַך ניט לײַענען קיין לעקציע וועגן מעדיצין, אָבער אין דעם פּאַל, אַף וויפל דאָס זײַנען, ווי איך פּאַרשטיי, אײַערע נאָענטסטע מענטשן, דאַכט זיך מיר, אַז אַנע סעמיאָנאָווונע איז אַן אידעאַלע פּרוי, אַ גוטער פּסיכאָלאָג, פּאַר אים, כ'מיין, פּאַר וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטשן, דער בעסטער דאָקטער.

זי איז געווען גערעכט און האָט פּאַרשטאַנען, אַז ער איז מאַסקים מיט איר אָפּשאַצונג. דאָך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און, ווײַזט אויס, צו פּאַטעטיש אויסגערופן — „אָ, אַנע סעמיאָנאָוונע!"

סוועטלאַנאַ ניקאָלײַעוונאַ האָט אַף אים שאַרף אַ קוק געטאָן און זיך צעלאַכט:

— אַלץ, אַלץ איז קלאָר. ניט אומזיסט זײַנט איר פּאַרבליבן אַן אַלטער באָכער, איך מיין, אַן אַלמען!

זי האָט זיך צוגעזעצט צום שרײַבטיש, אַרויסגענומען פונעם שופלאָד אַ גאַנץ דיקע פּאַפּקע און זי אוועקגעלייגט לעבן זיך. מישנדיק די אײַנגעקלאַמערטע פּאַפּירן — קלענערע און גרעסערע, האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— אויב איר ווילט, קאָן איך בעטן, מע זאָל אים אַרײַנרופן אהער? — זי האָט געכאַפּט אַ בליק אַפן גאַסט, געוואָלט דערגיין צי וויל ער דאָס, דערנאָך שוין גערעדט, קוקנדיק אים אין די אויגן: — איך קאָן גיין מיט אײַך אין זײַן 17־טער פּאַלאַטע, ער איז דאָרט אַליין, פּאַר־רעט זיך מיט זײַנע קאָנספּעקטן און ביכער...

— ניין, — האָט מאַיסיי פּאַוולאָוויטש זי איבערגעשלאָגן, — ניט דאָס און ניט יענץ. כ'וועל אַליין.

דער פּראָפעסאָר האָט איבערגעשטעלט די וואַזע מיט פרישע רויזן, וואָס איז געשטאַנען אַפן שרײַבטיש אַף אַ נידעריקער טומבע לעבן די ביכער־פּאָליצעס, און אַ קליינינקן זיפץ געטאָן.

— איר זײַנט, מאַיסיי פּאַוולאָוויטש, ווי אַלע מאָל גערעכט. אַליין, אַליין. איר ווייסט, — האָט זי נאָך אַ מינוט שווײַגן צוגעגעבן, — איך האָב זיך אַ סך מאָל איבערצײַגט, אַז ווען איך פּלעג אַ באַרויגעזע, אַ בייזע אָנפּאַלן אַף אײַך, האָב איך זיך פּרוּוון צי שפּעטער איבער־צײַגט, אַז ניט איך בין שטענדיק געווען גערעכט. ווײַזט אויס, אַז דאָס ליגט שוין אין מײַן שלימאַזלדיקן כאַראַקטער, אַזוי פון קינדווײַז אָן... אוודאי דאַרפט איר גיין אַליין צו אײַער פרײַנט. זאָל דאָס זײַן נאַטירלעך, זאָל דאָס אים ניט אויפרעגן, ניט מאַכן קיין אײַנדרוק, אַז אים ווערט צוגעטיילט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אָבער נאָך אײַער באַגעגעניש זאָלט איר אומבאַדינגט אַרײַנקומען צו מיר. איך האָב הײַנט געגוג אַרבעט און וועל דאָ בלײַבן ביז שפּעט.

זי האָט אים באַגלייט ביז דער טיר, דערנאָך זיך געכאַפּט, צוגעלאָפן צו דער וואַזע מיט בלומען, וועלכע זי האָט ערשט איבערגעשטעלט פונעם שרײַבטיש אַף דער טומבע, אויסגעקליבן דרײַ שיינע רויזן און זיי דערלאַנגט מאַיסיי פּאַוולאָוויטשן.

— מאַנצבלעט זײַנען שטענדיק גרייט צו ברענגען אַ שקאַליק, נאָר קיין בלומען — דאָס ניט, עס קומט זיי אַפילו ניט אַפן זינען. אָט די רויזן האָט איר אים געבראַכט, וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטשן. פּאַרשטאַנען.

— פּאַרשטאַנען. — ער האָט געקוקט אַף די בלומען אַ צײַט, און, ניט אויפהייבנדיק די אויגן, געזאָגט:

— איך האָב וויינינקלעך אויכאַזשעוועט נאָך באַרישניעס...

— וועגן דעם האָב איך זיך שוין פון לאַנג אָנגעשטויסן.

די זיבעצנטע פּאַלאַטע האָט מאַיסיי פּאַוולאָוויטש אָפּגעזוכט אין סאָף פון אַ זײַטיקן קאָ־רידאָר. ער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט און דערהערט וולאַדימירס הילכיק קאָל:

— יאָ, יאָ, גייט אַרײַן, ביטע!

דאָס הויכע פּינישע בעט פון ווײַסן פּלאַסטיק און ניקלנע טיילן און טײַלעכלעך, וואָס קאָן אויפהייבן העכער דעם קראַנקן, אַראָפּלאָזן אים, מאַכן העכער דעם צוקאָפּנס און נאָך פּאַרשיידענע מאַניפּוליאַציעס, איז געווען פּאַרוואָרפן מיט פּאַרשיידענע פּאַפּירן, ווערטערבי־כער, ספּראַוואָטשניקעס, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין קראַנקן־בעט, נאָר אַ שרײַב־טיש אין אַ קאַבינעט פון אַ געלערנטן. דאָס וועגנטל מיט די אָפענע פּאָליצעס זײַנען געווען פול מיט ביכער, דיקע און דינע. ביכלאַל האָט דער צימער מיט דער קליידער־שאַפע פון ליכטיקן עטוואָס פּאָלירטן ניסן־האָלץ, וואָס איז געווען מאָנטירט צוזאַמען מיט די פּאָליצעס, צוגעגעבן דער פּאַלאַטע אַ היימישן אויסזען, אין קיין פּאַל וואָלט קיינעם ניט געקומען אַפן זינען, אַז דאָס איז אַ פּאַלאַטע פּאַר אַ געפערלעך־קראַנקן מענטשן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש האָט אופגעהויבן די אויגן, דערזען זײַן כּוואר און אופגע־שפּרונגען פונעם אָרט אַזוי האַסטיק, ווי ער האָט עס געטאָן שטענדיק. ער האָט אַראָפּגע־כאַפּט די ברילן, אַרײַנגערוקט זיי אין אַ קעשענע פון די הויזן און געלאָזט זיך דעם גאַסט אַנטקעגן, זיך צעקושט מיט אים און באַזעצט אַנטקעגן גרויסן פענצטער.

— זע, ביסט דאָ איינער?!

— איינער, ווי זשע דען? דאָ זײַנען אַלע פּאַלאַטעס פאַר איין כּוילע, עס זײַנען פאַראַן אויך צווייענדיקע, נאָר בלויז פאַר יענע, וואָס האָבן ניט ליב צו בלײַבן אַליין. — ער האָט געריידט פלינק, ווײַזט אויס, ניט געוואָלט, אַז מאַיסיי זאָל אים איבערשלאָגן. — דו ווייסט, זי איז זייער אַ שטרענגע, נאָר זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי באַמערקט ניט, וואָס פאַר אַן אומאָרדענונג ס'איז אין מײַן פּאַלאַטע. אָט דאָס איז אַ ווירדיקער פאָרשטייער פונעם ווײַבערשן מין, — האָט וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש אופגעהויבן דעם צײַג־פינגער פון דער רעכטער האַנט און איינצייטיק פאַריסן דעם קאָפּ, — און ווי געפעלט דיר דער לאַנדשאַפט אַרום? כאַטש דיר דאַרף איך עס ניט דערציילן, — האָט ער זיך געכאַפּט. — האָסט דאָך דאָ אָפּגעאַרבעט אַ שיין ביסל צײַט!

ערשט איצט האָט מאַיסיי פּאַוולאָוויטש באַמערקט, אַז דער כּוילע, זײַן כּוואר איז אָנגעטאָן אַזוי ווי בא זיך אין שטוב — אין זײַנע באַליבטע טונקל־גרינע הויזן, וואָס זײַנען באַשאָטן מיט ווײַסע שניי־פינטעלעך, אין אַ ציכטיק ווײַס העמדל מיט אָפּגעקירצטע אַרבל און אַפילו מיטן זעלבן האַלדזטוך אפן ניט פאַרשפּיליעטן קאָלנער.

— אין די קאָרידאָרן, — האָט מאַיסיי פּאַוולאָוויטש זיך דערמאָנט, — זײַנען אויך די קראַנ־קע געווען אין ציווילע קליידער, קיין שום שפּיטאָל־כאַלאַטן אָדער פּיזשאַמעס ניט באַמערקט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען וולאַדימיר האָט זיך באַרויקט, האָט ער דערזען די דרײַ גרויסאַרטיקע רויזן — אַ רויטע, אַ ווײַסע און אַ קרעמאָווע — באַם גאַסט אין די הענט.

— סאַראַ וווּנדער! דאָס האָסטו אַליין זיך דערטראַכט, בוהײַעלע, צי אַנושקע האָט זיי איבערגעגעבן?

— אַנע סעמיאָנאָוונע ווייסט גאָר ניט, אַז איך בין איצט בא דיר. ניט באַוויזן איר אָנ־צוקלינגען. געווען אָף אַ באַראַטונג לעבן ווײַסרוסישן וואָקזאַל און זיך דערטראַכט, אַז פון דאָרט גייט די מעטראָ גלײַך צו קאַשירסקאַיאַ.

— מאָלאָדיעץ, מוישעלע, איך בין פּאַשעט צופרידן, געמיינט, אַז דו האָסט שוין פאַר־געסן אין דײַן „טיזליקל", — ער האָט זיך צעלאַכט אָף אַ קאָל, גלײַך ווי זיי וואָלטן געזעסן בא זיך אין דער היים, אָדער אין עפּעס אַ קאַפע בא אַ גלעזל ווײַן.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געשוויגן, ער איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם צום פענצטער, געהערט באַזונדערע ווערטער פון דעם, וואָס וולאַדימיר האָט דערציילט — עפּעס וועגן קאָ־רעקטורן, וועלכע ער האָט באַוויזן דאָ איבערצולייענען, וועגן אַ סיגנאַל־עקזעמפּליאַר פון זײַנעם אַ בוך, וועגן מאַנוסקריפּטן, אַרכיוון, וואָס פעלן אים דאָ.

— נאָר שאַבעס אָדער זונטיק, — האָט וולאַדימיר געזאָגט, — וועל איך כאַפּן אַ טאַקסי און צופאָרן אַהיים, צוויי טעג איז דאָ קיינער ניטאָ, ניט זי, — האָט ער באַוויזן מיטן גראָבן פינגער איבערן אייגענעם אַקסל, — ניט קיין דאָקטוירים...

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געעפנט די באַלקאָן־טיר, אַרויסגעגאַנגען פון צימער און גענומען שפּאַנען איבערן באַלקאָן, וואָס רינגלט אַרום דעם ריזיקן טורעם, ווי אַ רייף. די טירן און פענצטער פון אַלע פּאַלאַטעס, קאַבינעטן, לאַבאָראַטאָריעס — פונעם גאַנצן שטאָק גייען אַרויס אָף דעם דאָזיקן באַלקאָן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש איז געבליבן אין צימער — זאָל ער גיין, פאַרט אַן אייגן שטיקל אַרבעט, זאָל ער עס באַטראַכטן פון אויסן...

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געשפּאַנט פּאַמעלעכן אַרום דער געבײַדע מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ און גאָרניט געפילט, אַז ער שפּאַנט. אין מויעך האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אַ מוירעדיקער פּלאָנטער, און ער האָט ניט געקאָנט אָנכאַפּן זיך פאַר קיין עק, וואָס זאָל כאַטש זײַן דער אָנהייב פונעם קנויל.

„ניין, עס קאָן ניט זײַן, אַז וועלוועלע זאָל זיך ניט אָנשטויסן, וואָס מיט אים קומט פאָר, ער איז ניט אַזוי נאַיוו, דאָס טיזליקל, אַז ער זאָל גלײַבן אין דער בײַקע וועגן „פּאָ־ליפּן", וועגן אַ נישטיקער „יאַזווע"... און עפּשער גלייבט ער? וועלוועלע מיט זײַן היציקן טעמפּעראַמענט וואָלט ניט געווען אַזוי רויק, ווען ער זאָל וויסן, ווו עס האַלט אײַנדערע־מעסן", מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געמאַכט אַ קרײַז אַרום דעם טורעם און זיך אומגעקערט פון דער פאַרקערטער זײַט. וולאַדימיר האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין דער פּאַלאַטע, באַזעצט אים און גענומען אויספרעגן, וואָס עס טוט זיך אין דער היים.

— איגיכץ וועט מען אונדז רופן עסן, וועסטו קאָנען באַקוקן דײַן שטיקל אַרבעט. איצט דערצייל בעסער, וואָס טוט זיך דאָרט, בײַ מײַניקע, בײַ דײַן ריוועלען. אָט זעסטו, זי קומט צו לויפן אויף געציילטע מינוטן און הײַדאַ — צו די קינדער, צו גרישען. אויף דער אַרבעט. איך בעט זיך בײַ איר ניט לויפן צו מיר אַזוי אָפט, נאָר דו קאָנסט דאָך דײַן טאָכטער! — איך האָב הײַנט אָפּגעקאָכט אַזעלכע פּראַקעס, — זאָגט זי, — נאָר אויף אָפּצולעקן די פינגער. איך ווייס דען ניט, דיאַדיע וואָלאָדיע, — זאָגט זי, — אַז איר האָט ליב פּראַקעס?! — מאָטלען איז אויך שווער. ווען ניט כאַנעלע, וואָלט ער געפאַלן פון די פיס, כאָטש האָק אים און בראָק אים, ווייל ער ניט הערן אַלעטשקעס נאָמען. אַ יונגער מאַנצבל מיט צוויי קינדער אויף די הענט!.. דיר דאַרף איך דאָס ניט דערציילן. נאָר אין אַזעלכע זאַכן איז אַרומעגלעך זיך אַרײַנמישן.

— ווייסטו וואָס, וואָלאָדינקע, — איז מאַיסיי אופגעשטאַנען פונעם אָרט און געמאַכט צוויי גרויסע טריט צום כאַוער, — וואַרף דאָס אַלץ אַרויס פונעם קאָפּ. טאַקע אייגן בלוט און פלייש, נאָר זיי וועלן זיך שוין אַליין אויסדרייען. בעסער טראַכט וועגן זיך.

וואָלאָדימיר יאַקאָוולעוויטש האָט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל לעבן הויכן בעט, אַרײַנגענומען דאָס פּאָנעם אין ביידע דלאָניעס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, לאַנג־לאַנג געקוקט אויף דער וואָלענער געבלימלטער קאָלדרע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורכן פּירעק פון דער ווײַסער אונטערדעק, און אַזוי טאַקע, ניט בײַטנדיק די פּאָזע, שטיל אָנגעהויבן:

— וועגן זיך, זאָגסטו, טראַכטן, וועגן זיך? שוין, אַלץ... שוין אַלץ באַטראַכט, שוין אַלץ, אַלץ... — ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויף דעם ווענטל פונעם בענקל, פאַריסן דעם קאָפּ און, קוקנדיק אויף דער סטעליע, פאַרגעזעצט, — מוישעלע, פרײַנט מײַנער, דו מיינסט, מינאַסטאַמע, אַז איך ווייס ניט, וויפל יאָר מיר איז, ווייס ניט, ווי עס האַלט מיט מיר? דו האָסט דאָך קיינמאָל ניט געהאַלטן מיך פאַר קיין טיפּעש. אַלץ, אַלצדינג ווייס איך און אַזוי גענוי, אַז אַפילע זי אַליין, — ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער כאַווער שטויסט זיך אָן, ווער איז דאָס „זי", — קאָן מיר שוין קיין נײַס ניט דערציילן. אַזוי, אַז טראַכטן וועגן זיך האָב איך שוין קיין צײַט ניט, כ'וואָלט נאָר איין זאַך געוואָלט, אַז אַנושקע זאָל ניט וויסן דאָס, וואָס זי וואָלט ניט געדאַרפט וויסן. ס'זאָל ניט דערגיין צו אַזאַ צושטאַנד, ווען זי וועט דאַרפן שטיין בײַ אָט דעם בעט און זיך סטאַרען, אַז איך זאָל ניט באַמערקן קיין טרערן אין אירע אויגן. אײַ, כאַנע, כאַנע... פאַרוואָס קומט עס דיר?..

ער האָט ניט דערזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, און אויף אַ צײַט שטיל געבליבן.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטשן האָט זיך געדאַכט, אַז זײַן פרײַנט האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עמעצער זיצט לעבן אים. יענער איז געזעסן מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ צו דער סטעליע, ווי זײַן שטייגער איז, און וועגן עפּעס געטראַכט. יאָ, ער האָט געטראַכט וועגן כאַנען, געטראַכט, אַז אָן איר וואָלט זײַן לעבן קיין דענעשקע ניט ווערט געהאַט. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט שטענדיק זיך געקאָנט צופּאַסן אין אַלע אומשטענדן, זי האָט זיך געפילט פרײַ צווישן מענטשן, מיט די כאַווירים זײַנע פונעם אינסטיטוט, מיט די גרויסע לײַט, מיט וועלכע ס'איז אויסגעקומען זיך באַגעגענען אויף אָוונן, אויף לעקציעס. זי איז שטענדיק געווען אויפן אָרט, זי האָט געקאָנט, ווען ס'איז נייטיק געווען, אָפּטרעטן אין אַ זײַט און קיינער זאָל דאָס ניט באַמערקן, אַז זי איז פאַרשוווּנדן. און אויך פאַרקערט — אַרויסזאָגן איר מיינונג, האַנדלען זיכער און געשיקט. זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט, ווען מע דאַרף אָנגרײַפן און ווען מע דאַרף זיך אָפּשטעלן.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש איז געזעסן, ווי אַ פאַרשטיינערטער, ניט געקאָנט באַנעמען, פונוואַנען האָט זיך צו דעם שוואַכינקן וועלוועלע, צום כאַלעש, ווי ער האָט שטענדיק וועגן אים געטראַכט, פונוואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ קויעך? ער וואָלט עס קיינעם אין לעבן קיינמאָל ניט געגלייבט, ווען מע זאָל דאָס אים דערציילן, ער קאָן דאָך וועלוועל לעזמאַנען, דאָס טיזליקל, ווי די אייגענע צען פינגער! הייסט עס, אַז ס'איז נאָך אַ סאַפעק, צי קען ער זיך אַליין.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט ניט געפונען אין זיך קיין קויעך עפּעס צו דערווידערן. ער האָט בלויז עטלעכע מאָל געפרוווט איבערשלאָגן דעם כאַווער, אַרײַנגעוואָרפן באַזונדערע ווערטער — „רעדסט נאַרישקײַטן", „דער הימל איז ניט בײַ דער ערד", „בײַ הײַנטיקע מעדיצין"... נאָר וואָלאָדימיר יאַקאָוולעוויטש האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף אים, אופגעשטאַנען פונעם אָרט, געבליבן שטיין הינטער זײַן פּלייצע, מיט ביידע הענט אים אַרומגענומען דעם האַלדז און שטיל, שטיל געדעדט, ווי צו זיך אַליין, ווי ער וואָלט אין עפּעס זיך דערמאָנט:

— דו ווייסט דען ניט, בוהײַעלע, מוישעלע טײַערער, אַז איך האָב, ניט געקוקט אויף אַלץ, אָפּגעלעבט אַ לאַנג און אַ גליקלעך לעבן. אַנושקע, דאָס איז געווען מײַן געווינס, ווי

זאָגט מען — פֿון הימל געשיקט, אירע ליידן זײַנען דאָס שווערסטע, וואָס קאָן מיך אומ־וואַלגערן פֿון די פֿיס, און וואָס איז שײַך דעם קרעפּס־שמעפּס, איז מיילע, יעדערער האָט זיך זײַן גורל. אַפּילע מאַטעלעס צאָרעס לאָז איך איצט ניט צו נאָענט צום האַרצן. קאָן זײַן, אַז אלעטשקע איז טאַקע ניט זײַן פּאָר. מײַן כאַנעלע וואָלט ניט געטאָן אַזעלכס. צוליב רײַכקײַט, קאַריערע, — דאָס איז ניט לײַטיש. אָף מאַטלס אָרט וואָלט איך אויך מער ניט גע־וואָלט הערן איר נאָמען...

איצט איז ניט געווען די צײַט דערווײַזן דעם כאַוער, אַז ער איז ניט גערעכט. אלעטש־קע האָט מאַטלען מיט די קינדער ניט אוועקגעוואָרפֿן, דאָס האָט מאָיסיי פּאַוולאָוויטש גע־ווּסט. דאָס, וואָס זי איז מיטן שעף געפֿאָרן אין אַן אויסלענדישער קאָמאַנדירונג אָף אַ לענ־גערער צײַט, איז נאָך קיין באַווײַז ניט, אַז זי, אלעטשקע, האָט דאָס געפֿויעלט באַם שעף מיט פֿאַרווערטע מיטלען, אַז זי איז איבערגעטראָטן די שוועל פֿון אָנשטענדיקײַט. אַפּילע אַנע סעמיאָנאָוונע איז געווען אָף דער זײַט פֿון דער שנור, נאָר ניט מיט קיין גוטן און ניט מיט קיין בייזן האָט זי ניט געקאָנט פּויעלן באַ מאַטלען, אַז ער איז פּאַשעט און אײַנ־פּאַך ניט גערעכט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איצט איז ניט געווען די צײַט צו ריידן מיט וולאַדימירן וועגן מאַטלס אייסאָקים. און דעם עמעס גערעדט, איז דאָס אים ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט געוווּסט, אַז קינדער וואַקסן און ווערן מענטשן אויך אָן מאַמעס. און אַפּילע אָן טאַטע־מאַמעס... זײַן ריוועלע איז ניט ערגער פֿון אַנדערע אויסגעוואַקסן אָן אַ מאַמע...

איצט האָט מאָיסיי פּאַוולאָוויטש געגומען צווייפֿלען, צי דאַרף ער נאָכן געשפּרעך מיט וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטשן גייען צום פּראָפֿעסאָר. וואָס קאָן זי אים שוין זאָגן? נאָר ניט אַרײַנגייען צו איר וואָלט געווען פּאַשעט ניט פֿײַן.

ער איז געזעסן באַ וולאַדימירן לאַנג, דערמאָנט דעם גנילאָפּיאַט, וווּהין זיי פֿלעגן, אַמאָל־אַמאָל איז עס געווען, אַרויספֿאָרן אײַנדרײַען אָף אַ שיפֿל — כאַנקע, וועלוועלע טיזליק און ער, מוישע בוהײַ.

אין הויכן אָטשערעט איז דאָס שיפֿל געשטאַנען שאָענווײַז, און זי, כאַנקע, פֿלעגט אין ווײַסן העמד זיך פֿאַרקלײַבן אין שאָטן פֿון די ווערבעס און זיך באָדן אײנע אליין. דערנאָך האָבן זיי, ער מיט וועלוועלען, זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן נאַקעט, פֿון קיין טרוסיקעס האָט מען דעמלט נאָך ניט געוווּסט, און אוועקשווימען צום צווייטן ברעג און פֿון דאָרטן ברענ־גען גאַנצע הויפֿנס ווײַסע און געלע טײַך־ליליעס. כאַנע האָט געפֿלאָכטן פֿון זיי קרענצלעך און קאַרעלן, און דערנאָך צוזאַמען מיט די סאַמעטענע שטעקעלעך, וועלכע זײַנען אויך גע־וואַקסן אָפֿן אַנדערן ברעג, זיי געבראַכט אַהיים, אַרײַנשטעלן הינטערן וואַנט־שפּיגל, און אין אַ גרויסן ליימענעם קרוג, וואָס זי האָט געקויפֿט אין אַ יאַריד־טאָג אָפֿן מאַרק טאַקע צוליב דעם. דערמאָנט די שכיינים פֿון קאַביליאַנסקיס גרויסן הויז, אין וועלכן זיי, ער, מוישע, מיט ריוועלען און כאַנע מיט וועלוועלען, זײַנען איבערגעפֿאָרן צוזאַמען מיט אַנדערע בוי־אַרבעטער. דאָס דאָזיקע הויז האָט געהערט דעם שטאָט־גוויר מוישע קאַביליאַנסקי, און נאָך דער רעוואָליוציע געוואָרן דאָס הויז פֿון די בויער. אינעם סאַד, וואָס איז געוואַקסן אַרום דעם געוועזענעם גווירישן הויז, פֿלעגן די שכיינים אין די הייסע זומערדיקע טעג אַרויסטראָגן קאָלדרעס, צעשפּרייטן זיי אָפֿן הויכן גראָז און דאָרט ליגן אין שאָטן. ריוועלע האָט ליב געהאַט אומוואַלגערן דעם טאַטן אין גראָז, אַרופֿקריכן אָף אים און אים קיצלען אונטער די פּאַכוועס. זי האָט געלאַכט הויך און הילכיק, ווי אַ זילבערן גלעקעלע, און ער, מוישע בוהײַ, האָט זיך געבעטן באַ איר:

— ריוועלע, מע דאַרף ניט, ריוועלע, כ'וועל באַלד אויסגייען.

אָבער וועגן וואָס זיי זאָלן ניט געווען ריידן, איז מען אַלץ געקומען צו שימען דעם באַקערס קעלער, ווו זיי האָבן ביידע צום ערשטן מאָל דערזען כאַנען. טויזנט מאָל האָבן זיי ביידע איבערגעכאַזערט דעם נאָמען פֿון דער דאָזיקער פֿרוי, און ביידן — מאָיסיי פּאַוולאָ־וויטשן און אים, וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטשן, — איז דאָס ניט נימעס געוואָרן — כאַנע, כאַנ־קע, אַניע, אַנושקע...

ווען איבער די קאָרידאָרן פֿון „צענטער" האָט זיך צעטראָגן דאָס קאָל פֿון דער קעכן — „נאַ אוזשינ!", האָט וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש אָפּגיך געזעגנט זיך מיטן גאַסט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָרט אָף דעם דאָזיקן רוף, צוגעפֿירט אים צום ליפֿט, אים דערלאַנגט די האַנט און אַוועק אין גאָרקיך.

מאָיסיי פּאַוולאָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער כאַוער זײַנער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז עס קאָן קומען צו אַ מאָמענט, ווען ער וועט זיך ניט אײַנהאַלטן און מיט עפּעס

א וואָרט צי מיט א מינע אַרויסוויַיזן א סימען פון שוואַכקייט. יאָ, יאָ, טאַקע דערפאַר האָט ער זיך דערפרייט מיטן אויסרייד, אַז ס'איז צייַט צו גיין עסן וועטשערע.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט געפונען דעם קאַבינעט פונעם פּראָפעסאָר, אָנגעקלאַפּט און, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, אַריַינגעגאַנגען.

סוועטלאַנע ניקאָלייעווונא האָט אופגעהויבן דעם בליק, דערנאָך געכאַפּט א קוק אויפן וואַנט־זייגער און א שמייכל געטאָן:

— און איך האָב געמיינט, אַז איצט איז אַזייגער פיר.

מאַיסיי פּאַוולאָוויטש האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף א שטול לעבן איר שריַיבטיש, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טעפּיך, וואָס אונטער די פיס, און געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אַז איך קען אים, ווי זיך אַליין, ווי די אייגענע צען פינגער. לאָזט זיך אָבער אויס, ניין, ניין, בראָדערקע...

סוועטלאַנע ניקאָלייעווונא האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

— איך האָב פון ערשטן טאָג דערקענט, אַז וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש לעזמאַן איז א שטאַרקער און שיינער מענטש. און וואָס איז שייך דאָקטוירישן, האָבן מיר אָפּט א טאָעס. יעדער מענטש איז אַנדערש, טיפער, קליגער, נארישער, בעסער, ערגער. הונדערטער ניו־אַנסן זיַינען פאַראַן, דערפאַר טאַקע קומט א מאָמענט, ווען מיר עפענען ברייט די אויגן און שריַיען אויס: „עס קאָן ניט זיַין!"

# דער זייגער

דער קיַילעכדיקער עלעקטרישער זייגער, וואָס הענגט איבער דער שווערער דעמבענער טיר פון דער פּאָטשט, קוקט שטענדיק אַריַין צו אונדז אין שטוב. איצט בין איך שוין צוגע־וווינט, עס ציט מיך שוין אַזוי ניט צום פענצטער, נאָר די ערשטע צייַט, ווען מיר האָבן זיך אַהער אַריַינגעקליבן, איז די פּאָטשט געווען אַן אָנשיקעניש, קיין מינוט איז ניט דורכגע־גאַנגען, איך זאָל ניט כאַפּן א קוק אויף די שוואַרצע ווייזערס. באַטאָג פלעג איך פאַרציִען די שטאָרעס, שלאָפן האָב איך זיך געלייגט מיטן קאָפּ צום פענצטער — ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן — דער זייגער איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן און כיטרע געשמייכלט צו מיר מיט אַלע צוועלף אויגן און מיט די שוואַרצע וואָנצעס.

ניין, לאַנג וועל איך דאָס ניט אויסהאַלטן. מיר וועלן מוזן בייַטן די דירה!

איך האָב געוווּסט, אַז מיַין פרוי, און דעריקער די טאָכטער, ווילן זיך ניט צעשיידן מיט דער רוישיקער גאָרקי־גאַס, אָבער זיי וועלן דאָס טאָן צוליב מיַינע נערוון. צוליב דעם, איך זאָל רויִק אַרבעטן, נאָרמאַל שלאָפן.

מיר און וויקען, דער טאָכטער מיַינער, איז איינמאָל געקומען אויפן זינען, איינער און דער זעלבער געדאַנק — צעברעכן דעם זייגער...

ווי נאָר איך האָב א טראַכט געטאָן וועגן דעם, האָט וויקע שטיפעריש א ווונק געטאָן צום פענצטער:

— ווילסט, וועל איך מיט א שטיין אים צעבעריקן אויף שטיקלעך. ווילסט, פּאַמאַ. וואָס יועט מען מיר טאָן?

„פּאַמאַ" האָט זי מיך גערופן קינדוויַיז, און איצט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט, איך זאָל טראַכטן וועגן זייגער.

א לאַנגע צייַט האָב איך זיך ניט געקענט דערקוויקן, פּאַרוואָס עס באַמרויִקט מיך אַזוי דער אומשולדיקער פּיַינט מיַינער. מיט וואָס איז שולדיק דער זייגער? וואָס פאַרא שלעכטס האָט ער מיר געטאָן?

סאָפּקאַלסאָף האָב איך זיך געכאַפּט. פונקט אַכט אַזייגער איז דאָס געווען. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פון שטאָק, דאָרט, אינעם שמאָלן געסל, האָבן געוווינט מיַינע גוטעפריַינט. צוויי און אַכציק טרעפּלעך האָבן געפירט צו זייער טיר. ניט איין מאָל האָב איך זיי איבער־

געציילט, צוויי און אכציק גרויסע צעמענטענע טרעפּלעך. אין אַ יאָר צען ארום, האָב איך געטראַכט, וועט מיר שוין שווער זײַן זיך אופהייבן אהער... דאָס הארץ וועט ניט לאָזן. אַ מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט! פון יענעם אָוונט איז מיר ניט אויסגעקומען צו זײַן אין דעם שמאָלן געסל אכט יאָר, שרעקלעכע אכט יאָר!

אכט אזייגער האָב איך זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. איך האָב זיך געקליבן גיין צום וואַל־באַצירק. אין בוזעם־קעשענע זײַנען בײַ מיר געלעגן העכער הונדערט בונטע פּאָטשט־קאַרטלעך: „מיר לאַדן אײַך אײַן זונטיק, דעם 20 פעוורואַל 1949 יאָר, אָפּגעבן אײַערע שטימען פאַר די פֿאָלקס־ריכטער"... איך בין געווען אַן אַגיטאַטאָר, מײַנע וויילער האָבן געוווינט ניט ווײַט פונדאַנען, אף דער גערצען־גאַס, אינעם הויז פון אַלטע באָלשעוויקעס.

די אַלטע באָלשעוויקעס האָבן געוויס געטראַכט, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען, זיי האָבן מיך גוט געקענט און געוווּסט, אַז אָן אַ וויכטיקער סיבה וואָלט איך ערעוו די וואַלן ניט פאַרשפּעטיקט. יאָ, זיי האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט. איך בין ניט געקומען צו זיי איבער אַ וויכטיקער סיבה. קימאַט פאַרן ארויסגיין פון שטוב האָט אָנגעקלונגען אַ מאַנצבל. דאָס קאָל איז געווען אַן אומבאַקאַנטס: ער האָט מיך העפלעך אָנגערופן באַם נאָמען און פאָטער־נאָמען און דערקלערט, אַז דעם זון מײַנעם, ניאָמען, האָט מען פאַרהאַלטן. ער גלייבט, אַז עס וועט אײַנגיכן קלאָר ווערן, און בעט, מיר זאָלן דערווײַל זיך ניט זאָרגן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז איך זאָל דערווײַל זיך פאַרהאַלטן אין שטוב, צוליב דעם דאַרף ער זיך דורכשמועסן מיט מיר. ריידנדיק אין טעלעפאָן, האָב איך אַ קוק געטאָן אין פענצטער. דער זייגער אף דער פּאָטשט האָט באַוויזן פונקט אכט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט באַם ארײַנגאַנג זיך אָפּגעשטעלט אַ מאַשין. אין אַ מינוט ארום האָט מען אָנגעקלונגען אין גלעקל פון דער טיר. די אונטערזוכונג האָט געדויערט געציילטע מינוטן. דער מיליטערמאַן האָט מיר פאָרגעלייגט זיך זעצן מיט אים אין מאַשין און צופאָרן צום אַנשטאַלט, ווו עס געפינט זיך איצט מײַן זון. איך בין געפאָרן.

אף אכט יאָר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער ניאָמען דער טויער. כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָס פאַרדינט, נאָר מיך האָט אַלץ געטאָטשעט — ווי־אַזוי האָט עס געקאָנט פאָרקומען? און מיט וועמען? — מיט מײַן זון. ניין. ניין — קיין גאָט אף דער וועלט איז ניטאָ.

מײַן פרוי האָט מיר נאָכדעם דערציילט, אַז דעמלט, דעם 20־טן פעוורואַל, איז זי געווען די ערשטע, וואָס איז געקומען אין וואַל־באַצירק אָפּגעבן איר שטים פאַר די פֿאָלקס־ריכטער. ווען זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם ביולעטען אין קעסטל, האָט מען זי פאָטאָגראַפירט. ס'איז געווען פונקט זעקס אזייגער פאַרטאָג. זי האָט עס באַמערקט אפן גרויסן זייגער, וואָס איז געהאַנגען באַם ארײַנגאַנג פון דער פּאָטשט, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער וואַל־באַצירק.

ארום צען אזייגער אָפּדערנאָכט האָט זי אָנגעקלונגען צו ניאָמעס באַקאַנטע, זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט דאָרט געדאַרפט זײַן.

— ניאָמע? ער איז שוין פון לאַנג אוועקגעגאַנגען, — האָט מען איר געענטפערט.

צוועלף באַנאַכט איז מען געקומען מאַכן אַן אונטערזוכונג. מע האָט איר געייצעט, מײַן פרוי, אריבערטראָגן דאָס שלאָפנדיקע קינד צו די שכיינים, מע זאָל דעם ניט שטערן שלאָפן. ווען די אונטערזוכונג האָט זיך פאַרענדיקט און די ניט־געבעטענע געסט האָבן זיך געקליבן אוועקגיין, האָט מײַן פרוי זיך אויך אָנגעטאָן.

— וווהין אזוי פרי, ס'איז נאָך האַלב נאַכט, — האָט געזאָגט דער עלטערער פון די מיליטערלײַט, — איר קענט דערווײַל זיך גוט אויסשלאָפן...

זי איז אראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, געבליבן שטיין באַם דרויסנדיקן ארײַנגאַנג און געזען, ווי זיי זעצן זיך רויק ארײַן אין דער מאַשין. איינער האָט אפילע אַ פאָכע געטאָן צו איר מיט דער האַנט — אַ גוטע נאַכט, הייסט עס, אַ גוטע נאַכט...

ס'איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, נאָר איר איז געווען הייס, קאָן זײַן דערפאַר, וואָס זי איז געלאָפן. וווהין איז זי געלאָפן? זי ווייסט ניט. געלאָפן איבער דער לאַנגער פוסטער גאַס. זי האָט פאַרגעסן, אַז דאָס קינד איז געבליבן באַ די שכיינים! און זי האָט זיך געלאָזט לויפן אף צוריק. ווען זי האָט זיך דערנעענטערט צו דער פּאָטשט, ווו עס האָט זיך געפונען דער וואַל־באַצירק, זײַנען איר אַנטקעגן געקומען עטלעכע מענטשן — מוזיקאַנטן, מיט טרומייטן און מיט מעשענע טאַצן. זיי האָבן זי ארומגערינגלט און לעקאָוועד דער ערשטער ווילערן אַ זעץ געטאָן אַ פריילעכן מאַרש. זי האָט פאַריכט דאָס היטעלע אפן קאָפּ, פאַרפרעסט די ליפּן און זיך געלאָזט צו דער צעפּראַלטער טיר פון באַצירק. די ווײַזערס פונעם זייגער זײַנען געשטאַנען אין אַ גלײַכער קווערער ליניע — פונקט זעקס פאַרטאָג. זי האָט ניט געפילט, ווי עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון אירע אויגן. שפּעטער האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם. די

אָוונטיקע בלאַט האָט געשריבן: „מיט טרערן פון פרייד האָבן די ווילער אָפּגעגעבן זייערע שטימען די פאָלקס־ריכטער".

„...מיר האָבן שוין אפילו געהאַט א באַלן אַף בײַטן די וווינונג דאָרט, אין דעם נײַעם ראַיאָן, זײַנען נאָך קיין עלעקטרישע זייגערס ניט געווען, און אין דעם הויף, ווו מיר האָבן געזאָלט אַריבערפאָרן, וועט קיינמאָל קיינעם ניט אײַנפאַלן אופהענגען א זייגער.

דאָס פּאַרפּאַלק, וואָס איז געקומען אָנקוקן אונדזער וווינונג, האָט זיך געכידעשט, פאַרוואָס מיר קלײַבן זיך פאַרלאָזן אַזאַ טײַערן ראַיאָן, ניט אַנדערש, אַז די דירע האָט עפּעס א פאַר־באָרגענעם כיסאָרן.

מײַן פרוי האָט צוגעפירט דאָס פּאַראָפּאַלק צום פענצטער:

— איבער אים בײַטן מיר זיך... איבערן זייגער.

דער מאַנצבל האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און א ווונק געטאָן צו זײַן פרוי, ווי איינער זאָגט: זיי מיינען, אַז מיר זײַנען מעשוגע, צי זיי אַליין זײַנען פון די געדאַנקען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס פּאַרפּאַלק איז אַזוי צוגעוואָקסן געוואָרן צו אונדזער דירע, אַז ס'איז שוין אוממעגלעך געווען זיך אָפּטשעפּען פון זיי. דעם גאַנצן זומער האָבן זיי געהאַלטן אין איין קלינגען, זיי האָבן געהאַט א כשאַד, אַז מיר האָבן עפּעס א מיין, זיי זײַנען גרייט אַף אַלץ... ווײַל דעם זייגער פון דער פּאָטשט וועט מען דאָך קיינמאָל ניט אַראָפּנעמען.

וואָס עמעס איז עמעס, דעם זייגער וועט מען ניט אַראָפּנעמען, נאָר איך וויל גאָר ניט, מע זאָל אים אַראָפּנעמען, פאַרקערט, זאָל ער גיין, זאָלן די ווײַזערס זיך באַוועגן... זיי דערנע־ענטערן דאָך די צײַט פון ניאַמעס אומקערן זיך.

פריִער האָב איך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד באַמערקט, אַז פּונקט האַלב זיבן באַווײַזט זיך אַף די טרעפּלעך פון דער פּאָטשט, אונטערן זייגער, א יונג מיידל, די ערשטע קומט זי. זי שפּאַרט זיך צו מיט אַן אַקסל צום בײַשטידל פון דער ברייטער האַלבער טיר, וואָס עפנט זיך ניט, און קוקט אין דער זײַט, פונוואַנען ער דאַרף זיך באַווײַזן. אַמאָל שטייט זי פינף, אַמאָל צען מינוט און אַמאָל אַ פּערטל שאָ, אָבער מער, ווי פופצן מינוט קומט איר ניט אויס צו וואַרטן. אָט לויפט ער שוין. ער ווייסט ניט, אַז איך צייל אויך די מינוטן. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס מיידל איז זיכערער פון מיר, אַז ניאַמע וועט קומען. איך האָב אַמאָל אין בינאָקל זיך גוט אײַנגעקוקט אין איר פּאָנעם און פאַרשטאַנען, אַז זי מעג זײַן זיכער אין זיך. גאָט מײַנער, דאַכט זיך, אַז אין מײַן צײַט זײַנען גאָר ניט געווען אַזעלכע יונגע און שיינע מיידלעך, נאָר מעגלעך, אַז צוריק מיט דרײַסיק יאָר וואָלט איך ניט אימשטאַנד געווען אָפּשאַצן אָט אַזאַ.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עס וועט קומען א טאָג, ווען זי וועט זיך אַף אים ניט דערוואַרטן. און דער דאָזיקער טאָג איז געקומען אומגעריכט און גיכער, ווי איך האָב געמיינט.

אָט איז שוין זיבן, און ער איז ניטאָ. איך זע, ווי זי הייבט אוף דעם קאָפּ צום זייגער, זי כאַפּט א קוק אַף איר האַנט־זייגערל. איך טו אויך א קוק אַף מײַן טיש־זייגער — זיבן.

עס האָט אָנגעהויבן מאַראָקען א רעגן. דאָס מיידל האָט צוגעדעקט מיטן פּאַרטפעל דעם קאָפּ, די האָר זאָלן ניט פאַרנעצט ווערן, דערנאָך איז זי אַרײַן אין פּאָטשט. איך זע, ווי זי קוקט אַרויס דורך דער גלעזערנער טיר.

ס'איז שוין געווען פינצטער, ווען זי איז איינע אַליין אוועקגעגאַנגען.

טאַקע ניט געקומען. עפּשער איז עפּעס געשען מיט אים? זי האָט מיסטאָמע אויך אַזוי געקלערט.

יאָ, ס'איז געשען, איך האָב גוט געוווסט. איך האָב שוין וויפל מאָל זיך געקליבן אַרויס־גיין און איר אויסדערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען. קיין אַכט יאָר וועט זי דאָך אַף אים ניט וואַרטן!

דעם צווייטן טאָג איז זי געשטאַנען פּונקט ביז זיבן. און אָפּן דריטן טאָג האָט מײַן וויקע זי דערקענט.

— עלאָטשקע! — האָט וויקע אויסגעשריִען צו זיך אַליין.

— עלאָטשקע? דו קענסט זי?

וויקע האָט אפילו ניט געהערט, וואָס איך האָב זי געפרעגט, און אַרויס פון שטוב.

אָט שטייען זיי ביידע אונטערן זייגער — וויקע און עלאָטשקע. פון יענעם טאָג אָן איז עלאָטשקע געוואָרן אַן אָפטער גאַסט בא אונדז. זי פלעגט קומען אין איינער און דער זעלבער צײַט — האַלב זיבן. אַלע מאָל האָט זי געכאַפּט א קוק צו דער פּאָטשט, כאָטש זי האָט שוין געוווסט, אַז ער וועט ניט קומען. נאָר א שטיקל טאָעס האָב איך פאָרט געהאַט. אין א כוידעש אַרום איז ער געקומען, עמעס ניט מײַן זון, אַן אַנדערער, און אויך מיט א פאַרשפּעטיקונג. און געוואַרט האָט אַף אים עלאָטשקע.

עלאַטשקע האָט מיט קיין זאַך ניט אויסגעגעבן, אַז עפּעס קימערט זי. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ יונג קינד זאָל זיך קענען אַזוי באַהערשן. נו, און ווען אַזוינס זאָל זיך טרעפן מיט מײַן טאָכטער, האָב איך געטראַכט, ווי וואָלט זי געהאַנדלט?

און ס׳האָט געטראָפן:

— פאַמאַ, — האָט זי מיר געזאָגט, — דו ווייסט, אַז מיר איז צוויי און צוואַנציק, אַז הײַנטיקס יאָר ענדיקט איך דעם אינסטיטוט? — זי האָט מיר אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן, — פאַמאַ, — האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, — מיר, איך און וואָלאָדיע, האָבן באַשטימט זיך צעשרײַבן.

וואָלאָדיע? ווער איז וואָלאָדיע? עפּעס האָב איך קיינמאָל ניט געהערט וועגן אים.

— איך ניט, אָבער די מאַמע איז באַקאַנט מיט אים?

— די מאַמע? אויך ניט, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס. מיר האָבן זיך נאָך אויפן ערשטן קורס צונויפגערעדט, אַז פאַרן ענדיקן וועלן מיר זיך צעשרײַבן.

איך ווייס אַליין ניט וואָס, נאָר עפּעס האָט מיך פאַרדראָסן, איך האָב זיך אָבער באַמיט עס ניט אַרויסווײַזן.

די נאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן. איך האָב געטראַכט און אַליין ניט געוווּסט, וועגן וואָס איך טראַכט. בלויז איין מאָל האָט דער זייגער זיך געשטעלט מיר פאַר די אויגן — איך האָב באַשײַמפּערלעך געזען, ווי די ווײַזערס באַוועגן זיך. דער זייגער גייט! אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען די ווערטער: „טראָג איבער דאָס קינד צו די שכיינים, מע זאָל דעם ניט שטערן שלאָפן...“ און נאָך: „דו ווייסט, אַז מיר איז צוויי און צוואַנציק...“

איך בין אויפגעשטאַנען זייער פרי, זיך אָנגעטאָן שטילערהייט, קעדיי קיינעם ניט אויפוועקן, און אַרויס פון שטוב. קיין צעטעלע האָב איך ניט געלאָזט, אין אַ שאָ אַרום וועל איך זיך אומקערן. מיטן פינפטן טראָלייבוס בין איך צוגעפאָרן צו דער פּאָטשט. מיט מיר צוזאַמען איז אַראָפּ אַ כאָפּטע יונגוואַרג. קימאַט אַלע האָבן געכאַפּט אַ קוק אויפן גרויסן עלעקטרישן זייגער, וואָס איז געהאַנגען באַם אַרײַנגאַנג. איך האָב אויך אַ קוק געטאָן. דער גרויסער ווײַזער איז איבערגעשפּרונגען אויף אַ גאַנצער סעקונדע. מיטן זעלבן פינפטן טראָלייבוס בין איך געפאָרן אויף צוריק ביז דזערזשינסקי־פּלאַץ. דעמלט איז דאָ קיין דענקמאָל נאָך ניט געווען, דאָס געדענק איך פּינקטלעך. איך געדענק אָבער אויך פּינקטלעך, אַז איבער דעם הויכן אײַזערנעם טויער איז געהאַנגען אַ זייגער. ווען מע האָט מיך אַרײַנגעפירט אין טויער אויף אַ באַגעגעניש מיטן זון, איז געווען צען מינוט נאָך אַכט. ווו זשע איז דער זייגער? איך בין פאַרמעלעך געגאַנגען אַהיים, זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט — ניין, קיין זייגער איז ניטאָ איבערן טויער.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט, איז וויקע שוין אין שטוב ניט געווען. איך בין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— וועמען קלײַבסטו זיך קלינגען אַזוי פרי? — האָט די פרוי זיך געכידעשט.

— איך וויל זיי זאָגן, אַז מירן די דירע ניט בײַטן. — זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און שמייכלענדיק געפרעגט:

— און דער זייגער?

— דער זייגער? נאַרישקײַטן. ווו האָסטו געזען אַ פּאָטשט אָן אַ זייגער. ער ציילט דאָך אויס ניאָמעס צײַט.

# אויסגעפּוצט אין פֿערן...

## א פניאַק איז מײַן שרײַבטיש אין וואלד

א פניאַק איז מײַן שרײַבטיש אין וואלד,
א שטיין אינעם גראָז — מײַן פאַטעל.
איך פיל שוין: ס׳וועט אָנקומען באלד
א וואָרט פון א ליד, צי א שטעל.
דעם פניאַק האָב איך יאָמטעוודיק־שיין
באַפּוצט מיט א בלעטל פּאַפּיר.
ס׳איז טאַקע געקומען צו גיין
א שורע, די ערשטע, צו מיר.
דערנאָך איז אַרײַן אינעם קאָן
א צווייטע, א דריטע, און גלײַך
אין פעלד האָט צעכוואַליעט זיך מאָן,
ווי שקײַקע וועלן אין טײַך.
באַם ברעג האָט געגרינט דער קאַמיש,
באַהעלט פון דער זוניקער ליכט.
כ׳דערזע אַף מײַן וואַלדישן טיש
באַשעפטיקט א מורעשקע קריכט.
די מורעשקע האָט מען, איך פיל,
צום ערשטן אין אויספּיר געשיקט.

און זי האָט א רוף געטאָן שטיל
די טרעגער אָן זעק און אָן שטריק.
(פאַרפירט פונעם אייגענעם גרײַז:
געמיינט, מײַנע אויסיַעס אין ריי,
אין ווינטער אין פּראַסטיקן — שפּײַז
געוויס קענען ווערן פאַר זיי...).
די מורעשקעס האָבן געשווינד
געשטורעמט מײַן בלעטל פּאַפּיר,
נאָר אויסיַעס פון העל־גרינעם טינט
פון אָרט האָבן זיך ניט גערירט.
אַפילע קיין איינציקער אָס
(די מורעשקע זײַן זאָל, ווי שטאַרק)
פאַרשלעפּן זיך האָט ניט געלאָזט
אין וואלדישן מורעשקע־באַרג.
די אויסיַעס אומזיסט און אומנישט
זיי האָבן מיר לאַנג נאָך פאַרשטעלט.
א פניאַק אינעם וואלד איז מײַן טיש,
א שטיין אינעם גראָז — מײַן פאַטעל.

## ס׳איז מײַן דערמאָנונג צוגעגאַנגען נאָענט

פאַרטראַכטערהייט כ׳האָב ניט באַמערקט דעם אָונט,
און נאָר געוואָלט שוין אָנצינדן די שײַן,
איז א דערמאָנונג צוגעגאַנגען נאָענט —
דורך א פאַרמאַכטער טיר איז זי אַרײַן.
כ׳האָב ניט געוואָלט, זי זאָל מיט מיר פאַרבלײַבן,
נאָר זי האָט ניט געפאָלגט מײַן „הערסט, פאַרשווינד״.
איך האָב געמיינט — די שײַן וועט זי פאַרטרײַבן,
ווי וואָלקנס שווערע עס צעטרײַבט א ווינט.
עס האָט די שײַן זי אָבער ניט דערשראָקן
(געוויינלעך זינד שרעקט אָפּ אַמאָל די ליכט...).
כאָטש שטיל האָט זי געבלאָנקעט, ווי אין זאָקן,
נאָר ס׳האָט געדאַכט: זי טראָגט סאָלדאַטסקע שיך.
זי האָט מיך פעסט פאַר ביידע הענט געהאַלטן,
ניט אָפּגעטראָגן אַף קיין שפּאַן פון מיר.
ווען כ׳האָב דערפילט, אַז כ׳קען זיך ניט באַהאַלטן
אין ערגעץ ניט בײַ זיך אין שטוב פון איר,
האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז שפּאַצירן
כ׳וויל גיין אַצינד, אין שפּעטער נאַכט, אין פראָסט...
כ׳האָב פלינק די טיר פאַרשלאָסן פון מײַן דירע,

געמיינט, איך האָב זי אין דער היים געלאָזט.
כ'האָב טייקעף אָבער זי אין גאַס באַגעגנט —
אַ שאָטן אין באַנאַכטיק־שטילער צײַט,
אָט איז זי מיר פאַרלאָפן מײַנע וועגן,
און אָט פאַרויס זי שפּאַנט, צי באַ דער זײַט.
נאָר ווײַל פון איר געוואָלט כ'האָב פּאַטער ווערן,
האָב איך שוין ניט געקאַרגט קיין ביטרע געגנג:
כ'האָב לאַנג געקוקט אין הימל, אָף די שטערן,
אין גאַס געזעסן אָף פאַרשנייטע בענק.
אַהיים אוועק מיט הינטערגעסלעך שטומע,
דורך טויבע הויפן... פון מײַן פלאַן געקוועלט.
ווען צו מײַן שטוב פאַרטאָג בין איך געקומען,
געוואַרט האָט די דערמאָנונג באַ מײַן שוועל.

## די וויינענדיקע בערעזע

געפּלעפּט אינמיטן סאַד בין איך געבליבן שטיין:
ס'איז אַ בערעזע זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.
ניט אָף אַ קאָל האָט זי געוויינט, נאָר שטיל, אין זיך.
עס איז ביז ווײ פאַר מיר געוועזן אומגעריכט,
עס איז ביז ווײ פאַר מיר געוועזן אומבאַקאַנט,
וואָס זי האָט אירע דינע צווײַגן־הענט
אַראָפּגעלאָזט אָנמעכטיק אָף דער ערד, אין גראָז,
און ייִעשדיק אַזוי שוין ליגן זיי געלאָזט.
בערעזעס קען איך לאַנג און גוט, ווי זיך אַליין.
איך ווייס, ווי יאָמטעוודיק זיי זײַנען, און ווי שיין,
איך ווייס, ווי ניט געקאַרגט זיי שענקען מענטשן פרייד.
אַפילו זייער ווײַסע, שיינע כופּע־קלייד
אויך צוליב אונדז, ניט צוליב זיך, זיי טראָגן בלויז,
אויך צוליב אונדז עס פּוצן זיך בערעזעס אויס.
אַנטקעגן קומען זיי, ווי קאַלעס אָפּן שלייער.
דערזעענדיק אַ קאַלע — שמייכלט זיך פאַרטראַכט,
צי האָט דײַן קאַלעשאַפט געבראַכט דיר גליק, צי נייַ...
ס'איז אַ בערעזע זיך פאַרגאַנגען אין געוויין,
ס'האָט אַ בערעזע ביטער, נעבעכדיק געקלאָגט,
אין אַ צעבליטן סאַד, אינמיטן העלן טאָג.
דער וויינענדיקער בוים טוט, פּונקט ווי מענטש, מיר באַנג.
כ'האָב זיך געזעצט דערנעבן, אָף אַ פוסטער באַנק,
און שטיל געטראַכט: ס'קען די בערעזע אומגעריכט
די צווײַגן אירע אופהויבן, איך ווייס לויט זיך —
די טרערן גייען אויס, און דעמלט וויינט זיך ניט,
אַפילו ווען דער ווייטעק בריט נאָך אַלץ און בריט.
נאָר ס'האָט אונדז דעמלט ביידן זייער ניט געגליקט,
כ'האָב אָפּן וויינענדיקן בוים נאָך לאַנג געבליקט,
ס'האָט די בערעזע אָנמעכטיק אין קאַלטן גראָז
פאַרגעסענע די צווײַגן־הענט אירע געלאָזט...
נאָר כ'פּיל, ווען איינמאָל קומען כ'וועל אַהער צו גיין,
וועט די בערעזע זיך ניט נייגן אין געוויין,
זי וועט זיך אויסגלײַכן, און קומען שטילערהייט
אַנטקעגן מיר, אַנטקעגן אײַך, אין ווײַסער כופּע־קלייד,
און שמייכלען וועלן מיר — צי פריילעך, צי פאַרטראַכט,
ווי שטענדיק, ווען מע זעט אַ קאַלע אָפּן שלייער.

## קינדערשע שפּילן

אין שפּילן קינדערשע מײַן לעבן איז אַ באַלן
נאָך איצט אַפילע צווינגען שפּילן מיך.
און שטענדיק קלײַבט עס אויס פון יענע שפּילן אַלע
אַזעלכע בלויז, וואָס לויפן דאַרף מען גיך.
מײַן לעבן האַלט פון לויפערלעך, פון יאָגערלעך. ניט זעלטן
אַ רעגנדיקער אָוונט טוט אַ זאָג:
איך וועל אַנטלויפן באַלד צו פינקלענדיקע קעלטן,
דאַרפסט מײַנע רעגנדלעך? לויף און דעריאָג...
דעריאָג... דעריאָג... איך קען אָבער ניט הענדום־פענדום
אַפילע אין אַ שפּיל אַצינד אַרײַן.
ביז כ׳קלײַב זיך אויס — אַנטלויפט דער אָוונט און עס בלענדט מיך
אַ טאָג מיט העלער, צי מיט בלאָסער שײַן.
און אַלע מאָל מיך שטופּט מײַן לעבן אין דער פּלייצע:
— נו, טו אַ לויף... געשווינדער... נאָך אַ האָר...
און אָפּטמאָל פונקט פאַרקערט — דאָס לעבן מײַנס מיר אייצעט:
— דײַן צאָרע רוקט זיך... שטיי ניט אויף איין אָרט...
פאַרטײַע זיך... עס זײַנען צאָרעס אָפּט קרומפּיסיק
און שלאַבעריק, און נעבעכדיק און בלינד.
דו גלייב מיר, אַז עס שאַט ניט קלאַל, זיי זאָלן וויסן:
ניט נאָכגיביק, פאַרקערט — ביסט פלינק אַצינד.
אין די באַהעלטערלעך מיט צאָרעס כ׳וועל ניט שפּילן.
איך שטעל זיך אָפּ. די פויסטן כ׳בײַל אָן האַרט.
אין יאָגערלעך כ׳פלעג קינדווײַז זעלטן־ווען פאַרשפּילן,
נאָר ליב געהאַט די שפּיל כ׳האָב ניט דערפאַר.
איך האָב זי ליב געהאַט, ווײַל יאָגנדיק, דעם אָטעם
פאַרכאַפּט דער ווינט, הייבט אויף אויף פליגלען דיך.
אין די באַהעלטערלעך באַהאַלט מען זיך אין שאָטן,
אין ערטער, ניט באַשײַנטע מיט קיין ליכט,
אויף בוידעמער פאַרשטויבטע און אין פײַכטע גריבער,
צי צווישן כאָרעווע, אין שפּינוועבס, ווענט.
נאָך קינדווײַז שפּילן אין באַהעלטערלעך דעריבער
כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואָלט און ניט געקענט.
ביפראַט אַצינד, ווען כ׳קלײַב דאָס גאָלד פון זונען־שטראַלן,
געטרײַ, ווי זילבן, קלײַב איך פאַר מײַן שיר.
אַ דאַנק דיר, לעבן מײַנס, וואָס ביסט נאָך אַלץ אַ באַלן
אין יאָגערלעך פאַרמעסטן זיך מיט מיר.

## ווען ס׳העלט אַ יאַמטעוו

ווען ס׳העלט אַ יאַמטעוו, אויסגעפּוצט אין פײַערן,
מיט שטילע טענער פון מוזיק באַגלייט,
דערהער איך אָפּט: פון ווײַטן אומגעהייערע
עס קומען מײַנע אויסגעוועפּטע לייד.
מע גייט מיר נאָך, ווי אין אַ טאָג אַ ליכטיקן
עס גייט אַמאָל אַ שאָטן נאָך פּוסטריט,
און ס׳קומען אויס אין יאַמטעוודיקײַט — וויכטיקע
די לײַדן, וואָס קיין ווערט שוין האָבן ניט.
זיי וואַכן אויף פאַרגעסענע און ציטערן
און שלעפּן אויף אַ לאַנג פאַרלאָזטן וועג.
אין יאָמטעוודיקער פײַערלעכקײַט — ביטערע.
וואָס האָט פון שלאָף זיי פּלוצעם אויפגעוועקט —
אין דאַלעדאַמעס פונעם האַרץ פאַרשלאָסענע —
צי די מוזיק, וואָס זיי האָבן דערקענט,
צי יאַמען ליכט פון ברייטער האַנט צעגאָסענע,
וואָס האָט אַמאָל זיי עפּשער אויך געבלענדט?
כ׳בין באַ די לײַדן לאַנג ניט קיין געפאַנגענע,
וואָס גייען זיי מיר, אויסגעזיפּצטע, אָפּ?
און עפּשער וויסן ווילן זיי, פאַרגאַנגענע,
ווי זע איך אויס, צי האַלט איך הויך מײַן קאָפּ?
זיי קומען פון די ווײַטן אומגעהייערע,
אָן אָפּשײַן פון די אויסגעשעפּטע לייד,
ווען ס׳העלט אַ יאַמטעוו, אויסגעפּוצט אין פײַערן
מיט שטילע טענער פון מוזיק באַגלייט.

## בושלען פליִען

עס שרײַען אין הימל פֿאַרדײַגעטע בושלען.
כ׳וואָלט דאַרפֿן מיט זיי, ווי מיט פֿרײַנט, זיך צעקושן,
מיט פֿרײַנט, וואָס מע האַלט זיך מיט זיי באַם צעשיידן.
כ׳פֿאַרשטיי אָבער — ס׳איז מײַן פֿאַרלאַנג ניט באַשיידן.
ווי קום איך צו זיי, אין די הימלשע הייכן?
די שוועל, וווּ איך שטיי, שווימט אין גראָזן אין ווייכע.
און בושלען אַלץ פֿליִען, פֿאַרדײַגעטע פֿויגל.
איך ווייס ניט — באַגלייטן זיי בלויז מיט די אויגן,
צי לאָזן זיך גיין מיטן וואַלדישן שטעגל?
עס זיפֿט זיך באַשעפּטיקט אַ קילבלעכער רעגן,
נאָר ביימער פֿון רעגן מיך וועלן באַשיצן;
אַזוי ווי זיי טוען אין גלײַיקע היצן:
זיי וועלן מיר מאַכן פֿון בלעטער אַ שירעם.
איז גיי איך, און בושלען אַלץ ווײַטער מיך פֿירן.
אין בלעטערפֿאַל האָב איך די סטעזשקע פֿאַרלאָרן.
עס קומט מיר אַנטקעגן מיט וואַסערן קלאָרע
אַ סטעפּישער טײַך מיט אַ צאַפּלדיק בריקל.
די מוירע אין האַרצן כ׳וועל אָבער דערשטיקן —
די בושלען איך מוז דאָך וואָס ווײַטער באַגלייטן,
און כ׳טרעט אויף די ברעטער מיט דרעטלעך פֿאַרדרייטע,
נאָר כ׳נעם ניט אַראָפּ פֿון די שרײַערס די אויגן.
און פּלוצעם אין קישעף, וואָס הייסט רעגנבויגן,
אַרײַן איז די טשאַטע, און דאָרטן פֿאַרשוווּנדן.
באַגעגענען עפּשער אַרויס כ׳בין דעם וווּנדער?
צי בושלען באַגלייטן אין הימלשע הייכן?
איך ווייס ניט. צעטומלט און גליקלעך איך שמייכל...

## איך בין קיינעם ניט מעקאַנע

איך בין קיינעם ניט מעקאַנע —
כ׳בין מעקאַנע זיך אַליין.
ס׳זײַנען דאָך באַ מיר פֿאַראַנען
פּיס אַ פּאָר, וואָס קאָנען גיין.
כ׳בין מעקאַנע זיך אַפֿילע,
וואָס זיי ברעכן מיר גאַנץ אָפּט.
און וואָס אין די נעכט אין שטילע
עס אַנטלויפֿט פֿון מיר דער שלאָף.
האָב איך פֿרײַע צײַט אַ מענגע —
טראַכטן. אוי, איז לאַנג די נאַכט,
אויך פֿון דעם, וואָס פֿאַרגעדענקען,
וועגן וואָס איך האָב געטראַכט,
ווײַל שוין איצט ניט מײַן זיקאָרן,
און ער זאָגט: — איך רו זיך אָפּ...
זיך מעקאַנע כ׳בין: געוואָרן
עס איז ווײַס, ווי שניי, מײַן קאָפּ.

און די קנייטשן — קאַרבן מײַנע,
זע איך קלאָר אויף מײַן געזיכט.
און אַפֿילע אויף די טײַנעס,
וואָס איך האָב אַליין צו זיך,
און וואָס יאָרן מײַנע גייען,
כאָטש ניט גרינג — דאָך אײַליק, גיך, —
אויף דעם אַלעמען כ׳בין זייער,
זייער שטאַרק מעקאַנע זיך.
זאָגט מיר אונטער שטיל מײַן זינען:
זיך באַרימען האָט אַ שיר.
האָב איך טאַקע מוירע: קינע
קאָן דערוועקן זיך צו מיר,
ווען איך וועל דעם גאַנצן צעטל
געבן טייקעף אַ שרײַב אָן.
כ׳לייג דערווײַל עס אָפּ אויף שפּעטער —
כ׳וועל עס אומבאַדינגט נאָך טאָן.

ווען איך בין אלט געווען צען יאָר און האָב פאַר־ענדיקט דרײַ קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול אין מײַן געבורטס־דאָרף זאַגאָריע (איצט איז דאָס אין קאַליטשער ראַיאָן, גראָדנער געגנט), בין איך אָנגעקומען זיך לערנען אין פערטן קלאַס פון דער זיבניאָריקער שול אינעם שכייניש שטעטל טורעץ. דאָרט איז בײַ אונדז געווען אַן אייגנאַרטיקער קליינינקער קינדער־אינטערנאַציאָנאַל: ס'האָבן זיך צוזאַמען געלערנט ווײַסרוסישע, ייִדישע, פוילישע קינדער. כ'האָב זיך זייער באַפרײַנדעט מיט ייִדישע כאַווייִרים, באַזונדערס מיט אַווראָם אַראָנאָווסקין — אויך אַ יאָסעם, ווי איך, אַ פריילעכן און צוגעלאָזטן יאַט. אַבראַשע איז אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פון זיאַמען אין מײַן גרעסערער דערציילונג „דער באַגינען, וועלכן כ'האָב דערזען פונדערווײַטן". עמעס, אַבראַשעס ווײַטערדיקער גורל איז אין מײַן דערציילונג אַן אַנדערער: אינדערעמעסן איז ער אומגעקומען אַפן פראָנט אין סענטיאַבער 1939, בײַם דער פויליש־דײַטשישער מילכאָמע.

איך האָב געהאַט אויך אַנדערע פרײַנט — ייִדן אין די שול־יאָרן, אין דער יוגנט, אין דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, אין פאַרטיזאַנישן אָטריאַד. איך האָב אויך איצט אַזעלכע פרײַנט.

דאָס האָט אין דער אָדער אַנדערער מאָס געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין מײַן אַנטי־פאַשיסטישן ראָמאַן „פייגל און נעסטן", אין די דערציילונגען „די גרינע שול", „מײַן טשעכאָוו", „יעסוימים־ברויט", „ניזשניע בײַדוני", אין דער שוין דערמאָנטער גרעסערער דערציילונג „דער באַגינען, וועלכן כ'האָב דערזען פונדערווײַטן", וואָס אַ קאַפּיטל פון איר לייג איך פאָר מיטן גרעסטן פאַרגעניגן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

יאַנקאַ בריל

יאַנקאַ בריל

# דער באַגינען, וועלכן כ'האָב דערזען פונדערווײַטן

(פראַגמענטן)

ראָמאַן איז אוועקגעפאָרן אין וואַלד און געבראַכט אין אָוונט בײַ אַ פּופּצן יונגינקע בערעזקעס. דאָס איז געווען שאַבעס פאַר שוועס. געזעסן איז ער אַפן וואָגן, און די בערעזקעס זײַנען געווען דינינקע און גרינע. געבראַכט האָט ראָמאַן אויך אַ פּאַק פרישע אַאיִר־קוסטעס.

איך האָב געפּאַשעט בײַ דער שמאָלער באַן־ליניע אונדזער כאַזער מיט די כאַזיירימלעך, און ווי נאָר כ'האָב דערזען, אַז ראָמאַן פאָרט פאַרבײַ דעם וויגאָן ניט ווײַט פונעם טײַך, האָב איך אַוועקגעטריבן די סטאַדע אַהיים, ניט זײַענדיק לאַכלוטן כוישעד, וואָס פאַר אַ באַליידיקונג ס'וואַרט דאָרט אַף מיר. ווייניק וואָס ראָמאַן האָט מיך ניט גענומען אין וואַלד, האָבן זיי נאָך אַף מיר זיך אָנגעבייזערטביידע — ער און די מאַמע — דערפאַר, וואָס איך בין שוין, אַזוי צו זאָגן, ניט קיין קליינינקער, די זון איז נאָך הויך, און אַלע קינדער פּאַשען נאָך דאָס פי. מע האָט מיך ווידער אַוועקגעשיקט אַף דער לאָנקע. עמעס, ראָמאַן האָט מיר אָפּגעבראָכן צוויי גרינע אַאיִר־צווײַגעלעך, נאָר סײַווי וועט ער דאָך די אַנדערע אַרבעטן טאָן אין דער היים אָן מיר. די בערעזקעס, וועלכע מע האָט אָקאָרשט געבראַכט פון וואַלד, זײַנען שוין געשטאַנען אין הויף לעבן פאַרקן. איצט האָבן זיי אויסגעזען נאָך דינער און לענגער. לעבעדיקע, בונטע מיט גרינע צאָן־אַרטיקע בלעטעלעך. אַזעלכע בערעזקעס זײַנען אין דאָרף בײַ קיינעם ניטאָ. הײַנט און מאָרגן און איבערמאָרגן, און אויך איבער־איבערמאָרגן וועלן זיי, צײַטווײַליק אײַנגעגראָבענע, שטיין לעבן אונדזער הויז איינס לעבן צווייטן, דערפאַר ווײַל ס'איז שוועס — אַזאַ יאָמטעוו בײַ ייִדן. דאָס גרינס וועט מען צע־

שנײַדן, צעדרויבלען און צעשיטן איבערן אויסגעוואַשענעם דיל. און דאָס אַלץ וועט טאָן ראַמאַן און די מאַמע אָן מיר.

איך האָב גטעריבן דעם כאַזער מיט די כאַזיירימלעך (פֿיגערן וואָלטן זיי געמעגט אַלע!) פֿון צײַט צו צײַט אונטערגעפּישטשעט, צולייגנדיק צו די ליפּן אַ בלאַט, ווי מע שפּילט אַף אַ מויל־האַרמאָניק, און, פֿאַרשטייט זיך, געוויינט. איך בין נאָך קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען.

ניט נאָר פּאַשען, נאָר אויך קאַסיען היי, שנײַדן טווע האָבן מיר אָנגעהויבן זייער פרי. ביז איצט זײַנען בײַ מיר פֿאַרבליבן אַף די פֿינגער, אַף די דלאָניעס, די קוים באַמערקבאַרע פֿאַרהיילטע שניטן. פֿאַרן פּלוג האָבן מיר ווי געהעריק זיך געגומען שפּעטער. און אָן אַקער טאָן, אַפֿילע נאָר צוליב דער ערשטער פֿרייד, — דאָס איז שוין געווען אַ קאָוועד, און ניט אַבי וואָסערער, פּונקט ווי צום ערשטן מאָל אַליין זיך זעצן אַפֿן פֿערד, ווי אָנטאָן די ערשטע אײַן לעבן שיך.

צוויי בעהיימעס אונדזערע האָט געפּאַשעט זשעניע, דער מומע אַנעטעס טאָכטער, וועלכע איז געווען פֿיל עלטער פֿון מיר. דאָך, אַפֿן דריטן יאָר, בין איך צוגעשטאַנען צו די, וועלכע האָבן געפּאַשעט בעהיימעס. דאָרט זײַנען שוין בײַ מיר געווען אַנדערע כאַווירים, אַ ביסל עלטערע. און דער ערשטער צווישן זיי איז געווען שורע באַגוש, אַ יאַטל מיט דרײַ צונעמענישן — אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש, סאַכאַד און טויבאַטש. דאָס לעצטע אָן אַ באַלייִדיקונג, און די אַנדערע צוויי — אין פֿאַל, ווען מע צעקריגט זיך.

שורע איז געווען מער ווי מיט צוויי יאָר עלטער פֿון מיר. זײַן פֿאָטער סערגיי האָט פֿאַר דער מילכאָמע געאַרבעט אין פּעטערבורג אַף אַ זאַוואָד, געלייענט פֿיל ביכלעך און דעם זון אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער, לעקאָוועד פּושקינען. דאָס ווײַב איז נאָכן קימפּעט געשטאָרבן. סערגיי האָט געבראַכט דאָס קינד צום פֿאָטער און צו דער שוועסטער און איז אײַנגיכן אַוועק אַף דער מילכאָמע. אין פֿינף יאָר אַרום האָט ער זיך געיאַוועט אַהיים אין אַ רויטאַרמייִשער שינעל, ווען מע איז אַף וואַרשע געגאַנגען. און אָט דעמלט האָבן אים דער־יאָגט די פּוילישע אולאַנעס און דערהאַרגעט אים מיט די שווערדן ניט ווײַט פֿון אונדזער דאָרף אָוסיאַניקי. שורעס מומע, איידער זי האָט כאַסענע געהאַט, האָט באַוויזן אונטערהאָדעווען דעם פּלעמעניק, און נאָכדעם האָט דאָס יאַטל געלעבט באַם זיידן און באַם פֿעטער איוואַן.

דער זיידע באַגוש איז געווען אַ היצכער, מיט אַ גרויער באָרד, נאָך ניט געבויגן געוואָרן, נאָר איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטעקן און האָט נאָר אַכטונג געגעבן אַפֿן הויז. די הויפּט־אַרבעט — סײַ די מעַנערישע, סײַ די פֿרויִשע — האָט אויסגעפֿילט באַ זיי איוואַן, וועלכער האָט, זײַענדיק אַ היצקוויקסיקער און פֿעסטער, געערעדט מיט אַ קאָמיש־פּיסקליאַוון



קאָל און צײַטנווײַז, פּלוידערנדיק מיט די שכײנעס, האָט ער זיך אויסגעדריקט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען ניט קיין מאַנצבל, נאָר אַ פרוי: „איך בין אַ געראָטענע אָף קאָכן, איך בין אַ גוטע בעקערן”.

אַלעקסאַנדער סערגײעוויטש איז פאַר שורען, אײגנטלעך, געווען ניט קיין צונאָמען. צו אים פלעגן צײַטנווײַז אַזוי זיך ווענדן די עלטערע, ווער דערמאָנענדיק זײַן פאָטער, ווי אַ גוטן מענטשן, און ווער — זעענדיק אין אים אַ ווילן יאַט, וועלכער האָט פאַר דער מילכאָמע, ווען ער פלעגט פון פּיטער קומען, און נאָך פריִער, לעבנדיק אין דאָרף, לײענען ביכלעך ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר לײַטן, הויך אָפן קאָל. ווען מיר האָבן געפּאַשעט, האָב איך וועגן פּושקינען שוין אַ ביסל געוווּסט, באַ אונדז איז געווען אַזאַ בוך, און אָנרופן שורען אַלעקסאַנדער סערגײעוויטש, אָפטער אין געדאַנק, האָב איך ליב געהאַט און האָב אויך איצט ליב, שוין, פאַרשטענדלעך, אַנדערש, מיט אַן אַנדער שמײכל.

דער צונאָמען טויבאַטש איז אָפּגעקומען זײער פּאַשעט: פון אַן אופּרײַס — פון יענער „באָמבעטשקע”, וואָס ער מיט פּעטריק ווינצוסעוון, אין דער אָנוועזנהײַט פון מאַניע דער וואָראָנע, האָבן גענומען פאַנאַנדערקלײַבן אָף טײלן. שורע איז טויב געוואָרן, מער אָפן רעכטן אויער. פונדאַנען איז אויך אַוועק דאָס צונעמעניש סאַכאָר. די צעקאַליעטשעטע פינגער אָף דער לינקער האַנט זײַנען זיך צונויפגעוואַקסן באַ שורען אַזוי, אַז פון פינף האָבן זיך באַקומען דרײַ: עמעצן האָט אַזאַ דלאָניע דערמאָנט אַ סאַכאָר, אַ געבויגענע דרײַצאָניקעווילע, מיט וועלכער מע שלעפּט פונעם וואָגן מיסט אָפן פעלד. שורע איז געווען זײער אַ שטאַרקער. ווען ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן עמעצן פאַרן קראַגן מיט זײַן סאַכאָר, האָט מען שוין ניט געקאָנט זיך אַרויסרײַסן, און די טויבקײַט האָט אים צוגעגעבן אַ שמײכל, אַ ביסל אַ פאַרלאָרענעם, נאָר איבערהויפּט אַ גוטמוטיקן.

מער פון אַלץ האָט מיך מיט אים דערנעענטערט דער פּישפּאַנג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

...אויב אָף דער פּאַשע האָט איבער אונדז אַלעמען געוועלטיקט שורע, האָב איך אין שול זיך געפּילט אין אײן גלײַכן מיט אים, און ניט זעלטן — אַפילע אַ ביסל העכער. מיר האָבן זיך געלערנט אין אײן קלאַס — אין דער נאָכמילכאָמיקער שווערער צײַט זײַנען אין די קלאַסן געווען שילער פון פאַרשײדענעם עלטער. דערצו האָב איך זיך געלערנט אויך בעסער, ניט ווײניק געהאָלפן אַלעקסאַנדער סערגײעוויטשן. און דער דאָזיקער געפיל פון גלײַכהײַט אין אונדזער פרײַנטשאַפט איז מיר געווען זײער אָנגענעם.

די שול איז געשטאַנען אַ ביסל אין אַ זײַט, ניט ווײַט פונעם טראַקט. אַן אַלטע גרויסע כאַטע אונטער אַ שינדל־דאַך, מיט גרויסע שויבן, ניט קיין געוויינלעכע פאַר אונדזער דאָרף. אײן צימער פאַר אַלע דרײַ קלאַסן. אַ קאָרידאָר, אין וועלכן מיר פלעגן אויסטאָן די אײבערשטע קלײדער און אַ צימערל פאַרן לערער. פריִער, ווען ס'האָבן זיך געלערנט אונדזערע עלטערן און די עלטערע קינדער, איז די שול געווען אַ רוסישע, אַ רעליגיִעזע. פאַר אונדז איז זי געוואָרן אַ פּוילישע „פּאָווּשעכנע” שול, און אָרודעוועט האָט דאָרט אַ יונגער פּאָליאַק, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געקומען ערגעץ פון הינטער קראַקאָוו אָדער זשעשוּוו, קעדײ אָף אַ נײַעם אויפן אײַנקנעלן מיט אונדז, אַז מיר זײַנען קינדער פון אַ פאָלק אָן אַ נאָמען און אָן אַ מוטער־שפּראַך. עמעס, אין דעם אַלץ האָבן פריִער זיך בעסער פאַנאַנדערגעקליבן די עלטערע, און פאַר אונדז, אָדער ריכטיקער גערעדט, לעגאַבע אונדז האָט דער „פּאַן לערער” אויסגעזען, ווי אַ קוואָטשקע באַ די ענטעלעך. אַ ניט־דערלערנטער גימנאַזיסט, האָט ער פאַרענדיקט לערער־קורסן, אַ ביסל אַ גאַדלעסדיקער, אַ ביסל אַ פּרימיטיווער, ניט קיין בײזער, האָט דער דאָזיקער פּרעמדלינג, קעדײ לערנען אונדז אָף זײַן שפּראַך, באַדאַרפט כאָטש אַ ביסל פאַנאַנדערקלײַבן זיך אינעם שטײגער און אין די געוווינהײַטן פון אונדזער סוויווע. פון אָנפאַנג האָט ער עס ווי־ניט־איז געטאָן אַלײן, נאָר אײנגיכן האָט ער אויסגעפונען אַ באַהעלפערן. אַן אָנדערהאַלבן קילאָמעטער פון אונדזער דאָרף אָווסיאַניקי איז געווען אַ רײַכער כוטאָר. ער האָט געהערט צו קוטשורען דעם „שווערצונגיקן”, וועלכער פלעגט וועגן זיך אַלײן טײַנען: „איך בין אַ קלײן פּירסטעלע”. באַ אים איז געווען אַ טאָכטער ווערעטשקע, וועלכע מיר האָבן אָנגערופן צוקערקע, אויך אַ ניט־דערלערנטע, נאָר אין דער רוסישער גימנאַזיע. אונדזער לערער סאַטורנין קאָמאַר איז באַ אַ האַלב יאָר געווען אַן אַרײַנגײער אַהין, דערנאָך האָט צוקערקע זיך פאַרקנאַסט מיט אים אין דער נעסוויזשער קירך, און זי איז געוואָרן פּאַניע קאָמאַראָוואַ, און ער פאַרן „קלײנעם פּירסטעלע” — אַ הויכגעשעצטער אײדעם. ער האָט זיך איבערגעקליבן אָפן כוטאָר, און זײַן צימערל אין שול האָט שוין געהײסן קאַנצעליאַריע.

אין פאַרגלײַך מיטן ניט געוויינלעכן נאָמען סאַטורנין, וועלכן ס׳איז פון אָנפאַנג אונדז שווער געווען אַרויסברענגען, איז זײַן פאַמיליע געווען אַ מער אונדזעריקע: אויך מיר אין אונטערשייד — קאָמאַר צי קאַמאַר, און דאָס האָט דעם פּאַן לערער פאַרוואַנדלט אין אַ מער פּאַשעטן און פאַרשטענדלעכן, שיר ניט אַ מער נאָענטן צום דאָרף, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס ער האָט אונדז געלערנט אַף אַ פרעמדער שפּראַך, און נאָכדעם, ווען ער איז זיך צוזיפּגעגאַנגען מיט די קוטשורעס, איז די פײַנטשאַפט צום רײַכן גאַדלעסדיקן כּוטאַראַנעץ טײלוויז איבערגעגאַנגען צום אײדעם. דער פּױלישער יונגאַטש האָט זיך איצט אומגע־שלעפּט מיט אַ ביקס, געבאַקעט די האָזן, די ענטלעך. און דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז ער האָט, ווי פריִער, דער ערשטער זיך געגריסט מיט מענטשן, דער ערשטער פאַרפירט אַ שמועס מיט זיי, „אַ ביסל זיך צוגעשמירט צו אונדזעריקע". ס׳איז דערגאַנגען אַפילע דערצו, אַז ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טעטיק זײַן די ווײַסרוסישע אַרבעטער־פּויערישע הראַמאַדע און ס׳האָט זיך דערפילט דער מעכטיקער אופשטײַג פון נאַציאָנאַלער זעלבסטוווירדע, האָט דער זעלבער קאָמאַר געלערנט אונדז אַף ווײַסרוסיש דרײַ־פיר לימודים אין וואָך. עמעס, ער האָט גע־לערנט ניט נאָר מיט דער הילף פון זײַן פרוי צוקערקע, נאָר אויך צוגעצויגן איבערגעוואָק־סענע שילער, וועלכע האָבן אַ ביסל געוווּסט די הײמישע גראַמאַטע נאָך פון פריִער.

אין צווייטן קלאַס האָב איך אויך צוגעהאָלפן דעם פּאַן לערער. ער גייט זיך אוועק אין זײַן קאַנצעליאַריע, זיצט און לײענט אָדער לייגט זיך צו, און איך שרײַב פאַרן ערשטן קלאַס אַפן טאָוול קורצע זאַצן. אָפּט פלעגט דעם באַהעלפער אויסקומען ניט גרינג. אײנע אַ שטיפערקע האָט מיר אײנמאָל אַזוי דערעסן, אַז ס׳איז אויסגעקומען, לויטן בײַשפּיל פונעם לערער, אָנעמען זי פאַרן אויער. זי איז אוועקגעלאָפן קלאָגן זיך, און נאָכדעם, אַרײַנגײענ־דיק אין קלאַס, האָט זי מיר געמאָלדן:

— ער האָט געזאָגט, זאָלסט אַרײַנגײן. וועסט שוין כאַפּן אַ פּסק.

אָבער אין דער געדיכט־אָנגערײכערטער קאַנצעליאַריע האָט אונדזער קולטורטרעגער, קוים אַף אַ רגע אָפּגעווענדט דעם בליק פונעם בוך, אַ קוק געטאָן אַף מיר און מיט עפּעס אַ פאַרקרימטן שמייכל געזאָגט, פאַרשטייט זיך, אַף פּויליש:

— וואָס דאַרפסטו זיך פאַרטשעפּען מיט אַ באַבע? גיי שרײַב ווײַטער.

אויסער דער קאַפּריזנער צוקערקע, איז בײַ אים געווען אויך אַ שוויגער — די בייזע פאַניע קוטשוריכע.

שורע האָט מיר אַף אַזויפיל געגלייבט, אַז ווען איך פלעג אַף אַ לימעד אים שטילער־הייט אונטערזאָגן עפּעס, צוליב אַ שפּאַס, ניט אַזוי, ווי מע באַדאַרף, פלעגט ער עס איבער־כאַזערן פאַרן לערער, און נאָכדעם האָט ער אַף מיר זיך אַפילע ניט געבייזערט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט ניט שטאַרק זיך געבייזערט. ער פלעגט נאָר אונטערשמייכלען, סײַ מיט פאַרלאַרנקײַט און סײַ גוטמוטיק. לײַכט אַ שטויס טאָן מיך, אָדער ניט שטאַרק דערלאַנגען איבערן קאַרק מיט זײַן „סאַכאַר".

אים האָט זיך שווערלעך אײַנגעגעבן די פּוילישע שפּראַך מיט אירע נאָזלעכע וואָקאַלן — „אָן" און „ען". ווי קאָמאַר האָט זיך ניט געסטאַרעט אויסבעסערן זײַן אויסשפּראַך, פלעגט זיך בײַ באַגושן סײַווי באַקומען ניט אַזוי, ווי מע דאַרף. און בײדע האָבן זיך געבייזערט. און איך האָב נישט נאָר, ניט ריכטיק אונטערגעזאָגט שורען דעם לימעד, כ׳האָב אויך אים געשטויסן צו „צעלאָזנקײַט". אײנמאָל האָבן מיר מיט אים אָנגעגאַנוועט אין שול רעשטלעך פון קרײַד און באַנאַכט קימאַט יעדערן פון דאָרף אָנגעשריבן אַפן טויער פון דער שטוב זײַן צונאָמען. פון טויער צו טויער, פון וואַנט צו וואַנט: „נאַטעטש", „אַווהינדר", „פּשעפּיורקע". דער ערשטער צונאָמען שטאַמט פון דעם, וואָס דער פילגעשעצטער פּעטער סובאָטאַ האָט ניט אַרויסגערעדט קײן „פּ" און אָנשטאָט „נאַ פּעטש" (אַפן אויוון), פלעגט זיך בײַ אים באַקומען „נאַ טעטש". דעם צווייטן פּעטערקע, דעם דאַרן און לאַנגן פּאַנאַסע־וויטש, האָט זײַן אַלטער פּאַטער באַנאַכט מיט אַן אויסגעשריי: „אַ, ווהין — דו!" געטריבן פונעם אויוון, פון דעם ווײַב, וואָרעם בײַ זיי איז שוין אַזוי אויך געווען פיל קינדער. דער ייִנגערער און זשוואַוער פּעטער סאַוואַטשקע האָט ביז ניט לאַנג צוריק געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי, און, זײַענדיק אין אורלויב, האָט ער קאָמיש אויסגעזען אין דער הוט מיט הערנער, אין די אָבמאָטקעס. דערצו נאָך האָט ער, רײדנדיק אַף פּויליש, קאַליעטשעט די שפּראַך. רופט מען אים פּשעפּיורקע. קוידעמקאָל דערפאַר, ווײַל צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט, פלעגט ער אַרויסברענגען „פּשי" און „פּשע".

אַף מאָרגן האָבן אײניקע פּאַשעט אָפּגעווישט די אָנגעשריבענע צונעמעניש אַף די טוי־ערן אָדער אַף די ווענט, אַנדערע האָבן זיך געזידלט, ווען די קינדער זײַנען געגאַנגען אין שול („גראַמאַטייען פאַרסמאַרקעטע!"). מיר מיט שורען איז בישטיקע אָנגענעם געווען, וואָס

ס'איז פארט ניט באוווסט, ווער עס האט דאס געטאן, ווארעם מיר האבן אף אונדזערע טויערן אויך אנגעשריבן: ער — זיין פעטערס צונעמעניש: „טשעפ־דרעפ", און איך — ראמאנס: „פיקהאלץ".

איינמאל זיינען אף אונדזער שליאך פארגעקומען אווטאמאביל־פארמעסטונגען. בין איך ניט לאנג צוריק געווען אין אמעריקע אלס טוריסט, און דארט האט מען צווישן אנדערס אונדז געוויזן דעם מוזיי פון דעם באוווסטן פארד — אווטאמאבילן פון זייער סאמע אופקום ביז די איצטיקע. אינטערעסאנט איז געווען צו קוקן ניט נאר אף די מאשינעס פון די סאמע אלטע, נאר אויך אף די מאדעלן פון די דרייסיקער און אפילע פון די פערציקער יארן — גאנץ קאמישע אין זייער איינפאכקייט. דארט האט זיך מיר דערמאנט די קינדהייט, די צוואנציקער יארן, ווען מיר, פאסטעכלעך, ווי נאר עס באווייזט זיך פון הינטערן בארג איין מאל אין וואך א וואסער־ניט־איז מאשין — גלייך פליען מיר פון די כאזיירים אפן טראקט. עס יאגט ארום איין מאשין נאך דער אנדערער און אלע זיינען אזעלכע פארשיידענע, און עס זיצן אין זיי פריצים. און יעדע מאשין — אזא שיינע מיט פאנעלעך אפן ראדיאטאר. ס'איז געווען יון, פארן היי־שניט, א וואכיקער טאג. און דאך — סיי די יונגע, סיי די עלטערע מאנצבלען, וויפל די מאמעס און די ווייבער האבן זיי ניט געזידלט, זיינען זיי לאנג געשטאנען אין גרופקעלעך באם שליאך.

אונדז האט מען אין שול ניט געקאנט איינהאלטן, און אליין קאמאר איז מיט אונדז געשטאנען, און צוקערקע האט זיך צו אונדז צוגעשארט.

באם דארף אוסיאניקי זיינען געשטאנען פאליציאנטן מיט גומענע שטעקנס — אפן ענגלישן מאניר. דערנאך האט זיך באוויזן דער פאן קאמענדאנט פון מילטאטשי, ווו ס'איז געווען זייער „פאסטערונעק".

ס'לייגט זיך אפן סייכל, אז ער וואלט אויך איצטיקס מאל זיך ניט געגריסט מיטן אוילעם, ווי דעמלט, ווען ס'האט אים גוט אריינגעזאגט דער אלטער באגוש אבער איצט זיינען געשטאנען דא, אין האמוין, אויך זייעריקע. ער האט וואזשנע מיט צוויי פינגער געמאכט א באגריסונג־זשעסט דער פאני ווערא, געזאגט: „צעלויעם ראנטשקי!"[1] און דעם פאן סאטורנין „טשעסט!" ער וואלט געזאגט נאך עפעס־וואס, אבער דא...

דא דארף מען קוידעמקאל מאכן א לירישע אפווייכונג.

אין מילטאטשי איז כוץ דעם פאסטערונעק אויך געווען א קלויסטער, קראמען ארום דעם מארק־פלאץ, א פאטשט, א בעקעריי, אן אריינפאר־הויז, א שפיטאל און א זיבניאריקע שול, אין וועלכער ס'האבן זיך געלערנט פון די ארומיקע דערפער די, וואס האבן פארענדיקט אזא שול, ווי אונדזערע — א דרייאריקע. ס'איז אויך געווען א פרייוויליקע פייערלעשער־קאמאנדע, בא וועלכער עס איז ניט לאנג צוריק ארגאניזירט געווארן א בלאז־ארקעסטער. דעם דריטן מיי, אין יאמטעוו פון דער קאנסטיטוציע, האט אונדז קאמאר געפירט אין מילטאטשי, און דארט האבן מיר געהערט, ווי דער ארקעסטער האט צוויי מאל אפגעשפילט „יעשטשע פאלסקא" פאר און נאך דעם מיטינג, און דאן זיינען די פייערלעשער אונטערן מארש אוועק איבער דער גאס.

פארנט איז געגאנגען דער קאמענדאנט, נאך אים — דער ארקעסטער.

אפילע מיר, קליינוואַרג, האבן שוין געוווסט, ווער און וואס עס איז אזוינס די פריציש פאליציי. אונדזער קאמאר, כאטש ער איז ניט קיין בייזער און צייטנווייז א פריילעכער, וואלט ניט געקומען אהער כ'ווייס פונוואנען מאראטשען אונדז א קאפ אף זיין אויפן, ווען ס'וואלט ניט עקזיסטירט די דאזיקע פאליציי. זי שפירט אויס, ארעסטירט, מוטשעט אינעם קעלער פון דעם מויער, ווו ס'איז דער פאסטערונעק, און נאכדעם טרייבט זי אין טורמע יענע מיידלעך און יאטן, וועלכע ווילן, אז אויך דא, ווי בא די סאוועטן (פונדאנען סאכאקל בא איבער דרייסיק קילאמעטער אף מיזרעך) זאלן ניט זיין קיין פריצים און אנדערע גווירים אין די דערפער און אין די שטעט, און אלץ זאל געהערן דעם פאלק, וואס הארעוועט שווער און איז אליין הויל און ארעם. און אז א שול זאל בא אונדז זיין אן אונדזעריקע, אף אונדזער שפראך. אזעלכע מענטשן, אונטערן פאליצייישן קאנוואי, פארשמידט אין קייטן, האבן מיר ניט איין מאל געזען אף אונדזער שליאך — פון ריקאוויטש, פון כוואיעוו, פון פאגודענקי און פון אנדערע דערפער, וועלכע ליגן ארום מילטאטשי. עס זיצן אין די טורמעס אויך אונדזערע: קאסטוס סובאטא (ער האט זיך געלערנט אין דער נאוואגרודקער ווייסרוסישער גימנאזיע) און דער פעטער פעדאר — שורעס א קארעוו, זיין זיידנס פלעמעניק.

און ער, דער פאן קאמענדאנט, איז ניט פאשעט קיין גייוועסניק, נאר דער הויפט־מערדער. אזוי זאגט מען וועגן אים. ער איז ניט פאשעט געגאנגען פארן סטראי פון דער פייער־

[1] כ'קוש די האנט! (פויליש).

לעשער־קאָמאנדע — אויך די סאבליע זײַנע ארויסגעכאפּט און געהאלטן פאר זיך אין דער קווער. און דעם קאַפּ פאריסן. אין קײַלעכדיקן בלויען היטל מיטן גרויסן בלעכענעם דאשעק. דאָס טופען פון די פילצאָליקע פיס האָט זיך ניט געהערט מאכמעס דעם געברום פון די טרומייטן. די פײַערלעשער האָבן דורכגעמארשירט ביזן סאָף פון דער אויסגעברוקירטער גאס און האָבן פארקערעוועט צוריק. די טרומייטן האָבן שוין געכריפּעט, פארסליגעטע פון מידקײַט, און דער קאָמענדאנט האָט געשוויצט, א פארטשאדעטער פון זײַן זעלבסטווירדע. און ער טופעט אלץ, פארהייבנדיק די אָנגעגלאנצטע שטיוול, האלט די סאבליע, ציט זיך נאָר פאָרויס און עטוואָס אינדערהייך. ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיטן האמוין, האָט ער פונדעסטוועגן א בליק געטאָן אין א זײַט, ווו צווישן אלעמען, א ביסל אָפּגערוקט, איז געשטאנען זײַן פאניע און די פאניעס פון אנדערע פריצים. דער פאן קאָמענדאנט האָט ניט גלאט א בליק געטאָן אין זייער זײַט, נאָר ער האָט אויך פלוצעם... ארויסגעשטעקט די צונג אי דער פאניע, אי אלעמען, — א געוויינלעכע גראָבע רויטע צונג. סײַ זײַן ווײַב, סײַ אלע אנדערע פאניעס — די לערערקעס, די פרויען פון די פאָליציייער, באאמטע, ארומיקע פריצימלעך און רײַכערע לעגיאָנערן־אָסאדניקעס — האָבן דאָך אויך געוווּסט, וואָס פאר אן אומענטשלעכע ארבעט פילט ער אויס אין זײַן פאָסטערונעק, דאָך האָבן זיי אפן דאָזיקן מערדער געקוקט מיט זייערע אויגן. פאר זיי איז דעם פאן זיגמוסעס ארויסגעשטעקטע צונג געווען אזוי ווויליונגעריש, אזוי שטיפעריש־מילד, אז ניט נאָר זײַן פרוי, נאָר אלע אנדערע פאניעס האָבן זיך צעשמייכלט, צעבונדן די אייגענע צינגער און גענומען פליעסקען אין די דלאָניעס, פארצויגענע אין הענטשקעס...

די דאָזיקע צונג און די אפּלאָדיסמענטן האָבן זיך מיר דערמאָנט, ווען דער פאן קאָמענדאנט איז צוגעפאָרן צו אונדזער האמוין באם שליאך און האָט זיך באגריסט נאָר מיט די קאָמארן. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט פון הינטערן בערגל זיך צערוישט א נײַער אָפּענער אווטאָמאָביל. דעם קאָמענדאנטס גרויע שקאפּע — מע קאָן ניט זאָגן, אז זי איז אזא פײַערדיקע, — האָט זיך פלוצעם צעפּודזשעט, זיך א ריס געטאָן פון אָרט און מיט גאלאָפּ זיך אוועקגעטראָגן ניט איבערן שליאך, נאָר אין פעלד — איבערן קארטאָפּליאַניק, איבערן האָבער און קאָרן, איבער די מעזשעס באַרג־אַראָפּ, צום נידער... און דער רײַטער האָט, צעשפּרייטנדיק די עלנבויגנס, אומבאהאָלפן אַף איר זיך געטרייסלט אלץ ווײַטער און ווײַטער פון אונדז. אים האָט נאָכגעיאָגט א זיגרײַכער געלעכטער מיט א פײַפערײַ סײַ פון די דערוואַקסענע, סײַ פון די קינדער.

און דעמלט טאקע האָט שורע, א באגײַסטערטער, אפסנײַ איבערגעלעבט אלע זײַנע מאַטערנישן מיטן „אָן" און „ען" פון דער פרעמדער גראַמאָטע און אויסגעשרי׳ען צום קאָמענדאנט:

— זאטראָנביש קאָבילען אן דופען![1]

זאָל זײַן ניט אינגאנצן ריכטיק, דאָך איינצײַטיק מיט דרײַ נאָזלעכע וואָקאלן. דער אויסגעשריי איז פאָרגעקומען אקוראט אין דער פאוזע, אלע האָבן עס דערהערט, און די געלעכטערס, אויסגעשרייען און פײַפערײַען האָבן אויסגעבראָכן מיט א נײַער קראפט.

דעמלט איז אונדזער קאָמאר צום ערשטן מאָל געוואָרן אין קאס אפּאנעמעסן, ער האָט אלעמען אוועקגעטריבן אין שול, און דאָרט שורען און מיך אוועקגעשטעלט אין ווינקל אַף די קני. פארוואָס זשע מיך? ניט שוין זשע האָט ער געמיינט, אז איך האָב עס אונטערגעהעצקעט? און עפּשער פון פּאכעד פאר אזא דעמאָנסטראציע אין זײַן אָנוועזנהײַט? אָדער פּאָשעט דערפאר, וואָס איך מיט שורען זײַנען כאוויירים? אייגנטלעך האָט ער טאקע געשרי׳ען:

— איך קען אײַך! איך ווייס!

א פּעדאגאָג איז דער פאן סאטורנין געווען א גוואלדאָוונער. נאָך ביז איצט געדענקט זיך גוט, אז ווען צום ערשטן מאָל האָבן זיך פאר אונדז צעדונערט די טרומייטן, האָט ער זיך געקויפט א גאנצע גלאָז אײַזקרעם און אין אונדזער אָנוועזנהײַט געשמאק געגעסן אפן גאנעק בא דער קראָם מיט א לעפעלע, און מיר האָבן מיט קינע געקוקט און געוואַרט, ווען זשע וועט ער ענדיקן... גאנץ אָפּט, פוילנדיק זיך צוגרייטן צו די אָרדנטלעכע לימודים אָדער זײַענדיק ניט זייער באהאוונט, ווי׳אזוי הײַנט דורכצופירן זיי, פלעגט ער ברענגען עפּעס א ביכל, ניט קיין לערנבוך, נאָר פון דער עטאזשערקע אין קאנצעליאריע, און ס׳איז אוועק א לימעד פון לייענען. דער פאן לערער פלעגט זיך זעצן אַף דער ערשטער פארטע מיטן פּאָנעם צו אונדז, אויסצי׳ען די פיס לענגויס דער באנק און אָנהייבן לייענען פאר אלע דרײַ קלאסן צוזאמען.

---

[1] ווערסט א טרובע טאָן דער שקאפּע אין הינטן! (פּויליש).

געווען איז בא אונדז אויך א צווייטער קולטורטרעגער, מיט אן אנדער שפראך און מיט אן אנדער פאנסטווע — דער מילטאטשער גאלעך.

טפילע טאָן האָט די מאמע מיך געלערנט און געצוואונגען פון קינדוויַיז אָן, אָבער מיט דעם וואָרט „רעליגיע" האָב איך זיך באַקאַנט ערשט אין שול, ווען כ'פלעג לייענען דעם „שאָען־פּלאַן", וואָס קאַמאַר האָט אַרויסגעהאנגען אָף דער וואַנט, און דאַן האָב איך באַנו־מען, אַז ניט נאָר די טפילעס, נאָר אויך די געשיכטעס, וואָס דער גאַלעך דערציילט אונדז אַזוי אינטערעסאַנט, זייַנען רעליגיע, וואָרעם אליין האָט ער עס אָנגערופן ניט אַנדערש ווי „דער געזעץ פון גאָט" (אָף רוסיש — „זאַקאָן באָזשי").

דעם גאַלעך פלעגט מען אַראָפּברענגען צו אונדז זעלטן. צוליב דעם האָט מען פאַרטאָג געשיקט נאָך אים א פור. מיר האָבן געוווּסט, ווען מען פאָטער אָדער ברודער איז אין גע־געבענעם פאַל געפאָרן קיין מילטאַטשי און מיר האָבן אָנגעשטרענגט געוואַרט. עפּעס האָבן זיך מיר מער פון אַלץ פאַרקריצט אין זיקאָרן זייַנע ווינטערדיקע באַזוכן. דערהערנדיק דאָס קלינגערייַ פון די גלעקעלעך אָפן פערדס דוהע אָדער דערזעענדיק דורכן פאַרפרוירענעם פענצטער דאָס פערד־און־שליטן, פלעגן מיר זיך א לאָז טאָן פון קלאַס אָפן הויף (קאַמאַר האָט עס אונדז דערלויבט, ווייַל ער אַליין פלעגט אויך גיין באַגעגענען דעם כאַשעווען גאַסט). אַן אַלטינקער, א גרויער, פלעגט דער גאַלעך שווער אַרויסקריכן פונעם שליטן, אויסזען פאַרפּוצט אין זייַן שוואַרצן קאַראַקול־היטל, אין דעם שוואַרצן מאַנטל מיט א קאַראַקול־קאַל־נער, און אונטערן מאַנטל, ווען ער פלעגט זיך אויסטאָן אין דער קאַנצעליאַריע און אַרייַנגיין אין קלאַס, איז געווען א לאַנגע ריאַסע, אויך א שוואַרצע, נאָר אָן די באַגילדעטע ריזעס, אין וועלכע מע פלעגט אים זעלטן זען אין קלויסטער אָדער איין מאָל אין יאָר, ווען ער האָט געדינט א מאָליעבען אין אונדזער קאַפּליצע אָפן צווינטער.

אין קלאַס פלעגט ער, ווי קאַמאַר, זיך זעצן אָף דער ערשטער פּאַרטע, אַרויסברענגען זייַן „נו־ס" און אָנהייבן „דערציילן פון קאָפּ" אַלטע געשיכטעס — ווי שרעקלעך ס'איז גע־ווען דער וועלט־מאַבל און וויאַזוי נאָכדעם האָט מען אַרויסגעשיקט א טייַבעלע פון נויעכס קאַסטן, און וויאַזוי דאָס טייַבעלע האָט זיך אומגעקערט מיט א מירטע־צווייַגעלע אין שנאָבל; וויאַזוי די ברידער האָבן יויסעפן פאַרקויפט פאַר א קנעכט און דערנאָך אין א גרויסן הונ־גער אַליין צו אים געקומען, ווען ער איז שוין קימאַט א קייסער געוואָרן; וויאַזוי מוישען, א קינד נאָך, האָט די אָרעמע מוטער באַהאַלטן אין א באַפּעכיקטן קאָרב און ס'האָט אים דאָרט געפונען פאַרעס טאָכטער. דאָס אַלץ און נאָך פיל אַנדערע פון דעם גאַלעכס געשיכ־טעס האָבן מיר אויפגענומען ווי וווּנדער שעבעוווּנדער.

ווינטער, ווען מיר זייַנען געווען אין צווייטן קלאַס, איז מיר געגאַנגען דאָס נייַנטע און שוריקן דאָס צוועלפטע יאָר. און אָט איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך ביידע נאָך אַזאַ „רע־ליגיע" אומגעקערט אהיים, האָט שוריק געמאָלדן:

— מיר האָט דער זיידע געזאָגט, אַז דער דאָזיקער גאַלעך האָט געדינט אין פּאָליציי. ניט אין דער פּוילישער, נאָר אין דער רוסישער. און בייס אַן אויפשטאַנד האָבן מענטשן אים געוואָלט הארגענען אינמיטן גאַס. אָף שטיקלעך וואָלט מען אים צעריסן, נאָר ער האָט אָנ־געהויבן בעטן ראַכמים, אַז ער פאַרמאָגט קליינע קינדער און וועט ווערן א גאַלעך, און מענטשן האָבן זיך דערבאַרעמט איבער אים.

די מומע מאַרטע, דער מאַמעס שוועסטערקינד, איז געווען א דינסט בא אָט דעם גאַ־לעך. איינמאָל איז זי געקומען צו אונדז פון מילטאַטשי און דערציילט, וויאַזוי זייַנע קינ־דער, איצט שוין דרייַ ניט קיין שיינע און ניט קיין כאַסענע־געהאַטע גאַדלעסדיקע מוידן, ווילן גאַרניִשט ניט טאָן אין שטוב, און טרינקען טרינקען זיי ניט קיין מילך און ניט קיין טיי, נאָר שאָקאָלאַד פון קליינינקע טעפּעלעך; אָט ווי זיי לעבן! און דאָ נאָך די מייַסע מיט דער פּאָליציי. עס גלייבט זיך אַזש ניט.

איך האָב צוערשט ניט אינגאַנצן געגלייבט, אַז דער גאַלעך האָט געדינט אין דער פּאָלי־ציי, און ווי נאָר איך בין יענעם אָוונט געבליבן אינצווייען מיטן אַלטן באַגוש, האָב איך אים געפרעגט, צי ס'איז טאַקע אַן עמעס.

— עמעס, אייניקל, אָבער ניט אַלס פּאָליציאַנט האָט ער געדינט, ניט אַלס איספּראַווניק אָדער פּריסטאַוו, נאָר אַלס אויספאַרשער. דאָס איז נאָך אין פינפטן יאָר געווען. ער איז א מענטש א געלערנטער, — האָט פאַרפינקטלעכט דער אַלטער און נאָך א קלייַנער פּאַוזע צוגעגעבן: — אַזאַ גרויסער פּריכאָד, אַזויפיל דערפער, און אויך מילטאַטשי מיט פינף גאַסן. טאָג נאָך טאָג א לעווייַע און אַלע זונטיק א כאַסענע — פאַרוואָס ניט טרינקען, ווי דו זאָגסט דאָרט, קיין שאָקאָלאַד...

זומער און ווינטער קאָן מען נאָך איבערטראָגן די בלאָטע, ווײַל זי ווערט פאַרטריקנט אָדער פאַרפרוירן. אין הארבסט אָבער איז די גאַס פון אונדזער דאָרף פּאַשעט א מוירעדי־קע לאַנגע קאַרעטע, אָנגעפּילט מיט קויט פון פּאַרקן ביז פּאַרקן. אומקערנדיק זיך פון דער פּאַשע, זינקען די בעהיימעס פּויל און שווער אין דער בלאָטע אַזוי, אַז ס'איז ניט מעגלעך זיי אָפּוואַשן פאַרן מעלקן. סאַראַ נודנע אומענדלעכע ארבעט — געדולדיק אַרויסשלעפּן די פיס פון דער בלאָטע. דריקנדיק זיך נעענטער צו די פּאַרקנס, זוכסטו אומזיסט אַן אָרט, ווו בעסער צו שטעלן דעם פוס.

אויסער א סקאָטינע און אונדזערע דאָרפסלײַט, וועלכע שאַרן זיך לענגויס דעם פּאַרקן, וועט קיינער מער איבער דער גאַס ניט דורכגיין. אָפטער פון אלץ פלעגן אין אונדזער „קאַרעטע" אָנפאָרן שמאַטעלײַניקעס — געסט שטענדיק געוווּנטשענע, טומלדיקע: א געשעפט בלײַבט א געשעפט.

איינער פון זיי, דער קלײַנינקער קוטשעראַווער מוישע, האָט געהאַט זייער א הויכע שטים מיט א באַזונדערער אויסשפּראַך. ווי נאָר ער פלעגט ארײַנפאָרן אין דאָרף, פלעגט ער גלײַך אויסשרײַען, ווי אַף א סרייפע:

— באבבי! באבבי! אָ־האָ־האָ!

דערנאָך איז געגאַנגען א מוזיקאַלישע רעקלאַמע:

— זייף נעמען! נאָדלען נעמען! פאַרב נעמען! באבבי! באבבי!

זײַן דריטער אויסגעשריי איז געווען ווען די בייטיקע פּאַר אים קעגנשטאַנדן פון נאַ־טורעלן בײַט:

— שמאַטעס פון קאָלדרעס! לײַן! אייער!

און ווידער פלעגן זײַנע געשרייען זיך אָנהייבן מיט דער זעלבער קראַפט, ווי פון סאַמע אָנהייב, שוין ניט ווי א רוף, נאָר שיר ניט מיט יִעש אין איין פילשטאָפּלדיק וואָרט:

— באבבי! באבבי! אָ־האָ־האָ־האָ!

ניט אזוי טומלדיק־הילכיק איז געווען דער צווייטער שמאַטעלײַניק — ליאָקים. אָבער דערפאַר איז בא אים אין דער פולער אָרדענונג געווען אי דאָס פערד, אי דער וואָגן, אי ער אליין — א סאָלידער, ווײַסבערדיקער, ווי אַן אָנגעמאָלטער גאָט. ער פלעגט צו אונדז ארײַנפאָרן, זיצנדיק ניט אַפן ראַנד פונעם וואָגן, נאָר מיט ביידע פיס אין אים, און ער האָט ניט געיאָמערט ווי א לעץ, נאָר וואזשנע און טויב געבאָכקעט:

— באָבו! באָבו! באָבו!

מע פלעגט בא אונדז לאכן פון אים: „אוי, ליאָקים, אלע לאשטשען זיך צו דיר — סײַ באָבעס, סײַ יונגע פרויען"... אָנטאָן פלעגט זיך דער זיידע ליאָקים שטענדיק לײַטיש. באַ־זונדערס, ווען ער האָט, צו אלעמענס ווונדער, כאסענע געהאט מיט א יונגער פרוי און, מע האָט געזאָגט, אפילע א שיינער, ניט פון מילטאַטשי, נאָר פון קליעצק. און וואָס איז שייך זײַן פּרעכטיקער, שיר ניט ביזן גאַרטל, באָרד, האָט מען דערציילט, אַז איבער איר האָבן זיך איזדיעקעוועט אַף דער מילכאָמע די פּוילישע לעגיאָנערן — מע האָט זי אים אונטער־געצונדן, פאַרבינדנדיק אים די הענט.

ס'זײַנען געווען נאָך אוטיל־קלײַבער, אויסער די צוויי, אָבער שוין ווייניקער אָריגינעלע. און נאָך זײַנען געווען צוויי פוסגייערישע טאָרבעשניקעס: דער אלטער דיטשקע און די באָבע ראָכע. ארומגיין פלעגן זיי יעדער פאַר זיך, נאָר ניט בייס די קעלטן און זאַווערוכעס און ניט אין אַזאַ בלאָטע, וואָס טרעפט שפּעט אין הארבסט. דיטשקע איז געווען א מאָדנער מענטש. אין די הײַזער פלעגט ער ניט ארײַנגיין, נאָר גלײַך פון טויער צולויפן צום פאַר־מאַכטן פענצטער און אויסשרײַען:

— וואָל־איז־פאַראַנען־אויב־ניטאָ־גיי־איך!

אליין געפרעגט און אליין געענטפערט. זעלטן־ווער פלעגט אים דערהערן און ארײַנ־רופן אין שטוב.

די באָבע ראָכע איז געווען גאָר אַן אַנדערע.

איינמאָל, אין פרילינג, איז זי ארײַן צו אונדז ניט אליין — דעם זאַק האָט נאָך איר געטראָגן אַן אומבאַקאַנטער באָכער.

— האַננאָ, שוועסטערקע, א גוטמאָרגן! — האָט זי זיך געגריסט, ווי שטענדיק, בא דער שוועל. — ווי לעבט זיך דיר הײַנט? וואָס מאַכסטו אין געזונט?

גערעדט האָט די באָבע ראָכע א פאַרפעקטן ווײַסרוסיש, אָן א יידישן אַקצענט. מיט א געדיכטער הילכיקער שטים פון א דאָרפישער גוטמוטיקער מומעשע.

דער באָכער, אַראָפּלאָזנדיק אַפן דיל דעם ניט פולן זאַק, האָט זיך פאַרנייגט:

— זדראַוסטוויטע וואַם! נאַזיוואַם סען טעאָפּיל.[1]

פינף ווערטער אַף צוויי שפּראַכן. און אַ מאָדנער נאָמען, לויט דער מאָדע פון יענער צײַט.

דער באַכער האָט געטראָגן פאַרשטויבטע שטיוועלעך־דודקעס, גאַליפע און אַ געוואַנטענע קורטקע, און איבער די ברעמען — אַ קעפּקע־„וואַרשאַווקע" מיט אַ לאַנגן דאַשעק.

— דאָס איז, האַננאַ, מײַן פּלעמעניק, מאַלקעס מיזיניק, טעפּסיק. דו קענסט דאָך אונדזער מאַלקען, גאַכעמס ווײַב. די איבעריקע קינדער זײַנען אײַנגעגעבענע, און אָט דער, שוועסטערקע, כ'וועל דיר פאַר אים אין די אויגן זאָגן: ער איז אַ לײַדאַק, אַ פּאַניטש. טעפּסיק, זעץ זיך אַוועק דאָ אַף דער באַנק, טאַרטשע ניט באַ דער שוועל!

טעאָפּיל איז צוגעגאַנגען צו דער באַנק לעבן דעם טיש, באַ וועלכן איך האָב געלייזט אַן אופגאַבע, אַ קוק געטאָן אַף מיר און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— הייס!

— מיר וואָלטן באַ דיר, האַננאַ־שוועסטערקע, ווארמעס געגעסן, — האָט דערעכאַגעוו אַ זאָג געטאָן די אַלטע, שטייענדיק נאָך אַלץ לעבן דער מאַמען באַם אויוון.

— אוי, ראַכעטשקע, עפּשער אַ ביסל מילך, וואָרעם דער באַרשטש איז באַ מיר פאַרפּראַוועט מיט כאַזער־פעטס.

די מאַמע זאָגט עס, און אַליין, ווי ס'דאַכט זיך, שמייכלט זי אונטער.

— מיט כאַזער־פעטס? — פרעגט איבער די באָבע בראַכע, ווי זי וואָלט ניט דערהערט דער מאַמעס ווערטער.

— מיט כאַזער־פעטס, — באַשטעטיקט די מאַמע, ווי זי וואָלט קלויִמערשט ניט געוווסט, אַז בראַכע, כאָטש זי טאָר ניט עסן קיין כאַזער־פעטס, נאָר דאָך עסט זי עס.

— ווען אָן כאַזער־פעטס, שוועסטערקע, וואָלט נאָך ווי־ניט־איז געווען. אים, עפּשער, גיב מילך. טעפּסיק, באָרשטש ווערסטו עסן? אָדער מילך געבן דיר?

— כ'וועל, — האָט וואַזשנע געענטפערט טעאָפּיל. — און דערנאָך וועל איך אויך מלעקאָ טרינקען.

זיי האָבן געגעסן ווארמעס אָן אונדז, ווײַל איך מיט דער מאַמען זײַנען נאָרוואָס פאַר זייער קומען אופגעשטאַנען פונעם טיש, און ראַמאַן איז אין דער היים ניט געווען. דערנאָך איז די מאַמע אַוועק אין גאָרטן. ראַכע, איבערלאָזנדיק דעם זאַק און טעפּסיקן באַ אונדז, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט די נאָדלען און מיט די שמאַטקעס איבער די הײַזער, און טעפּסיק האָט מיר געזאָגט:

— גיב, באַכערקע, עפּעס אַ ביכל. אַף רוסיש צי אַף פּויליש, אַלצײַנס.

אונדזער דיקע און גאַנץ אָפּגענוצטע זאַמלונג פון פּושקינס ווערק, וואָס ראַמאַן האָט געבראַכט פון זײַן בעזשענסטווע, איז געלעגן אין טישקעסטל. ווען איך האָב דעם בוך אַרויסגענומען און אוועקגעלייגט פאַרן גאַסט, האָט ער מיר געראָטן גיין זיך שפּילן. איך בין אַוועק. די בעהיימעס אַרויסטרײַבן איז נאָך פרי געווען, און מיר האָט זיך געוואָלט בײַזײַן בייס טעאָפּיל ווען לייענען. איך זעלבסט האָב שוין פיל מאָל געלייענט פון פּושקינס ווערק און אייניקע זאַכן געוווסט אַף אויסווייניק. ווי פון זיך אַליין האָט זיך פאַרגעדענקט, כ'האָב ניט אויסגעכאַזערט, לאָמיר זאָגן: „טרוסאָוואַט ביל וואַניא בעדני".[2] אָדער „גאָריט וואָסטאָק זאַריאָיו נאָוואָיו".[3] ווען איך בין אַרײַן אין שטוב, איז דער בוך געלעגן אַ צעעפנטער, און דער גאַסט האָט געדרעמלט, אַרויסשטעלנדיק די אונטערשטע ליפּ. אופגעכאַפּט זיך, האָט ער זי אונטערגעצויגן, מער באַקוועם זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַנק און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַזאַ בוך דאַרף מען לייענען מיט אַ בוטעלע גוטן ווײַן און אַף אַ ווייכן דיוואַן...

אַ צווייט מאָל, אין אַ צוויי וואָכן אַרום, זונטיק, איז די באָבע ראַכע ווידער געקומען, און ווידער אַ זאָג געטאָן גלײַך פון דער שוועל:

— האַננאַ, שוועסטערל, אַ גוטמאָרגן! ווייניק געווען דיר מײַן פּלעמעניק, איז נאַ דיר נאָך דאָס אייניקל. וווהין די ניאַנקע, אַהין די ליאַלקע... ס'האָט זיך אים אַליין זייער פאַרוואָלט, ווען כ'האָב אים דערציילט וועגן דײַן ייִנגל. זיאַמע, זאָג אַ גוטמאָרגן.

דער יאַט האָט זיך ניט געשעמט צו גריסן זיך מיט אַלעמען פונדערווײַטנס. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און דערלאַנגט די האַנט:

---

[1] איך הייס טעאָפּיל (פּויליש).

[2] „אַ פאַכדאַנעסדיקער איז געווען דער בידנער וואַניע".

[3] „עס פלאַמט דער מיזרעך מיט אַ נײַעם מאָרגנשטערן".

— זדראַוו!

און איך האָב אויך געענטפערט:

— זדראַוו!

און די באָבע ראָכע האָט אין דעם מאָמענט דערקלערט דער מאַמען:

— אַ פּולן זאַק איז ער נאָך ניט בעקויעך אויפצוהייבן. דאָך איז מיר פּאַרט אַ ביסל פרייליכער. יענץ קונילעמל, טעפּסיק, וויל ניט העלפן. דעם פּאַן, ווי דו זעסט, שטייט ניט אָן. און דאָס איז מײַן פאַרשטאַרבענעם כאַזמס אַ זונעלע. אַזאַ יאַסעם, ווי אײַערער. זײַן טאַטן, ווייסטו אַליין, שוועסטערקע, האָט געהארגעט דער דײַטש, אַ מיסעמעשונע זאָל אַף אים קומען, ווו ער איז דאָרטן!

די באָבע ראָכע האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט דער סכוירע איבער די הײַזער, און איך מיט זיאַמען האָבן צוערשט פאַרבראַכט אין שטוב, באַקוקט די ביכער, דערנאָך אַוועק אין סאָד, אַף דער גאַס. מיר האָבן געוואָלט אַרײַנגיין צו שורען, נאָר באַ זיי איז קיינער אין דער היים ניט געווען. און ווען די באָבע ראָכע האָט זיך אומגעקערט, האָבן מיר אַלע צוזאַמען זיך געזעצט עסן וואַרמעס.

ווי נאָר אָבער די מאַמע האָט אַפּגערוקט די זאַסלאָנקע, קעדיי אַרויסנעמען די טעפּ פונעם אויוון, האָט ראָכע איר אָנגעהויבן עפּעס שעפּטשען. די שעפּטשערײַ איז געווען אַזאַ, אַז איך, זיצנדיק באַם טיש, האָב דערהערט:

— נו, מיילע, איך קלײַב ניט איבער. זאָל זײַן קאַשערס... אָבער זיאַמע קאָן צע־פויקן איבער גאַנץ מילטאַטשי...

— ניין, ראָכעטשקע, הײַנט האָב איך געקאָכט בעבלעך מיט הינער־פלייש, און אויך פאַרלגרויפּן מיט סמעטענע פאַרווײַסט, — האָט איר הויך אַפן קאָל געענטפערט די מאַמע. ס'האָט אויסגעזען קאָמיש, ווען די באָבע ראָכע האָט אַרויסגעצויגן פונעם שיסל אַ שטיק פלייש, נאָכדעם האָט זי עס פון איר לעפל גענומען מיט די פינגער און אָוועקגעלייגט זיאַ־מען אַף דער לוסטע.

— נעם אויך מיט די פינגער, — האָט זי געזאָגט, — צוערשט האָט גאָט באַשאַפן פינ־גער, און נאָכדעם שוין גאָפּלען.

ס'איז געווען אָנגענעם, וואָס דאָס יאַטל, כאָטש אַזאַ ניט אונדזעריקער, אַ ניט דאָרפי־שער, זיצט באַם טיש באַ אונדז, ווי אַנומלטן שורע — דאָס ערשטע מאָל נאָך אונדזער ערשטן פּישפּאַנג. ער, זיאַמע, ווי איך מיט שורען, פאַרענדיקט דעם צווייטן קלאַס, און ווען מיר וועלן פאַרענדיקן דעם דריטן, וועלן מיר אינעם פערטן אויך זיך לערנען אין מילטאַטשי, און דאַן וועלן מיר נאָך בעסער זיך קאָנען כאַווערן. אַ שאָד נאָר, וואָס אָט וועלן מיר אָפּעסן וואַרמעס, און ער וועט אָוועקגיין... איך האָב זיך אָנגעבאָבאָטן באַגלייטן זיאַמען.

— נאָך וואָס? — האָט זיך פאַרוואונדערט די מאַמע, — ער איז דאָך מיט דער באָבען, ניט אַליין. און די בעהיימעס דײַנע?

גלײַך צוויי דערווידערונגען. די ערשטע דערווידערונג האָט גלײַך אָפּגעוואָרפן די באָ־בע ראָכע:

— האַננאַ־שוועסטערקע, זאָלן זיי זיך כאַווערן, די יעסוימימלעך. זיאַמע לערנט זיך גוט, און ער מאָלט ווי אַ זשיפּאָוויוועץ.[1]

איך מיט זיאַמען האָבן זיך צעלאַכט. און וואָס שײַעך דער מאַמעס צווייטער דערווידע־רונג, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל בעטן טאַניען, זי קומט מיר אַ גאַנצן טאָג אָפּיטערן די בעהיימעס. און די מאַמע האָט מיך אָפּגעלאָזט.

דעם זאַק מיט די שמאַטעס און פלאַקס האָט די באָבע ראָכע איבערגעלאָזט באַ אונדז, מאַכמעס ראַמאַן האָט זיך געקליבן מאָרגן אינדערפרי פאָרן קיין מילטאַטשי. ראָכע האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געקאָנט זיך אָנריידן מיט דער מאַמען, און איך מיט זיאַמען זײַנען אוועק אָן איר.

ביזן דאָרף מילטאַטשי איז פון אונדז פינף קילאָמעטער. פאַר מײַן עלטער איז עס אַ מעהאַלעך ניט קיין קליינער, כאָטש לעבן דער שטוב אָדער אַף דער פּאַשע האָבן די באַר־וועסע קינדערשע פיסלעך דורכגעמאַכט פיל מאָל מער קילאָמעטער.

שפּעטער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן גיין אין דער שול פונעם שטעטל, האָט מילטאַטשי געגומען פאַר מיר אויסזען גאָרניט אַלס שטאָט, ווי דאָס האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט אין מײַן אָוסיאַניקי, ווען איך בין אַ קינד געווען. כ'האָב זיך דערוווּסט, פאַרוואָס

[1] פאַרקריפּלט פונעם וואָרט „זשיוואָפּיסעץ” — אַ מאָלער.

דאָס הייסט מילטאַטשי. „מילטאַ״ איז אַ מין פליסיק געמישעכץ פון האָבער־מעל, וועלכע מע האָט, אַגעוו, אין אונדזער דאָרף ניט געקאָכט. די מילטאַטשער זאָלן האָבן, ווי מע דערציילט, בעשאַס אַ זייער ווײַטער לעגענדאַרער נסיעה, פאַשעט פאַנאַנדערגעמישט האָבער־מעל אין אַ קליינער סאַזשלקע און פון דאָרט געכליאַבעוועט מיט די לעפל. די דאָזיקע לעגענדע איז זייער אַ קאָמישע, אַ דאָרפישע, מיט כויזעק. אַליין די שטעטלשע אײַנוווינער האָבן זי ניט ליב געהאַט. זיי זײַנען געווען מיט האָנער, פלעגן כאַסענע האָבן נאָר פאַר זייעריקע. אַלע דאָרפסלײַט פלעגן זיי רופן כאַמען, און אין יענעם סאָסנע־וועלדל, וואָס געפינט זיך צווישן מילטאַטשי און דער פריצישער ווירטשאַפט, פלעגן זיי אַרויסנעמען פון די נעסטן קאָרן־קראָעלעך, וועלכע האָבן נאָך ניט געקאָנט פליִען, נאָר זײַנען שוין פעטע. גאַנצע זעק מיט קראָען פלעגן זיי ברענגען אַהיים און פּרעגלען דאָס פלייש פון זיי. טאַקע דערפאַר האָט קיינער פון די דאָרפישע יאַטן, ווי מע האָט געשפּאַסט בײַ אונדז, ניט געגומען פאַר ווײַבער די מילטאַטשער מיידלעך, ווײַל עס פלעגט פון זיי שמעקן מיט געפּרעגלטע קראָעלעך.

ווען אָט די אַלע זאַכן האָב איך זיך דערוווסט שפּעטער. נאָר דאַן, ווען ס׳זײַנען פאַר־געקומען די באַשריבענע געשעענישן, האָב איך זיך געפרייט, אַז מיר וועלן ניט בלויז דער־גיין ביז מילטאַטשי, ניט בלויז נאָכאַמאָל דערזען דאָס שטעטל, נאָר אויך אַרײַנגיין צו זיאַ־מען אין שטוב. גאָט מײַנער, אַ גאַנצע רײַזע אין אַן אומבאַוווסטער וועלט, כאָטש ס׳איז פיל נעענטער, איידער דער מומעס דאָרף יאַרי!

איך בין געגאַנגען באָרוועס, זיאַמע — אין אַלטע סאַנדאַליקלעך, איך — אין היימיש־געוועבטע הויזן, אין אַ ציצענעם העמדל, און ער — אין אַלץ פון דער קראָם. ביידע זײַנען מיר געווען אָן היטלען און געשוירן אונטער אַ מאַשינקע. בײַ זיאַמען האָבן די אויערן אויס־געזען לענגער, איידער בײַ מיר. און די אויגן בײַ אים — שוואַרצע, גרויסע. מיר זײַנען גע־גאַנגען, געשמועסט, ניט אַרומקוקנדיק זיך, און נאָכדעם, ווען מיר האָבן אַ קוק געטאָן, האָבן מיר דערזען, אַז די באָבע ראָכע, ווײַט־ווײַט הינטער אונדז, גייט ערשט אָפּן בערגל אַרויף. מיר וועלן אָף איר ניט וואַרטן, בלויז אַ ביסל לאַנגזאַמער גיין.

ווײַטער ציט זיך דער וועג אין טאָל, און אַזוי ביזן סאַמע שטעטל. און מע זעט עס שוין גוט, דאָס שטעטל, אי די הײַזער, אי די מויערן, אי דעם קלויסטער מיט אַלע זײַנע זיבן קופּאָלן. פון ביידע זײַטן וועג שטייען אַלטע בערעזעס. צווישן די בערעזעס — אַן אַלטער ווילדער באַרנבוים, ווײַטער נאָך איינער, אַ נידעריקער און גראָבער, אויך אַן אַלטיטשקער. פון אָנפאַנג האָט זיך פון ביידע זײַטן וועג הינטער דיביימער געצויגן דאָס פעלד, דער־נאָך האָבן זיך די ביימער געענדיקט, און פון לינקס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויס פּאַשע־פעלד, דאָרט זײַנען אַרומגעגאַנגען בעהיימעס, ברייט און שיטער צעשאָטן איבערן גראָז. זיאַמע האָט געזאָגט, אַז די בעהיימעס געהערן צו די מילטאַטשער ייִדן, און עס פּאַשען זיי ניט קיין קינדער, ווי בײַ אונדז אין אָוסיאַניקי, נאָר אַ געדונגענער פּאַסטעך, דער פעטער שימען.

— אָט וועסטו זען, וואָס פאַר אַ לעץ ער איז. און אַ גוטער, דאָרט איז אויך אונדזער בעהיימע, לויט אײַער לאָשן — קאָראָווא, און זי הייסט בלימעלע, לויט אײַער לאָשן — צוועטאָק.

ווען מיר זײַנען דערגאַנגען צום אָרט, וווּ ס׳האָט זיך געפּאַשעט די סטאַדע, האָט זיאַמע מיר געוויזן זייער בעהיימע. דאָס געלע בלימעלע האָט אים דערקענט. מיר ביידע האָבן אַ קראַץ געטאָן די קו צווישן די הערנער, און זי איז געשטאַנען געהאָרכזאַם, ווי אונדזער פּאַדלאַסקע. דערנאָך זײַנען מיר צוגעגאַנגען צום פּאַסטעך. דאָס איז געווען אַ פעטערקע מיט אַ שיטער גרוילעך בערדל, אין אַ בונטער קאָפּטע, אַ באָרוועסער, און ניט מיט אַ שטעקן, ווי בײַ די פּאַסטעכער פון אָוסיאַניקי, נאָר מיט אַ שטריקענער געפלאָכטענער בײַטש אָף אַ גראָב קורץ הענטל, אין וועלכער ס׳איז אָפּן שפּיץ געווען אַרײַנגעטאָן אַ פּעטליע פון רויער פעל. די דאָזיקע בײַטש, צונויפגעפלאָכטן אין עטלעכע מאָל, איז געהאַנגען בײַ שימענען איבער דער פּלייצע מיטן הענטל פון פאָרנט. דאָס אָפּגעקראָכענע אָף דער זון ציצענע העמדל איז געווען בײַ אים אַרײַנגעטאָן אין די פאַרשמאַלצוועטע פּאַרלאַטעטע הויזן, אונ־טערגעגאַרטלט מיט אַ שמאָלינק רימענדל.

— אַ גוטמאָרגן דיר, שימען! — האָט געזאָגט זיאַמע, דערלאַנגענדיק דעם פעטער אַ האַנט אַזוי, ווי ער האָט מיר דערלאַנגט בײַ אונדז אין דער היים. פאַר מיר איז עס אַרויסגעקומען אומגעוויינלעך, ווײַל בײַ אונדז האָבן אַלע קינדער זיך צו די עלטערע געווענדט אָף „איר״. נאָר דער פעטער האָט זיך ניט באַליידיקט.

— א גוטמאָרגן, זאַלמען! — האָט ער געזאָגט. — לאַנג ניט באַגעגנט זיך. און ווי האָסטו די באָבע ראָכע אַהינגעטאָן?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי גריסן זיך מיט שפּאַס. היינט האָבן זיי זיך שוין געזען, און זיאַמע וויל זיך אויספּײַנען, ווי פּאַשעט און פּראָסט ער איז מיטן אַלטן.

— און אָט דער איז וועמענס? — האָט געפרעגט דער פעטער וועגן מיר.

— ס'איז יוריק, מײַן כאַווער. מיר גייען מיט אים פון אוסיאַניקי צו אונדז. און די באָבע וועט אונדז אָניאָגן.

— קלאָר, נו, זיאַמעס פרײַנט, א גוטמאָרגן! — האָט געזאָגט דער פעטער, אויסשטרעקנ־דיק מיר די האַנט. ס'איז ניט קלאָר געווען, צי ער שפּאַסט, צי ניט.

— שימען, ווײַז אונדז, וויאַזוי מע שיסט מיט דער בײַטש, וויאַזוי מע שלאָגט סוסלי־קעס און וויאַזוי מע שפּילט אַף דער האַרמאָשקע! — האָט אים זיאַמע געבעטן אַף ווײַסרו־סיש.

— אַזוי פיל פאַר איין מאָל? — האָט זיך צעשמייכלט דער פאַסטעך.

— נו, שימען, ווײַז. באַלד וועט אונדז די באָבע אָניאָגן.

און דער פעטער האָט באַוויזן.

ער איז אָפּגעגאַנגען פון אונדז, זיך א קער געטאָן אין אַנדער זײַט, גענומען די בײַטש פאַרן דיקן הענטל, אָנטוענדיק די פעטליע אַפן האַנט־געלענק, א הייב געטאָן די לאַנגע בײַטש־שלאַנג, זי א וואָרף געטאָן איבערן קאָפּ, אומדערוואַרט פריילעך א הוקע געטאָן, און ס'האָט זיך דערהערט אַזא שאָס, אַז ס'האָט אַפילע, דוכט זיך, מיט פאַרעך פאַרשמעקט, ווי אַמאָל, ווען מיר האָבן צע־קלאַפּט א פּאַטראָן־קאַ־פּסול מיט א שטיין אַף א שטיין. אויסשיסנדיק נאָך א פּאָר מאָל, האָט דער פעטער צונויפגע־נומען די בײַטש און זי ווידער אַריבערגעלייגט איבער דער פּלייצע מיטן הענטל פאָרויס.

— איצט נאָט אײַך א סוסליק, — האָט ער געזאָגט און האָט אַרויס־גענומען פון דער רע־כטער הויזן־קעשענע א שטיין.

— און אין דער צווייטער קעשענע איז בא אים די האַרמאָש־קע, — האָט דערקלערט זיאַמע.

— זאַלמען! נאַר ניט איבערשלאָגן! אַזוי־אָ שטעלן מיר זיך מיטן שטיין אַף דער לינקער קני. אָט אַזוי. מיר קוקן זיך אײַן אַהין, ווו דער סוסליק שטייט לעבן דער נאָרקע, צילן זיך אופמערקזאַם אָן און וואַרפן דעם שטיין.

דער פעטער האָט א וואָרף געטאָן זײַן שטיין אַף עפּעס אַן אומבאַמערקבאַרס אין גראָז.

— נו, יונגעלײַט, איצט געפינט און הייבט אוף!

מיט געלעכטער זײַנען מיר צוגעלאָפן, געפונען דעם גלאַטאָפּגעשלײַפן שטיין, און איך האָב אים דערלאַנגט דעם פעטער. גענומען דעם שטיין אין קעשענע, האָט דער פעטער גע־זאָגט:

— נו, אַט... אַזאַ בין איך, דער געוועזענער יעפרייטער פונעם צווייטן טורקעסטאַנישן פּאָלק...

— שימען, און די האַרמאָשקעס? — האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד זיאַמע.

דער פּעטער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— זאַלמען, אָן נערוון! מוזיק פאָדערט אַ פּאַוזע, און די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט... שפּעט! אָט גייט שוין די באַבע ראָכע, ראַכיל שליאָמאָוונאַ. זעט, ווי זי שפּאַנט אַזוי וואַזשנע מיט אַן אָנשטענדיקער געלאַסנקייט.

ער האָט זי באַמערקט דער ערשטער.

ראָכע איז צו אונדז צוגעגאַנגען אַ ביזיע, אַ מידע.

— איר לויפט, ווי יונגע צוציקעס, אַן אַלטינקע קאָן איך שוין ניט דעריאָגן... און דו, שימען, פאַרווײַלסט זיך אַלץ. וואָלסט געטריבן די סטאַדע ווײַטער פונעם וועג, עפּשער איז דאָרט בעסער גראָז. אָך, זיך פאַרמאַטערט!..

ראָכע האָט געשוויגן אַ מינוט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געפרעגט:

— און וואָס טוען דאָרט, אין די אינדיקעס, אַזויפיל מענטשן? איך זע שוין ניט וואַזשנע...

אינדיקע! רופט זיך דער סאָף פון דער נאָענטסטער צו אונדז מילטאַטשער גאַס, אין וועלכער עס שנײַדט זיך אַרײַן דער באַלשאַק. מיר האָבן אַ קוק געטאָן: פון דער גאַס זײַנען אַפן באַלשאַק געגאַנגען מענטשן, אַ גאַנצער האַמוין. מערסטנטייל, דוכט זיך, קינדער. מיר זײַנען אַוועק זיי אַנטקעגן. צום אָנפאַנג זײַנען מיר געגאַנגען צוזאַמען מיט דער באַבע ראָכע, און נאָכדעם האָבן מיר מיט זיאַמען ניט אויסגעהאַלטן און זײַנען אַוועקגעלאָפן.

אינעם האַמוין האָבן געשפּאַנט בערן מיט ציגײַנער... ניין, ציגײַנער מיט בערן... ווי־דעראַמאָל ניין, פונדעסטוועגן זײַנען די ציגײַנער געווען פון פאָרנט! איינער נאָכן אַנדערן זײַנען געגאַנגען מיט נאַמאָרדניקעס אויף די מײַלער בערן, געשפּאַנט מיט ברייט צעשטעלטע לאַפּעס איבער זשוויר, און אויסגעזען האָט עס זייער לעכערלעך, ווי זיי וואָלטן בעקיוון זיך פאַרדעקט מיט פּעלצן, איבערגעקערטע מיט די האָר אַרויף. זיבן בערן!

און ציגײַנער — זיבן ציגײַנער — אין שוואַרצע קאַפּעלױשן, אין פאַרשטויבטע שטיוול, שוואַרצבערדיקע, פאַרוואַקסענע, מיט שטעקנס. און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגע־רעדט. עמעצער פון די ייִנגלעך, וואָס לויפן נאָך, וויל געבן ברויט דעם בער, יענער וויל דורכן נאַמאָרדניק עס נעמען, נאָר דער ציגײַנער איז אים מעכאַבעד מיטן שטעקן, דאָס ברויט — אין בוזעם, און אַליין שווײַגט ער, שפּאַנט ווײַטער לעבן דעם בער. און דער בער האָט בלויז אַ בורטשע געטאָן און איז ווידער אַנשטומט געוואָרן.

עס זײַנען נאָכגעגאַנגען קינדער און דערוואַקסענע, און איך מיט זיאַמען זײַנען אויך אַוועק, שוין צוריק קיין אוּוסיאַניקי. די באַבע ראָכע האָבן מיר ניט געזען, ניט געהערט, פּאַשעט פאַרגעסן אין איר...

זיבן בערן. זיבן ציגײַנער. פונוואַנען? וווהין? פונקט ווי אין אַ קינדער־מײַסע.

אַמאָל פלעג איך זען ציגײַנערנס מיט ציגײַנערלעך. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער אַליין, אָן די מאַנצבלען, אין ברייטע בונטע קליידלעך מיט פיל פאַרשיידענע טיפע קעשענעס, אַלע שוואַרצכיינעוודיקע, מיט פּאַטשערקעס און אוירינגלעך. די הוילע בריסט פלעגן זיך אַרויסזען. אויף איין האַנט אַ יאַטל, אַ הוילבײַכיקס. אין דער צווייטער — אַ גרויד סער און פאַרויכערטער טשײַניק. אין אים גיסט צונויף די ציגײַנערן די מילך, וואָס מע גיט איר — פרישע, זויערע — בררר! אַזאַ וואָלט איך אין מויל ניט גענומען, און די מאַמע פלעגט זאָגן: „וואָס איז די נאַפּקעמינע? באַם פײַער וועט זי עס אויפקאָכן און אויפעסן ווי טוואָרעך".

אַלע ציגײַנערנס האָבן זיך מיר פאַרגעשטעלט ווי שמוציקע, קיינמאָל ניט אויסגעוואַשענע, סײַ אויסערלעך, סײַ אונטער די געקווייטלטע קאָפּטעס און ברייטע לאַנגע קליידלעך. אָט באַט זי זיך אָן צו וואַראָזשען, און אָט בעט זי מיט אַ ניגן, ווי אײַנגעכאַזערט:

— אוי, באַבקע, ווי דו ביסט גוט, מיט אַ גילדענער הוט, ביסט פון גאַניידן ניט ווײַט, מער ניט די פּיאַטקע אין אַ זײַט, גיב דער אָרעמער ציגײַנערן שפּעק, זאָל אויך די פּיאַטקע אין גאַניידן אַוועק!

אָדער גאָר אַזוי:

— גיב, באַבקע, מײַנעם מילך, און דײַנעם, דעם שיינעם און קלוגן, סמעטענע גיב! וועסט לעבן ביז די ווײַסע האָר און ביזן שוואַרצן צאָן!

און אָפּנאַרן פלעגן זיי זייער קונציק. איינע אַן אַלטע האָט ראַכמאָנעס געקראָגן אויף אַ ציגײַנערל, וועלכן זײַן מאַמע האָט „אויף אַ מינוט" איבערגעלאָזט אין הויז. די אַלטע קרעכצט: „פון פראָסט, נעבעך, פאַרקאַלייעט געוואָרן"... זי נעמט אים אַפן אויוון, און דאָ פּלוצעם לויפט אַרײַן די ציגײַנערטע מיט אַ געשריי:

— האָסט מיר דאָס קינד אויף אייביק געפּאַטערט! ווי וועל איך אים איצט נעמען אַפּן פּראָסט!

די אַלטע האָט קוים אויסגעקויפּט זיך מיט כאַזער־פּעטס, מיט מעל, אַבי די ציגײַנערטע זאָל דאָס קינד צונעמען.

און אין רוטע איז נאָך אַזוינס פּאַרגעקומען.

דער האַרמאָניסט קאַטשאַן און אַ ציגײַנערטע זײַנען איינס דעם אַנדערן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זיי האָבן אײַגיכן כאַסענע געהאַט. ער איז געווען אַן אָרעמער, אַ פּוילער, האָט אים אין אַ יאָר ארום די שוואַרצכיינעוודיקע געזאָגט:

— דו, טײַערינקער, זיץ און היט די שטוב, און איך וועל אַליין גיין זוכן ברויט. מיטן זונעלע וועלן מיר גיין, דעם טאַטן האַם־האַם ברענגען...

איך האָב זי אַליין געזען. אויך צו אונדז פּלעגט זי אַרײַנקומען. דאָס איז טאַקע זי, מיטן הויל־בײַכיקן און מיטן טשײַניק... אַליין, אָן די איבעריקע ציגײַנערנס. און דאָס יאַטעלע — שוין ניט קיין שוואַרצינקער, נאָר אַ ווײַסינקער.

אַלע ציגײַנערנס און ציגײַנער... וועגן אַ ציגײַנער האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט דערהאַרגעט מיט אַ טאַבורעטקע דעם מילטאַטשער גאַנעוו סאַווקע — אַזאַ גוואַר, וואָס פּלעגט אינדערהייך אופהייבן פאַר די האַלאַבליעס דעם פאַדערטייל פון אַ וואָגן. נאָר דאָס איז געווען שוין גאָר לאַנג צוריק, אין דער סוידעספּולער פאַר אונדז, קינדער, שרעקלעכער טפּיסע. און אין אונדזער אָוסיאַניקי, און אין רוטע, און אין מילטאַטשי, אפילו אין דער מומעס יאַרי האָב איך נאָך ניט געזען ניט קיין ציגײַנער — מאַנצבלען, ניט קיין ציגײַנערשן טאַבאָר...

פון וואַנען און וווּהין זײַנען געגאַנגען די זיבן ציגײַנער מיט די זיבן בערן, — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט און ניט געפרעגט וועגן דעם. אונדז קינדער, האָט עס ניט אינטערעסירט. זיי זײַנען געגאַנגען, ווי פון אַ מײַסעלע, און מיר, קינדער, האָבן געשפּאַנט מיט זיי באַנאַנד, ווי אין אַ מײַסעלע.

דער האַמוין איז ביסלעכווײַז געוואָרן שיטערער, די עלטערע זײַנען אָפּגעשטאַנען, זיך אומגעקערט, אָבער די מילטאַטשער קינדער האָבן דערטאַפּעט ביז אונדזער דאָרף. דערזעענדיק, אַז די ציגײַנער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אין מילטאַטשי, האָבן איצט ניט פּאַרקערעוועט אויך אין אָוסיאַניקי און זײַנען אַוועק ווײַטער אויף רעכטס פונעם באַלשאַק, האָבן די קינדער זיך אָפּגעשטעלט און באַשטימט אויך זיך אומקערן. גיין ווײַטער האָט אונדז ניט געצויגן אפילו דאָס, וואָס פון אונדזער דאָרף — פון די שײַערס, איבערן פעלד — זײַנען שוין געלאָפן קינד־און־קייט...

אומגעקערט האָט זיך אויך זיאמע. איך האָב אַ ביסל אים באַגלייט, דערנאָך האָבן מיר זיך בארעכנט, אַז אין מילטאַטשי גיין איז שוין שפּעט, אָט ווערט באַלד זיך זעצן די זון.

דער ערשטער טאָג אונדזערער, אַזאַ וווּנדערלעכער, האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי פּאַשעט. מיר האָבן אפילו פאַר די הענט זיך ניט געזעגנט.

נאָכדעם בין איך באַ אונדז אין דאָרף אַ גאַנץ יאָר געגאַנגען אין דריטן קלאַס, און מיט זיאמען האָב איך זיך געזען זעלטן. ווײַטער בין איך געווען אַ יאָר אין פערטן קלאַס, שוין אין מילטאַטשי, ווען מיר זײַנען אפילו מיט אים אויף איין פּאַרטע געזעסן, און נאָך די קאַניקולן, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט שוין אין פינפטן קלאַס, האָט פּאַסירט צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן — כ'האָב זיך צעקושט מיט אַ יאַט. פון פרייד, כאָטש ער איז מיר ניט קיין קאָרעווו, נאָר פּאַשעט אַ וווילער, פריילעכער כאָווער.

פון דער מילכאָמע האָבן זיך די טאַטעס אומגעקערט פאַרשיידן. ווער גאַנץ און ניט צעשעדיקט, ווער אַ פאַרווונדעטער, ווער ס'האָט מיט גאַז זיך אָנגעשלונגען און הוסט נאָך אַלץ. איינער איז געווען אָן פיס, דער צווייטער האָט צום פערד געשריִען „דאַנערוועטער" — אַ שפּור פון דער דײַטשישער געפענקעניש. און אייניקע האָבן זיך אינגאַנצן ניט אומגעקערט.

טאַניע האָט אויך געהאַט אַ טאַטן. פאַר אונדז, קינדער, איז דאָס געווען עפּעס אַ לאַטיש פון ערגעץ ווײַט, פון אַ שטאָט ליעפּײַע. נאָר ער איז דאָך געווען, און זי איז ניט קיין יעסוימע, כאָטש זי האָט אָט דעם פאָטער קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען.

מײַן טאַטע איז געשטאָרבן אין קאַזלאָוו, אויף דער טאַמבאָווושטשינע. קאַזלאָוו איז, ווי ליעפּײַע, געוואָרן אַ גרענעץ־שטאָט, און ס'איז אוממעגלעך געווען צוקומען צו איר. אין עק דאָרף באַ אונדז, אַפּן פעלד, באַם וועג, איז געבראַכט געוואָרן צו קוורע אַן אומבאַוווסטער בעזשענעץ. דער צײלעם איז דאָרט אָנגעבויגן ניט פאַרויס צום פאַרוואַקסענעם מיט בוריאַן קייווער, נאָר אויף צוריק, ווי בעטנדיק הילף. אַלע מאָל, ווען מיר פלעגן מיט דער מאַמען גיין אָדער פאָרן פאַרבײַ יענעם קייווער, פלעגט זי זיך דרײַ מאָל איבערצײלעמען, און אין

הארצן — דאָס האָב איך פאַרשטאַנען שפּעטער — האָט זי מיט אַ ביטערקייט דערמאָנט דעם טאַטנס קייוועס.

איך האָב מײַן טאַטן זייער שוואַך געדענקט, מע קאָן זאָגן, מער זיך פאָרגעשטעלט לויט דער מאַמעס און מאַמאַנס דערציילונגען.

זיאַמעס טאַטע, וועלכער איז אין אַרמיי געווען אַ שמיד, איז אומגעקומען שוין אין סאַמע סאָף פון דער „ניקאָלײַעווסקער" מילכאָמע, און ווו ער איז מעקאַבער געוואָרן, איז אומבאַוווּסט. גיכער פון אַלץ, אין יענער גרויסער סאָלדאַטישער גרוב, וואָס רופט זיך ברוד־דער־קייווער. וועגן דעם האָט מיר דערציילט זיאַמעס מוטער, ווען איך, לערנענדיק זיך אין מילטאַטשי, פלעג אַרײַנקומען צו זיי. זיאַמע געדענקט אויך ניט זײַן טאַטן.

שורע וואָלט געקאָנט זען זײַן טאַטן צוויי מאָל: ווען יענער איז געגאַנגען אָף מײַרעוו און ווען ער האָט זיך אומגעקערט — דאָס ערשטע מאָל אָף אַ שאָ און דאָס צווייטע מאָל אָף אַ מינוט. דאָך אַקוראַט אין יענער צײַט איז זײַן בידנער אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש געלעגן שוין מער ווי צוויי כאָדאָשים אָן באַוווּסטזײַן, אַ פּאַרטיזאַנער פון אַ באָמבע־אָפּרײַס, אַזוי אַז ניט קיין לעבעדיקן, ניט קיין טויטן האָט שורע זײַן טאַטן נישט געזען.

אויסער דער פאָטאָגראַפיע אָף דער וואַנט, ווו זײַן טאַטע מיט דער מאַמען, אויך אָן אומבאַוווּסטער פאַר שורען, זײַנען געווען אָפּגעפאָטאָגראַפירט נאָך איידער שורע איז געבוירן געוואָרן, איז בײַ זיי געווען אין שטוב נאָך איין אָנדענק פון זײַנע עלטערן. אַן אָנדענק, אַ פאַרבאַרגענער, וועלכן ניט דער זיידע באַגוש, ניט דער פעטער איוואַן האָבן מיר ניט געוויזן, און שורע האָט יאָ געוויזן.

דאָס איז געווען ניט פּאָשעט עפּעס, סוידעסדיק גערעדט, אַ באַל־שע־ווײס־טײ־שע אַ־פּיש־קע, פּאַר וועלכער באַם צאַר באַטיושקע האָט מען געפּײַניקט און געטריבן אין טורמע, נאָר מיטאַמאָל עטלעכע צײַטונגען מיט אַ קעפּל פון ריזיקע בוכשטאַבן — „פּראַוודאַ".

אין אַ סאַך יאָרן אַרום האָב איך, שוין דאַן אַ סאַוועטישער נאָכמילכאָמעדיקער סטו־דענט, געזען אין ביבליאָטעק דעם אַרכיוו פון דער „פּראַוודאַ" פאַר יענער צײַט — פרילינג און זומער 1920, די בויגנס — גרויסע, גרעסער איידער בײַ די הײַנטיקע צײַטונגען, דאָס פּאַפּיר — ניט קיין וואַזשנע, מיט פאַרשיידענער טאָנירונג, די פאַרב — אַ בלאַסע. ס'לייענט זיך שווער. זעלטן פיר זײַטן, מערסטנטייל צוויי. גרויסע קעפּלעך: „טעלעגראַמעס", „די פּאַרטיידיקונג פון סאָוועטן־רוסלאַנד", „אין אויסלאַנד".

בלעטערנדיק דעם אַרכיוו, האָב איך זיך דערמאָנט אין שורען (מיט וועלכן מיר האָבן, אַגעוו, צוזאַמען געפאַרטיזאַנעוועט), גלײַך איך וואָלט אים זען דאָ, אין דער פילקעפּיקער ביבליאָטעקישער שטילקייט, מיט אַ שמייכל אין די אויגן; ווי דעמלט, ווען מיר, די קליינע פאַרשווערער, האָבן געלייענט די בויגנס, פאַרשפאַרנדיק זיך אין באָגושעס הויז. ס'איז צו הויך געזאָגט געוואָרן — געלייענט! פּאָשעט געשושקעט זיך, ווי פאַרקישעפטע, אַרום דעם הויכן, עמעסדיקן וואָרט „פּראַוודאַ".

...ס'איז פאַראַן זייער אַ טרעפלעך און טיפזיניק שפּריכוואָרט: „אַ מאַמזער איז פון גאָטס האַנט געגעבן". דער דאָזיקער זאָג האָט אין זיך אַ געוויסן זין, ווײַל אַזעלכע קינדער זײַנען גראָד מערסטנטייל געראָטענע און פאַרשטאַנדיקע, און אויך דערפאַר, וואָס באַליידיקן זיי איז אַן אַווירע. ניט נאָר בײַ אונדז, ווײַסרוסן, קאָן מען הערן דאָס דאָזיקע קלוגע און גוטע שפּריכוואָרט. אין שפּאַניע, לעמאָשל, זאָגט מען אָף מאַמזיירים, אַז דאָס זײַנען „גאָטס קינדער".

דאָס קינד איז טאַקע גאָטס, נאָר דאָס מאַזל איז אַ ביטערס.

געלעבט האָבן בײַ אונדז אין דאָרף צוויי שוועסטערקינדער, קאַטיע די הון און זשעניע די פּאַהאַנקע. קאַטיע — אַ העל־בלאָנדע, אַ געלאַסענע, פלעגט גיין לאַנגזאַם, פּונקט ווי זי וואָלט אין מיטן העלן טאָג זיך געגאַנוועט. פון צײַט צו צײַט פלעגט זי עפּעס, ווי הינעריש, אַ קוק טאָן אָפן הימל: אָט מיט איין אויג פון אַ זײַט אײַנדערהייד, אָט מיטן צווייטן. פונדאַנען איז אַוועק דאָס צונעמעניש... און די אַנדערע שוועסטער — פּאַהאַנקע — איז געווען אַ שוואַר־צע, אַ שיינע, אַ געוואַגטע, מיטן יערושע־צונעמעניש — לויטן נאָמען פונעם ספּעציעלן מין שוואָמען.

בײַ קאַטיען איז בעיערושע פון די עלטערן פאַרבליבן אַן אַלטע שטוב און אַ שמאָל פּאַסיקל ערד, האָט זי ווי־ניט־איז געבאַלעבאַטעוועט, און זשעניע, וועלכע איז פאַריאָסעמט געוואָרן גאָך פריער, האָט דאָס הײַזל אַירס און דאָס פּאַסיקל ערד פאַרקויפט און איז אַוועקגעפאָרן, ווי פיל אין יענער צײַט, קיין פּעטערבורג, געאַרבעט דאָרט אָף אַ זאַקן־פאַ־בריק, זעלטן־ווען באַזוכט אַוסיאַניקי, ווו ס'האָט געלעבט זייער מומע, איינע פאַר צווייען: פאַר איר און פאַר קאַטיען.

דאָס לעצטע מאָל איז זשעניע געקומען אין 1916, און שוין אַף שטענדיק פאַרבליבן, אין איר געבורטס־דאָרף, און דאָרט געפונען פאַר זיך אַ קאַזאַק. פאַרשיידענע זײַנען איבערגעווען בא אונדז קאַזאַקן: דאָנער, קובאַנער, אָרענבורגער און טערעקער. איר קאַזאַק איז געווען אַן אָרענבורגער. אוועקפאָרן פון אים אין איר פעטערבורג האָט זשעניע פון אָנפאַנג ניט געוואָלט, ווײַל ער האָט צוגעזאָגט מיט איר כאַסענע האָבן, אָפּפירן זי צו זײַנע עלטערן. נאָכדעם, ווען זײַן סאָטניע האָט מען אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער אָרט, איז זי שוין געווען שוואַנגער און אײַנגיכן געבוירן, און די מומע, אַ ווילע פרוי, האָט זי אין ערגעץ ניט געלאָזט. דערנאָך איז געקומען די פרײַהײַט. איין מאַכט, אַ צווייטע. אַ שוואַרצינקער, אַ פלינקער, ווי אַ בעזעם, איז וואָלאָדיע געוואַקסן אַ דאָרפישער בײַסטרוק, וועמענס מאַמע האָט סײַ לויט אירע דערמאָנונגען, סײַ צו שפּאָט פון די שכיינים זיך לאַנג נאָך גערעכנט אַלס „פיטערסקע”.

בא זשעניען איז כאָטשבי אַ ליבע געווען. דער קאַזאַק, האָט מען געזאָגט, פלעגט זי דורך דער בלאָטע איבערטראָגן אַף די הענט, זי זאָל די שיכלעך ניט פאַרשמוציקן, איז פאַראַן כאָטש וואָס צו דערמאָנען וועגן עפּעס אַ גליק — דאָס ערשטע און דאָס איינציקסטע אַפן גאַנצן לעבן. און קאַטיען, אויב שוין שפּאַסן, ווי מע האָט געשפּאַסט בא אונדז, האָט אָפּגעגליקט אומגעריכט און אומדערוואַרט. אין יאַנוואַר 1918 זײַנען די דײַטשן געגאַנגען אַף מיזרעך, און אין וועג, אין אָוסיאַניקי, בײַסן איבערנעכטיקן, האָט עפּעס אַ לאַנדשטורמיסט־אַבאָזניק, אַן אויסגעהונגערטער „ראַכמאָנעס געקראָגן” אַף דער באַלעבאָסטע און איז אַן איבעריקן פאַרדאַכט אַף מאָרגן אוועקגעפאָרן אַף זײַן פאָר־פערדיקן פורגאָן. דער שעד ווייסט אים, פונוואַנען ער איז אַליין און ווער ער איז. נאָר איידער וואָס־ווען איז קאַטיע ביז קומענדיקן ווינטער שוין געווען מיט אַ צוגאָב־רעווען...

אַזוי־אַרום זײַנען צווישן אַנדערש, וואָס ס'איז געבליבן אין אונדזער דאָרף נאָך דער זיבנ־יאָריקער שווערער צײַט, אויך צוגעקומען צוויי זין פון פײַנטלעכע סאָלדאַטן — אַ קאַזאַק און אַ דײַטש.

וועגן זייער אָפּשטאַמונג האָבן מיר, זייערע כאַווײרים פון איין עלטער, זיך דערוווּסט אַלץ מער און מער מיט יענער גאַנצער פאַרגרעבטער און פריילעכער אָפנקײַט, וואָס האָט זיך אײַנגעזאַפּט אין אונדזער פאַרשטאַנד לויט די געשפּרעכן מיט די דערוואַקסענע וועגן די זינדיקע פרויען. מיר, ריינע נעשאָמעס, האָבן אין אַ געוויסער מאָס זיך געפילט העכער פון אָט די מאַמזיירים, און אין מינוטן פון עפּעס אַ געשלעג האָט זיך אונדז אַפילע געדוכט, אַז מיר זעען אַף זיי דעם באַליידיקנדיקן שטעמפּל: „אַך דו, קאַזאַק, אַך דו, דײַטשישער בײַסטרוק!” טאָליע, וועמען ס'האָט געבראַכט אַף דער וועלט פונקט אַזאַ בורילע, ווי דער טאַטע, דער דײַטש, איז געווען ענלעך אַף זײַן באַשעפער: איין אויער אַ לענגערער, איין אויג אַ קלענערס, דער שטערן פון קינדווײַז זקייניש געקנייטשט, און די ליפּן קינדערשע, מיט אַ „פּופּסיקל” אַף דער אייבערשטער. און ניט קיין דרייסטער איז געווען טאָליע. ער פלעג אַרומגיין, ווי די מאַמע זײַנע, גלײַך ווי ער וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק פאַר זיך אַליין.

וואָלאָדיע — כאָטש ער איז אַ קאַזאַק, דאָך איז ער אויך געווען ניט קיין וואָיאַקע. ניט ווי שורע באָגוש, וועלכער האָט אַנומלטן זיך אונטערגעגאַנווּעט בא אונדז אַפן הויף צו אַ פלינקער ניט צוגעווינטער צום שפּאַן שקאַפע, אַרופגעשפּרונגען אַף איר פון אַ קאָלאָדע, און יענע האָט אים אוועקגעטראָגן צוערשט איבערן הויף, דערנאָך אַ שפּרונג געטאָן איבערן נידעריקן טויערל אַפן גאָרטן־שטעגל, אַרויסגעיאָגט צום שײַער און האָט זיך דאָרט גענומען דרייען, בריקעווענדיק מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און אופשטעלנדיק זיך אַף זיי. און ערשט דאָרט, לעבן שײַער, האָט זיך שורע ניט אײַנגעהאַלטן און איז אַראָפּגעפלויגן אַף אַ האַרטן שטעג. ראָמאַן האָט אים אַף די הענט אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן און אָפּגעמינטערט מיט וואַסער.

אָדער אַזאַ געשיכטע, וואָס האָט בא אונדז פּאַסירט מיט שטשורעס.

גרויסע פעטער פאַר טוווּע האָבן מיר גערופן „פּאַסעס”. פרילינג־צײַט פלעגט אין זיי פאַרבלײַבן אַ ביסל קאָרן אָדער האָבער. אופהייבנדיק דאָס דעקל פון דער פּאַס, פלעגט מען אָפט דאָרט טרעפן צוויי־דרײַ שטשורעס, וואָס בא אונדז האָט מען זיי גערופן „באַצעס”. דאַן פלעגט זיך אָנהייבן אַ געיעג. מע איז געגאַנגען אין שטוב און געבראַכט אונדזערע קעץ, אַ צוויי אָדער דרײַ, אַ וואָרף געטאָן די קאַץ אין פּאַס און דאָס דעקל אַ ביסל צוגעהאַלטן — עך, וועט זיך אָנהייבן אַ פּאָטיעכע! אונדזער ריסקע, אַ קליין טיגריש קעצעלע, פלעגט זיך ספּראַווען אין איין אויגנבליק — אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטן שטשור פאַר דער פּאָטיליצע — און אַ וואָרף טאָן אים אַף אַרויף. פאַר די קאָטערס איז די זאַך געווען מער געפערלעך, איידער פאַר די קעץ: די „באַצעס” האָבן געוווּסט, פאַר וואָס זיי אָנכאַפּן. איינ־

מאָל האָט א קאָטער, א יונגער אפילע, זיך צעיאָמערט אין דער פּאַס. צו זײַן גליק, איז ער געכאַפּט געוואָרן נאָר פּאָר א לאַפּע. די קעץ האָבן אין די הײַזער געלעבט אין ווילטיק. פון קליינוויַיז אָן איז בא יעדערן פון אונדז געווען זייער א וואָרקון. און דאָ האָבן מיר זיי די געבאַלעוועטע, אזוי אומבעראַכמאָנעסדיק אונטערגעפּירט.

און אָט איינמאָל האָט אלעקסאנדער סערגייעוויטש אופגעהויבן דאָס דעקל פון א פּאַס, וואָס איז געווען נידעריקער פון אנדערע, און א צופרידענער א שעפּטשע געטאָן:

— עך, זיי זײַנען דאָך שוין גאָר נאָענט!

לויט זײַן באַפעל האָבן מיר, איך מיטן קאזאק, א ריס געטאָן לײַכט דאָס דעקל, שורע האָט זיך א בייג געטאָן איבערן ראַנד פון דער פּאַס, זיך ארויסגעריסן פון דאָרט מיט צוויי שטשורעס אין די הענט, ארויסגעשפּרונגען אפן הויף, און מיר נאָך אים. אפן הויף האָט ער מיט קויעך א זעץ געטאָן איין גרויסן „באַץ״ אין דער וואַנט און נאָכדעם א צווייטן מוי־רעדיקן שטשור העכער פון דער וואַנט, און אף יענעם, וואָס ער האָט געוואָרפן מיט דער לינקער, איז ער נאָך ארופגעטראָטן מיטן לעדערנעם שוך.

— אך דו!..— איך האָב א קוק געטאָן אפן קאזאק און א טראַכט געטאָן: ביסט שוין זשע בין איך אויך אזוי, ווי ער, בלאָס געוואָרן?

וואָלאָדיע איז דאַפקע קיין פּאַכדן ניט געווען, נאָר א ווילער, א ביסל א פּוילער און א פרײַלעכער. ווען מע האָט אים אָנגערופן בײַסטרוק, האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, מיט וואָס עס איז שולדיק זײַן מוטער, אים האָט עס פּאַשעט ווי געטאָן, און איך האָב אף אים ראַכמאָנעס געהאַט. דאָך אף דער פּאַשע האָט ער זייער גערן אונטערגעזונגען איינע פון די, ווי אונדזער מוטער רופט זיי אָן, העסלעכע לידלעך, וועלכע זײַנען געבליבן פון אמאָל:

הײַ, דאָרט, לעבן טײַכל,
הײַ, דאָרט, לעבן וועלדל
האָט א קאזאק א יונגינקער
געפירט אין הויז א מיידל...

ווײַטער זײַנען געגאַנגען אלע פּראָטים, און ער האָט עס געזונגען מיט פלײַס ביזן לעצטן וואָרט, ווי ער וואָלט זיך ניט אָנגעשטויסן, אז דאָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו זײַן אייגענער מוטער: אויב שוין זינגען, איז זינגען! וואָלאָדיע האָט געשפּילט אף א פידל, פון אָנפאַנג אָך א זעלבסטגעמאַכטן, און נאָכדעם, ווען מיר זײַנען שוין געוואָרן יאַטן, איז ער צו אן עכטער דערגאַנגען.

מיטן קאזאק בין איך געווען באַפרײַנדעט.

א קאָפּ מער דערנעענטערונג צו איינעם, נאָכדעם צו אן אנדערן אָדער צו א דריטן האָט ניט געשטערט דער פרײַנטשאַפט מיט אלעמען. אונדזערע געפילן זײַנען געווען אופריכ־טיקע, פרײַע. אָבער די צײַט און די אומשטענדן האָבן געטאָן זייערס. ליובעס פּוסטער גע־לעכטער האָט איבערגעריסן אף א צײַט מײַנע טאָגיעס ערשטע און ערלעכע פרײַנט־שאַפט. דערנאָך אף דער פּאַשע און אין שול האָבן מיר זיך שוין ניט דערנעענטערט אזוי, אז מע זאָל פאָר אונדז פון שטוב צו שטוב באַשיטן מיט קופּאַלישן ווײַסן זאַמד דאָס שטעגל: כאָסן־קאַלע. מיר האָבן פּאַשעט געכאַווערט זיך, צוויי פּאַסטעכלעך, איינער דעם צווייטן אָפּ־געלאָזט אהיים אָדער צום טײַך, און ווי שילער זיך געטוישט מיט ביכער. ביזוואַנען איך האָב זיך ניט באַקאַנט מיט זיאַמען, איז דער נאָענטסטער פרײַנט מײַנער געווען שורע. שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן די שול אין מילטאַטשי און דער זיידע באַגוש איז גע־שטאָרבן, און דער פעטער איוואַן האָט שורען צו מיר ניט געלאָזט, איז נעענטער פון אנ־דערע אף א שטיקל צײַט מיר געווען זיאַמע.

פרילינג־צײַט פלעגן אין אונדזער גאַנץ געווייגלעך דערפל, אומקערנדיק זיך פון דאַ־רעם, קומען צו פליען פייגל. באַטשאַנעס, פיקהאַלצן, שוועלבעלעך. ארומקוקנדיק זיך און אײַנאָרדענענדיק זיך נאָכן לאַנגן וועג, האָבן די געוווינטשענע געסט ניט געקאָנט מיט טאָלק דערציילן, ווו זיי זײַנען געווען און וואָס זיי האָבן געזען, כאָטש גערעדט האָבן זיי וועגן דעם — ווער מיט קליאַקאַט, ווער מיט שווינדלעריש־אָפּנהאַרציקער צוויטשערײַ און ווער מיט שפּילעוודיקער נאָכמאַכונג. קוקסט אף זיי, ווי אף שטערן, וועלכע זײַנען אויך אָנצאָליק. און דעם בושל — בא אונדז הייסט ער נאָך בוטיאַן — מיט זײַן בוטיאַניכע, באַגריסן מיר, מע קאָן זאָגן, פּערסאָנעל. דערזעענדיק דעם ערשטן בושל, האָבן מיר, יאַטעלעך, מיט פרײדיקע

אויסגעשרייען זיך געקײַקלט אַף די מער אויסגעטריקנטע ערטער, און די דערוואַקסענע מיידלעך, באַמערקנדיק אים ניט אין הימל, נאָר שוין אין דער נעסט, האָבן שיר ניט געווײנט: כאַסענע האָבן וועט זיך אין אָט דעם זומער ניט אײַנגעבן... וואָס שײַעך דעם זיידן באַגוש, האָט ער אַפילע איינמאָל אין מײַן אָנוועזנהײַט באַגריסט דעם בושל הויך אַף אַ קאָל:

— געזונט זײַ, גאָטס פויגל. זאָלן מיר גוט מיט דיר דעם זומער איבערזומערן! — און ער האָט געקוקט אַפן בושלס נעסט, פאַרשײַסנדיק די ווײַסע באָרד, זשמורענדיק די אויגן אונטער די גרויע ברעמען.

און איך בין מעקאַנע געווען, וואָס ניט אַף אונדזער דאַך, נאָר אַף זייער שײַער איז געווען די איין-און-איינציקע אין אָוסיאַניקי בושלען-נעסט. און אַהין, צום שײַער, צו די באַגושעס, בין איך געלאָפן אָפט, און אַף וויפל זיי האָבן געלעבט נאָענט, איז דער מאַמעס אויסגעשריי: „יוריק! קיין שפּולקעס ניטאָ!" דערפלויגן אַהין אויך פון אונדזער שוועל.

אין יענער צײַט, אין אָנהייב פרילינג, האָט מען אין די הײַזער געוועבט אַף די קראָסנעס, און די קינדער האָבן געהאַט אַ נודנע אַרבעט — איבערוויקלען די פעדעם פון די גרויסע קנײַלעכער אַף טשוועקעס-טרײַבלעך, וועלכע מיר פלעגן אויסשנײַדן פון גלײַכע גלאַטע מאַלינע-ריטלעך און דורכשטעכן דעם אינגעווייד אַף דורך און דורך (הײַנט פאַדערט זיך שוין דערקלערן די דעמלטיקע טעכניק). אָנגעוויקלטע מיט פעדעם, האָט מען די טרײַבלעך אַרײַנגעלייגט אין שיפעלעך. דער וועב-שטול איז געווען אַ הילצערנער מיט אַ גרויסער שוווּנג-ראָד, און אין באַוועגונג פלעגט מען זי לאָזן, שטויסנדיק אומופהערלעך מיט דער אָנגעסלינעוועטער דלאָניע איבערן וואַליק. אַ וועלט מיט פעדעם פלעגט אויסקומען איבערן צוויקלען פון די קנײַלעכער אַף די טרײַבלעך.

ס'איז בעשום-אופן ניט געווען צו דערקענען, צי דאָס אין יענער בושל, וועלכער איז פאַראַיאָרן געווען אין דער זעלבער נעסט, אָדער עפשער אַ זון זײַנער מיט אַ יונגער פרוי, אָדער פאַשעט נײַע, וועלכע עס איז דאָס מאָל פאַשעט געפעלן געוואָרן דאַפקע דאָ, אָדער עפשער האָט גאָר אַ „זי" פון די פאַריאָריקע בושלען געבראַכט אַהער איר באַשערטן.

פריִער פון די בושלען און פיל פריִער פון די שוואַלבן פלעגן אָנקומען אין דאָרף די שטאָרן.

די טעג האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַף דער עלטער עפּעס ווידער קינדעריש דערפילט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז אויסצומײַסטרעווען אין פרילינג אַ שטאָרן-נעסט, און איך האָב אָנגעהויבן לאַכן, ווען כ'האָב זיך דערמאָנט, וויאַזוי איך האָב געלערנט מײַן טאַכטער, די שילערן פונעם פינפטן קלאַס, בויען „אַ הײַזעלע פאַר די שטאָרן". אַזאַ איז בײַ איר געווען די אופגאַבע אַף אהיים לויט דער אומגעלומפּערטער אין געגעבענעם פאַל פּאָליטעכניזאַציע.

און נאָך האָט זיך דערמאָנט דאָס הויז פון מײַן פרײַנט אין ווײַטן ראַיצענטער — אַ הויז מיט ווײַסע ליכטיקע פענצטער, אויסגעפּאַרבט מיט אָכרע,* אַ פאַשעט טישל, וואָס ער האָט אַליין צונויפגעקלאַפּט, אַ סאָד אַרום שטוב און דאָרט — דער באַרנבוים מיט נאָך זאַפטיק-גרינע בלעטער און ניט צײַטיקע פּיירעס. און צווישן די בלעטער און בארן, העט אינדערהייך — אַ שטאָרן-נעסט.

זיאַמע, דער רויִקער און סאָלידער זאַלמען כאַימאָוויטש, דער באַגאַבטער לערער פון ווײַסרוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, איז שוין דאַן געווען אַף פּענסיע, פאַר דער צײַט, לויטן געזונט-צושטאַנד, וואָס איז אונטערגעריסן געוואָרן נאָך צוויי פאַרוווּנדונגען אַפן פראָנט. זיאַמע האָט אייניקלעך, שוין שילער. און ס'איז געווען, ווער עס זאָל אַ שטאָרן-שטיבל אויסבויען. דאָך האָב איך אים געפרעגט, ווײַזנדיק אינדערהייך אַפן שטאָרן-שטיבל:

— דײַן אַרבעט?

— בלויז דער פּראָיעקט, — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט.

ס'איז געווען שטיל און זוניק. עפּעס אַזוי מיד-שטיל און זוניק. פאַרשטייט זיך — אומעטיק אַפן האַרצן. מיר האָבן לאַנג ניט געזען זיך, און, ווי עס רעדט זיך — גאָט ווייסט, ווען מירן זיך נאָכאַמאָל זען... און ביכלאַל... מיר, זיאַמעס קרוויום און פרײַנט, האָבן שוין גוט געוווּסט דאָס, וואָס אים איז קלוימערשט, ניט באַוווּסט. און דאָ האָט געשמעקט מיט סאָד און מיט גאָרטן צוזאַמען, ווײַל דער טיש איז געשטאַנען אין גראָז צווישן דעם ווײַנשלבוים און עפּלבוים, און הינטער די בייטן מיט פאַרשיידענע מערעלעך און פּעטרעשקעס האָבן זיך געטריקנט די מיט פוילקײַט דופּטיקע קאַרטאָפל-בלעטער. פון דער העכסטער שטאָרן-נעסט האָט פויל, מיט איבערײַסן, געצוויטשערט, קוקנדיק אַראָפּ, אַ גרוי מעכוטן-שפּערל, פּונקט ווי בענקענדיק פון גאַרנישט טאָן אין דער פאַרלאָזענער בייס די קאַניקולן צוזאַמענווינונג. זיאַמע האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן עפּעס אַנדערש, ניט וועגן אונדזער פּעדינסטיטוט.

— פרילינג־צײַט, ווי נאָר די שטאַרן קערן זיך אום, צעגיסט זיך אין די נעסטן די וווּנ־דערלעכע מוזיק, פּונקט ווי פון פײַפֿאָלן אָדער מויל־האַרמאָניקעס...

ער האָט ניט געזאָגט, ווּעמענס האַרמאָניק ער האָט דאָ אין זינען. מיר האָבן בײדע געשוויגן, יעדערער האָט אַף זײַן אויפן זיך פאַרגעשטעלט דאָס פאַרגאַנגענע. פאַר די אויגן איז געשטאַנען דער טשודאַקעוואַטער פּעטער שימען, דער מילטאַטשעווער פאַסטעך, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ בריוּונטרעגער אין אַ ווײַטער רוסישער שטאָט און האָט אויך דאָרט זיך ניט אָפּגעוווינט פונעם דאָרף, ניט פאַרגעסן די קינדהײַט, און, אומקערנדיק זיך אין מיל־טאַטשי, האָט ער, ווי פריִער, ליב געהאַט, פּאַשענדיק די בעהיימעס, שפּילן אַף אַ מויל־האַר־מאָניק. מער האָב איך קײנמאָל אין לעבן ניט געהערט, אַז עמעץ זאָל אַזוי גוט שפּילן אַף דעם דאָזיקן, דוכט זיך, קינדערשן שפּילעכל. אין אײנזאַמקײַט, פאַר זיך אַלײן און פאַר יענעם, ווער עס פלעגט אים אָן שפּאַס בעטן, האָט ער געשפּילט, דער פּעטער שימען. איך מיט זיאַמען האָבן געקענט הערן, און ער פלעגט אונדז מיט דעם מעכאַבעד זײַן, צוויי אָדער אַפילע דרײַ מאָל אין טאָג, ווען איך בין שוין אין זײער שטעטלדיקער שול געגאַנגען, און זיאַמע פלעגט מיר צײַטנווײַז אַ ביסל באַגלײטן. שפּילנדיק שטיל, מיט פאַרכאַפּונג, איז שי־מען געשטאַנען, און מיר זײַנען געזעסן אָפן גראָז, און אונדז איז געווען אַזוי גוט. פּונקט אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט שפּעטער, ווען איך האָב געשפּילט צוזאַמען מיט וואָלאָדיען דעם קאַזאַק, ער אָפן פידל, איך אַף דער מאַנדאָלינע. אָפּטער פון אַלץ פלעגן מיר שפּילן צעצויגענע, אומעטיקע מעלאָדיעס.

פריִער, אײדער איך מיט וואָלאָדיען האָבן זיך אויסגעלערנט שפּילן אינצווײיען, האָט ער געפּיליקעט אַלײן, און נאָך פריִער, ביזן אָנקומען אין שול, האָט ער ניט געשפּילט בי־כלל.

עס האָבן געזונגען די שטאַרן, די זיאַבליקעס, די לאָרכן. ווער צווישן די צווײַגן פון די ביימער, און ווער הינטער די שײַערס, איבערן פעלד, וואָס האָט נאָך אַף זיך די לעצטע סימאָנים פון גרויען שניי אַף די מעזשעס.

אָט זעג איך מיט וואָלאָדיען האָלץ, מיר העלפן ראָמאַנען, מיר פאַרווײַלן זיך, ביז עס וועט אָנקומען באַגושעס פעטער איוואַן, וועלכער האָט נעכטן אויך געהאָלפן אַ גאַנצן טאָג, און הײַנט, ווי ער האָט אין אָוונט געוואָרנט, וועט ער אַ ביסל פאַרשפּעטיקן — ער דאַרף דאָס ברויט אין אויוון אַרײַנזעצן. ראָמאַן האַקט די קרוגליאַקעס, און מיר מיט וואָלאָדיען האָט ער דערלויבט אַ ביסל אָפּרוּ טאָן מיט דער זעג. „אָבער די פינגער זאָלט איר ניט אָפּזעגן!...“ אַ בערעזע־בערווענע האָבן מיר אַלײן אויסגעקליבן פון די אָנגעוואָרפענע לעבן פאַרקן, אַזאַ, וואָס איז גרינגער, עס זאָל ניט זײַן שווער אופהײבן אַף די קאָזלעס. נו, און דערצו מיט אַ געהײמען פאַרטראַכט.

מיר זעגן, סטאַרען זיך. די זעג שאַרקעט און קלינגט. פון צײַט צו צײַט בײגט זי זיך, שפּריצט מיט דזשעגעכץ. אָט טוט שוין סאָפּקאָלסאָף אונדזער ערשט קלעצל אַ פאַל אַף דער ערד. און דאַן דערגײט צו אונדז דאָס געזאַנג פונעם לאָרך פון הינטערן שײַער און נאָך מער הילכיקער — פונעם שטאַר אַף דער בערעזע. אויך ראָמאַן האָט אין דעם מאָמענט אופגעהערט צו העקן, אוועקגעשטעלט דאָס קלעצל אַף דער קאָלאָדע און אַלײן קוקט ער אַף אונדז. וואָלאָדיע פײַפט אונטער דעם שטאַר, און כאָטש ס׳באַקומט זיך בײַ אים, ווי שטענדיק, פּונקט ווי באַם שטאַר אַלײן, דאָך בלײַבט ער שטײן גלײַכגילטיק, גלײַך ווי ער וואָלט לאַכלוטן גאָרניט געהערט. ראָמאַן קוקט שוין ניט אַף אונדז, העקט ווידער, און איך מיטן קאַזאַק טרעטן נאָכאַמאָל צו אויספּילן אונדזער פאַרטראַכט.

דעם קרומען טײל פון דער בערעזע זעגן מיר אָפּ. אָפּמעסטנדיק אינדערברײט אַף צוויי מײַנע פינגער, הײבן מיר אָן אָפּשנײַדן אַ רעדל. דאָס דאַכט זיך נאָר, אַז אַלץ איז אַזוי פּאָך שעט, ווען דו קוקסט פון דער זײַט, און איצט... די זעג אונדזערע שפּרינגט. מיטן פינגער פון דער זײַט, ווי דאָס טוען דערוואַקסענע, וועסטו די זעג ניט אונטערהאַלטן אַף דער גע־העריקער ליניע. אײן ניט קײן געלונגענער אײַנשניט... אַ צווײטער... אַלץ איז ניט אַזוי, ווי מע דאַרף. און דאָ איז נאָך צוגעלאָפן און זיך צוגעטשעפּעט צו מיר מײַן מורזע. אײַנ־גאַנצן נאָך אַ צוציק. אָט גאַנוועט ער צו עפּעס אַ שמאַטע פון טשולאַן אָדער אָן אָפּגעריי־בענעם בעזעם אין קיך און סטאַרעט זיך וואָס ווײַטער די זאַכן פאַרבאַהאַלטן. ער לאָזט מיך מאַמעש ניט צורו, און די מאַמע זאָגט, אַז אין אָט דעם מאָמענט קאָן זי ניט אונטערשײדן, ווו בין איך און ווו איז דאָס הינטל, און אָט זעצט ער זיך אוועק באַם אָפענעם טויערל, קוקט אַף דער גאַס, און ס׳דוכט זיך, אַז ער באַטראַכט וואָס צו טאָן.

נו, מײלע, מע קאָן זיך אָפּרוען. איבערהויפּט, אַז מיטן רעדל באַקומט זיך סײַווי בײַ אונדז גאָרניט. וואָלאָדיע לאָזט אָפּ דאָס הענטל, איך שלעפּ די זעג צו זיך און שפּאַר זיך

צו צו דער בערוונע אָף די קאָזלעס, און דאָס הענטל פון מײַן זײַט לייג איך אוועק אָף דער ערד. מורזע האווקעט, וואָרטשעט, אײַנקלאַמערנדיק אלע זײַנע ציינער אין מײַן ארבל. איך גלעט מיט דער פײַכטלעך־קאַלטער דלאָניע פון דער צווייטער האנט זײַנע ווייכע, וואָרעמע אויערן. דאַן לאָזט ער אָפּ מײַן ארבל, וויל א כאַפּ טאָן פאר די הענט. ער בײַסט ניט, ניין, ער קיצלט בלויז מיט די ציין. וואָלאָדיע גלעט אויך מורזען, אָבער מײַן הינטל בייזערט זיך אויך אָף אים. מיר האָבן זיך אזוי צעשטיפּט, אז מיר האָבן ניט באמערקט, ווי עמעצער איז צוגעגאַנגען. מורזע האָט עס דער ערשטער באמערקט און זיך צעבילט.

— נו, וואָס? — האָט פון אויבן געפרעגט דער פּעטער איוואַן, — ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט שפּערלעך און קנאַקן לײַז... א גוטמאָרגן, ראָמאַן! — און צו מורזען: — אוי, אוי, סאַראַ שרעקלעכער דו ביסט! עפּשער וועסטו עס מאַכן א ביסל שטילער?

איך מיטן קאַזאַק האָבן זיך צעלאַכט.

מיר האָבן שוין פון לאַנג געוווּסט, פאַרוואָס מע רופט דעם פּעטער איוואַן „טשעפּ־דרעפּ". דער זיידע באָגוש — דאָס איז שוין געווען זייער לאַנג, — האָט געקויפט אין מילטאַטשי א וואַנטזייגער, אהיים זיך אומגעקערט שפּעט, ווען דער קליינינקער איוואַן איז שוין געשלאָפן. און אינדערפרי האָט ער אליין דערציילט די קינדער פון גאַס, ארויסברענגענדיק, ווי געוויינלעך, דעם „ז" ווי א „זש":

— און הײַנט באַנאַכט האָב איך זשיך אופגעכאַפּט און בין ניט געשלאָפן, דער שלאָף האָט מיך ניט גענומען, וואָרעם אָף דער וואַנט אָף אונדזשערער האָט דער זשייגער געקלאַפּט „טשעפּ־דרעפּ", „טשעפּ־דרעפּ".

דער פּעטער איוואַן איז זייער א גוטער מענטש. ער האָט ניט איין מאָל מיך מיט שורען אונטערגעהאָדעוועט און מיך ניט געטריבן פונעם איווון, ווען בײַ זיי אין שטוב פלעגט פאָרקומען עפּעס א וועטשערינקע. צו שורען באַציט ער זיך, ווי א מאַמע, און אליין איז ער אזא געזונטער, אז ס'דאַכט זיך, ער קאָן א גאַנץ הויז אופהייבן אָף די הענט. און אזא לאַנגפּענעמדיקער איז ער, אז ער קאָן נעמען — און האָט שוין געהאַט גענומען — אין מויל א גענדזן איי, די ציין און די ליפּן צונויפּפּרעסן, און דאָס איי בלײַבט א גאַנצס...

איינמאָל, זונטיק, ווען מיר זײַנען געגאַנגען זיך באָדן, עלטערע און יוגנט צוזאַמען, האָבן די דערוואַקסענע אָנגעהויבן אָף דער לאָנקע שפּילן אין טשעכאַרדאַ. איינער שטעלט זיך אָף די קני, נייגט זיך אָן נידעריק, דער צווייטער יאָגט זיך פאַנאַנדער — האָפּ! — איבער אים, און אליין לויפט ער ווײַטער, שטעלט זיך אָפּ און בייגט זיך אײַן, עס זאָל איבער אים אריבערשפּרינגען דער, וואָס געפינט זיך הינטער אים. און אזוי איינער נאָכן אנדערן. פון אָנפאַנג זײַנען נאָר די עלטערע כעוורע און די מאַנצבלען געשפּרונגען, און מיר, קליינוואַרג, זײַנען געלאָפן בײַ דער זײַט. דערנאָך האָט שורע ניט אויסגעהאַלטן, זיך פאַנאַנדערגעיאָגט און א שפּרונג געטאָן איבער אונדזער ראָמאַנען. פאַראַן ווידער זיך צעיאָגט, אונטערגעשפּרונגען, זיך אָפּגעשטויסן מיט ביידע הענט פון ראָמאַנען, ווידער אריבערגעשפּרונגען און — הײַדאַ ווײַטער. איך, ווי אומעטום, נאָך אים. איבערשפּרינגען ראָמאַנען וואָלט מיר, מעגלעך, זיך אײַנגעגעבן, אָבער, א ריס זיך געטאָן פאָרויס, בין איך גלײַך צו טשעפּ־דרעפּן צוגעלאָפן, — דאַכט זיך ניט שלעכט, נאָר אָט אָן אומגליק, דער פּעטער איוואַן איז געווען פאר מיר צו א לאַנגער און צו א ברייטער, און איך האָב זיך אין אים פאַרטשעפּעט.

— וואָס אײַסעקסטו זיך דאָרטן, ווי א זשאַבע אָף א קאָטשקע. קריך אראָפּ! — האָט ער מיך אראָפּגעוואָרפן אין גראָז.

דערווײַל איז שוין איבער אים אריבערגעשפּרונגען ראָמאַן, און אליין טשעפּ־דרעפּ האָט זיך אויסגעגלײַכט און זיך א יאָג געטאָן דער לעצטער. מיר איז אויסגעקומען אלעמען דעריאָגן. ס'איז געווען אי פאַרדראָסיק, אי פריילעך. איך בין שטאָלץ געווען אפילע, וואָס כ'בין פונדעסטוועגן כאָטש א ביסל געזעסן אָף אזא ריז.

יענער געפיל — טיילווײַז א שטאָלצער און מער פון אלץ א פריילעכער — האָט איצט זיך אומגעקערט צו מיר: דער פּעטער איוואַן טשעפּ־דרעפּ איז מאַמעש א ריז, און איך, ווען נאָך א קאַפּל, וואָלט דאָך אריבערגעשפּרונגען... און איצט איז פאַראַן דאָס הינטל מורזע, און דער שטאַר, און די זון... און איך מיטן קאַזאַק, ווי מיר וואָלטן זיך צונויפגערעדט, לאַכן...

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער פּרעמד, האָט אין אונדזער שטוב מיך אנשטוינט די צאָל טירן און איקאָנעס.

שפּעטער איז געוואָרן קלאָר, אז טירן זײַנען געווען פיר: פון הויף אין פירהויז, און פונעם פירהויז — איינע אין שטוב ארײַן, די אנדערע בײַ דער זײַט, וואָס פירט צו דער קיך,

די דריטע — פון דער קיך אין שטוב אַרײַן. געווען איז אויך אַ פינפטע טיר — פון פירהויז אין קעמערל, נאָר זי איז געווען פאַרשלאָסן און גייט ניט אַרײַן אין כעזשבן. איך פלעג בלויז שטיין אַ ווײַלע לעבן איר און ווידער זיך אַ וואָרף טאָן אין מײַן לאַבירינט. איך האָב ניט געקאָנט אָנקוקן זיך אַף די טירן, אַרומגעלאָפן, געטופּעט, געלאַכט און געשריִען, רופנדיק אַלעמען זיך טײַלן מיט מײַן פרייד פון דעם דאָזיקן וווּנדער.

בײַ דער מאַמען און בײַ ראָמאַנען איז די איינציקע פרייד געווען, וואָס די שטוב איז ניט פאַרברענט געוואָרן. זיי זײַנען ניט אַרומגעלאָפן, ניט געלאַכט, און איך האָב זייער פרייד ניט געפילט. איך האָב מיר געהאַט מײַנע פאַרגעניגנס.

נאָך איין וווּנדער — די בילדער אין שיינעם ווינקל. און ווידער, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זײַנען זיי געווען אַכט. זיי האָבן אויך דאָ געהייסן איקאָנעס, און די מאַמע האָט מיר דערקלערט יעדערע פון זיי: גאָט — דער האַר, די הייליקע געטן, גאָטס דינער, די הייליקע מלאָכים... און איך, כאָטש כ׳האָב אויך פריִער אין שטאָט געזען איקאָנעס אין צימערל, ווו מיר האָבן געלעבט, און אין קלויסטער, וווּהין די מאַמע האָט מיך געפירט, האָב איך איצטער אין הויז מיט אָן אַ שיר טירן געזען אַף יעדערער פון די באַגלאָזטע בילדלעך גאָר אַנדערע סוזשעטן — איין זיידעניו, דרײַ זיידעס בערדיקע, איין פעטערקע, צוויי מומעס מיט ווײַסע פליגל, אַ קינד בײַ דער מוטער אַף די הענט. אויסער יענע, וועלכע זײַנען געהאַנגען אין שיינעם ווינקל, איז געווען נאָך אַ בילד, אַף דער וואַנט צווישן די פענצטער, אויך אונטער אַ גלאָז, נאָר אַ גרעסערס לויטן פאַרנעם: ווײַסע שוואַנען, אַ בלויע אָזערע, גרינעביימער און אַ רויטער שלאָס, ווי ס׳האָט מיר דערציילט וועגן דעם דאָזיקן הויז ראָמאַן.

און נאָך זײַנען געווען ביכער. זייער ניט קיין סאַך, דערפאַר אָבער אייניקע מיט צאַצקעס, ווי ס׳האָבן אָנגערופן די געמעלן אַף די זײַטלעך מײַנע נײַע דאָרפישע כאַווערימלעך.

די בוכשטאַבן האָט מיר באַוויזן און געלערנט זיי צוזאַמענשטעלן טאַקע ראָמאַן, נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אין שול. ווײַטער איז שוין די זאַך אַוועק בײַ מיר אַליין. פריִער פון אַלץ — די אונטערשריפטן אונטער געמעלן.

ער אַליין, ראָמאַן, האָט געלייענט זייער אַ סאַך, אָפטער פון אַלץ שווײַגנדיק, פאַר זיך. איך געדענק נאָך פּושקינס „דובראָווסקי", וועלכן ער האָט, לויט דער מאַמעס באַקאָשע, פאַרגעלייענט הויך אַף אַ קאָל. נאָר פון דער גאַנצער דערציילונג, וואָס ראָמאַן האָט אונדז געלייענט אין די ווינטערדיקע אָוונטן, האָט בוילעטער פון אַלץ פאַרגעדענקט זיך דאָס בילד פון דער סרייפע, ווען דער שמיד אַרכיפּ האָט אָפּגעראַטעוועט אַפן דאַך פונעם ברענענדיקן שײַער אַ קאַץ. איך געדענק אויך ראַסקאָלניקאָווס כאָלעם אין דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", וויִאַזוי שיקערע נאַראָנים — מיר האָט אַזוי זיך דאַן געדאַכט — האָבן ביזן טויט געשלאָגן אַ פערד, און דאָס יִינגעלע ראָדיע האָט עס געקושט און געוויינט.

די מאַמע האָט געלאַכט פון מיר: „אַט בײַ וועמען די אויגן זײַנען שטענדיק נאַס...".

צווישן מיר און ראָמאַנען איז געווען אַן אונטערשייד פון אַרום עלף יאָר. שפּעטער האָבן מיר זיך קימאַט ווי אויסגעגלײַכט, ביידע געוואָרן דערוואַקסענע און גוטעפרײַנט, פאַרן גאַנצן לעבן קיין איין מאָל זיך ניט געקריגט. בײַ מײַן מוטער איז ראָמאַן קיינמאָל ניט געווען קיין שטיפקינד, און זי, מײַן מאַמע, איז ניט געווען בײַ אים קיין שטיפמאַמע. פאַר דער מילכאָמע האָט ער געפירט די באַלעבאַטישקײַט, און נאָך דער פאַרטיזאַנשטשינע איז ער ווידער פאַרבליבן אין אָווסיאַניקי אַ פּאָשעטער, באַשיידענער האָרעפּאַשניק. פאַרצווייאָרן, ווען ער איז געשטאָרבן, און איך האָב, געזעגענענדיק זיך מיט אים אַפן בעסוילעם, זיך געשטעלט אַף די קני אין שנײ לעבן זײַן קייווער און צוגעדריקט זיך מיטן שטערן צו זײַן קאַלטן שטערן, האָט מיך אופגעטרייסלט פונעם געדאַנק, אַז איך וועל אים שוין ניט קאָנען אַרויסזאָגן יענע גוטע ווערטער, וועלכע איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגן, און איבער עפּעס אַ סיבע זיי ניט אַרויסגעזאָגט פריִער...

וואָלאָדיעס מוטער, די מומע זשעניע, האָט אָפט געקרענקט.

איך פלעג קומען צו איר אין אָרעמען הײַזל, און ניט גלאַט אַזוי זיך, נאָר ברענגען איר פון דער מאַמען עפּעס־וואָס פון געקעכץ אין אַ טעפל, אַרומגעוויקלט מיט אַ האַנטעך. וואָלאָדיע איז אין דער היים ניט געווען.

וואָלאָדיעס מאַמע, ווען זי האָט ניט געקרענקט, איז מערסטנס געווען אַ לעבנסלוסטיקע, אַ פריילעכע. איצט איז די מומע זשעניע געלעגן אַפן קאַלטן אויוון, שווײַגנדיק, אַ באַדעקטע מיט אַלטע שמאַטעס און שטיל אונטערגעזיפצט. און מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן, סײַ דערפאַר, וואָס זי דאַנקט מיר אַזוי לאַנג, סײַ דערפאַר, וואָס בײַ אונדז אין דער היים איז וואַרעם, און ס׳איז אַלץ פאַראַן, און מײַן כאַווערס מאַמע לײַדט פון דאַכקעס און קעלט. און דאָך, אַף מאָרגן און אויך שפּעטער, וויפל מאָל די מאַמע האָט מיך געשיקט אין

יענעם שרעקלעכן הײַזל, בין איך גערן געגאַנגען און זיך געסטאַרעט אַרײַנגײן פֿון הינטערן שײַער, מענטשן זאָלן ניט זען, און בין אויך צופֿרידן געווען, וואָס כ׳האָב ווידער ניט געטראָפֿן וואָלאָדיען אין דער היים.

ווען דעם גורל פֿון אַ יאָסעם באַ אַ בייזער שטיפֿמאַמע האָבן מיר פֿון קינדערווײַז אָן אַ סאַך געהערט פֿון אונדזערע מוטערס און באָבעס. ס׳איז געווען אַזוי, ווי עס האָט זיך דערציילט אין די פֿאָלקס־מײַסעלעך און אין די לידער.

איך האָב קימאַט לאַכלוטן, אָבער טאַקע לאַכלוטן דאַן ניט געהערט וועגן ביטערער עלנטקײַט און פֿאַריאָסעמטקײַט פֿון זקיינים. מעגלעך דערפֿאַר האָט זיך פֿאַר מיר אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך דער טויט פֿון דעם זיידן קעדי. זײַנע ביידע זין זײַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, איינער איז שוין געווען אַ באַווײַבטער, בלויז קיין קינדער ניט איבערגעלאָזט. און אָט באַ דער שנור האָט דער אַלטער דערלעבט זײַנע יאָרן. וויאַזוי האָט ער דערלעבט, קאָן מען אורטיילן לויט דעם, אַז ער איז געשטאָרבן אין פֿירהויז אַף דעם ערדענעם דיל, באַ דער וואַנט אין איין און דער זעלבער צעריסענער סערמיאַגע, אין וועלכער מע האָט אים געקאַנט זען סײַ אין אַ פֿראָסט, סײַ אין אַ בלאָטע, סײַ אין אַ היץ אַף דער גאַס, אָדער אין דער זעמליאַנקע. אַזוי האָט אים אײַנדערפֿרי אַ שכיינע דערזען אין פֿירהויז: דער אַלטער איז, מעגלעך, נאָך פֿון פֿאַרנאַכט געלעגן אַ פֿאַרקאַלייעטער, און אַף אים איז געזעסן און שרעקלעך געבילט זײַן איבערגעגעבענער פֿרײַנט — דער קליינער הונט קורטע. די שנור, די מאַרדאַטע טעקליע, איז נאָך ניט געהאַט אופֿגעשטאַנען: „עפּעס איז באַ מיר מיטן קאָפּ”...

נעענטער צו האַרבסט 1943 זײַנען מיר מיט דער גאַנצער מישפּאָכע אוועק צו די פּאַרטיזאַנער: ראַמאַן מיטן ווײַב און מיטן קינד, די מאַמע און איך, דאַן נאָך ניט קיין כאַסענע געהאַטער.

באַ די באָגושעס האָט זיך באַקומען אַנדערש: שורע איז געווען באַ די פּאַרטיזאַנער נאָך פֿון פֿרילינג און דער פּעטער איוואַן, דער געזונטער און גוטמוטיקער טשעפּ־דרעפּ, ביז פֿערציק יאָר ניט קיין פּאַרהייראַטער, מיט אַ צעבראָכענעם פּוס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז פֿון זײַן כאַטע וועט ער אין ערגעץ ניט אוועק. ס׳האָט זיך אָט דעם מענטשן נאָך אַלץ געגלייבט, אַז אויב ער איז אַ קאַליקע און קריכט ניט אומעטום, וועט מען אים פֿאַרן פֿלעמעניק ניט באַשטראָפֿן. די דײַטשן האָבן אים אָבער געבראַכט קיין מילטאַטשי און דאָרט אופֿגעהאַנגען אַפֿן פּלאַץ צוזאַמען מיט די זעקס אַנדערע פּאַרטיזאַנישע קרויווים פֿון די שכיינעסדיקע דערפֿער, וועלכע האָבן אויך אַזוי, ווי ער, לויטן געזונט־צושטאַנד, אָדער איבער דעם עלטער, ניט געטויגט אַף אַרבעט אין דײַטשלאַנד.

זיאַמע קאָסמאָוויטש האָט גֿעקעמפֿט ערגעץ אין דער רויטער אַרמיי און נאָך דער דעמאָביליזאַציע זיך דערוווּסט, וויאַזוי עס איז אומגעקומען זײַן מישפּאָכע. מע האָט דערשאָסן זײַן מוטער, פּאַרגוואָלדיקט און דערשאָסן זײַן שוועסטער, די שיינהייט שיינע. און די באָבע ראָכע, וועלכע האָט שוין צעביטן דעם נײַנטן צענדליק און איז מער ניט אַרומגעגאַנגען מיטן זאַק איבער די דערפֿער, האָט מען געצווונגען קלעטערן אַף אַ טעלעגראַפֿישן סלופּ. פֿון אָנהייב איז די פּאַשיסטן געווען לוסטיק צוצוזען, וויאַזוי די זקיינע רײַבט דעם גליטשיקן סטויפּ מיט אירע אומבאַהאָלפֿענע הענט, דערנאָך האָט עס זיי דערעסן, און זיי האָבן ראָכען דערהאַרגעט.

וואָלאָדיע קאַזאַק און טאָליע דער דײַטש האָבן זיך ניט אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע: דער ערשטער איז אומגעקומען הינטערן בלאָקאַדנעם לענינגראַד, דער צווייטער — ערגעץ לעם דער ווײַסלע. די מומע זשעניע האָט ביז דער „פּאָכאָראָנקע” ניט דערלעבט, און טאָליעס מוטער האָט נאָך אַלץ זיך אַרומגעשלעפּט שטיל, האַלטנדיק זיך נעענטער צום פֿאַרקן, באַ אַ יאָר צען.

מײַן שורע, אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש, האָט אַלע דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע געאַרבעט אַלס וואַלד־אופֿזעער, און ערשט פֿאַראַיאָרן האָט ער איבערגעגעבן זײַן דינסט דעם יינגערן זון, געניקן, וועלכער האָט געענדיקט אַ וואַלד־טעכניקום. און אַליין אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש האָט נאָך דעם באַדינט די וואַלדווירטשאַפֿטלעכע בינען־פּאַסעקע, אויך צײַטווײַליק, ביזוואַנען מע וועט ניט צושיקן אַ יונגן בינענציכטלער. אין וואַלד האָט געבאַלעבאַטעוועט דער זון, און אין שטוב די שוועגערן, די קלוגע און פֿרײַלעכע „בסוליכע” יאַניע. שורעס עלטערער זון סערגיי — אַ נאָמען נאָכן זיידן — אַרבעט אין מינסק אַלס אינזשעניער אַפֿן זאַוואָד פֿון אווטאָמאַטישע ליניעס. דאָס האָט ער מיך געבראַכט אַהער אייערנעכטן.

שורע און געניק זײַנען אוועקגעפֿאָרן אַפֿן מאַטאָציקל אין דער וואַלד־ווירטשאַפֿט, און איך זיץ דערווײַל אונטער דער ליפּע. ביזן פֿרישטיק בין איך געזעסן מיט דער ווענטקע באַם

טײַך, און באַלד וועל איך זיך דורכגײן אין וואַלד. כ׳בין שוין לאַנג ניט געווען דאָ. אַלץ, וואָס מיר איז באַקאַנט — דער טײַך, די ליפּעס, דער וואַלד, די לאָנקעס — האָב איך דער־שפּירט נאָכאַמאָל ווי עפּעס נײַס.

איבערן שטעג באַם טײַך גײט דעם זײדנס סאַמע גרעסטע פרייד — די בלאָנדע נאַקעטע נאַטאַשע.

דער גורל האָט מיר אויך געשענקט אַן אײניקל. אין אַ וואָך אַרום וועל איך מײַן נאַ־טעטשקע דערזען, אויך אַ פאַרברוינטע און אַ נאָך מער באַרײדעוודיקע, מיט אַ וואַרעם בעקל, צו וועלכער עס איז גוט זיך צוצירן מיטן שוין אַלטן, גרויען שלייף.

— נאַטע! נאַטעטשקע! עפּשער וועסטו צוגײן צו מיר?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט: עפּשער טאַקע צוגײן... און אָט גײט זי איבערן הויכן גראָז. דאָס קעפּל אַ ביסל העכער פון די ווײַס־געלע צעשאָטענע גרויסע ראָמאַשקעס. צוגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט, אַ פאַרברענטע, האַלב נאַקעטע, לעבן אַ פרעמדן זײדן, אַזאַ געהאָרכ־זאַמע, אַזאַ ווילע, מיט אַ שמײכל, ווי בײַ אַ דערוואַקסענער. שטענדיק אַ ביסל פון אונטערן שטערן. קײנער איז דערבײַ ניטאָ. איך נעם איר צאַרט וואַרעם הענטעלע מיט די פּיצינקע פינגערלעך. פון אָנפאַנג האַלט איך זײ בלויז אין מײַנע מוירעדיק גרויסע דלאָניעס, נאָכ־דעם קוש איך זײ, גלײַך איך וואָלט פּאַר עפּעס אָפּגעדאַנקט, און זעענדיק נאַטאַשעס שמײכל, דערמאָן איך זיך פּלוצלינג אין אַנדערע דרײַ שמײכלען.

אײנעם פון זײ האָב איך געזען אַלײן. דעם צווייטן שטעל איך זיך פאָר, און דער דריט־טער באַוווּנט זיך פון דער ווײַט.

דער ערשטער שמײכל.

אַזוי האָט געשמײכלט לענאָטשקע, מײַן פּלעמעניצע, ראָמאַנס טאָכטער. אָט שוין מיט צוויי און דרײַסיק יאָר צוריק, נאָך דער פאַרטיזאַנשטשינע, האָב איך אַ קורצע צײַט — ביזן פראָנט — געאַרבעט אין וואָיענקאָמאַט. און אײנמאָל אין האַרבסט, קומענדיק פון מילטאַטשי, האָב איך געפרעגט בײַ דער קלײנער:

— נו, טשיזשיק, ווו איז דיר בעסער באַזוכן די שול — אין וואַלד, ווו דו ביסט געווען, אָדער דאָ?

— אין וואַלד. — האָט זי זיך צעשמײכלט.

לענע פלעגט דאָרט גײן אין דער אַזויגערופענער גרינער שול, וועלכע איז געווען אונ־טער די קרוינען פון די ביימער, צי פּאַשעט אָפן גראָז אונטער דער זון. און דאָ איז איצט אין אָוסיאַניקי אַ בלאָטע, און די שול איז פאַרברענט געוואָרן. מע לערנט זיך אין אַן ענג הויז. אָט די „גרינע שול“ האָט זיך געעפנט ערעוו דער סאַמע בלאָקאַדע פון אונדזער פּאַר־טיזאַנישן וואַלד. די קינדער האָבן געלאַכט און זיך געשפּילט, אופנעמענדיק די דאָזיקע וואַלד־שול אויך ווי עפּעס אַ שפּיל.

דער צווייטער שמײכל.

דאָס שטעל איך זיך נאָר פאָר. אײגנטלעך, איז שווער אַפילע צו פאָרשטעלן זיך... ווי־אַזוי ער, דער הויפּט־טאַליען פונעם פאַרכאַפּטן כאָרעווון, פאַרבלוטיקטן ווײַסרוסלאַנד, דער שטעלפאַרטרעטער פון היטלערן פאָן קובע האָט, באַזוכנדיק דעם סאַמע געגנעם אין דער ײדישער געטאָ, געטײלט די פאַרוריטײלטע קינדער קאָנפעטן — עפּשער האָט ווער פון די קינדער זיך צעשמײכלט? מײלע, ס׳איז דאָך די הײליקע אומשולדיקײַט. עפּשער האָט אַ שמײכל געטאָן אויך יענץ קינד אָף די הענט פונעם טאַליען. קובעס אַ סאָלדאַט, ווען יענער פלעגט פריִער, אײדער אַ וואָרף טאָן נאָך אײן קינד אין פײַער פון דעם ברענענדיקן דאָרף, האַלטן אָט אַזאַ נאַטאַשע אָדער לענאָטשקע, אָדער מײַן אָליעטשקע אַ קלײנע צײַט אָף די הענט...

דער דריטער שמײכל.

ער איז געקומען פון דאָרט, ווו ס׳האָט געבליט מײַן ערשטע ליבע, ווו ס׳האָט געשמײכלט טאַניע די „לאַטישקע“... וועסט עס אַפילע ניט אָנרופן די ערשטע ליבע. ווער ווײסט... דער דאָזיקער שמײכל שטאַמט נאָך פון דאָרטן, ווו די קינדהײַט האָט געפּײַערט דעם זיג איבער די שוידערלעכקײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

און אָט איצט, אונטער דער ליפּע, האָט זיך מיר ווידער דערמאָנט: „שלאָג אים, דעם דײַטש! דערלאַנג אים, דעם דאָנערוועטער... וואָלאָדקע, וואָס ביסטו פּאַר אַ קאַזאַק?“

ער איז געשטאַנען צווישן אַן אוילעם דערוואַקסענע, מײַן מילדער וואָלאָדיע, פאַרלוירן געקוקט אָף אײנעם, אָפן צווייטן, אָף אַלעמען. אַ זיבניאָריקער יאָסעם, אַ פּריילעכער, אַ שוואַרצכײנעוודיקער, מיט אַ סימען אָפן שטערן — אַ פאַרהײלטע וווּנד. מע האָט אים גע־

שטויסן פונהינטן אין יענער זײַט, וווּ ס׳איז געשטאַנען זײַן „סוינע״, און ער האָט אײַנגע־שפּאַרט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. „דער סוינע״, נאָך אַ שוואַך יינגל — טאָליע דער דײַטש, אַ פּאַריאַגטער, פאַרומערטער און ווי אין עפּעס אַ שולדיקער, איז געשטאַנען אין דער ענגער אַרומרינגלונג פון דערוואַקסענע און קינדער, נאָך אַלץ זיך אַרומגעקוקט, זוכנדיק אומזיסט אַ לאָך אינעם לעבעדיקן פּאַרקן.

— טאָליע, האָב ניט קיין מוירע! זעסט, ער לאַכט פון דיר! אַנו, דערלאַנג!

דאָ האָט מען זיי ענדלעך אַ שטויס געטאָן אַזוי, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, מע האָט זיי געוואָרפן איינעם אויפן צווייטן, און די יאַטעלעך האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט איינער אין דעם אַנדערן. געווען איז עס אַ געשלעג, מישטיינסגעזאָגט! אַ שטופּעניש, אַן אומבאַהאָלפענע פּאָכעניש מיט די הענט, ווי הענער וואָלטן געשפּרונגען איינער אויפן צווייטן. און ווען זיי ווערן מיד און שטעלן זיך אָפּ, שטופּט מען זיי ווידער — דעם דײַטש אויפן קאַזאַק, און פאַר־קערט. און אַלע קײַכן פון געלעכטער, אַלע שרײַען, יעדערער זײַנס: „גיב אים, גיב! אָט זעסטו, שוין בלוט געלאָזט!״...

בלוט פון דער נאָז, אָדער פון ביידע נעזער, בלוט און מידקײַט האָבן פאַרענדיקט דעם געשלעג מיט געוויין. יעדערער האָט געוויינט אַזוי, ווי ער קען: וואָלאָדיע — הילכיק, עס זאָל דערהערן די מוטער, כאָטש זי איז דאָ ניט געווען, און טאָליע — שטיל, ניט אויסרעכענענ־דיק אפילע אַף דער מאַמעס ראַכמאָנעס.

טיפּשים! — האָב איך זיך געוואָלט אַרײַנמישן. — איך וועל גיין דערציילן דער מאַמען! און דו, טשעפּ־דרעפּ! איך וועל באַלד זאָגן אײַער זיידן!..

איך האָב זיך ניט געוואָרפן זיי פאַנאַנדערנעמען, ניט גענומען וואָלאָדיען פאַר דער האַנט און ניט אוועקגעפירט אים צו זיך אַהיים, איך האָב נאָר צוזאַמען מיט זיי זיך צעוויינט. איך געדענק אַפילע ניט, צי ס׳איז דאָרט געווען אונדזער ראָמאַן, דער פעטער איוואַן און שורע.

יענער ווילדער געלעכטער קלינגט נאָך ביז הײַנט אין די אויערן. און דאָס געוויין, און אומבאַהאָלפנס און פאַרצווייפלטס...

ווען ניט דאָס דאָזיקע געוויין, וואָלט איך עפּשער אין די אַלע געשעענישן ניט דערמאָנט זיך אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום...

פון ווײַסרוסיש — הירש רעלעס



# פון דער דיכטערישער ירושה

## מײַן טאַטע בויט שטיבער

מײַן טאַטע בויט שטיבער,
פון ציגל מאַכט ער ווענט,
זיי וואַקסן ווי אַף הייוון
אונטער זײַנע הענט.

אַ שורע נאָך אַ שורע,
און אַז מע קומט פון ווײַט,
דאַכט זיך אויס, מײַן טאַטע
אַ בריוו אַ גרויסן שרײַבט.

און זאָלן מענטשן וויסן
און איבערלייענען קלאָר:
די שטוב איז אויסגעבויט
אין פופציק זעקסטן יאָר.

און אונטן שטייען כסימעס,
פונקט ווי אַף פּאַפּיר,
דעם גלעזערס — ווי אַ פענצטער,
דעם סטאָליערס — ווי אַ טיר.

## אַן אומעטיקער טאָג

ווי אומעטיק דער טאָג איז הײַנט,
עס נאָגט אזש בײַ דעם האַרץ —
נאָרוואָס עס האָט דערטרונקען זיך
אַ לעפל אינעם אײַנגעמאַכטס.

נאָכדעם אין אַ קאַליושע
די שיך מײַנע, וואָס סקריפּען,
ווערן נאַס און הייזעריק
און קוים מע הערט זיי כליפּען.

געוואַלט דעם קאָטער באָדן —
קוויטשעט ער און קראַפּעט...
די שיסל איז צעבראָכן
די הענט זײַנען צעדראַפּעט.

שוין ליגנדיק אין בעטעלע,
שוין צוגעגרייט זיך שלאָפן,
דערזען האָב איך אַ שטערנדל,
נאָר עס איז באַלד אַנטלאָפן.

## אין קלייט פון שפּילעכלעך

באַשטימט האָט דער זיידע
דעם אייניקל זײַנס
אַ פערדעלע קויפן
אַ פײַנס.

די קאָפּיטע שוואַרץ,
די גריווע, ווי לײַן.
אַזוינס ווי אַזעלכס
זאָל דאָס פערדעלע זײַן.

איז אָבער דעם אייניק
דאָס פערדעלע קאַרג,
אַ לייטערל וויל ער
אַף שטעלן צום באַרג.

דעם הימל אַ גלעט טאָן,
די וואָלקנס, וואָס לויפן.
אַ לייטערל, בעט ער,
דער זיידע זאָל קויפן.

שמייכלט דער זיידע:
אַ קינד טראַכט דיר אויס —
קויפן איז קויפן,
און מיילע, און אויס.

איז אָבער דעם אייניק
געפעלן געוואָרן
אַ בריק, ווי אַ צאַצקע,
אַן אַ כיסאָרן.

טאָמער אַ באַרג־טײַך —
קאָן מען זי שפּרייטן,
קאָן מען אַריבער
פון איין ברעג צום צווייטן.

שמייכלט דער זיידע:
וואָס זאָגט איר דעראָף?
קויפן איז קויפן,
אַן עק און אַ סאָף.

אַבער דער אײניק
לאָזט ניט צורו.
אַ ביקסל מיט שרויטן
ער דאַרף נאָך דערצו.

טאָמער אַ בארג־וואלד,
אַ לעמפּערט אַ קײַסן,
ער קאָן דאָך מיך, זיידע,
אַף שטיקלעך צערײַסן.

שמייכלט דער זיידע:
וואָס טוט מען אצינד?
קויפט אים אַ ביקסל,
אַ קינד איז אַ קינד.

צווי טרערן באַם אײניק
אין אויגן זיך שטעלן:
אַ נײַער לאַמטערן
דעם קינד איז געפעלן.

— קויף אים מיר, זיידע,
אָן אים איז אַ שרעק,
זאָל ער מיר שײַנען
און לויכטן אין וועג.

— ניין, — זאָגט דער זיידע
צום אײניקל זײַנעם, —
אַ כאַוועראַ גוטער
דײַן וועג וועט באַשײַנען.

נאָר קײנער פאַרקויפט ניט
קיין כאַוועראַ פאַר געלט,
ניטאָ אַף קיין כאַוועראַ
קיין פרײַז אַף דער וועלט.

## מײַן גערטעלע

האָב איך מיר אַן ערטעלע,
מאַך איך דאָרט אַ גערטעלע.

באַ דער סאַמע־סאַמע וואַנט,
מיט אַ פּאַרקאַן אַפּגעצאַמט.

דאָס קעלבל זאָל ניט לעקן,
די ציג זאָל דאָ ניט שמעקן.

די הינער און דער בייזער האָן
שאָדן זאָלן דאָ ניט טאָן.

בלויז דעם רעגנדל מע מעג
אַנווײַזן אַהין דעם וועג,

ווי מע קומט צום ערטעלע —
באַגיסן אונדזער גערטעלע.

אין אַ ווײַט־ווײַט ערטעלע,
האָב איך מיר אַ גערטעלע.

ניט קיין באַרן ניט קיין פלוימען —
דאָרטן וואַקסן טרוימען.

* * *

דעם געלן קאָטער, דער שוואַרצער קאַץ
איז פּלוצעם אַזאַ מינס געפעלן —
זיי קומען צו גיין צום פאָטאָגראַף, דעם האָן,
אַ מישפּאָכע־פּאָרטרעט זיך באַשטעלן.

דער געניטער פאָטאָגראַף האָט איידל און פײַן
פאַר יעדן אַ בענקל באַוואָרנט.
דעם קאָטער פון רעכטס, לינקס — פאַר דער
קאַץ,
דעם זון און דער טאָכטער — פון פאָרנט.

אַזוי ווי דער קאַטשקע, אַזוי ווי דער גאַנדז,
דעם אינדיק מיט זײַנע קאָרעלן,
אַזוי ווי דער גאָנער, אַזוי ווי דער האָן
אַנומלט געוועזן איז געפעלן.

אָט זיצט שוין דער קאָטער אין זײַן פעלערינע,
די קאַץ אין אַ ראָטאָנדע — גרויסאַרטיק.
די קעצלעך פון פאָרנט. גרייט דער שפּאַקטיוו
אַ קוועטש, און די קאַרטע איז פאַרטיק.

נאָר דאָ האָט געטראָפן אַן אומגליק דעם האָן —
אַ זאָג טאָן באַדאַרפט האָט ער: „זעט,
אַ פייגעלע פליט"... און זײַן אַפּאַראַט
געוועזן איז שוין ראַטעווען שפּעט.

## עסטערל מײַן שוועסטערל

איי איז דאָס אַ מיידעלע,
מיט אַ פריילעך אייגעלע,
אַפן האַלדז אַ בענדעלע,
און אַף דעם אַ בייגעלע.

עסטערל מײַן שוועסטערל,
קוקט זי נאָר אָן —
זי קוקט אַף מיר און שמייכלט
און ווײַזט דעם ערשטן צאָן.

**ליטעראַטור-קריטיק**
**ביבליאָגראַפיע**
**פראַגן פון קונסט**

מ ו י ש ע  ג י צ י ס

# די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע

(איבערבליק)

מע קען ניט אַף זיכער אָנווײַזן, אין וועלכן ווינקל פון דײַטשלאַנד עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון ייִדיש, מיר קענען אָבער אָנווײַזן אַף די לענדער, וווּ דאָס לאָשן „זשאַרגאָן" האָט אין משך פון אַרום אַכט הונדערט יאָר עקזיסטירט, צעוואַקסן זיך, צעבליט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ליטעראַטור און דערקלערט געוואָרן אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך — ייִדיש.

אָבער איידער דער „זשאַרגאָן" איז געוואָרן „ייִדיש", איז ער שוין, נאָך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, פון אייראָפּע — פון רוסלאַנד, איבערהויפּט פון בעסאַראַביע, פון פּאָדאָליע, פון קיִעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס, אויך פון דער בוקאָווינע, פון גאַליציע, און איבערהויפּט פון פּוילן און רומעניע, — אַריבערגעבראַכט געוואָרן איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, צו צאָפן־ און דאָרעם־אַמעריקע, צו די פאַראייניקטע שטאַטן, צו קאַנאַדע, צו מעקסיקע, צו אַרגענטינע.

דאָס ייִדישע פאָלק (מערסטנס דאָס אַרבעטער־פאָלק) האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געלעבט, געמוטשעט זיך, געמערט זיך; מ׳קאָן זאָגן, אויפגעשטעלט אַ פאַרצווײַגטע קליידער־אינדוסטריע; אָן אַ שיר קלענערע פאַכן און קאָמערץ־געשעפטן; און ווי דורך עפּעס אַ וווּנדער געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע ייִדישע קולטור מיט אַ רײַכער פּרעסע, מיט טאַלאַנטירטע שרײַבער, מיט באַרימטע בינע־קינסטלער — מ׳קאָן זאָגן אין אַ זייער קורצן פּעריאָד, אין אַזעלכע זעכציק־זיבעציק יאָר, ביז עס האָט זיך אין אייראָפּע צעפלאַמט די ערשטע וועלט־מילכאָמע, ביז עס האָבן אַ הילך געטאָן די אומפאַרמײַדלעכע רעוואָלוציעס; שפּעטער — די צווייטע וועלט־מילכאָמע, מיט דעם נאַציזם, מיט דעם כורבן, וואָס האָט פאַרשניטן אַ דריטל פון דעם ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע. די אומבאַשרײַבלעכע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע און אומדירעקט אויך אין אַמעריקע האָט געפירט צו אַ פאַרשנעלערונג פון דעם, ווי עס ווײַזט אויס, אַזוי אויך פאַרשטענדלעכן פּראָצעס פון דער דעזינטעגראַציע פון דער קולטור אין ייִדיש אין אַמעריקע. און באַ דעם וואָלטן מיר עפּשער געקאָנט זיך אָפּשטעלן און אַ זאָג טאָן, ווי מ׳זאָגט אַף אַמעריקאַניש: (that's it) אָבער מיר קענען ניט, און מיר וועלן עס ניט זאָגן. וועלן מיר גיין ווײַטער מיט אונדזער איבערבליק. מיר וועלן זיך ניט אַרײַנלאָזן טיפער אין די סיבעס פון די עמיגראַציעס — אונדזערע היסטאָריקער און פאָרשער האָבן דאָס געטאָן. מיר ווייסן אָבער, אַז אויך פּאָליאַקן, איטאַליענער, גריכן, שוועדן, נאָרוועגער און אירלענדער האָבן זיך דאָ געקאָנט פאַרמעסטן אין צאָל מיט די ייִדישע אימיגראַנטן. מיר מוזן אָבער פעסטשטעלן, אַז צוליב די עמיגראַציעס און צוליב דער נאַטירלעכער פאַרמערונג האָבן מיר דאָ אין צאָפן־אַמעריקע דערגרייכט די צאָל פון אַרום זיבן מיליאָן ייִדן.

די זיידעס און עלטערזיידעס פון די דאָזיקע איצטיקע אימיגראַנטן, ווען זיי זײַנען אין די 70־ער און 80־ער יאָרן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט געוועזן די פּיאָנערן, זײַנען געקומען מיט זייער אַלטער ירושע, מיט זייער

רעליגיע, מיט זייער שפראך „זשארגאָן“, מיט וועלכער זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און מיט וועלכער זיי זײַנען געשטאָרבן. ווילנדיק, צי אפילע ניט ווילנדיק, האָבן זיי געהאלטן און געטראָגן מיט זיך פאר צוויי, דרײַ, מ׳קאָן זאָגן אפילע פאר פיר דורעס די דאָזיקע יערושע, ביז עס איז געקומען צום איצטיקן דאָר, וואָס אויב ער האלט זיך נאָך אלץ בא דער רעליגיע־יערושע, וויל ער שוין מער ניט די „אָרעמע“, ווי ער מיינט, א ניט נייטיקע שוין פאר אים זשארגאָניש־ייִדישע יערושע, מיט וועלכער ער האָט זיך דורך אלע יאָרן געשעמט.

מ׳קאָן זאָגן, אז די אײַנגעשטעלטע פּיאָנערישע ייִדישע קולטור פון יענע יאָרן, פונעם סאָף פון 19־טן יאָרהונדערט, האָט זיך איבערגעגאָסן צו דעם אָנהייב, צו די ערשטע צענדליק יאָרן פון 20־סטן יאָרהונדערט, אויסמישנדיק זיך און צעוואקסנדיק זיך מיט דער נײַער „ייִדיש“ קולטור, וואָס די נײַע עמיגראציע האָט געבראכט מיט זיך. איז לאָמיר א קוק טאָן, לאָמיר זען און דערמאָנען זיך, ווער עס זײַנען געווען די פּיאָנערן פון די 60־ער און 80־ער יאָרן; לאָמיר אונטערפירן א כעזשבן וועגן יענע היסטאָרישע שוין יאָרן. ניין, ניט א „כעזשבן“. א כעזשבן וואָלט געווען צו ברייט און צו טיף אין פארנעם. לאָמיר זאָגן: עס ווילט זיך דאָ ברענגען א לויפנדיקן, קאָמפּאקטן איבערבליק פון דעם, וואָס מיר, די פארבליבענע, האָבן געקאָנט אָבסערווירן, פון דעם, וואָס מיר האָבן אײַנגעזאפט; וועגן דעם, וועגן וועלכן מיר האָבן געלייענט, נאָכגעזוכט, פארגעדענקט (אויך דורך פערזענלעכער באקאנטשאפט, קאָנטאקטן מיט די אָנגעזעענסטע דיכטער, שרײַבער און קינסטלער זינט 1911).

עס האנדלט זיך דאָ ניט אין זיכרוינעס, צי אימפרעסיעס. עס האנדלט זיך, ווי ווײַט מעגלעך, אין פאקטן. פאקטן, פון וועלכע אייניקע זײַנען שוין פארגעסן. זיי זײַנען אָבער ארײַן אין די ביינער פון דער געשיכטע, אין דעם גאנצן לײַב־און־לעבן פון די פארבליבענע נאָך דאָ און דאָרט שרײַבער און דיכטער, ווען אפילע א גרויסער טייל פון דעם איז שוין געוואָרן „לעגענדע“, און לעגענדע מיינט אָפט איבערטרײַבונג, פארשענערונג, פאנטאזיע אפילע; ווען א גאָר גרויסער טייל שרײַבער, און, מערסטנס, פארשטייט זיך, לייענער, וואָס שטיצן זיך אָף די מיינונגען פון די שרײַבער, האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זען, דאָ און דאָרט, די דילעטאנטישקײַט, די ניטדערוואקסנקײַט, אומרײַפקײַט און אומקינסטלערישקײַט בא אייניקע דיכטער און שרײַבער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָף די וועגן צום ייִדישן ליטעראַרישן פארנאס (אויך אין אנדערע, רײַכערע ליטעראטורן האָט מען געקאָנט און מ׳קאָן דאָס באמערקן).

איך וויל דאָ קלאָר מאכן, אז איך נעם זיך ניט אונטער צו מאכן אן אויסוואל און אָפּשאצן די דיכטער און שרײַבער לויט זייער וויכטיקײַט און לויט זייער ווערט אין דער ייִדישער ליטעראטור, איבערהויפט, ווען דאָס ווערט ניט אָנגענומען בא די שרײַבער און בא די בעסערע לייענער אלס די ריכטיקע מאָס. אויב מיר וואָלטן געשמועסט וועגן דער וויכטיקײַט פון זייער בײַטראָג, וואָלטן גלײַך געמוזט ארויסשווימען די געדאנקען: אין וואָס פאר א שײַן פּרובירן מיר אופנעמען זייער בײַטראָג? אין דעם ליכט פון זייער פּיאָנערישקײַט אין יענע ערשטע יאָרן פון זייער עמיגראציע, צי אין דעם ליכט פונעם הײַנטיקן טאָג? איז עס גענוג צו פארמאכן די אויגן אָף זייער קונסט און בלויז זאָגן: זיי זײַנען פּיאָנערן — און דאָס וועט מאכן אלץ קלאָר און פארשטענדלעך. וואָס איז די ריכטיקע מאָס פאר דעם? ווער קאָן זײַן דער קאלטבלוטיקער דיאגנאָסטיקער אָפּצושאצן זיי אָן כויזעק און אָן סענטימענטן?

איז וועלן מיר צוגיין (ווען איך זאָג „מיר“, מיין איך זיך און די לייענער) צו דער שטארק געקירצטער רעשימע פון נעמען, אָנהייבנדיק פון די פּיאָנערן פון די 70־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, ביז מיר וועלן קומען צו אייניקע שרײַבער־עמיגראנטן פון די 40־ער יאָרן פון 20־סטן יאָרהונדערט. די נעמען זײַנען נאָך בא אייניקע פון אונדז אין זיקאָרן, און זיי זײַנען אונדז נאָך גוט באקאנט אפילע מיט זייער שאפן. מיר וועלן אָנווײַזן, ווי נאָר מעגלעך, ווען זיי זײַנען געבוירן געוואָרן, ווען זיי זײַנען געשטאָרבן און ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין די „פאראייניקטע שטאטן“.[1]

| | | | |
|---|---|---|---|
| אימבער נאפטאָלי | (1856—1909) | אין פשא | 1892 |
| באָוושאָווער יויסעף | (1872—1915) | „ „ „ | — 1891 |
| באראָנדעס יויסעף | (1863—1929) | „ „ „ | — 1888 |
| באבאד נאָכעם | (1872—1903) | „ „ „ | — 1889 |
| גאָלפאדן אווראָם | (1840—1908) | „ „ „ | — 1887 |
| גאָרדין יאקאָוו | (1853—1909) | „ „ „ | — 1891 |
| דיינארד עפראִים | (1846—1930) | „ „ „ | — 1888 |
| הארקאווי אלעקס | (1863—1939) | „ „ „ | —1882 |
| הילקוויט מאָריס | (1870—1933) | „ „ „ | — 1887 |
| ווינער לעאָ | (1862—1939) | „ „ „ | — 1882 |
| וויערניק פערעץ | (1865—1936) | „ „ „ | — 1885 |
| ווינטשעווסקי מאָריס | (1856—1932) | „ „ „ | — 1894 |
| זיסקינד מאָריס | (1872—1958) | „ „ „ | — 1889 |
| זאָלאָטאריאָוו הילעל | (1865—1921) | „ „ „ | —1882 |
| זעליקאָוויטש געצל | (1863—1926) | „ „ „ | — 1881 |
| טאָמאשעווסקי באָריס | (1866—1939) | „ „ „ | —1882 |
| יאנאָווסקי ש. | (1864—1939) | „ „ „ | — 1885 |
| יעהויאש | (1870—1927) | „ „ „ | — 1890 |
| לאטיינער יויסעף | (1853—1935) | „ „ „ | — 1883 |
| ליבין ז. (ייִסראָעל־זאלמען הורוויץ) | (1872—1955) | „ „ | 1892 |
| ליעסין אבראם | (1872—1938) | „ „ „ | 1891 |
| לעאָנטיעוו מ. | (1872—1939) | „ „ „ | 1891 |
| מארגאָשעס יויסעף | (1866—1955) | „ „ „ | 1898 |

[1] „איקוף־אלמאנאך“, ניו־יאָרק, 1961, זז. 551—562.

| | | | |
|---|---|---|---|
| מילך יאַקאָוו | (1945—1866) | " " " | 1891 |
| מילער לוּיִס | (1927—1866) | " " " | 1886 |
| מאַץ מײַקל | (1912—1858) | " " " | 1883 |
| נאַדיר מוישע | (1943—1885) | " " " | 1898 |
| סאָבעל יאַנקעוו־צווי | (1913—1831) | " " " | 1875 |
| סלאָנים יויעל | (1944—1883) | " " " | 1885 |
| סמאָלענסקי אויזער | (1931—1863) | " " " | 1893 |
| עדעלשטאַט דאָוויד | (1892—1866) | " " " | 1882 |
| ענטין יויעל | (1959—1874) | " " " | 1891 |
| פּינסקי דאָוויד | (1959—1872) | " " " | 1899 |
| פישמאַן יאַנקעוו | (1947—1878) | " " " | 1890 |
| צונזער עליאָקום | (1913—1836) | " " " | 1889 |
| קאָברין לעאָן | (1946—1872) | " " " | 1892 |
| קאַהאַן אייב | (1951—1860) | " " " | 1882 |
| קראַנץ פיליפּ | (1922—1858) | " " " | 1890 |
| ראָבאַק אווראָם־אַרן | (1965—1890) | " " " | 1892 |
| ראָזענפעלד מאָריס | (1923—1861) | " " " | 1886 |
| ראָלניק יויסעף | (1955—1879) | " " " | 1899 |
| רויזענבלאַט ה. | (1956—1878) | " " " | 1891 |
| שאָמער (נ. מ. שײַקעוויטש) | (1905—1850) | " " " | 1889 |
| שאָר אַנשל | (1942—1871) | " " " | 1900 |
| שוואַרץ מאָריס | (1960—1887) | " " " | 1899 |
| שמולעוויטש שלוימע | (1943—1868) | " " " | 1891 |

אַפילע אַ שטאַרק געקירצטע, איז עס דאָך אַן אימפּאָזאַנטע רעשימע פון די פּיאָנערן. די רעשימע פון יענע דיכטער און שרײַבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע אין די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר פון 20־סטן יאָרהונדערט וואָלט געווען צוואַנציק צי עפּשער אַלע פופציק מאָל גרעסער, ווי די רעשימע פון די פּיאָנערן־שרײַבער, און עפּשער אויך מער אימפּאָזאַנט. מיר וועלן אָבער אַ צווייטע רעשימע ניט ברענגען. די דאָזיקע דיכטער און שרײַבער וועלן, נאַטירלעך, דערמאָנט ווערן אין פאַרבינדונג מיט די באַרירטע אינעם אַרטיקל אַספּעקטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פאַר אייניקע וועט די רעשימע אויסזען עפּשער איבעריק, ווי אַ צעטל נעמען פון אוועקגעגאַנגענע דורך די יאָרן, און דאָ און דאָרט נאָך איבערגעבליבענע איידעס פון אַן אונטערגייענדיקער, באַם סאָף פונעם 20־סטן יאָרהונדערט, ייִדישער ליטעראַטור־עפּאָכע. מיר קענען אָבער זאָגן, אַז אַפילע בלויז דורך דעם פּראָצעס פון אָנשרײַבן און דורכלייענען די שורעס פון אַלע דערמאָנטע אין דער רעשימע, דערזעען מיר די רייען פון די שעפער, וואָס האָבן צוגעטראָגן אַן אויצער פון דיכטונג און טיף געשילדערטער פּראָזע, די פּאַטריאַרכן, פּאַשעטע פאָלקס־טיפּן, אַרבעטער, סאָציאַליסטן, פילאָסאָפן, היסטאָריקער... און עס לויפט דורך פלוצעם אין מויעך אַ שורע פון פּושקינס אַ ליד:... «Я памятник себе воздвиг нерукотворный»..

די ליטעראַטור אין ייִדיש איז דער דענקמאָל, וואָס די אוועקגעגאַנגענע און נאָך פאַרבליבענע שעפער האָבן אוועקגעשטעלט. וואָדע זײַנען שוין אין די 80־ער יאָרן, אַזעלכע שרײַבער, וואָס האָבן געלעבט און זײַנען געשטאָרבן אין דער „אַלטער היים“, ווי י. אַקסנפעלד, אַ. גאָטלאָבער, ייִצחאָק־מייער דיק, מאָרדכע ספּעקטאָר,— אוואַדע זײַנען זיי אין „קאָלומבוסעס מעדינע“ געווען ווייניק באַקאַנט, אָדער אינגאַנצן אומבאַקאַנט דעם קלאַס אימיגראַנטן און אַפילע דער פּרעסע, וואָס האָט שוין, מער אָדער ווייניקער, געהאַט צו טאָן מיטן דעמלטיקן שטייגער־לעבן אין די ייִדישע געטאָס פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, טשיקאַגאָ— מיט די „סוועט־שעפּער“ און עפּשער אויך מיט דעם טעאָריעלאָזן סענטימענט פאַר דעם דעמלטיקן באַגריף פון סאָציאַליזם צווישן די אָרעמע אימיגראַנטן, פאַר וועלכן אַן 8־שאָיִקער אַרבעטס־טאָג איז געווען די קולמינאַציע פון אַלע דערגרייכונגען.

די רעליגיִעז־אָרטאָדאָקסישע ייִדן זײַנען פון שטענדיק אָן געווען קעגן סעקולערער (וועלטלעכער) ליטעראַטור, קעגן „ביכלעך“, וואָס זײַנען געווען טרייף, ניט צו פאַרמישן מיט די „הייליקע ספאָרים“. זיי, די אָרטאָדאָקסן און אַפילע האַלבע מאַסקילים האָבן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן באַ די הייליקע ספאָרים, די סידורים, מאַכזיירים, זיך געהאַלטן מיטן טאַנאַך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים. עס האָבן אָבער אויך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס אין לעבן, אין דער פּרעסע און ליטעראַטור די פּאָטענציִעלע, שאַפנדיקע און אַרבעטנדיקע באַ אַלערליי מעלאָכעס, דיכטער און שרײַבער, וואָס האָבן מיט יאָרן שפּעטער דערגרייכט זייער הויכן ניוואָ און וועלכע אויף די עלטערע שרײַבער דאָ אין אַמעריקע און אויך אין אייראָפּע האָבן געקוקט מיט כויזעק און מיט שפּאָט.

אוואַדע האָבן די אויפגעקומענע דאָ יונגע דיכטער און שרײַבער געוווּסט און געהערט וועגן די דעמלט נאָך ניט „לעגענדאַרישע“ מענדעלע מויכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, אייגנטלעך, ניט נאָר געוווּסט, נאָר אויך געלייענט און אַפילע באַווירקט געוואָרן פון זיי — די פּרעסע פלעגט דאָ איבערדרוקן זייערע ווערק.

די הויפּט־הערשערן אויף דער „ייִדישער גאַס“ איז דעמלט געווען די פּרעסע — די פּאַפּירענע טעריטאָריע פון די געקומענע גרינע און אויך רײַפע שרײַבער, וועלכע האָבן וועןניט־וועןן געגעבן די געלעגנהײַט אויך אַ יונגן דיכטער אָפּצודרוקן זײַנע אַ ליד. פון דאָרט, פון דער פּאַפּירענער מעלוכע, האָבן די דעמלטיקע אײַנגעזעסענע שוין שרײַבער פאַרשפּרייט זייער וואָרט, זייער ליטעראַטור, זייער אײַנפלוס אויף דער ייִדישער „איסט סײַד“ — אויף די טענעמענט־הײַזער פון דער געטאָ, אויף די אָרעמע, עקספּלואַטירטע אַרבעטער פון די „סוועט־שעפּער“.

די פּאָפּולערסטע און ביז הײַנטיקן טאָג אָנערקענטע און באַקרוינטע נאָך פון דעמלט אַלס פּראָלעטאַרישע דיכטער, זײַנען געווען

מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דאָ־
וויד עדעלשטאַט און יויסעף באָוושאָווער. אין
דער פּראָזע: לעאָן קאָברין און ז. ליבין —
דער פּיעסן־שרײַבער, דערציילער מיט א
סטרונעלע פון א הומאָריסט אין זײַן שרײַבן.
אלע זײַנען זיי געווען אליין אויך עקספּלואַ־
טירטע אף זייערע געמוטשעטע וועגן צו די
הערצער פון זייערע לייענער. דער דיכטער
ה. לייוויק (1888—1963) האָט אין זײַן דראמע
„דער בלינדער פּאָעט" (1934) געשילדערט
מאָריס ראָזענפעלדן אין זײַן בלינדקײַט (איי־
ניקע שרײַבער פון יענער צײַט האָבן כוישעד
געווען, אז ער, ראָזענפעלד, סימולירט עס).

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז ניט אלע
צײַטונגען האָבן פון זייערע פלאטפאָרמעס גע־
פּריידיקט די הויכע אידייען פון מענטשלעכקײַט
און גערעכטיקײַט. עס זײַנען געווען אויך פּינצ־
טערע ווינקלען, פונוואנען די שרײַבער האָבן
געפּריידיקט די אלטע פינצטערע באגריפן
וועגן א מאָראל פון יוישער אף די יעסוידעס
פון בלינדן גלויבן אין עפּעס א דערלייזער,
עפּעס א מאָשיעך. אין דער פּאָעזיע און אין
דער פּראָזע איז נאָך געווען און פארבליבן
בענקשאפט נאָך דעם שטעטל, נאָך דעם אלט־
קאָשערן, טראדיציאָנעלן, נאָך דער אָרעמקײַט
אפילע; נאָך די עלטערזיידעס, די באָבעס, די
טאטע־מאמעס, שוועסטער, ברידער, מומעס;
נאָכן כיידער, רעבן, ראָוו, שויכעט, יעשיווע,
באָד און מיקווע. די טעמעס זײַנען געווען, ווי
ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אייביק בא די ייִדישע
דיכטער און שרײַבער. עס איז, עמעס, געווען,
פונוואנען באווירקט צו ווערן: שאָלעם אש
(1880—1957) האָט מיט זײַן „שטעטל" דער־
פירט די ייִדישע פּראָזע צו קלאסיציזם (ס'איז
געזאָגט ניט פון דעם שטאנדפּונקט פון נעגאַ־
ציע).

אין דער זעלבער צײַט איז אינטערעסאנט
צו לייענען, וואָס דער שריפטשטעלער ב. גאָ־
רין (1868—1925, געקומען קיין אמעריקע איך
1894) האָט געשריבן אין דער „צוקונפט" אין
1902 וועגן די פּיאָנערן־שרײַבער און וועגן דער
פּרעסע: „די ייִדישע ליטעראטור אין אמעריקע
איז די אָרעמסטע צווישן ייִדן. קיין ייִדישע
שרײַבער, וואָס האָבן זיך אנטוויקלט אף דעם
פרײַען אמעריקאנער באָדן, האָבן מיר ניט.
קיין אָריגינעלע ייִדישע ווערק, מיט דעם אויס־
נאַם פון א פּאָר דינינקע ביכלעך, זײַנען דאָ
ניט געשאפן געוואָרן. אלץ, וואָס מיר געפי־
נען דאָ, איז איבערגעזעצט, איבערגעמאכט,
איבערגעניצעוועט און איבערגעדרוקט" (אָן
קאָמענטארן).

די דיכטער און שרײַבער אין אָנהייב פון
20־סטן יאָרהונדערט האָבן שוין אָנגעהויבן אָנ־
צורירן דאָ און דאָרט די טעמאטיק פון זייער
נײַער היים, פון „קאָלומבוסעס מעדינע". זיי
האָבן, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, ניט גע־
קאָנט באהערשן די סוויוועס ארום די געטאָס;
זיי זײַנען נאָך געווען „גרין". מ'האָט נאָך אלץ
געזונגען „א בריוועלע דער מאמען", „די גריי־
נע קוזיניע" און לידער פון „שולאמיס" און
„באר־קאָכבא"; און מ'האָט ניט געוווסט, וויאזוי
צו נעמען זיך און ארײַנקוקן אין דעם לאנד
מיט די אָרטיקע פּראָבלעמען. אויב מ'האָט יאָ
אופגענומען די נײַע טעמאטיק, ווי די שעפער,
וועלכע זײַנען געווען פולקאָם אמעריקאניש,
איז זי אָבער שוין אויך פארייִדישט געוואָרן
אין דער געטאָ. און ס'זײַנען נאָענט און פאר־
שטענדלעך מאָריס ראָזענפעלדס לידער „די
אײַנשווערונג", „צי ס'וועט שאפן", „דער בליי־
כער יעפרייטאָר", „מײַן ייִנגעלע" — לידער,
אויב אפילע פּראָלעטארישע, אָבער נאָך אלץ
מיט דעם ספּעציפישן ייִדישן געטאָ־טאָן און
קרעכץ. עס האָט אָבער שוין אויך שאָלעם אש
(אין 1918) געבראכט נעענטער צו די אימי־
גראנטן די ספּעציפיש ייִדישע סאָציאל־עקאָנאָ־
מישע פּראָבלעמאטיק דורך זײַן ראָמאן „אָנקל
מאָזעס", און אײַזיק ראבאָי האָט געגעבן א
בליק אף דער געטאָ־סוויווע מיט זײַן ראָמאן
„איז געקומען א ייִד קיין אמעריקע". אין די
20־ער יאָרן, ווען שאָלעם אש האָט אָנגעשריבן
זײַן „קידעש־האשעם" און יויסעף אָפּאטאָשו
„אין די פּוילישע וועלדער", האָבן שוין אָנגע־
הויבן צו באווײַזן זיך ווערק אף די טעמעס
פונעם לאנד און פון די מענטשן פונעם לאנד.
י. י. שווארץ איז געקומען מיט זײַן „קענטאָ־
קי", באָרעך גלוזמאַן — מיט „אף די פעלדער
פון דזשאָרזשיִא", אײַזיק ראבאָי — מיט „א
ייִדישער קאָוובאָי", און „א פּאס באם יאם" און
טאקע ווידער שאָלעם אש, יויסעף אָפּאטאָשו,
דאָוויד איגנאטאָוו און א גאנצע ריי אנדערע
דיכטער און שרײַבער.

ס'איז אומעגלעך, פארשטייט זיך, אפילע
אין א גרויסער ארבעט אָפּצושטעלן זיך גענוי
און ארויסברענגען גענוי די אומגעהייער פאר־
פלאָנטערטע, קאָנטראָווערסיאלע, מיט טויזנטער
שוואכע פעדעם געבונדענע אספּעקטן אין דעם
פּראָצעס פון אופשטעלן דאָ אין אמעריקע א
ליטעראטור און קולטור צווישן אזוי פיל עט־
נישע מינאָריטעטן, א ליטעראטור און קולטור,
מיט וועלכע מ'זאָל זיך ניט דארפן שעמען.
ס'איז פארשטענדלעך, און מע קאָן זיך פאָר־
שטעלן, וויאזוי די פּיאָנערן, אפילע די גלייבנ־
דיקע אין זיך און דאָך ניט דערפארענע, אומ־
באהאָלפענע און נאיווע דילעטאנטן, האָבן בא־
דארפט קעמפן פאר אנערקענונג, פאר די רעכט
געהערט צו ווערן, און ווי שווער עס זײַנען
געווען די טעג און די נעכט אף די וועגן צו
זייער באַרוף און צו די טירן פון די רעדאַק־
ציעס, ווו עס זײַנען שוין געזעסן די אליין־
געקרוינטע הערשער פון דער פּרעסע. עס איז
געווען א שווערער קאמף, ניט נאָר אריבער־
צושפּאנען די שוועלן, עס איז געווען א קאמף
אפילע מיט זיך אליין, — אין וועלכער „קול־
טור־פעסטונג" אוועקצושטעלן דײַן קרעדאָ,
דײַן טאלאנט, ניט צו פארקויפן זיך, נאָר צו
זײַן און פארבלײַבן א פרײַער שאפנדער
מענטש. דער שטארקסטער צאָרן און דער
שטארקסטער אָנגריף פון די דיכטער און

שרײַבער איז געפאלן אף די רעדאקציעס און רעדאקטאָרן פון די צײַטונגען.

עס זײַנען אין אָט די יאָרן דערשינען צענדליקער צײַטונגען און זשורנאלן. געווען זײַנען אזעלכע רעדאקטאָרן, וואָס האָבן ארופגעלייגט זייער כאראקטעריסטישן שטעמפּל סײַ אף דער צײַטונג, צי זשורנאל און סײַ אף די לייענער. די מערהײַט צײַטונגען זײַנען אָט דערשינען און אָט פארשווּנדן. צו דערמאָנען בלויז אייניקע (ניט כראָנאָלאָגיש): „די ווארהײַט", „דער וועגווײַזער", „דער פאָלקס־אדוואָקאט", „צײַט־גײַסט", „דער טאגעבלאט", „ניו־יאָרקער ייִדישע שטימע", „פאָלקס־צײַטונג", „די ארבעטער־צײַטונג" — אלע זײַנען מיט דער צײַט פארשווּנדן. אונטערגעגאנגען זײַנען אויך „טשיקאגער ייִדישער קוריער" (פון די עלטסטע צײַטונגען אין לאנד), „פילאדעלפיער ייִדישע וועלט", די וואָכן־צײַטונגען „דער קונדעס", „ניו־יאָרקער וואָכנבלאט".

אָט זײַנען די אײַנפלוספולע, די ווירקנדיקע, וואָס זײַנען דערגאנגען ביז די פופציקער—זעכציקער יאָרן און זײַנען שפּעטער פארמאכט געוואָרן: „דער טאָג" — אונטער דער רעדאקציע פון א. מארגאָשעס, די „באלעבאטישע" צײַטונג מיט אן אויסגעצייכנטן פערסאָנאל פון זשורנאליסטן־פּובליציסטן, דיכטער, דערציילער, קריטיקער, דער „מאָרגן־זשורנאל" — די אָרטאָדאָקסישע צײַטונג אונטער דער רעדאקציע פון פ. וויערניק. אויך מיט אן אויסגעצייכנטן פערסאָנאל פון זשורנאליסטן, דערציילער און קריטיקער.

די פארבליבענע:

„פאָרווערטס" — א סאך יאָרן אונטער דער רעדאקציע פון אייב קאהאן — א רעדאקטאָר־זעלבסטהערשער, מיט כאראקטער, געוווּסט, וואָס ער וויל — מיט זײַנע פאָזיטיווע און נעגאטיווע שטריכן. אין די בליִונגס־יאָרן האָט דער „פאָרווערטס" געהאט א צירקוליאציע פון 250 טויזנט. קאהאנס שטול האָט דערנאָך פארנומען דער מילדערער אוילעל ראָגאָף. איצט ווערט דער „פאָרווערטס" רעדאגירט פון ש. וועבער. די צירקוליאציע, ווי זיי גיבן עס אָן, איז איצט ארום 42 טויזנט.

די „מאָרגן־פרײַהײַט" — אריבערגעשפּאנט די 50 יאָר. דער ערשטער לאנגיאָריקער רעדאקטאָר איז געווען מוישע אָלגין (1939—1978). די צאָל עקזעמפּליארן אין יענע יאָרן — 50 טויזנט, איצט — אונטער דער רעדאקציע פון פ. נאָוויק — ווערט אָנגעגעבן א טיראזש פון ארום זיבן טויזנט.

פון די וואָכנבלעטער דארפן דערמאָנט ווערן: די „פרײַע ארבעטער־שטימע" (וועלכע איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אונטערגעגאנגען אין עלטער פון איבער 80 יאָר; איר ערשטער רעדאקטאָר — דער שרײַבער־„אנארכיסט" ש. יאנאָווסקי) און דער „ייִדישער קעמפער" (וועלכע דערשײַנט זינט 1906; דער ערשטער רעדאקטאָר איז געווען כאַיִם גרינבערג, איצט — מאָרדכע שטריגלער. די צאָל עקזעמפּליארן — 3 טויזנט).

א צוגעקומענע וואָכנבלאט אין לעצטן יאָרצענדליק איז דער „אלגעמיינער זשורנאל".

צווישן די עלטסטע זשורנאלן אין די פאַרייניקטע שטאטן איז פארעכנט „די צוקונפט" (געגרינדעט אין 1892). א סאך יאָרן — אונטער דער רעדאקציע פון דעם דיכטער א. ליעסין; דערנאָך, אין די 40־ער יאָרן, רעדאגירט אים א קאָלעגיום: ש. ניגער, ד. פּינסקי און ש. ראָגאָף; שפּעטער — ה. לייוויק, איצט — ה. בעז און י. הירשהויט. צירקוליאציע — 3 טויזנט. די „ייִדישע קולטור" (1939) איז אין די ערשטע 25 יאָר דערשינען אונטער דער רעדאקציע פון נ. מײַזיל, איצט — פון אי. גאָלדבערג; טיראזש — 3 טויזנט.

פון די צענדליקער זשורנאלן, וואָס זײַנען דורך די יאָרן דערשינען, געדענקען מיר: „דער האמער", „אין־זיך", „די פעדער", „אופקום", „זאמלונגען", „טשיקאגאָ", „בריקן", „סוויווע". ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען וועגן זשורנאלן און זאמלביכער וועלן קומען, ווען מיר וועלן באטראכטן די יאָרן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט און עס וועט קומען צו רייד וועגן די „יונגע", „אינזיכיסטן" און „פּראָלעטפּען". זייער וואָגיק זײַנען געווען די „זאמלביכער", רעדאקטירט פון יוסעף אָפּאטאָשו און פון ה. לייוויק. אויך זיי, די „זאמלביכער", זײַנען אונטערגעגאנגען איבערן מאנגל אין פאָנדן, וואָס די ייִדישע געזעלשאפטלעכקײַט, די לייענערשאפט האָט ניט געקאָנט, צי זי איז ניט געווען פארינטערעסירט צוצושטעלן. דאָס זעלבע איז געשען מיט די „ליטעראַרישע זאמלונגען" (אין דער זעלבער צײַט קימאט) רעדאקטירט פון מוישע גיציס און מאטעס דייטש.

עס זײַנען דערשינען, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן צענדליק פון דעם יאָרהונדערט: באסינס אנטאָלאָגיע „500 יאָר ייִדישע פּאָעזיע", קאָרמאנס אנטאָלאָגיע „ייִדישע דיכטערנס", „טשיקאגער מידוועסט־אנטאָלאָגיע". ס'האָבן פונקציאָנירט אין די 40־ער און 50־ער יאָרן די פארלאגן פון „ציקאָ", פון „איקוף", וואָס האָבן מער אָדער ווייניקער פּרובירט ארויסגעבן ביכער אף זייערע אייגענע הוצאָעס, א קלענערער פארלאג „מאטאָנעס"; אין טשיקאגאָ — ל. מ. שטיין־פארלאג און מוישע צעשינסקי־פארלאג. דאָס וואָרט פארלאג האָט געקלונגען צוציִענד און מיט פּרעסטיזש, עס האָט אָבער זעלטן געטראָפן, אז דער שרײַבער האָט זיך געקאָנט באנוגענען מיט צושטעלן זײַן ווערק. ניין, ער האָט באדארפט באצאָלן פארן פּאפּיר, דעם דרוקער, דעם אײַנבינדער, און ער האָט באדארפט זיך ווענדן צו איינעם פון די גרויסע פארלאגן, אז ער זאָל אים דערלויבן אוועקשטעלן זײַן נאָמען. אָדער ער אליין האָט צוגעטראכט א נאָמען, ווי איציק מאנגער האָט געטאָן, אוועקשטעלנדיק דעם נאָמען „אליינעניו" (אין דער איצטיקער צײַט האָט זיך גאָרניט געביטן אין דעם זין — ס'איז בלויז גע־

וואָרן שווערער ארויסצוגעבן א בוך, און די ייִדישע בוך־אינדוסטריע איז מער ניט אין ניו־יאָרק, נאָר אין טעל־אָוויוו. ווען־ניט־ווען ווערט א בוך ארויסגעגעבן פון די פאָנדן פון אַל־וועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס).

ווען מע רעדט וועגן ליטעראטור אין אלגעמיין, טאָר מען ניט פארגעסן, אז זי איז פארקייטלט און פארבונדן מיט טעאטער, מיט שוישפילערײַ, מיט דראמע, מיט אָפערעטע, מיט דראמאטורגן, אקטיאָרן און טעאטער־קריטיקער.

דער ערשטער אָרגאניזאטאָר פונעם ייִדישן טעאטער אין אמעריקע (1882) איז געווען דער דילעטאנט־אקטיאָר י. בארסקי. באָריס טאָמאשעווסקי איז זויכע געווען צו קריגן א קליין ראָלעכל אין זײַן, בארסקיס, אופירונג. די טעאטערס אין יענע 80־ער און 90־ער יאָרן האָבן אָנגעהויבן פונקציִאָנירן אין ניו־יאָרק, אין פילאדעלפיע, אין טשיקאגאָ קימאט אין איין און דער זעלבער צײַט. דאָס זײַנען געווען יאָרן, ווען די פיעסן־שרײַבער, די דראמאטורגן און אָפערעטן־שרײַבער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין אמעריקע, ווי מיר האָבן עס געזען אין דער אויבן געבראכטער רעשימע: לאטיינער, שאָר, גאָלדפאדן, יאנקעוו גאָרדין, ז. ליבין, דאָוויד פינסקי. שפעטער שוין — שאָלעם אש (1909), פערעץ הירשביין (1911) און דערנאָך — ה. לייוויק, פישל בימקאָ, אָסיפ דימאָוו, י.־י. זינגער, סעקלער, שאָלעם־אלייכעם.

און ווען מיר ברענגען די אָנגעקומענע אין יענע יאָרן דראמאטורגן, דארפן מיר דערמאָנען אויך די דעמלט בארימטע אקטיאָרן און אקטריסעס, אזעלכע ווי יאקאָוו פ. אדלער (דער אָדלער), סארא אדלער, די אדלער־שוועסטער, מאָגולעסקאָ, קעני ליפצין, דאָוויד קעסלער, טאָמאשעווסקי, מאָריס מאָריסאָן, מאָריס שווארץ, בען־אמי, בערטע גערסטין, גאָלדינבורג, זאץ, מאלי פיקאָן, מוני ווײַזענבראנד (פאול מוני), געביל, בולאָוו, שילדקרויט, סקולער, יאבלאָקאָוו — און ווי איז עס מעגלעך אלעמען אויסצורעכענען...

עס זײַנען געווען אין איין צײַט, בײַס דער „גאָלדענער עפאָכע", אין ניו־יאָרק 14 ייִדישע טעאטערס, און עס האָבן אָנגעשריבן ביכער וועגן די טעאטערס און וועגן די אקטיאָרן י.־נ. בוכוואלד, יאנקעוו מעסטל, א. גאָלדבערג, הערמאן יאבלאָקאָוו, דר. שאצקי.

א זייער וויכטיקן און וואָגיקן בײַטראָג צום ייִדישן טעאטער האָט געמאכט זאלמען זילבערצווײַג מיט זײַן „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאטער" אין 5 בענדער (דער ערשטער באנד איז דערשינען אין 1931).

די וויכטיקסטע טעאטער־קריטיקער זײַנען געווען א. קאהאן אין „פאָרווערטס" און אלעקסאנדער מוקדויני אין „מאָרגן־זשורנאל".

קיין איין ליטעראטור בלײַבט ניט שטיין פארגליווערט. עס געשעען שטענדיק צווישן די פעלקער אזעלכע נאציִאָנאלע, צי פאָליטישע, צי סאָציִאל־עקאָנאָמישע איבערקערענישן, וואָס באווירקן ניט נאָר דאָס אייגענע לאנד און, נאטירלעך, די ליטעראטור און קונסט אינעם לאנד, נאָר אויך אנדערע לענדער, ווי מיר האָבן עס געזען, ווען די קאָרבאָנאריער, די „סאנקיולאָטן", די קאָמונארן האָבן באווירקט אזעלכע פאָעטן און שרײַבער ווי פושקין אין רוסלאנד, בײַראָן אין ענגלאנד, סטענדאל אין פראנקרײַך. און קען דען עמעצער פארגעסן, ווי איין „מארסעליעזע" האָט אָנגעצונדן מיט פלאמען א וועלט! און צי קענען דען דיכטער, שרײַבער, קינסטלער איבער דער גאנצער וועלט אָפשטיין פון דער האשפאָע, וואָס די גרויסע רוסישע סאָציִאלע רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראכט! ווען מיר קומען אָבער איצט דאָ צו ריידן וועגן די ייִדישע דיכטער און שרײַבער אין אמעריקע, נאָך איידער זיי זײַנען געוואָרן די זײַלן, די וואָרטזאָגער, וואָס האָבן באדארפט מיט זייער שאפונג אָנרעגן די מאסן מיט באגײַסטערונג, צי מיט צאָרן (ווי עס האָט מיט א צענדליק יאָר שפעטער פרובירט טאָן דער „פראָלעטפען"), מוזן מיר צוגעבן, אז די „רעוואָלוציעס" און בונטן אין דער ייִדישער ליטעראטור אין די פאראייניקטע שטאטן זײַנען געקומען איבער אנדערע סיבעס, מע קאָן זאָגן — פערזענלעכע, עקאָנאָמישע און קינסטלערישע סיבעס.

עמעס, מיר דארפן האָבן אין זינען, אז האשפאָעס און נײַע ווענדונגען אין קונסט קומען ניט בלויז איבער סאָציִאל־עקאָנאָמישע, צי פאָליטישע געשעענישן, די בונטן קומען פאָר אין די קינסטלערישע ספערן אויך צוליב ריין אינדיווידועלע אמביציעס, אײַנפאלן, אופגעפלאמטע אין מויעך אידייען, אינספיראציעס, דראנג צו זײַן „אנדערש", זײַן אָריגינעל, פאנגען די אופמערקזאמקײַט פון די ליבהאָבער פון קונסט. הייבט אמאָל אָן בלויז איינער — און ס׳ווערט אופגעשטעלט א „שול", און צוביסלעך ווערט די אידיי אין דער נײַער „שול" אריבערגעוואָרפן פון איין לאנד אין אנדערע, און זיי הייבן אָן אָפשפיגלען זיך אין די ווערק פון די ייִנגערע — עכטע, אָדער פסעוודאָ־קינסטלער, ווי מיר האָבן דאָס געזען מיט א פיקאסאָ, מיט א שאגאל, מיט דעם קוביזם, אימפרעסיִאָניזם, סורעאליזם, ביז דעם אבסורדישן דאדאיִזם. אזוי איז אויך אין דער ליטעראטור: אָט סאָציִאל, אָט אנטי־סאָציאל; אָט פראָגרעסיוו, אָט דעקאדענטיש; אָט דערהויבן זיך איינע צו די העכערע שטאפלען פון גערעכטיקײַט, און אָט פאלן אנדערע אין אָפגרונט פון דער פינצטערער רעאקציע.

אין די ערשטע פאָר צענדליק יאָר האָבן אָנגעהויבן טליִען אין די קליינע גרופעס אמעריקאנער ייִדישע שרײַבער קוים באמערקבארע פונקען פון עפעס א פראָטעסט, פון עפעס א בונט, און ניט גראָד איבער אָן אָנרעגונג פון ווײַטע רעוואָלוציִאָנערע פלאמען אין רוסלאנד (1905). ניין, די סיבע איז עפשער געווען א ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון דער אמעריקאנער ליטעראטור (קאָן זײַן — עפטאָן סינק־

לערס „די דזשונגל“, וועגן דער שוידערלעכער עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטער אין די שעכט־הײַזער אין טשיקאַגאָ).

די ייִדישע שרײַבער האָבן עפּשער אינסטינקטיוו, לאָמיר זאָגן, דערפֿילט אין דער ליטעראַטור די אייביקע געטאָ־שטימונגען, דאָס אייביקע טאָפּטשען זיך אין עפּעס אָן אָרעמקײַט, אין טראַדיציעס, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון די „אַלטע היימען“ און ניט געקענט פּאָטער ווערן פֿון דעם. עפּשער האָבן זיי געוואָלט זען בײַ זיך עפּעס נײַס, אַרײַנקוקן אין זיך, דערזען זיך, אַרומגעכאַפּט פֿון אַ פֿריש ווינטל — אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור.

אַ שטאַרקער פֿאַקטאָר איז זיכער געווען דער סנאָביזם פֿון די עלטערע שרײַבער קעגן די יונגע; און דערצו האָט אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבעטסלאָזע שריפֿטשטעלער געטריבן זיי צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ גרופּע מיטן נאָמען „יונגע“ (1901), אויסקלײַבנדיק טאַקע דעם זעלבן נאָמען, מיט וועלכן די עלטערע שרײַבער, מיט פּאָזיציעס, האָבן זיי גערופֿן — די יונגע. און טאַקע צוליב זייער אַלגעמיינער, שאַרפֿער קריטיק קעגן די עלטערע שרײַבער, וועמענס פּאָעזיע און פּראָזע איז לויט דער מיינונג פֿון די יונגע געווען צו ענג־נאַציאָנאַליסטיש, פֿול מיט באַנאַליטעט, מיט „סטערעאָטיפּישע“ סוזשעטן אין אַ צושטאַנד פֿון סטאַגנאַציע, זײַנען זיי, די „יונגע“, אַרויסגעקומען מיט דעם לאָזונג „קונסט לעשם קונסט“. די גאַנצע גרופּע דיכטער און שרײַבער מיט טאַלאַנט איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער „אָנפֿירערשאַפֿט“. דאָס זײַנען געווען זישע לאַנדוי, רוּװן אײַזלאַנד, א.־מ. דילאַן, מענאַכעם באָרײַשאָ, י.־י. שוואַרץ, ה. לייוויק, מאַני לייב, יוסף אָפּאַטאָשו, א. לעיעלעס, מ.־ל. האַלפּערן, דאָוויד איגנאַטאָוו, אײַזיק ראַבאָי, י. ראָלניק, ב. ריווקין, כאַימאָוויטש און אויך מוישע נאַדיר — מיט זייער אייגענעם זשורנאַל „די יוגנט“, וואָס האָט זיך נאָכן דריטן נומער אָפּגעשטעלט.

אין 1909 האָבן זיי אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „טרוימען און ווירקלעכקײַט“; אין 1910 זײַנען דערשינען צוויי זאַמלביכער אונטער דעם נאָמען „ליטעראַטור“, וואָס זײַנען רעדאַקטירט געוואָרן פֿון אַ קאָלעגיום. אין 1912 איז דערשינען דער ערשטער באַנד „שריפֿטן“, אין 1913 — דער צווייטער באַנד, דערנאָך דער דריטער. ווי עס טרעפֿט געוויינלעך אין קינסטלער־קרײַזן, האָבן זיך אויך בײַ די „יונגע“ אָנגעהויבן און אָנגעהאַלטן שטרײַטן. עס איז פֿאַר אייניקע פֿון זיי קלאָר געוואָרן, אַז קיין נײַע ריכטונג, ווי זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט, קיין נײַע „שול“ האָבן זיי ניט געשאַפֿן ניט אַרײַנגעבראַכט אין דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור. האָט זיך די גרופּע צעשפּאָלטן.

אין 1914 איז שוין דערשינען דער זאַמלבוך „די נײַע היים“ (וועלכע זיי האָבן, ענדלעך, דערזען. צי עפּשער איז בלויז דער זאַמלבוך געווען „די נײַע היים...“). דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ זאַמלבוך פֿאַר פּאָעזיע — „פֿון מענטש צו מענטש“. אין 1916 איז דערשינען דער זאַמלבוך „איסט־בראָדוויי“. ווי עס איז צו זען, זײַנען זיי געווען פּראָדוקטיוו, אָבער ניט שטאַנדהאַפֿטיק, ווען עס איז געקומען פֿעריאָדישע אויסגאַבעס. קיין איין קאָלעקטיווע זאַמלונג איז ניט אײַנגעשטעלט געוואָרן אַף כאָטש אַ צענדליק יאָרן. זיי האָבן אָבער אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אינטערעסאַנטע ווערק, געווען אַמביציעז. דורך גערעכטע און אומגערעכטע שטרײַטן זײַנען צוביסלעך די הויך־אָנערקענטע דיכטער און שרײַבער אַרויס פֿון דער גרופּע „יונגע“, און צום סוף האָט זיך די גרופּע אין 1919 אופֿגעלייזט. מוישע אָלגין האָט די גרופּע „יונגע“ אַזוי כאַראַקטעריזירט (1939, „ייִדישע קולטור“):

„זיי אַליין — די שרײַבער פֿון דער גרופּע „יונגע“ — האָבן געמיינט, אַז זיי אַנטשיידן זיך פֿון די צוויי פֿריִערדיקע דורות ייִדישע שריפֿטשטעלער אין אַמעריקע דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין „איזמען“. זייער מאָטאָ איז קלומערשט געווען: „ניט סאָציאַליזם און ניט נאַציאָנאַליזם“. אָדער, ווי איינער פֿון זיי האָט דאָס פֿאָרמולירט: „זיי ווילן ניט קיין געטער“. זיי האָבן זיך באַוווּסטזיניק אָפּגעטיילט פֿון די עטלעכע שריפֿטשטעלער, וואָס זײַנען אַלע געווען סאָציאַליסטן, האָבן זיך אינטערעסירט מיט סאָציאַלע פֿראַגן און געשטיצט די אַרבעטער־באַוועגונג, און אַמאָל אויך געצאָלט צינזן דעם סאָציאַליזם. דער עמעס איז אָבער, אַז אויך בײַ די „יונגע“ האָט מען געקאָנט אַנטדעקן די „איזמען“, כאָטש אין קליינע דאָזעס“.

ס'האָט ניט גענומען לאַנג נאָך דער פּאַזע „יונגע“, און עס האָט זיך באַוויזן מיט אַ „מאַניפֿעסט“ אין דעם זשורנאַל „אין־זיך“ די גרופּע „אינזיכיסטן“, אין דעם „מאַניפֿעסט“ האָבן זיי, ניט אינגאַנצן קלאָר, דעקלאַרירט:

„ס'אַ אינטראָספּעקטיווע דיכטונג, ווײַל אָט דער נאָמען איז אינקלוזיוו גענוג פֿאַר אַ גאַנצער ריי אינדיווידועלע שאַטירונגען און ניואַנסן. אינטראָספּעקטיוו — דאָס הייסט אַרײַנקוקן אין זיך. און פֿון דאָרט, פֿון דער אייגענער נשמה און פֿון דער וועלט, זען, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם דיכטערס זעל, געזונגען און געדיכטעט“.

זיי, די „אינזיכיסטן“, האָבן זיך באַוויזן פּלוצעם אָן וואָרצלען (און אין דער קורצער צײַט אויך אָן פּיירעס) אונטער דער השפּעה פֿון דעם אויך ניט צו שטאַרק באַמערקבאַרן אַמעריקאַנער „אינטראָספּעקטיוויזם“, וועלכער האָט זײַנע פּאָעטן אַוועקגעשטעלט, מער אָדער ווייניקער, אונטער דעם פּאָעטישן אַספּעקט פֿון דעם פֿרײַען פֿערז, אין אַ נעפּל פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקײַט (זיי האָבן פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט אויטמען (1819—1892) האָט נאָך אין מיטן פֿונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט באַוויזן אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אַטריבוטן פֿון דעם

פרײַען פערז, מיט פאַרשטענדעניש און קלאָר־קײט, אין זײַן ווערק „בלעטער פון גראָז").

די פירערשאַפט פון דער נײַער, גאָר קלײנער גרופּע „אינזיכיסטן" איז גראָד באַשטאַנען פון זײער טאַלאַנטירטע פּאָעטן־קריטיקער — אַ. לעיעלעס, יאַנקעוו גלאַטשטײן און נ.־ב. מינקאָוו — מיט אײניקע צוגעשטאַנענע, ווי ב. אַלקוויט און רווען לודוויג. זײ האָבן זיך אין זײער זשורנאַל „אין־זיך" קימאַט מיט גאָרנישט ניט אונטערשײדט פון זײער פריִערדיקער מאַניר, צי מיטן סטיל פון זײער שאַפן. מ'האָט ניט געקאָנט זען און לײענען עפּעס נײַס אין זײער פּאָעזיע, וואָס זאָל זײַן אַנדערש, צי אָריגינעלער פון דעם, וואָס זײ האָבן שוין פריִער געשאַפן. זײ זײַנען גלײַך אַראָפּ פון זײער פּלאַטפאָרמע און אַפילו אָפּגעזאָגט זיך) פון זײער אינזיכיסטישער פילאָסאָפיע. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז אויב זײ האָבן, אַלס גרופּע מיט אַן אידײ, גאָרניט באַוויזן אין דער ליטעראַטור, האָבן זײ אָבער אַלס אינדיווידועלע שעפער, אַף זײערע באַזונדערע וועגן אַרויסגעבראַכט און דערגרײכט די הויכקײַטן פון דער ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע.

עס איז אוואָדע און אוואָדע געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך די באַרוישונג, די האַשפּאָע פון דער גרויסער סאָציִאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אַף דעם ייִנגערן דאָר שרײַבער און דיכטער אויך דאָ אין אַמעריקע. עס האָט זיך באַוויזן די צײַטונג „פרײַהײט" אונטער אָלגינס רעדאַקציע. דאָס זעלבע — דער זשורנאַל „דער האַמער". עס האָט זיך אָרגאַניזירט די גרופּע „פּראָלעטפּען", די טעאַטער־גרופּע „אַרטעף". אײן זשורנאַל איז ניט געווען גענוג פאַר דער וואַקסנדיקער גרופּע, האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אויך „דער סיגנאַל". דערנאָך, אונטער מוישע קאַצס און ל. מילערס רעדאַקציע, אויך דער זשורנאַל „זאַמלונגען", וועלכער איז שפּעטער, נאָך דעם טויט פון מ. קאַץ און ל. מילער רעדאַקטירט געוואָרן פון בער גרין.

די גרופּע „פּראָלעטפּען", אונטער וועמענס פליגל עס האָט זיך געהאַלטן אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגע דיכטער און פּראָזע־שרײַבער, וועמען עס האָט געפעלט סטאַזש און וועלכע זײַנען נאָך געווען (אַ סאַך פון זײ) גרין אין די טאָלן און בערג פון ליטעראַטור, איז אָבער געווען דינאַמיש. די הויפּט־קראַפט פון אָט די שרײַבער איז געלעגן אין זײער פּראָלעטאַריִשער טעמאַטיק, אין דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. אָבער קײן גרויסע פּאָעטן, צי פּראָזאַיִקער, וואָס זאָלן זײַן אַ מוסטער אין דער ליטעראַטור, האָבן זײ ניט אַרויסגעבראַכט. אוואָדע האָבן זיך אײניקע אויסגעצײכנט מיט זײער פּאָעטישער קראַפט, אָבער דאָס וואָלט באַ זײ געקומען אויך אָן דעם „פּראָלעטפּען". עמעס, עס זײַנען צו דער גרופּע צוגעשטאַנען אײניקע עלטערע פּאָעטן און שרײַבער (איבערהויפּט צו דער „פרײַהײט") — קאַלמען מאַרמאָר, אײַזיק ראַבאָי, מוישע נאַדיר (וועלכער האָט באַוויזן זיך ווי אַ קאָמפּער, ווי אַ „פּען און ביקסלער"; ער איז אָבער פון אָנהײב אָן געקומען אין דער ליטעראַטור מיט סאַרקאַזם, מיט אָפּלאַכערײַ, מיט ציניזם אַפילו, און, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער ניט שטאַרק געהאַלטן פונעם פּאָשעטן פאָלקס־מענטש, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „נאַ־דיר, מוישע — אָט דאָס ווילסטו דאָך, גיב איך עס דיר. האָב האַנאָע און לאַך"). עס האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל „פּראָלעטפּען".

אָט די דאָזיקע „רעוואָלוציעס", וואָס די „יונגע", די „אינזיכיסטן" און דער „פּראָלעטפּען" האָבן אויפגעהויבן אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן אָבער אין זײער אָנגלי ניט געקאָנט פאַרגלײַכט ווערן, דערנאָך, מיט די בלוטיק־גרויזאַמע אימפּרעסיעס און שטימונגען, וואָס דער חורבן האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין די לעצטע דרײַסיק יאָר, איבערהויפּט, האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגײן אין דער אײביקײַט, די עלטערע שריפטשטעלער. קײן יונגע קומען ניט צו (און זאָלן מיר טאַקע דאָ, אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ברענגען די נעמען פון די געצײלטע שרײַבער, וואָס זײַנען אין די לעצטע הונדערט יאָר געבוירן געוואָרן אין פשא און אין קאַנאַדע: אָפּאַטאָשו דאָוויד (יוסעף אָפּאַטאָשוס זון), גובערמאַן סילוואַ, גוטמאַן עזראַ, ווײַנרײַך־סילווערמאַן בינע, לײליען ר. ז., קופּערמאַן כאַסיע, קרישטאַלקע אַרן, רובין רוט — דורכגעשוועבט, ווי מעטעאָרן... און מע הערט ניט פון זײ).

און לאָמיר פאַרצײכענען, אַז אויב די אַקטיאָרן זײַנען אָנגערופן געוואָרן „בלאָנדזשנדע שטערן", קאָן מען אויך אַרײַננעמען אין דער זעלבער קאַטעגאָריע אײניקע דיכטער און פּראָזע־שרײַבער, וועלכע זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פון וואַנדער־לוסט. זײ האָבן ניט געוואָלט ווערן צוגעבונדן צו אײן לאַנד, צו אײן מעלוכע. אין זײערע מיטעלע און ייִנגערע יאָרן האָבן זײ ליבערשט געוואָלט זײַן קינסטלער־וואַגאַבונדן, וואַנדערער איבער דער גאָרער וועלט. צו די דאָזיקע האָבן געהערט: פּערעץ הירשביין און זײַן פרוי, די דיכטערן עסטער שומיאַטשער, מײלעך ראַוויטש, איציק מאַנגער, זאַלמען שנײער, שאָלעם אַש.

אַ באַמערקבאַרער פאַקט איז אויך די גרויסע צאָל דיכטערנס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אײניקע גאַנץ באַגאַבטע, און די באַזונדערע קאַטעגאָריע קריטיקער־עסעיִסטן, ליטעראַטור־פאָרשער, היסטאָריקער, פּראָפעסאָרן אָפן פעלד פון פילאָלאָגיע (מאַקס ווײַנרײַך, ש. ניגער, ב. ריווקין, נאַכמען מײַזיל, ד״ר כאַים זשיטלאָווסקי, רעפאָעל מאַקלער, קאַלמען מאַרמאָר, אווראָם טאַבאַטשניק, מוישע אָלגין, אַבע גאָרדין, אַ. שולמאַן, וו. נאַטאַנזאָן, ד״ר פּאָליִשוק — קײן אײנער פון זײ לעבט שוין ניט...).

איז דאַרפן מיר בלײַבן איצט שטײן און זאָגן: דאָס איז, אײגנטלעך, דאָס גאַנצע היסטאָרישע בילד פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין

אמעריקע? עפשער. מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן: ווען מיר וואָלטן גענומען דאָ איינציקוויַיז די הונדערט, צי עטלעכע הונדערט ייִדישע שעפער אין צאָפן־אמעריקע, און ווען מיר וואָלטן גערעדט וועגן יעדן איינעם באַזונדער, וואָלט זיך באַקומען אַ גאָר אַנדער בילד. דאָס וואָלט שוין אָבער געווען אַ פאָרשונג פון עטלעכע בענדער. און נאָך איין וויכטיקן פונקט דאַרפן מיר האָבן אין זינען: מיר האָבן גערעדט און ריידן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור בלויז אין אמעריקע. און ס׳איז דאָך פאַראַן די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, אין פּוילן, אין רומעניע, אין אַרגענטינע, אין ייִשׂראָעל, אין קאַנאַדע, מעקסיקע? און ווו ניט? אַלס בײַשפּיל: אויב מיר קענען זיך ניט באַרימען אין די לעצטע דרײַסיק יאָר מיט, לאָמיר זאָגן, אַ ראָמאַן, ווי שאָלעם אַשס, ווי בערגעלסאָנס, ווי שנייערס אין די 20־ער און 30־ער יאָרן — אויב מיר קאָנען דאָס ניט זען און ניט לייענען אין אמעריקע, קענען מיר אָבער ווענדן אונדזער בליק צום סאָוועטנפאַרבאַנד, צו דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״.

דאָס געזאָגטע דאָ, ווען מע טראַכט זיך אַרײַן, לאָזט נאָך ניט מאַכן דעם אויספיר: דאָס איז אַלץ. עפשער קענען די דיכטער און שרײַבער אין יעדן לאַנד באַזונדער אַ זאָג טאָן: דאָס איז אַלץ. אָבער מיט דעם פויגל־קוק איבער דעם, זאָל זײַן אַלטן, צעשטערטן „ייִדיש־לאַנד״ זעט זיך נאָך אַ ברייטער בילד — אַפילו ווען דאָס בילד זאָל זײַן אַ מיראַזש אינעם מידבאָר.

און לאָמיר דאָ אויך פאַרענדיקן מיט דעם אַספּעקט ביכער און שולן — זיי גייען אויך צוזאַמען. און לאָמיר ווידער שטעלן די פראַגע: קאָן אַ ליטעראַטור עקזיסטירן אָן שולן און שולן אָן ליטעראַטור? דאָס זעלבע מיט ליטעראַטור און שפּראַך. קינדער זײַנען די זערנעס פאַר דעם פאַרזיי, פאַר אַן אויפגייענדיקער און אָנהאַלטנדיקער ליטעראַטור. זיי, די קינדער, זײַנען די פּאָטענציִעלע שרײַבער און לייענער. דאָס זעלבע מיט ביכער. ווי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ פּרעסע און אַ ליטעראַטור אָן שרײַבער און ווי קאָנען מיר דערקענען און אָפּשאַצן און געניסן פון אַ שרײַבערס שאַפן, ווען עס זײַנען ניט פאַראַן קיין ביכער? קענען מיר, אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער, זײַן צופרידן מיט אַ ביכל דאָ און דאָרט, וואָס איז געדרוקט אין ייִשׂראָעל און מיר זעען עס ניט דאָ אין אמעריקע? און וועלכער דיכטער און שרײַבער קאָן זיך פאַרגינען אַרויסצוגעבן אַ בוך, איך רעד שוין ניט — אין טויזנט קאָפּיעס, זאָל שוין זײַן אין 500, צי 300 קאָפּיעס? מוז טאַקע אַ ייִדישער שרײַבער אָנקומען צו די געשאָפענע דאָ און דאָרט „קאָמיטעטן״, צו די געציילטע מעצענאַטן, וואָס ווייסן גאָרניט וועגן דעם בוך, צי וועגן ליטעראַטור אין אַלגעמיין, און ער, דער שרײַבער, דאַרף שמייכלען און דריקן די הענט פון „גליק״ אין דעם פּראָצעס פון שנאָרערײַ, וואָס ניט יעדערער קאָן און וויל עס דורכגיין. לאָמיר זאָגן — דער בוך איז דערשינען. און דאָ און דאָרט זײַנען ווידער דאָ „קאָמיטעטן״ מיט „פּרעמיעס״, און די קאָמיטעטן ווייסן אַליין ניט, וועמען און פאַרוואָס זיי גיבן די פּרעמיע. מ׳קאָן ניט כאָלעמען אַפילע וועגן אַ פאַרלאַג פאַר ייִדישע ביכער, ווי עס איז געווען דער „קלעצקין־פאַרלאַג״, אַשטייגער. עס ווילט זיך ניט אַרײַנלאָזן אין פאַנטאַזיעס, פאַרמאַכן די אויגן און פרעגן זיך: האָבן מיר אין ייִדיש ביכער וועגן טעכנאָלאָגיע, וועגן אַסטראָנאָמיע, וועגן פּסיכיִאַטריע צי אַנטראָפּאָלאָגיע, צי אַ בוך וועגן פּאָטאָגראַפיע, היפּנאָטיזם, צי שוסטערײַ, שנײַדערײַ, צי ווי אַזוי פלאַנצן בלומען?

עס מוז דאָך אָבער באַ אַ פּאָלק זײַן עפּעס, אַף וואָס ער זאָל אָנווײַזן מיט שטאָלץ. איז דאָס דער „ייִוואָ״ — דער אינסטיטוט מיט פּראָפעסאָרן, מיט ייִכעס פון ווילנע, מיט ביכער אין ביבליִאָטעק אין די הונדערטער טויזנטער; ביכער איבער ייִדישער געשיכטע, ייִדישער עקאָנאָמיע, בילדונג, אַנטיסעמיטיזם, כורבן, שפּראַך; מיט סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן, וואָס לערנען ייִדישע ליטעראַטור אַף ענגליש און ווענדן זיך צו דער „ייִוואָ״־ביבליִאָטעק, ווען זיי דאַרפן ייִדישע אינפאָרמאַציע; מיט איבער אַ מיליאָן פּאָטאָגראַפיעס פון ייִדן, פרויען און קינדער, מעלאַמדים, און באַלמעלאָכעס, פון די קליינע אָרעמע אמאָליקע שטעטלעך, וואָס עקזיסטירן ניט מער; און מיט טויזנטער בריוו פון דיכטער, שרײַבער, געלערנטע — די יערושע פון די אוועקגעגאַנגענע; און מע גיט אַרויס ביכער אַף ייִדיש און אַף ענגליש פון פילאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, סטאַטיסטיקער און פאָרשער. ביכער, וואָס בלויז געציילטע זעען און לייענען עפשער, און ווען מע באַטראַכט זיך און מע וויל אויך דערפילן דעם שטאָלץ, ווייסט מען ניט, וואָס צו טראַכטן וועגן אים, דעם „ייִוואָ״ — איז ער אַ קולטור־מוזיי, צי איז ער אַ קאָלעדזש אַזאַ, ווו מ׳קען הערן אויך לעקציעס איבער ייִדישע געגנשטאַנדן. און אַהינצו אויך שיקן אַוועק די דיכטער און שרײַבער זייערע אָנגעזאַמלטע דורך דעם גאַנצן לעבן ביכער, ווען זיי זעען, אַז זיי האַלטן שוין באַם סאָף פון וועג.

מע טראַכט: עס זײַנען געווען, ווי אין יעדער ליטעראַטור, די לייבן. און אַרום די לייבן — די קלענערע, די ניט דערגאַנגענע נאָך צום פּאַרנאָס, און שרײַבער־אַרבעטער אָן פּרעטענזיעס, אָן פּראָסטראַציעס און אָן יאָגעניש נאָך אומשטערבלעכקײַט; דערנאָך קומען די ניט־אָנגעזעענע, די ניט־באַמערקטע אַפילע שרײַבער און שרײַבערלעך, ביז גראַפאָמאַניע — מ׳האָט אָבער געזען און געהערט און באַנומען די גאַנצע פּראַכט פון די הויך־טאַלאַנטירטע שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און אין דער זעלבער צײַט געלייענט אויך אין ייִדיש די איבערזעצונגען פון אַנדערע ליטעראַטורן, פון ערשטקלאַסישע אוניווערסאַלע שרײַבער. מע

זעט איצט זעלטן־ווען אין ייִדיש אן איבערזעצונג פון א באַרימטן ראָמאַן, צי דראַמע, צי א וויכטיק ווערק פון אוניווערסאַלן פאַרנעם.

זײַנען נאָך אין אַמעריקע פאַראַן געציילטע דיכטער און שרײַבער, וואָס מיינען, אַז סע שטייט דאָ און דאָרט א „רעטונגס־שיפל״ — די לעצטע שטרעבונג און האָפענונג: ווערן איבערגעזעצט אין ענגליש, ראַטעווען, ווי עס ווײַזט זיך אויס, דאָס געשאַפענע אין ייִדיש, אוועקלאָזן זיך מיטן ענגלישן שטראָם צו אומשטערבלעכקייט. איז וווּ נעמט מען און וויאַזוי קומט מען צו אַזאַ „רעטונגס־שיפל״? אָפּטימיסטן ווײַזן אָן: אָט זעט איר דאָך שאָלעם־אַליכעם, שאָלעם אַש, באַשעוויס־זינגער... און די פּעסימיסטן זאָגן: און מ׳האָט באַשעוויסן געגעבן אַפילו די נאָבעל־פּרעמיע — א גאָלדענע מאַצייווע פאַר דעם אָרעמען ייִדיש...

מיט דעם אָפּשטאַרבן פון דער עליטע, די ייִדישע דיכטער און פּראָזע־שרײַבער אין אַמעריקע, האָט דאָס אַלגעמיינע ייִדישע קולטור־לעבן אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ. ניין, דאָס איז ניט געווען די הויפּט־סיבה. עס זײַנען געווען און עס זײַנען ערשט איצט פאַראַן אַנדערע, שטאַרקערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געפירט צו דעם. אָבער מיר מוזן צוגעבן, אַז מיט דער אויסגעלאָשנקייט פון די גוטע „אויסגעריכערטע ליולקעס״ האָבן אויך די קולטור־אינסטיטוציעס גענומען גיין באַרגאַראָפּ.

די ליטעראַטור און קולטור־פּאָזיציעס, וואָס זײַנען פאַרבליבן, האָבן אָנגעהויבן פאַרנומען צו ווערן פון די ווייניקער באַגאַבטע פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פירן די ליטעראַטור און קולטור־טעטיקײַטן אויף שמאָלערע, קירצערע אומבאַדײַטנדיקע סטעזשקעס און וועגן. אויב ייִדיש איז ניט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, גייט די טעטיקייט האַלב אויף ענגליש. דאָס זעלבע זעען מיר אין די צײַטונגען. אין טשיקאַגאָ, אויב אַן אָרגאַניזאַציע וויל אָפּדרוקן א ייִדישן בריוו, צי א מעלדונג אין ייִדיש, איז ניטאָ קיין ייִדישע דרוקערײַ.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער „אַרבעטער־רינג״, וואָס האָט געהאַט איבער גאַנץ אַמעריקע 85 טויזנט מיטגלידער און 132 קינדער־שולן, האָט איצט צו איר 80־יאָריקער עקזיסטענץ בלויז 23 קינדער־שולן, און עס שרעקט צו דערמאָנען, מיט וויפל קינדער און מיט וויפל שטונדן אין טאָג. די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך ווינציקער, אָדער אינגאַנצן קיין שולן ניט פאַר קינדער. טשיקאַגאָ מיט אירע 300 טויזנט ייִדן האָט ניט קיין איין קינדער־שול (פאַראַן סינאַגאָגעס, וווּ מע לערנט העברעיִש און וווּ־ניט־וווּ גיט מען אויך א שטונדע פאַר ייִדיש). עס איז דאָס אָרט צו דערמאָנען, אַז א גרויסע צאָל פון די ייִדישע שריפטשטעלער זײַנען געווען לערער. אייניקע האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט שרײַבן פאַר קינדער (קיין האַנס אַנדערסען האָבן מיר ניט געהאַט). ס׳איז איז שווער צו געפינען א דיכטער, וואָס זאָל זײַן פאַרינטערעסירט צו שרײַבן פאַר קינדער, וועלכע האָבן ניט קיין שולן, קיין לערער, וואָס ריידן ניט קיין ייִדיש.

איז בלײַבן מיר אויף א ווײַלע שטיין, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דעם פּעסימיסטישן בליק איבער דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, איבער דעם טעאַטער, שולן און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אין איין צײַט פון די לעצטע הונדערט יאָר געשאַפן פאַר זיך א מין „גאָלדענע עפּאָכע״. צי קאָנען מיר מיט לאָגישן, באַגרינדעטן אַנאַליז, מיט אַכרײַעספולער רעוויזיע באַווײַזן, אַז ס׳איז געווען און, איבערהויפּט, אַז ס׳איז פאַראַן א ווילן און אַן ערנסטער פאַרזוך ווידער צוריקברענגען, פאַרבינדן און פאַרקניפּן און אויפקשטעלן א קולטור אין דער ייִדישער שפּראַך, ווי מיר האָבן זי געהערט און געלייענט און גערעדט אין דעם קורצן פּעריאָד פון אָט דער „גאָלדענער עפּאָכע״? צי קענען מיר באַווײַזן דאָס צום אָנהייב פונעם 21־סטן יאָרהונדערט? צי דאַרפן מיר, צי זאָלן מיר אָנגיין מיט די ביליקע סטאַנדאַרטיזירטע, סטערעאָטיפּישע און היפּאָקריטישע מעטאָדן פון פאַרשווײַגן, פאַרווישן, פאַרבאַהאַלטן דעם עמעסן צושטאַנד און שרײַען „הוראַ״ צוליב דער „גלאָרי״ פון די „אויפטועכגען״, וואָס הייבן זיך אָן און לאָזן זיך אויס מיט רעדעס, רעדעס און רעדעס און דעקלאַראַציעס: מיר גלייבן! (ניין, עס איז ניט גענוג פאַר איינעם צו זאָגן: איך גלייב). מע דאַרף זיך רעכענען מיט די רעאַלע, לאָגישע פאַקטן, וועלכע מ׳טאָר ניט אַרונטערשאַרן אונטערן טעפּיך און טראַכטן בלויז וועגן דעם אייגענעם אויפגעפלאַמטן נאָמען אין דעם „קרייץ־צוג״ פאַר ייִדיש און שרײַען: „ייִדיש גייט ניט אונטער — ייִדיש ווערט דערמאָרדעט!״.

באַם סאָף — ס׳האָט דורכגעשוועבט אין מוח א דערמאָנונג פון א דיאַלאָג אין איינער פון מײַנע דערציילונגען, וועלכן כ׳ציטיר:

ערשטער: האָט איר אַמאָל געהערט, אַז א גריך, צי אַן איטאַליענער, צי א פּאָליאַק, צווישן די מינאָריטעטן דאָ אין אַמעריקע, זאָל זאָגן, צי באַקלאָגן זיך, אַז זייער שפּראַך און ליטעראַטור גייט אונטער?

צווייטער: ניין, זיי ריידן דאָ אויף זייערע שפּראַכן און האָבן דאָ צײַטונגען און אויך שולן אויף זייער שפּראַך.

ערשטער: איז... פאַרוואָס זײַנען מיר, ייִדן, אַזעלכע פאַרצווייפלטע, און פאַרוואָס האַלטן מיר, ייִדן, אין איין באַקלאָגן זיך, אַז אונדזער שפּראַך גייט אונטער?

צווייטער: איך האָב ניט געזען, אַז ייִדן זאָלן זײַן פאַרצווייפלט, וואָס זייער שפּראַך ייִדיש גייט אונטער. די הויפּט־זאַך: א שפּראַך דאַרף האָבן א טעריטאָריע, אין וועלכער זי זאָל ווערן אײַנגעוואָרצלט. כאָטש... אָט האָבן די אירלענדער א טעריטאָריע, און זייער שפּראַך איז אונטערגעגאַנגען, און ענגליש איז געוואָרן זייער שפּראַך. אָבער, אַזוי צי אַזוי, מיר, ייִדן, זײַנען רײַך אין שפּראַכן — מיר זײַנען פּאָליגלאָטן.

# צו נאָטע לוריעס 75־טן געבורטסטאָג

אין צוזאמענהאנג מיט דער פּײַערונג פון נאָטע לוריעס 75־טן געבורטסטאָג האָט די רעדאקציע פון אונדזער זשורנאַל באַקומען א ריי באַגריסונג־בריוו פון סאָוועטישע שרײַבער. צוויי בריוו פאַרעפנטלעכן מיר דאָ.

זעלטן וועסטו געפינען אפילע צווישן די יונגע שרײַבער אזעלכע באַוועגלעכע מענטשן, וועלכע גייען אָפּן ארויס מיט אזא דאָרשט און פרייד אנטקעגן דעם נײַעם, ווי נאָטע לוריע. פּונקט ווי די נאטור אליין וואָלט צעעפנט איר שעפע און זיך אנטשלאָסן אף א ווונדערלעכן, פול מיט האָפענונג פאַר אונדז, עקספּערימענט.

נאָטע לוריע איז אלט געוואָרן 75 יאָר, נאָר קיינער פון די, וועלכע קענען אים, וועט ניט זאָגן, אז דאָס איז א פּאטריאַרך.

ער איז אלט 75, נאָר עס ווילט זיך נאָך אלץ אים רופן — נאָטע. פּאָשעט — נאָטינקע. קיין פאָטער־נאָמען דאַרף מען ניט, קיין אנדער נאָטע איז ניטאָ.

זײַן ניט גרינגע מי ציט זיך שוין מער פון זעקס צענדליק יאָר. צוערשט איז ער געוועזן אַן ערדארבעטער, א קאָלאָניסט, דערנאָך זיך געלערנט, און אָט שוין מער פון א האלבן יאָרהונדערט שאפט ער זײַנע ווערק בא דעם שרײַבטיש.

אָבער אויך הײַנט איז ער א מענטש, וועלכער ציט ניט אונטער קיין סאכאקל, — א מענטש פון דער צוקונפט.

געבוירן איז נאָטע לוריע אזוי מאזלדיק און ער איז אזוי באַצײַטנס געקומען מיט זײַן שפּרודלדיקן סייכל און האָרעפּאשנער האנט צו די גרויסע אופטוען פון זײַן סאָוועטיש פאָטערלאנד, אז ער איז אײַנגעוואקסן אין דעם מיט לײַב און לעבן. אלדאָס וויכטיקע, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אף אונדזער ערד, האָט זיך ניט געקאָנט באגיין אָן נאָטען — ניט די פרידלעכע פאַרמעסטונגען, ניט די מילכאָמע־ניסיוינעס.

אין 1934 איז נאָטע לוריע אַרויסגעטראָטן מיט א רעדע אפן ערשטן אלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר וועגן דער נײַער, יונגער יידישער ליטעראַטור. און ווי שטענדיק, איז דאָס געווען ניט גלאט קיין רייד, נאָר א פאָרזעצונג פון דער זאך, וואָס ער האָט פאַרטראכט פויעריש־פעסט, אפן גאנצן לעבן, וויפל עס זאָל ניט דויערן. ער האָט שוין דעמלט געהאט א צעניאָריקע ליטעראַרישע דערפאַרונג. אין סאמע זעניט פון זײַן באַגײַסטערונג האָט זיך שוין געשריבן דאָס הויפּט־ווערק פון זײַן שאפונג — דער ראָמאַן „דער סטעפּ רופט”. די דרײַ טיילן פון אָט דעם ראָמאַן האָבן אָפּגענומען באַם שרײַבער א גאַנצן יאָרצענדליק פאַר דער מילכאָמע. אין יענער צײַט איז געוועזן אין פולן בלי פון זײַן מעכטיקן טאלאנט דאָוויד בערגעלסאָן, און דער אומגעדולדיק דרייסטער און יונגער נאָטע האָט זיך געשטעלט באנאנד מיט אים, — דאָס איז געוועזן פולקאָם בארעכטיקט.

„דער סטעפּ רופט” האָט באַצויבערט דעם לייענער מיט די נאטורעלע בילדער פונעם לעבן, מיט די גײַסטיקע ראכוועסן, מיט דער וואָגיקײַט פון דער פאָלקס־שפּראַך, מיטן הומאָר און מיט יענער אייגנארטיקײַט פונעם קסאַוו, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר א גרויסן טאלאנט. סײַדן עפּשער לעאָ קיִאַטשעליס „גוואַדי ביגוואַ” — אָט דער פּערל פון דער גרוזינישער ליטעראַטור, וועלכער האָט געמאכט א רוישעם אין די נאציאָנאלע ליטעראַטורן פון יענער צײַט, — האָט זיך געקאָנט פאַרגלײַכן מיט נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רופט”.

איך האָב געהאט דעם פאַרגעניגן זיך צו קוויקן מיט נאָטעס וואָרט פריִער פאַר אלץ פון דער בינע. עלקע רודנער איז ארויס אף די טעאַטראַלע ברעטער דעמלט, ווען ס'איז נאָך ניט געווען קיין מאָדע איבערצוניצעווען פּראָזאישע ווערק. אָבער זיך באגיין אָן עלקען האָט מען ניט געקאָנט: וויאזוי באווײַזט מען ניט אזא טײַערן דימענט פון דער נאטור! נאָך דעם ספּעקטאקל האָט זיך אופגעהויבן אף דער בינע צו די אקטיאָרן דער קרעפּטיקער נאָטע לוריע. און, ווי שטענדיק, האָט ער אויסגעזען ייִנגער פון אלע זײַנע יונגע העלדן.

עלקע רודנער האָט מיך טאקע געבראכט צו אָט דעם ראָמאן. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מע לייענט אים שוין אף א סאך שפּראכן און איך קען אים אויך איבערלייענען. דערנאָך זײַנען געווען אנדערע ביכער, און שטענדיק ניט קיין געוויינלעכע, ניט קיין, אזוי צו זאָגן, באלמעלאָכישע, נאָר אין עכטן זין פון וואָרט — פּאָעטישע, וועלכע האָבן באוווּנדערט מיט דער אויסקלײַבערישער פאַרליבטקײַט אין לעבן: „הימל און ערד”, „די געשיכטע פון א ליבע” און אנדערע, אָבער העכער פון אלע האָט זיך

דערהויבן אינעם שרײַבערס שעפערישן אַרכי־פּעלאַג דאָס ווולקאַניש און פרוכטבאַר אינדזל — „דער סטעפּ רופט".

לוריען כאַראַקטער איז נאָטע אויך היינט א מענטש, וואָס איז שטענדיק אין דויער, א שעפער, וועלכער איז פול מיט פּלענער און האָפענונגען. די צײַט פון מעמוארן איז נאָך ניט געקומען, אפילו אויב ער האָט זיי פאַרטראַכט אָדער ער שרײַבט זיי. וואָס פאַר א מעמוארן, ווען אים איז נאָך אזוי נאָענט די היינטיקע יוגנט מיט אירע לײַדנשאַפטן און שטרויכלונגען, ווען אין זײַנע אויגן איז ניט פאַראַן קיין מינדסטער סימן פון מידקײַט!

נאָטע לוריע דערשײַנט אַלע מאָל פאַרן לייענער פּונקט ווי אומדערוואַרט, און דאָס איז באַזונדערס גוט: יוגנקײַט און טאַלאַנט זײַנען שטענדיק אומדערוואַרט אין זייער שווונג און דרייסטקייט.

אַלעקסאַנדער באַרשטשאַגאָווסקי,
רוסישער שרײַבער

נאָטע לוריעס ווערק זײַנען שוין פונלאַנג נאָענט צום האַרצן דעם אוקראַיִנישן לייענער, און איך געהער צו זיי. דעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" האָט געשאַפן אַן עכטער מײַסטער פון קינסטלערישער פּראָזע. ניט יעדער שרײַבער קאָן מאָלן קאָלאָריטפולע פּאָלקס־כאַראַקטערן. נאָטע לוריען איז געגעבן געוואָרן אָט די הויכע קונסט, וועלכע איז אייגנטימלעך פאַר א ראָמאַניסט.

ווי ביכלאַל אין די ווערק פון די יידישע שרײַבער, וועלכע לעבן אין אוקראַיִנע, קלינגען אין נאָטע לוריעס ווערק זייער שטאַרק די אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון. זײַנע ביכער זײַנען באַהויכט מיטן געפיל פון דער איינהײַטלעכער מישפּאָכע, מיטן הערלעכן געפיל פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. דערמיט זײַנען זיי אויך אונדז נאָענט, און אין אָט דער אייגנשאַפט זעט דער לייענער דעם פאַרנעם און די נאָבעלקייט פונעם קינסטלערס נעשאָמע.

איך באַגריס האַרציק דעם יובילאַר מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג! בעסטע ווונטשן אײַך, טײַערער נאָטע לוריע, א סאַך זוניקע, העלע שעפערישע יאָרן!

אָלעס גאָנטשאַר,
אוקראַיִנישער שרײַבער

---

## בראָניק

### פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע

די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען געווידמעט דער פּראָגראַם פון די פײַערונגען פונעם 20־טן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פונעם זשורנאַל.

עס איז אויסגעהערט געוואָרן א מיטטיילונג פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס. אין די דעבאַטן ארום דעם פאַרטראַג האָבן זיך באַטייליקט די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע נאָטע לוריע (אָדעס), הערשל פּאָליאַנקער (קיעוו), יעכיעל שרײַבמאַן (קעשענעוו), שמואל גאָרדאָן, כאַים ביידער, באָריס מאַגילנער (מאָסקווע).

א באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר וועגן די מאַסמיטלען אָפּצומערקן די יובליי־דאַטע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין לעצטן טאָג פון דער פּלענאַרער זיצונג האָבן די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע אויסגעהערט א אינפאָרמאַציע וועגן דעם רעדאַקציע־פּאָרטפעל.

אויף דער פּלענאַרער זיצונג איז באַשטעטיקט געוואָרן דער פּלאַן פונעם יובליי־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

**צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע**

# דעם קינסטלערס וועלט

קונסטווערק ווערן אופגענומען אָן א פארמיטלער. זיי באקומען א נײַ לעבן פון אונדז — צושויער. און צוזאמען דערמיט, איז עס אונדזער ערשטער שריט צום קינסטלער. אויב מיר האָבן צו טאָן מיט א ווערק פון א גרויסן מײַסטער, ווילט זיך אויך מאכן א צווייטן שריט — פארבינדן אונדזער וועלט, די גײַסטיקע און פראקטישע דערפארונג מיט דער אינערלעכער וועלט און מיטן לעבן פונעם קינסטלער. פון דעם אײַנדרוק — צום פארשטיין, און פון אים צו דער אוניקאלער לויטן טאָך באַרײַכערונג, וועלכע עס שענקט אונדז די פארבינדונג מיט א באדײַטנדיקער אינדיווידואליטעט און וועלכע פאררברייטערט די גרענעצן פון אונדזער גײַסטיקער זעונג. וויקטאָר מארקאָוויטש מידלער איז אזא מײַסטער.

ער איז געבוירן געוואָרן אין טאָמאשפּאָל, פּאָדאָליער גובערניע, אין 1888. טאָמאשפּאָל איז א שטעטל, אָדער א קליינע שטאָט — שווער צו זאָגן. מידלערס טאטע איז געווען א דאמען־שנײַדער. דאָס גאנצע געזינד האָט געארבעט. דאָס לעבן אין א קליינעם אָרט, אָן שום פּערספּעקטיוו, איז געווען שווער, און דער קומענדיקער קינסטלער האָט אָפּגעלערנט צוויי יאָר אין כיידער און, נאָך א קינד, פארלאָזט די פאמיליע און אוועקגעפאָרן צו א קרוינווע זיך לערנען אין גימנאזיע, און ער האָט מיט דערפאָלג די גימנאזיע פארענדיקט. שטרעבנדיק צו ליטערארישער טעטיקײַט, צו ווערן א זשורנאליסט, האָט וו. מ. מידלער זיך אוועקגעלאָזט קיין אָדעס און איז געוואָרן א פרײַער צוהערער אין אוניווערסיטעט. א צופאל האָט געענדערט זײַנע פלענער און באשטימט זײַן גורל גאָר אנדערש. די געשיכטע פון זײַן „פארוואנדלונג” איז ענלעך אף א מײַסע.

איינמאָל, אין אָדעס, האָט ער אין א הויף דערזען א מיידל, נאָך וועלכער דער פאָטער האָט זיך געיאָגט מיט א שטעקן. ער האָט זיך פאר איר אָנגענומען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פאָטער באשטראָפט דאָס מיידל דערפאר, וואָס זי מאָלט, און וויקטאָר מידלער האָט אָנגעהויבן זוכן א קינסטלער, וואָס זאָל העלפן דעם מיידל. מ'האָט אים רעקאָמענדירט אמשיי ניורענבערגן. די באגעגעניש איז פאָרגעקומען... „וואָס וועט דער מענטש באקומען פאר זײַן מי און פאר די זאָרגן פון זײַן הארץ?”. ער וועט געפינען זײַן עמעסן בארוף — אזוי ווילט זיך ענטפערן אף דער פראגע פונעם אוראלטן כאָכעם. וו. מ. מידלער האָט אָנגעהויבן מאָלן.

אין 1913 האָט ער פארענדיקט די אָדעסער קינסטלערישע שול מיט א געפיל, אז זײַן קינסטלערישע בילדונג הייבט זיך ערשט אָן. עס האָט אים ארומגעכאפּט א לײַדנשאפטלעכער דורשט צו טעטיקײַט און א טרוים צו פאָרן קיין פאריזש ווײַטער זיך לערנען. דאָס אלץ איז פארווירקלעכט געוואָרן נאָך דער רעוואָליוציע. און ביז דעם — אין די שווערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — ניט געקוקט דערויף, וואָס די וועלט פון קולטור אין די גרויסע רוסישע שטעט איז געווען פאר אים, איבער דעם פארשאָלטענעם טכום, ניט צוטריטלעך, האָט דער גלויבן אין זײַן בארוף ניט דערלאָזט צו פארלירן דעם מוט. ער האָט דורשטיק אופגענומען יעדעס נײַ וואָרט אין דער קונסט, זיך פארנומען מיט זעלבסטבילדונג, שטודירט פילאָסאָפיע, מײַרעוו־אייראָפּעיִשע און רוסישע ליטעראטור.

אין ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז זײַן גרויסע שעפערישע ענערגיע אוועק מיט צוויי וועגן: אין דער קונסט און אין געזעלשאפטלעכן לעבן. א באפולמעכטיקטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאר א. וו. לונאטשארסקי אף אָרגאניזירן די ארבעט פון די סעקציעס פון מאָלערישער קונסט אין די שטעט, גובערניעס, אויעזדן; א פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט אף אָפּהיטן און רעסטאווירן די סאמארקאנדער דענקמעלער, אין „עלטערער היטער” פונעם אָפּטייל פון דער נײַער רוסישער מאָלערײַ אין דער מעלוכישער טרעטיאקאָוו־גאלעריי, — אזא איז געווען דער קרײַז פון זײַנע פליכטן און אינטערעסן. נאָר דעריקער האָט ער אומדערמידלעך געארבעט באם מאָלבערט.

„אונדז אינטערעסירט יעדע שאָ פונעם לעבן, דער שטייגער, דער ארומיקער פּייזאזש, די געדאנקען, וואָס קומען אוף בעשאס באגעגענישן. מיר זײַנען ניט בלויז וויסנגיריק, דאָס איז דער טאָך פון אונדזער אינטערעס אין לעבן” — אזוי האָט געשריבן דער קינסטלער צו איינעם פון זײַנע פרײַנט. זײַנע ווערטער קאָנען דינען אלס עפּיגראף צו איינעם פון די מערקווירדיקע בלעטלעך פון זײַן שאפן — צו א טיף פערזענלעכער און פּאָעטישער סעריע געמעלן אף דער ייִדישער טעמע (1925—1926).

פאר וו. מ. מידלערן, וועלכער האָט זיך שוין אין די צוואנציקער יאָרן פולשטענדיק געפילט, ווי א טייל פון א „גרויסער וועלט מענטשן”, זײַנען די ייִדישע מאָטיוון ניט געווען קיין מיסטעריע, קיין דערמאָנונגען, נאָר עלעמענטן פון דער רעאלער ווירקלעכקײַט. זײַן דורכדרינגלעכע און קלאָרע זעונג פון א רעאליסט האָט אויסגעדריקט פרײַער פאר אלץ געזונטע, ערדישע אײַנדרוקן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער געשיכטע פונעם פאָלק, וועמענס א פאָרשטייער ער איז. ניט געקוקט דערויף, וואָס די געמעלן זײַנען געמאכט געוואָרן פון דער נאטור, האָט דער קינסטלער אין יעדן באזונדערן פאל זיך ארויסגעריסן אויסער די ראמען פונעם „סו־

זשעט". אָט די אלע פארשיידנארטיקע פייזאזשן און מענטשן, אלץ, וואָס איז מיט זיי פארבונדן, אָט די קליידער, די פענעמער, די פיגורן, ווי זיי זאָלן ניט זײַן טײַער און נאָענט, האָבן געפאָדערט ניט פאָשעט גרויס אויפמערקזאמקײַט, נאָר א טיפן ארײַנדרינגען אין זייער טאָך.

עקספּרעסיע דארף מען האָבן פונקט אזויפיל, וויפל עס איז נייטיק צו אויסדריקן די פיזישע און גײַסטיקע אָנשטרענגונג, וועלכע איז אייגנטימלעך דער מאָדעל. אָבער וויאזוי גיט מען איבער דאָס „פונקט אזויפיל?" אין דעם איז די קאָמפּליצירטקײַט, מיט וועלכער ס'טרעפט זיך אָן דער קינסטלער, וואָס האָט אויסגעקליבן די דערשײַנונג פונעם לעבן, קעדיי צו שאפן פון איר א דערשײַנונג פון דער קונסט. איבער דעם אומיטלבארן קאָנטאקט מיט דער נאטור דארף ארופגעבראכט ווערן די פאראלגעמיינערונג, וועלכע אָרגאניזירט די זעונג און ווערט קאָנטאקטירט מיט דער אינערלעכער נויטווענדיקײַט פונעם בילדערישן אויסדרוק. אין וו. מ. מידלערס געמעלן פילט זיך די קאָנצענטרירטע ארבעט פונעם סייכל און די באהאוונטקײַט פון דעם מײַסטער. ער קאָן ארבעטן מיט פארשיידענע מאטעריאלן און פארשיידענער טעכניק.

דער גראפישער בויגן „נאָכן מארק" — דאָס איז א געמעל מיט טוש, באפארבט מיט אקווארעל. דער קאָלאָריט פון אָט דער זאך איז א צארטער, אָן אָנגעפילטער מיט ליבהאפטיקער פרייד, צוזאמען מיט א לײַכטן אָנפלי פון טרויער. א געמישטע טעכניק, וואָס איז א רעזולטאט פון א מיזאמער ארבעט, און אין סאכאקל — אן אומדערווארטער עפעקט, וואָס קאָן אויסזען „קינסטלעך" — ריינקײַט פון אומיטלבארן געפיל. דאָס שטעטל לעבט מיט א געוויינלעך לעבן, וואָס איז פול מיט געוויינלעכע זאָרגן און מיט סאמע פארשיידנארטיקע שטימונגען. צעשטערנדיק די שטרענגע, קלאָרע רוים־כאראקטעריסטיק, איז אָנגעמאָלט ניט פראָפּאָרציאָנעל א גרויסע פיגור פון א פרוי, וועלכע שלאָפט. זי איז געמאָלט מיט גואש. אירע קליידער זעען אויס ווי א קאלטער פארב־פלעק — זייער אן אופנעמבארער און דערפאר א שווערער (דאָס ווערט איבערגעגעבן מיט קאָליר און ניט מיט פלאסטישער מאָדעלירונג), בלויז אומדערווארט, ערגעץ אפן אָרנאמענט פון איר האלבאָשע, ווערן אָפגעשפיגלט אָפגלאנצן פונעם ליכטיקן טאָג.

די איינהײַט פון דער קאָליר־לייזונג אף אָט דעם בויגן איז אוניקאל. רויטלעכע, בלוילעכע בליקן אף די דעכער, שאטירונגען פון גרינעם, געלן, רויטן — א גאמע פון ניט העלע פארבן, וואָס שטימען אף א ווונדערלעכן אופן איינע מיט דער צווייטער. עס איז אינטערעסאנט דער זינלעכער איבערוף מיטן קאָליר: דער בלויער אף די דעכער ווײַזט זיך ווי א ווארעמער, האגאם לויטן טאָן רופט ער זיך איבער מיטן קאלטן קאָליר פון דער האלבאָשע. א וועלט פון שײַן און פון שווערע כאלוימעס, פון הײַזלעך, וואָס דאכטן זיך אויס ווי לעבעדיקע און ריידנדיקע, ארײַנעמענדיק די ליכט פונעם הימל און די לויטערע פארבן פון דעם לעבן, — הײַזער, וועלכע „לעבן", און מענטשן, וואָס אָדער זיי שלאָפן מיט א שווערן שלאָף פון פריידלאָזער, צי פאָשעט גלײַכגילטיקער מידקײַט, אָדער זיי זעען אויס, ווי געשפּענסטער; א טריבע פיגור פון א זאָקן, וואָס האָט זיך אָפגעקערט פון דער וועלט.

א ווונדערלעכע מעטאמאָרפאָזע קומט פאָר מיט אָט דעם געמעל אין שווארץ־ווײַסער פארקערפערונג. דאָ ווערט ארויסגערוקט אפן ערשטן פלאן דער אומרויִקער ריטם פון ליניעס און רוים־אינהאלט. די צעשטערונג פון דער רוים־איינהײַט דורך דער פיגור פון דער פרוי, דאכט זיך אויס ווי א פאנטאסמאגאָריע, וואָס האָט אומדערווארט באקומען קאָנקרעטע פאָרמען און שאפט אן עפעקט פון פאנטאסטישע זעונגען, וועלכע זײַנען ביז ווייטעק רעאל אינעם הארצן לויט די עמפינדונגען פון דעם לעבן. אפן געמעל זעט מען וואָס פאר א גרויסע באדײַטונג עס האָט פאר א קינסטלער דער קאָליר, אָט די אייביקע שיינקײַט פונעם זײַן, וואָס גיט לעבנס־קויכעס.

אָפּהענגיק פון דער קלאָר אוועקגעשטעלטער אויפגאבע קלײַבט אויס וו. מ. מידלער די אָדער יענע גראפישע לייזונג. דעריקער איז בא אים „דער הארציקער מענטשלעכער מאטעריאל", וועלכער שאפט געשטאלטן ליכטיקע, ריינע און איינצײַטיק דראמאטישע, אינערלעך אָנגעשטרענגטע. דאָס טרויעריקע באשײַנט די נאטור פון גוטס און שלעכטס אינעם געשטאלט פון דעם קראנקן זאָקן („דער קראנקער זאָקן") אינעם ריטם פון די פיגורן, וואָס באוועגן זיך אינערגעץ ניט („אויסגאנג"). מידלערס געשטאלטן פון די זקיינים אנטהאלטן אין זיך די כאָכמע פונעם פאָלק, די קראפט פון דעם גײַסט פון די ביבלישע נעוויִים, וואָס טראָגן ווירדיק די שווערע צאָרעס פונעם לעבן.

אינעם געמעל „אן אלטער מיט א צאפיקל" פארלירט די ליניע דעם פלאסטישן כאראקטער. די ליניע פארשווינדט מאָמענטנווײַז ביכלאל אין דער וויבראציע פונעם אויבערפלאך, אין דער טאָנאלער שפיל פון שאָטנליכט. זי טראָגט ניט קיין קאָנסטרוקטיווע, נאָר עמאָציאָנעלע פונקציעס. אפן אויבערפלאך פונעם געמעל ווערט ביסלעכווײַז אנטפלעקט די פיגור פון דעם זאָקן מיט זײַן לעבעדיקער מאסע.

און אָט איז דער געמעל „ווינטער אפן מארק". דער קינסטלער דערגרייכט דאָ א באזונדערע אויסדריקלעכקײַט פון די פארהעלטענישן צווישן שווארצן, זילבערדיק־גרויען, ווײַסן, וואָס עס גיט איבער די „לופטיקײַט", די שײַנענדיקײַט פון דער שעטעך־סוויווע. ס'פילט זיך די באוועגונג פונעם קינסטלערס האנט, וועלכע שאפט רויִק און זיכער, מיטן דינסטן פענזל, א פאָשעטע סצענע פונעם לעבן.

---

ווי פערזענלעך און טיף ס'זאָל ניט זײַן אונדזער אופנעמונג, זאָגן אָט די געמעלן איידעס פריִער פאר אלץ וועגן א גליקלעכער באגאבונג, וואָס עס ווײַזט ארויס וויקטאָר מידלער אין שילדערן די טאָגטעגלעכע זאָרגן פונעם לעבן, ניט פארגעסנדיק אין די הויכע צילן פונעם מענטשלעכן זײַן. און ענדיקן דעם דאָזיקן קליינעם עטיוד, ווילט זיך מיט די ווערטער פונעם קינסטלער: „צי קאָנען מיר זיך אָפּוועגדן פון דער גרויסער שעפערישער ארבעט און פאָשעט אָפּרוען? איך גלייב ניט"... דאָס האָט א שײַכעס צו אונדז, צושויער.

וו. דרוז

■ ■ ■

לייב ווילסקער

# א שומרונישע איבערזעצונג פון סעאַדיעס „באַקאָשע"

סעאַדיע־גאָען (942—881) איז אַרײַן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור־געשיכטע אונטערן טיטל, מיט וועלכן עס האָט אים געקרוינט אַווראַהאָם איבן־עזרא: „ראש המדברים בכל מקום" (דער הויפּט־רעדנער אומעטום). דעם אויסדרוק האָט א. איבן־עזרא אנטליִען פון דער גמאָרע, ווו מיט דעם דאָזיקן בײַנאָמען איז אָנגערופן איינער פון די לעצטע טאַלמידים פון ראַבי אקיווע — דער באַוווּסטער טאַנע פונעם פערטן טאַנאָיִם־דאָר יעהודע בען אילאַאי.

דעם בעקאָוועדיקן טיטל האָט סעאַדיע־גאָען קאָשער פאַרדינט אַדאַנק זײַן ערודירטקײַט, ברויזנדיק לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין קאַמפן און דיספּוטן מיט די קעגנער.

סעאַדיע־גאָען איז א מאָנאָליטע פּערזענלעכקײַט. יעדער אַקט פון זײַן געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקײַט איז ענג פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן.

סעאַדיע־גאָען האָט זיך שטענדיק געפונען אין סאַמע צענטער פון די וויסנשאַפטלעכע און רעליגיעזע מאַכלויקעסן פון זײַן צײַט.

עס דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן פאַרשטענדלעכער, ווי דער קאַלענדאַר, וועלכער איז געווען נאָך פון פיל דורעס פריִער באַשטימט, אָבער אויך אויף דעם געביט האָבן זיך צעפלאַקערט שטרײַטן. סעאַדיעס קעגנער איז געווען בען מעיִר. די מאַכלויקעסן בײַ ייִדן וועגן קאַלענדאַר־פראַגן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט, אפילו אין ניט־ייִדישע קרײַזן. אָט וואָס עס האָט געשריבן אין זײַן „געשיכטע" אין 1019—1018 איליאַ באַר שינאַיאַ (1056—975), דער סירישער מיטראָפּאָליט פון דער שטאָט נעציווין[1]:

[1] נעציווין, אָדער נעסיבין — א שטאָט אין איראַק. שוין אין ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער הײַנטיקער צײַטרעכענונג איז דאָרט געווען א צעצווײַגטע ייִדישע קעהילע. אין מיטלאַלטער האָבן אין נעציווין געלעבט פיל ייִדן און סיריער־קריסטן. די באַוווּסטע ייִדישע רײַזנדער פונעם 12־טן יה. ביניאָמין פון טודעלאַ (שפּאַניע) און פּעטאַכיע פון רעגענסבורג (א שטאָט אין באַוואַריע) האָבן געשריבן אין זייערע רײַזע־ביכער וועגן א קאָמפּאַקטן ייִדישן יִישעוו אין דער דאָזיקער שטאָט.

„אין יאָר 1232 לויטן גריכישן קאַלענדאַר (דה. 920 אָדער 921 יאָר — ל. וו.) איז אויסגעבראָכן א שטרײַט צווישן די ייִדישע קעהילעס אין מײַרעוו און אין מיזרעך באַם אויסרעכענען זייערע יאָמטויווים. די מײַרעוודיקע ייִדן האָבן אָפּגעמערקט ראָש־האַשאָנע דינסטיק און די מיזרעכדיקע—דאָנערשטיק".

בײַ סעאַדיען קאָן מען געפינען „טשוווּעס" די קאַראַיִמער און פּערזענלעך בען אשערן[1], וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם טאַלמוד, און „אַפּיקאָרסים", ווי אויך מאַטעריאַלן וועגן דעם גלויבן פון די מוסולמענער און קריסטן.

סעאַדיע־גאָען איז געווען דער ערשטער געלערנטער־ענציקלאָפּעדיסט בײַ ייִדן. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט די העברעיִשע און אַראַמעיִשע ליטעראַטורן, איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער אַראַבישער און גריכישער פילאָסאָפיע, אין דער העברעיִשער, אַראַמעיִשער און אַראַבישער שפּראַכן. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט פאַיום (מיצראַיִם). אין סוראַ האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס גאָען, און אין באַגדאַד האָט ער זיבן יאָר געלעבט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דעם גרימצאָרן פונעם דעמלטיקן ראָש האַגאָלאָ[2] דאָוויד זאַקאַי.

די ביבליאָגראַפיע פון סעאַדיעס ווערק האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן זײַנע קינדער. זייער רעשימע איז אָבער דערגאַנגען צו אונדז אין א שלעכטן צושטאַנד, עס פעלן אייניקע ווערק. אַווראָהאָם בען דאָוויד האַלייווי (1180—1110), דער הי־

[1] בען אשער (10 יה.) האָט פעסטגעשטעלט די אַזוי־גערופענע „מסורה" (מאַסאָרע) — (אָרטאָגראַפיע, טראָפּן און גראַמאַטיק פונעם טאַנאַך. זײַן קעגנער איז געווען בען נאַפטאָלי. אין דער וויסנשאַפט איז אָנגענומען די סיסטעם, וועלכע ס'האָט אויסגעאַרבעט בען אשער.

[2] ראָש האַגאָלאָ (דער הויפּט פון דער דיאַספּאָראַ) — אַזוי האָט בעמעשעך פון אַרום 800 יאָר זיך אָנגערופן דער וועלטלעכער און רעליגיעזער פירער פונעם ייִדישן קיבוץ אין באָוול. ענלעכע רעכט האָט געהאַט דער אַזוי־גערופענער „נאַסי" אין פּאַלעסטינע און דער „נאָגיד" אין מיצראַיִם.

סטאָריקער, פילאָסאָף און אסטראָנאָם דערציילט אין זײַן „ספר הקבלה" (דאָס קאבאַלע־בוך) וועגן סעאדיעס אייניקע ליטערארישע ארבעטן, וועגן זײַנע ארויסטרעטונגען קעגן די קאראַימער און אנדערע „אומגלויביקע".

עס האָט א ׳גרונט די האשאָרע, אז אייניקע ווערק פון סעאדיע־גאָען זאָלן זײַן ארײַנגעפלאָכטן אנאָנים אין זאמלביכער אָדער אין פרעמדע ארבעטן. י. צינבערג, לעמאָשל, ווײַזט אָן, אז אין דעם „ספר חסידים" (כאסידים־בוך), וואָס איז צוזאמענגעשטעלט פון באזונדערע קונטרייסים פון דרײַ מעכאברים, האָבן די שפּעטערדיקע איבערשרײַבערס ארײַנגעשטעלט גאנצע מײַמאָרים און פראגמענטן פון פריערדיקע מעכאברים און בעסויכאָם פון סעאדיעס „ספר תשובה" און אנדערע (צינבערג, י. די געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן. ווילנע, 1930, ב. 2, ז. 52, 53).

אדאנק די פאָרשונגען פונעם הײַנטצײַטיקן געלערנטן נעכעמיע אלאָני (געב. 1906) דערוויסן מיר זיך וועגן איינעם פון סעאדיעס לערער פון דער העברעיִשער שפּראך און גראמאטיק. דאָס איז געוועזן עלי בען יעהודאָ, דער אזויגערופענער „נאָזיר", דער אוטאָר פון „די יעסוידעס פון דער העברעיִשער שפּראך" (אין אראביש). בא אים האָט זיך געלערנט סעאדיע אין די יאָרן 915—920. דער אראבישער היסטאָריקער און געאָגראַף אלמאסאודי (געשט. 956) דערציילט, אז סעאדיע איז געווען א טאלמיד פונעם שרײַבער פון טווערייע אבו־קאסיר (געשט. 932—933) יעהודע בען בארזילײַ פון בארסעלאָנע (11—12 יה). האָט געשריבן, אז דער בארימטער פילאָסאָף דאָוויד אלמעקאמעס איז געווען סעאדיעס א לערער.

סעאדיע פלעגט זיך ניט באנוגענען מיט זײַנע אומיטלבארע לערער. ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט אנדערע געלערנטע, טיילנדיק זיך מיט זײַנע אָנשויונגען וועגן פארשיידענע פראגן. אָט, לעמאָשל, האָט דונאש בען טאמים (900—970), א באוווּסטער אסטראָנאָם, רויפע, פילאָסאָף און גראמאטיסט, וועלכער האָט געלעבט אין דער שטאָט קיירואן (טוניס), דער אוטאָר פון עטלעכע ארבעטן וועגן אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק, ווי אויך פון א פּראקטישער גראמאטיק פון דער העברעיִשער און אראבישער שפּראכן, — געשריבן אין זײַנער א פאָרעדע צום פיירעש אפן „ספר יצירה", אז סעאדיע פלעגט, לעבנדיק נאָך אין זײַן געבורטסשטאָט פאיום, גאנץ אָפט שיקן זײַנע ווערק קיין קיירואן „צו אונדזער זאָקן ייִצכאָק בען שלאָמע, ווענדנדיק זיך מיט פארשיידענע שײַלעס וועגן די „כאָכמעס כיצויניִעס" (דה. ניט רעליגיִעזע, וועלטלעכע דיסציפּלינען).

די גלענצנדיקע בילדונג, וועלכע סעאדיע האָט באקומען, האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט צו שאפן זײַנע ווערק אף צוויי שפּראכן — העברעיִש און אראביש.

באוווּסטע דיכטער, שפּראכפאָרשער, איבערזעצער און סתם געלערנטע האָבן בעמעשעך פון דוירעס זיך באצויגן מיט פּיִעטעט צו דער רײַכער אראבישער שפּראך, אף וועלכער די ייִדן פלעגן אין מיטלאלטער אין א ריי לענדער זיך באנוצן אין טאָגטעגלעכן געברויך, און ייִדישע געלערנטע האָבן געשאפן אף איר א גרויסע צאָל פון זייערע ווערק. דער בעסטער אײַדעס אין דעם זין איז יעהודע איבן טיבאָן (1120—1190), דער אזויגערופענער „ראָש המעתיקים" (דער הויפּט פון די איבערזעצער). ער האָט איבערגעזעצט פון אראביש אין העברעיִש „די כויוועס פון די הערצער" — דאָס פילאָסאָפישע ווערק פון באכיא איבן פאקודא (1040—1110), יעהודע האלייוויס (1085—1142) „כוזרי" (קוזרי) — א דיספּוט פון א ייִדן מיטן מײַלעך פון די כאזארן, וועלכער האָט זיך דערנאָך מעגײַער געווען, „מבחר הפנינים" — „אויסדערוויילטע פּערלען", זאמלבוך פון אפאָריזמען און גלייכווערטלעך, וועלכע די ייִדישע טראדיציע שרײַבט צו דעם פילאָסאָף און דיכטער שלאָמאָ איבן געווירא‌ָל (1020—1050), „ספר הרקמה" (דאָס געוועב־בוך) און „ספר השרשים" (דאָס בוך פון וואָרצלען) — לעקסיקאלישגראמאטישע ווערק פון איבן דזשאנאך (990—1050), סעאדיע גאָענס פילאָסאָפיש ווערק „האמונות והדעות" (גלויבנס און וויסנשאפטן) און אנדערע. דער דאָזיקער אויטאָריטעט, וועלכער האָט געהאט צו טאָן מיט פארשיידענע ליטעראטור־זשאנרען, האָט געגעבן א פאָלגנדע כאראקטעריסטיק דער אראבישער און העברעיִשער שפּראכן: „די אראבישע שפּראך איז זייער רײַך און ברייט. מע קאָן אין איר זייער לײַכט איבערגעבן יעדע פּראָבלעם, יעדן געדאנק מיט אלע ניואנסן, ניט ווי די העברעיִשע שפּראך, וואָס איר צאָל ווערטער און אויסדרוקן איז זייער באגרענעצט. מיר שעפּן אלץ פון איין קוואל — פון דעם טאנאך. דאָס קאָן אָבער ניט באפרידיקן אלע באדערפענישן... מיר זײַנען דערפאר ניט אימשטאנד איבערצוגעבן אין א שיינער פאָרם אזוי קלאָר און דײַטלעך אונדזערע געפילן אין העברעיִש, ווי עס געלינגט אונדז אין אזא רײַכער שפּראך ווי אראביש".

סעאדיע גאָענס אָריגינאליטעט לאָזט זיך מערקן אף אלע געביטן פון זײַן וויסנשאפטלעכער טעטיקײַט. ער איז דער אָנפאנגער פון דער פילאָסאָפיע בא ייִדן. זײַן „האמונות והדעות" (גלויבנס און וויסנשאפטן) האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין פילאָסאָפישן ארט דענקען פון די קינפטיקע געלערנטע און בעסויכעם פונעם ראמבאם. ער האָט אויסגעטראָטן דעם וועג צום וויסנשאפטלעכן פאָרשן די לעקסיק און גראמאטיק פון דער העברעיִשער שפּראך. אין דעם פּראט האָט אים זייער מיטגעהאָלפן זײַן פּערפעקט קענען די צוויי שוועסטערשפּראכן פון העברעיִש: אראביש און אראמעיִש. זײַן ערשטע וויסנשאפטלעכע ארבעט — דער ווערטערבוך „אגרון" (עגראָן), וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אראביש און העברעיִש אין 902 יאָר, ווען ער איז נאָך געווען אין פאיום, ווי אויך זײַנע אנדערע פילאָלאָגישע ארבעטן, לעמאָשל א פאָרשונג וועגן „70 ווערטער, וואָס טרעפן זיך אין טאנאך צו איין מאָל", א בוך וועגן „די גאָרגל־קלאנגען" אין העברעיִש, א גראמאטיש־לעקסיקאלישע פאָרשונג, וואָס איז באשטאנען פון פיל טיילן אונטערן טיטל: „צחות לשון העברית", — האָבן געגעבן א געהעריקן שטויס צום ווײַטערדיקן פאָרשן די העברעיִשע שפּראך. עס זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן פיל מיינונגען פאר און קעגן אייניקע סעאדיעס אידייען אין

זײַנע פֿילאָלאָגישע ארבעטן. אלע האָבן אים אָבער געשעצט אלס אָנהייבער, אלס נאָוואטאָר אפֿן געביט פֿון דער העברעיִשער פֿילאָלאָגיע.

נעמענדיק אין אכט די דאָמינירנדיקע ראָל פֿון דער פּאָעזיע אין דער ליטעראטור בא ייִדן אין יענע צײַטן, האָט סעאדיע געשריבן זײַן ווערטערבוך קויִדעמקאָל פֿאר די דיכטער־וועגן, שטרעבנדיק צו זײַן זיי באהילפֿיק באם צוזאמענשטעלן גראמען און אקראָסטיכן. דער „אגרון" שטעלט מיט זיך פֿאָר אָן אלגעמיינעם ווערטערבוך אין העברעיִש, ווו עס איז אײַנגעשלאָסן די לעקסיק פֿונעם טאנאך, פֿון טארגום און געמאָרע־לאָשן און א ביסל אויך די פּײַטאָנים־שפּראך. די ארטיקלען אינעם ווערטערבוך זײַנען געבראכט אין צוויי פֿארשיידענע אלעפֿבייס־רייען: איינער—לויטן געוויינלעכן סיידער פֿון די אויסיעס פֿון די געבראכטע ווערטער, דער צווייטער — לויט זייער פֿארקערטן סיידער, לויט די ענדן פֿון די ווערטער. סעאדיע באמערקט דערבײַ, אז דאָס טוט ער לעטויוועס די דיכטער וועגן, זיי זאָלן לײַכטער קאָנען געפֿינען פֿאר זיך די נייטיקע גראמען. אויסער דעם, האָט דער „אגרון" געהאט אײַנגעשלאָסן אין זיך א כיבער וועגן דער פּאָעטיק.

סעאדיעס איבערזעצונג פֿונעם טאנאך אין אראביש איז א טעמע פֿון א ריי פֿאָרשונגען. די דאָזיקע איבערזעצונג האָט פֿארינטערעסירט ניט נאָר ייִדן, קאראִמער, שוימרוינים (וועגן דער האשפּאָע פֿון סעאדיעס איבערזעצונג אף די שוימרוינים האָט געשריבן א. א. הארקאווי, אנאָטירנדיק די שוימרויִנישע קסאוויאדן, וואָס געפֿינען זיך אין דער לענינגראדער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, — סאנקטפּעטערבורג, 1875), נאָר אפֿילע אראבער. וועגן דעם זאָגט איידעס דער אויבנדערמאָנטער געלערנטער אלמאסאודי, וועלכער שרײַבט, אז די מערהײַט קאָמענטארן און איבערזעצונגען פֿון „די 24 ספֿאָרים", דה. דעם טאנאך, האָבן מיר „מיט די אייגענע אויגן געזען" און אז צו סעאדיעס פּיירעש „באציִען זיך פֿיל מיט אויסערגעוויינלעכער כשיוועס". סעאדיעס אראבישע איבערזעצונג און קאָמענטארן זײַנען דורכגעדרונגען מיט זײַנע אידעאָלאָגישע אָנשויונגען.

סעאדיע־גאָען איז געווען אן אויסגעצייכנטער פּאָעט. ער האָט אָנגעשריבן הונדערטער פּיוטים און לידער אין פֿארשיידענע זשאנרען. די העברעיִשע פּאָעזיע ווייסט ניט פֿון קיין צווייטן דיכטער, וועמענס שאפֿונג זאָל, פֿון איין זײַט, זײַן געשריבן לויט די מאנירן פֿון די אלטע פּײַטאָנים מיט זייער שווערן, פֿארדרייטן סטיל, באפּעפּערטן מיט דער סימבאָליק פֿון מעדראָשים, און פֿון דער אנדערער, געשריבן פּאָשעט, קימאט אף א ריין טאנאכישן העברעיִש, בארײַכערט מיט פֿילאָסאָפֿישע טערמינען. א באזונדער אָרט פֿארנעמט סעאדיעס „אשא משלי", עסא מעשאלי, איך טראָג מײַן מאָשל — זײַן געגראמטע פּאָלעמיק מיט כיווי האבאלכי.

ניט אזוי לײַכט, ווי עס קאָן זיך דוכטן, קומט אויס פֿעסטצושטעלן די דיכטערישע ווערק, וועלכע געהערן סעאדיע־גאָען. לויטן פּראָפֿ. עזראָ פֿליישער (ירושאָלאיִמער אוניווערסיטעט), פֿלעגט זיך סעאדיע־גאָען אין אייניקע פֿון זײַנע אקראָסטיכן כאסמענען ניט מיטן אייגענעם נאָמען, נאָר: „שלמה" אָדער „שלמה יזכה" („שלאָמאָ ייִזקע" — שלאָמאָ וועט זוכע זײַן, געמיינט: האָבן אוילעמהאבע). עס רופֿט, עמעס, ארויס ווונדער, וואָס סעאדיע־גאָען באנוצט זיך גראָד מיט די זעלבע כסימעס, וואָס טרעפֿן זיך — און דאָס מאָל מיט רעכט — באם דיכטער שלאָמאָ סוליימאן אלסאנדזשארי, וועלכער פֿלעגט זיך אונטערכאסמענען אין זײַנע אקראָסטיכן: „שלמה", „שלמה יזכה", ווי אויך „שלמה חזן" (שלאָמאָ כאזאן, געמיינט: „שלאָמאָ דער דיכטער"). דעריבער דארף מען זײַן געבענטשט מיט א באזונדערס ראפֿינירטן כוש, קעדיי קענען פֿעסטשטעלן, ווער עס איז דער אווטאָר פֿון דער אָדער יענער ליד אָדער פּיוט: סעאדיע־גאָען אָדער אן אנדערער.

אין צוויי ביכער — פֿון ע. פֿליישער און ד. פּאגיס — ווערט אויסגעפֿאָרשט די האשפּאָע, וועלכע ס'האָט געהאט סעאדיעס דיכטונג אף די קומענדיקע דוירעס.

פֿליישער ווײַזט אָן, אז סעאדיע איז א נאָוואטאָר אין דער פּאָעזיע פֿון יענער צײַט. ער האָט דער ערשטער אין דער העברעיִשער דיכטונג געשאפֿן סטראָפֿישע לידער, געבויטע לויט די מוסטערן: א־ב־א־ב (דה. די דריטע שורע גראמט זיך מיט דער ערשטער און די פֿערטע מיט דער צווייטער) און א־א־א־ב, ג־ג־ג־ב, ד־ד־ד־ב א. א. וו.) דה., די ערשטע דרײַ שורעס אין יעדער סטראָפֿע האָבן אן אייגענעם גראם, און אלע פֿערטע שורעס פֿון דער גאנצער ליד האָבן אויך א געמיינזאמען (אנדערן) גראם. סעאדיע איז א נאָוואטאָר אין געביט פֿון דער לעקסיק. ער באנוצט זיך מיט נעאָלאָגיזמען, וועלכע ער האָט אליין געשאפֿן, ארויסגייענדיק פֿון א ריי לעקסיקאלישע און גראמאטישע האנאָכעס.

ע. פֿליישער פֿאָרשט נאָך די האשפּאָע פֿון סעאדיע־גאָען אף די דיכטער ייִצכאָק איבן דזשיקאטילא (1248—1305) און ייִצכאָק בען רעאוווין אלברעגלאָני, ווי אויך — אף וויפֿל די אבסטראקטע ראַיוינעס, וואָס ווערן געבראכט אין די לידער פֿון נעכעמיאָ בען שלאָמאָ, זײַנען באווירקט פֿון סעאדיע־גאָען.

פֿליישער האלט, אז די פּאָעטישע ווערק, וועלכע ס'האָט געשאפֿן סעאדיע־גאָען, ווי אויך די ווערק, וועלכע זײַנען געשאפֿן אין סעאדיעס דאָר אין די מיזרעך־לענדער ביכלאל, שטעלן מיט זיך פֿאָר די שוואלבן, וואָס האָבן פֿאָרויסגעזאָגט דעם גרויסן שפּרונג פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע אפֿן שפּאנישן באָדן.

סעאדיע האָט אויך געשריבן פּראָזע־ווערק. ווי עס טרעפֿט גאנץ אָפֿט, ווען א דיכטער שרײַבט אין פּראָזע, קומט עס אויס אויך א מין פּאָעזיע. דאָס זעלבע איז געשען מיטביידע „באקאָשעס" פֿון סעאדיע־גאָען, ווי אויך מיט זײַן האקדאָמע צום ווערטערבוך „אגרון" (עגראָן). די דאָזיקע ווערק זײַנען געשריבן אין א פּרעכטיקן העברעיִש, זייער זשאנער איז—„דיכטערישע פּראָזע". סעאדיע האָט דאָ אויסגעמיטן נעאָלאָגיזמען, מיט וועלכע ער האָט זיך באנוצט אין זײַנע פּאָעטישע ווערק. די „באקאָשעס" אנטהאלטן, צווישן אנדערס, אויך ציטאטן פֿון טאנאך. די לעקסיק פֿונעם מעדרעש איז אויסגענוצט אין זיי אף א מינימאלן אויפֿן.

דער פּרעכטיקער אינטימער סטיל, אין וועלכן ס'זײַנען פֿאַרפֿאַסט בײדע „באַקאַשעס", הויפּטזאַכלעך די צווייטע, האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקײט פֿון טויזנטער שעצער פֿונעם העברעיִשן וואָרט. די פּאָפּולאַריטעט פֿון די „באַקאַשעס" איז געווען א אומגעהײערע. וועגן זיי האָט אווראַהאָם איבן עזרא געזאָגט, אַז „קיין שום אוטאָר האָט אַזעלכס ניט אָנגעשריבן" („שלא חבר מחבר כמוהם").

סעאַדיעס „באַקאַשעס" האָבן געפֿונען נאָכפֿאָלגער. לויט עזרא פֿליישערן, איז די באַרימטע באַקאַשע „כתר מלכות" (די קרוין פֿון מאַלכעס) פֿון שלוימע איבן גוויראָל „א זעלטן געלונגענע און אויסגעצייכנטע נאָכמאַכונג פֿון סעאַדיעס באַקאַשעס, סײַ לויט דער פֿאָרם, סײַ לויטן סטיל".

אַף דעם זעלבן אויפֿן האָבן געשאַפֿן זייערע באַקאַשעס באַכיא איבן פּאַקודא (1040—1110) — דער אוטאָר פֿונעם פֿילאָסאָפֿישן בוך „חובות הלבבות", (די כוויוועס פֿון הערצער) און יעהודע האַלייווי, וועמענס געגראַמטע „באַקאַשע" איז אַן אויסערגעוויינלעך געלונגענע.

ע. פֿליישער האַלט, אַז די האַשפּאָעס פֿון סעאַדיעס „באַקאַשעס" לאָזן זיך מערקן אין די שאַפֿונגען פֿון די פּײַטאָנים פֿון צענטראַל־אייראָפּע. א צווייטער פֿאָרשער — י. פּאַגיס — איז געקומען צו א מערקווירדיקן אויספֿיר, אַז די געוויינלעכע פּראָזע־שפּראַך, אַף וועלכער מע פֿלעגט שרײַבן בריוו, פֿאַרשונגען, קאָמענטאַרן, מוסער־ווערק און רעטאָרישע שאַפֿונגען זײַנען באַווירקט געווען פֿונעם סטיל פֿון סעאַדיעס „באַקאַשעס" און פֿון זײַן האַקדאָמע צום ווערטערבוך „אַגרון". לויט פּאַגיסן, קומט אויך אויס, אַז אונטער דער דאָזיקער האַשפּאָע האָט זיך געפֿונען יעדאַיאַ האַפּעניני (1270—1340), ווען ער האָט געשריבן זײַן מוסער־און אַפֿאָריזמען־בוך „בחינת עולם" — א ווערק, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער און האָט אויסגעהאַלטן העכער 80 אויסגאַבעס (אַגעוו. איז עס אויך באַוווּסט אין דער איבערזעצונג אין ייִדיש).

צעמאַך בען יעהאָשוא (11־טער יה.) האָט געשריבן, אַז פֿיל טאַלמידים באַמִיִען זיך אויסלערנען די „באַקאַשעס" אַף אויסווייניק. ביז הײַנט־צו־טאָג זײַנען ניט באַוווּסט די וועגן, דורך וועלכע די „באַקאַשעס" האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אומעטום, ווו עס זײַנען נאָר געווען ייִדן: אין טײַמען, באָוול, סיריע, פּאַלעסטינע, מיצראַיִם, שפּאַניע, צפֿון־אַפֿריקע, רומעניע, איטאַליע, דײַטשלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער.

פֿון די „באַקאַשעס", פֿון בײדע צוזאַמען אָדער פֿון יעדער באַזונדער, פֿלעגט מען מאַכן קאָפּיעס, אין די אַראַבישע לענדער — בלויז פֿון דער איבערזעצונג. די ערשטע „באַקאַשע" האָט איבערגעזעצט אַף אַראַביש צעמאַך בען יעהאָשוא. די צווייטע — סעאַדיע אַליין. עס איז באַוווּסט א קאָפּיע פֿון סעאַדיעס איבערזעצונג, וועלכע ס'האָט געמאַכט אַזאַריאַ בען דאָוויד אין דער שטאָט אַשקעלאָן אין 1061.

וואָס איז שײַעך דעם טעקסט פֿונעם אָריגינאַל און פֿון זײַן אַראַבישער איבערזעצונג, איז עס זייער א זעלטענע דערשײַנונג. דאָקטאָר י. יאָעל, י. דאַווידזאָן און ש. אַסאַף דערמאָנען בלויז דרײַ אַזעלכע קסאַוויאַדן אין אָקספֿאָרד, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די אַראַבישע איבערזעצונג פֿון בײדע „באַקאַשעס", איין פֿראַגמענט אין עלכאַנאָן אַדלערס זאַמלונג, וואָס אַנטהאַלט בלויז א קליינע טייל פֿון דער ערשטער „באַקאַשע" (דער דאָזיקער פֿראַגמענט געפֿינט זיך אין ניו־יאָרק אין דער ביבליאָטעק פֿון דעם ראַבאָנים־סעמינאַר); דער קסאַוויאַד פֿון די פֿראַגמענטן פֿון דער געניזע, וואָס געפֿינען זיך אין דער אַליאַנס־ביבליאָטעק אין פּאַריז.

דערפֿאַר טאַקע האָב איך מיט גרויס באַוווּנדערונג און מיט פֿרייד באַמערקט אין דער 9־טער אָפּטיילונג פֿון דער פֿירקאָוויטשער שוימראָנישער זאַמלונג, וואָס באַשטייט פֿון ליטורגישע רעליגיעזדיכטערישע מאַטעריאַלן, א פֿראַגמענט פֿון אַן אומבאַוווּסטער שוימרוינישער באַאַרבעטונג פֿונעם העברעיִשן אָריגינאַל פֿון סעאַדיע־גאָענס צווייטער „באַקאַשע", באַצאַרגט מיט אַן אייגנאַרטיקער אַראַבישער איבערזעצונג. דער העברעיִשער און אַראַבישער טעקסטן זײַנען געשריבן מיט שוימרוינישע אויסיעס, כאָטש אייניקע אַראַביש געשריבענע ווערטער. דער פֿראַגמענט איז אַף צוויי פּאַפּירענע, ערטערווײַז צעשעדיקטע בלעטער אָנגעשריבן פֿון בײדע זײַטן אין צוויי שפּאַלטן. דער רעכטער שפּאַלט אַנטהאַלט דעם העברעיִשן טעקסט, דער לינקער — די אַראַבישע איבערזעצונג. די גרייס פֿון די בלעטער איז 27,5 אַף 19,7 סמ., די הייך פֿון די שפּאַלטן — 20,0 און די ברייט, צוזאַמען מיטן אינטערוואַל, וואָס צווישן די שפּאַלטן — 12,2 סמ. דער טעקסט הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „טוב ואל רע" (גוט און ניט שלעכט) פֿונעם 29־טן אַבזאַץ (שטימט מיט דער אָפּיציעלער אויסגאַבע פֿון י. דאַווידזאָן, און אַנדערע, ז. 73, שורע 7) און ענדיקט זיך מיט די ווערטער „וכל הבשר חציר וכל" (34־טער אַבזאַץ, לויט דער אָנגעוויזענער אויסגאַבע: ז. 76, שורע 10).

אַפֿן זעלביקן אויפֿן, ווי דער דאָזיקער פֿראַגמענט, זײַנען געשריבן די איבעריקע בלעטער פֿון דעם קסאַוויאַד, ווי אויך פֿון נאָך צוויי אַנדערע קסאַוויאַדן. אַף עטלעכע בלעטער פֿון איינעם פֿון די דאָזיקע קסאַוויאַדן לייענט זיך פֿאָלגנדיקער „טאַשקיל":[1] „מכתב זה הכנוס היפה כתב העני הצריך לרחמי יהוה נגמה בן יוסף" (די דאָזיקע שיינע זאַמלונג האָט געשריבן דער אָרעמער, וואָס נייטיקט זיך אין ראַכמאָנעס פֿון גאָט נאַגאַמאַ בען יוסעף). עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער „טאַשקיל" איז געווען פֿיל גרעסער און האָט אַנטהאַלטן נאָך יעדיעס וועגן דער צײַט און אָרט פֿונעם קסאַוויאַד, די וואַסערצייכנס פֿונעם פּאַפּיר — א טורעם מיט א

[1] דער „תשקיל" (טאַשקיל) איז א קאָלאָפֿאָן, וואָס ווערט באַשאַפֿן אַף אַן אָריגינעלן אויפֿן. מע באַנוצט זיך מיט אים אין די שוימרוינישע קסאַוויאַדן, און ער איז ניט באַוווּסט אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור אין דער וועלט. די קונסט פֿון אַזאַ קאָלאָפֿאָן באַשטייט אין דעם, וואָס מע דאַרף אים שאַפֿן דורך אויסוויילן אַף א ספּעציעלן אויפֿן אויסיעס פֿונעם געשריבענעם טעקסט אַזוי, אַז עס זאָל זיך לייענען פֿון אויבן אַראָפּ (ווי אין דער אַלט־מאָנגאָלישער אָדער אַלט־כינעזישער שריפֿט) דער געוווּנ־

ציילעם — זײַנען א גוטער איידעס, אז דער קסאוויאד שטאמט פון דער צווייטער העלפט פון 15־טן יה.

פון די אלע דרײַ קסאוויאדן אין דער פירקאָוויטש־זאמלונג צוזאמען באקומט זיך א פאַרשטעלונג, אז נאגאמא בען יוסעף האָט געשאפן א זאמלבוך אין שומרוניש פון אויסדערוויילטע ווערק און זיי איבערגעזעצט (אָדער זיך באנוצט מיט פּריערדיקע איבערזעצונגען) אין אראביש. דער צוזאמענשטעל פון דעם דאָזיקן בוך איז ביז גאָר אן אינטערעסאנטער. עס ווארפט זיך אין די אויגן ריישיסקאָל די עטלעכע און צוואנציק אלעפבייס־אקראָסטיכן, געשריבענע אינעם שומרונישן אלט־אראמעיִשן דיִאלעקט. בלויז איינער פון זיי איז געכאסמעט „יוסף". אויב ניט אלע, געהערט אָבער די מערהײַט פון זיי אָן סאָפּעק דעם קאלאם פון מארקע, וועלכן די שומרונים האלטן מיט פולער רעכט פאר זייער גרעסטן דיכטער און געלערנטן און רופן אים אָן „ברואה דחכמתה" (דער גרינדער פון דער וויסנשאפט). די קונסט פון שרײַבן לידער אין דער זעלבער מאניר ווי מארקע, איז אָנגערופן אין דער שומרונישער ליטעראטור מיט זײַן נאָמען: „בית מרקה" (מארקעס הויז, מארקעס ליד). פיל פאָעטן האָבן מיט דער צײַט געפּרוווט נאָכמאכן מארקען, נאָר קיינעם פון זיי איז ניט געלונגען צו דערגרייכן מארקעס זויבערן סטיל.

אין נאגאמאס זאמלבוך איז אויך פאַרגעשטעלט א פראגמענט פונעם פילאָסאָפישן ווערק „מאמר מרקה" — מארקעס וואָרט, — וואָס איז אָן צווייפל דאָס בעסטע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן ווען־ניט־איז א שומרונער.

פּראָפ. ז. בען כאַים (פּרעזידענט פון דער אקאַדעמיע פון איווריט) האָט פעסטגעשטעלט אייניקע פּראַטים פון מארקעס ביִאגראַפיע. מארקע איז א זון פונעם באוווסטן דיכטער אמראם, וועלכן מ'האָט באַפולמעכטיקט אָנפירן מיט א געוויסער געגנט און באשאָנקען מיטן טיטל „קויהען גאָדל" — דער שומרונישער קריגס־פירער, קעמפער פאר דער שומרונישער אומאָפּהענגיקײַט און רעפאָרמאטאָר פון זייער רעליגיִעזן און געזעלשאפטלעכן לעבן באווא ראבבא (308—362).

דער שומרונישער פראגמענט איז מערקווירדיק פון פיל שטאנדפונקטן. אן און פאר זיך איז אינטערעסאנט, ווען א ווערק פון א שרײַבער פון איין ליטעראטור טרעט איבער אין אן אנדערער. דאָס איבערגיין פון א ווערק פון א מיטלאלטערלעכן העברעיִשן שרײַבער צו די שומרונים איז גאָר א זעלטנהײַט (עס קומט מיר איצט אפן זיקאָרן בלויז איין ווערק פונעם ראמבאם).

סעאדיעס „באקאָשע" אין שומרוניש איז ווײַט ניט, ווי עס קען זיך דוכטן פונעם ערשטן אויגנבליק, קיין געווייִנלעכע טראנסליטעראציע (דאָס איבערגעבן מיט אויסיעס פון איין קסאוו פאסיקע אויסיעס פון א צווייטן קסאוו). דאָס צופאסן די „באקאָשע" צום געשמאק פון די שומרונים אזוי, אז עס זאָל בא קיינעם פון זיי ניט ארויסרופן קיין כשאד אין ווידערשפרעכיקײַט צו די יעסוידעס פונעם שומרונישן גלויבן, האָט געפאָדערט פונעם שומרונישן אוטאָר אין א געוויסער מאָס ווירטואָזקײַט. די שומרונים, ווי באוווסט, אין אונטערשייד פון די קאראַיִמער, יידן און קריסטן, אנערקענען פונעם טאנאך בלויז דעם כומעש, דערצו נאָך אין א ספּעציפישער שומרונישער רעדאקציע, וואָס האָט א גרויסע צאָל אָפּנייגונגען פונעם כומעש בא יידן. אין דער „באַקאָשע" אָבער האָט זיך סעאדיע באנוצט מיט פיל ציטאטן פונעם טאנאך אויסערן כומעש. וויִאזוי זשע איז זיך באגאנגען אין אזעלכע פאלן נאגאמא (אויב טאקע ער אליין זאָל זײַן דער אוטאָר פון דער

---

טשענער טעקסט פונעם „טאשקיל". דאָס וואָרט דערגרייכט אַף דעם פאָלגנדיקן אויפן.

צוערשט באשטימט דער סויפער דעם נוסעך פונעם „טאשקיל". געווייִנלעך אנטהאלט ער אָנגאבן וועגן דעם קסאוויאד, וועגן דעם סויפער גופע, וועגן זײַן מעצענאט, וואָס האָט בא אים באשטעלט אָנשרײַבן דעם דאָזיקן קסאוויאד, וועגן דער דאטע און אָרט, ווו מע האָט אים געשריבן.

דער טעקסט, ווו עס דארף זיך באווײַזן דער „טאשקיל", ווערט געשריבן אין צוויי שפאלטן, און אינעם אינטערוואל צווישן זיי לייענט זיך דער געוווּנטשענער טעקסט פונעם „טאשקיל". די אויסיעס פונעם „טאשקיל" ווערן אויסגעוויילט פון איינצלנע ווערטער פונעם הויפּט־טעקסט. אויב דער געוווּנטשענער אָס פעלט אין דער פאָלגנדער שורע, זוכט מען אזוי לאנג, ביזוואנען מע שטויסט זיך דערויף אָן.

שוימרוינישער איבערארבעטונג פון דער „באקאָשע“)? טאָמער האָט ער באמערקט, אז מע האָט דאָ צו טאָן מיט א ציטאטע פון „פּאָסעלע“ ביכער, האָט ער זי אין איניקע פאלן אינגאנצן אויסגעמיטן, אין אנדערע — פארביטן מיט א פאסיקער, לויט זײַן אָפּשאצונג, ציטאטע פונעם שוימרוינישן כומעש. ווען סעאדיעס אָריגינאל האָט בא אים ניט ארויסגערופן אזא מין כשאד, האָט ער איבערגעלאָזט די ציטאטע אומגעענדערט.

מיר וועלן דאָ אויסמײַדן די פראגע פון דער ספּעציפישער שוימרוינישער אָרטאָגראפיע און וויאזוי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם געגעבענעם שוימרויניש־העברעיִשן טעקסט. אָבער אויב שטעלן אין א זײַט די בײדע מאָמענטן: די ציטאטן פונעם טאנאך און איניקע אָרטאָגראפישע אָפּנייגונגען, איז דער שוימרויניש־העברעיִשער טעקסט א ראיעלער. ער איז אמנאָענטסטן ענלעך צום טעקסט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אינעם פראגמענט נומער 4036 פון דער אדלער־זאמלונג, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליִאָטעק פונעם סעמינאר אין ניו־יאָרק. ס'זײַנען פאראן אינעם שוימרויניש־העברעיִשן טעקסט ווערטער, וועלכע זײַנען אין די באוווּסטע קסאוויאדן ניטאָ. אין אזעלכע פאלן איז שווער פעסטצושטעלן זייער אורשפּרונג: אן אויסטראכטעניש פון נאגאמא אָדער א שוימרוינישע טראנסליטעראציע פון א פארפאלן געוואָרענעם העברעיִשן אָריגינאל. אין אזא פאל וואָלטן מיר געהאט צו טאָן מיט האשאָוואס־אווידע פון אן אומבאוווּסטער רעדאקציע פון סעאדיעס ווערק.

וואָס שײַעך די פאָרגעשטעלטע אינעם פראגמענט איבערזעצונג אין אראביש, איז זי זיכער אן אָריגינעלע, א ריין שוימרוינישע. ווי עס ווײַזט אויס, איז נאגאמא ניט געווען באקאנט מיט סעאדיעס אייגענער איבערזעצונג פון דער „באקאָשע“ אין אראביש. אין דעם זין שטעלט מיט זיך פאָר דער שוימרויניש־אראבישער טעקסט א זעלבשטענדיקן אינטערעס אלס א בײַשפּיל פונעם שוימרוינישן אראבישן דיאלעקט פון 15־טן (אויב ניט פריִער) יאָרהונדערט.

עס שטייט נאָך פאָר געוויס אן ערנסטע פאָרשערישע ארבעט פון יעדן זאץ, פון יעדן וואָרט באזונדער פון דעם צווישנשפּראכיקן פראגמענט, ביז וואנען מע וועט קענען ווי געהעריק אָפּשאצן די וויסנשאפטלעכע ווערט פון דעם שוימרוינישן דענקמאָל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אן אומבאוווּסטע בלאט פון דער קולטור־געשיכטע בא די שוימרונים און ייִדן.

---

# גערשן קראַוצאָוו



דעם 5 מארט, 1981 איז אין עלטער פון 75 יאָר געשטאָרבן דער קינסטלער גערשן קראַוצאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טשערקאס אין 1906. אין 1935 האָט ער געענדיקט דעם קינסטלערישן אינסטיטוט (וכוטעמאס) אין מאָסקווע און האָט זײַנע ערשטע שעפערישע פּרווון דורכגעמאכט אונטער דער אָנפירונג פונעם באוווּסטן קינסטלער וו. א. פאוואָרסקי. אין זײַן ווײַטערדיקער שעפערישער טעטיקײַט איז ער אליין געוואָרן אן אָנגעזעענער מײַסטער פונעם גראַוויור־זשאנער.

גערשן קראַוצאָוו האָט א סאך געארבעט איבער דער אויספאָרמירונג פון קינסטלערישער ליטעראטור. ער האָט אילוסטרירט העכער 400 ווערק פון סאָוועטישע און אויסלענדישע אווטאָרן. אין מעשעך פון זײַן שעפערישן וועג האָט ער אויך געשאפן מער פון 300 עקסליבריסן.

גרויסע פארדינסטן האָט ג. קראַוצאָוו פאר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. ער האָט קינסטלעריש אויספאָרמירט און אילוסטרירט פיל ווערק פון דער ייִדישער קלאסיק, ווי אויך א היפּשע צאָל ביכער פון די אָנהייבער און גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און פון די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

פונעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד“, אין פארלויף פון צוויי צענדליק יאָר פון זײַן עקזיסטענץ, האָט גערשן קראַוצאָוו געטרײַ מיטגעארבעט אין זשורנאל. די ערשטע הילע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איז געווען קראַוצאָווס. זײַנע געמעלן, אילוסטראציעס האָבן באשײַנט אונדזער זשורנאל און אים געמאכט באליבט בא די לייענער אין סאָוועטנפארבאנד און אין אויסלאנד.

אין טיפן טרויער פארנייגן מיר זיך פארן אָנדענק פון אונדזער פרײַנט און מיטארבעטער, וועלכער וועט אף לאנג פארבלײַבן אין אונדזער זיקאָרן.

ערע זײַן אָנדענק!

# קינסטלער וויקטאָר מידלער

(זע דאָס ארטיקל וועגן זײַן שאפונג אף דער זײַט 137)

**דער אלטער מיט א ציג**



דאָס ייִנגל מיט די גראַבליעס

שניטער

דער בייגל־הענדלער



ווינטער אפן מארק

די קראנקע

נאָכן מארק-טאָג

ע. דמיטריעוו

# פּאַר אַ גערעכטיקן שאָלעם אויפֿן נאָענטן מיזרעך

די אידעאָלאָגן און אַדעפּטן פֿונעם ציוניזם האָבן שטענדיק זיך באַמיט צו באַווײַזן די געזעצלעכקײַט פֿון זייערע טעריטאָריעלע פֿאַרכאַפּונגען. אין די אָפֿיציעלע ישׂראלדיקע דאָקומענטן פֿאַרופֿט מען זיך בײַ דער מינדסטער געלעגנהײַט אויף דעם רעכט פֿון ייִדן — און בלויז פֿון ייִדן — צו שאַפֿן אַן אייגענע מלוכה אויף דער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע, און עס ווערט פֿולשטענדיק נעגירט פּונקט אַזאַ רעכט פֿאַר אַן אַנדער קאָמפּאַקטער עטנישער געמיינשאַפֿט, וועלכע האָט דורכגעלעבט אין פּאַלעסטינע — פֿאַר די אַראַבער.

דערבײַ אָרט לאַכלוטן ניט די ציוניסטישע לידערס דער פֿאַקט, וואָס איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן זייער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, האָבן די אַראַבער און ייִדן פֿרידלעך דאָרט געלעבט זײַט בײַ זײַט. „ייִדן — דאָס זײַנען אונדזערע שוועסטערקינדער, — האָט געזאָגט דער פֿאַרשטאָרבענער ג. א. נאַסער, — מיר האָבן קאָעקזיסטירט בעמעשעך פֿון דורות. דער ציוניזם האָט אַרויסגערוקט זײַן פּראָבלעם, און אַלץ איז געוואָרן אומעגלעך צווישן ייִדן, אַראַבער און קריסטן. מיר קענען לעבן אין איין הויז, אָבער קיינער טאָר ניט פֿאַרכאַפּן דאָס הויז און אַרויסיאָגן פֿון דאָרט אַלע אַנדערע טוישווים”[1]. דער ציוניסטישער קאָלאָניאַליזם אין פּאַלעסטינע, וועלכער איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער אַלזײַטיקער הילף און די האַנאָכעס מיצאַד די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, האָט אַרויסגערופֿן נאַטירלעכע קעגנדערשײַנונגען פֿון אַנטיציוניסטישע און אין אייניקע קרײַזן אויך געוויסע אַנטי־ייִדישע שטימונגען בײַ די אַראַבער. די דאָזיקע שטימונגען האָבן די ציוניסטן טייקעף אויסגענוצט אויף צו קולטיווירן בײַ די ייִדישע אײַנוואַנדערער דעם גײַסט פֿון פֿײַנטשאַפֿט און קעגנערשאַפֿט צו די אַראַבער. דער עמעס באַשטייט אָבער אין דעם, אַז דער ייִדיש־אַראַבישער אַנטאַגאָניזם אין פּאַלעסטינע איז געווען און פֿאַרבלײַבט אַזאַ דערשײַנונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער פּראָאימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק אין דעם רעגיאָן, וווּ עס קרייצן זיך איבער אַ סאַך וועגן. מיט זײַן עקספּאַנסיאָניסטישן טאָך האָט דער ציוניזם געשאַפֿן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פֿון די ראַמען פֿון אַ רעגיאָנאַלן קאָנפֿליקט און איז געוואָרן דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פֿון דער רעגולירונג אויפֿן נאָענטן מיזרעך.

די ציוניסטן האָט קיינמאָל ניט אינטערעסירט, וויאַזוי עס וועלן זיך די אײַנגעזעסענע אײַנוווינער פֿון פּאַלעסטינע באַציִען צו זייער פּאָליטיק. אויפֿקשטעלנדיק פֿאַר זיך אַ באַשטימטן ציל — דעראָבערן „די ערד אָן אַ פֿאָלק” (אַזוי האָבן זיי גערופֿן פּאַלעסטינע) פֿאַר דעם „פֿאָלק אָן ערד” (ד. ה. פֿאַר ייִדן) — האָבן זיי זיך ניט אָפּגעהאַלטן סײַ פֿון פֿאַלסיפֿיצירן היסטאָרישע פֿאַקטן, סײַ פֿון אָנווענדן געוואַלטזאַמע טריט קעגן די אַראַבער. „די מענטשן, וואָס זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד, אַזעלכע ווי בען־גוריאָן, האָבן ניט געוווּסט און ס׳האָט זיי ניט געאַרט, — האָט געשריבן באַרירנדיק אָט די פֿראַגע דער באַוווּסטער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿטלעכער טוער אורי אַוונערי, — וואָס עס איז געשען אין פּאַלעסטינע זינט דעם לעצטן אויפֿשטאַנד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באַר־קאָכבאַ אין 1־טן יאָרהונדערט. דער זיג פֿון איסלאַם, די קרייצטרעגער, די מאַנגאָלישע אײַנוואַזיע, די שלאַכטן פֿון איבראַהים־פּאַשאַ און אַנדערע דאָרטיקע פֿירער, וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן דעם אָטאָמאַנישן יאָך, — דאָס אַלץ — סײַ דאָס, וואָס איז כאָרעוו געוואָרן, סײַ דאָס, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן — האָט פֿאַר זיי ניט עקזיסטירט, ס׳האָט באַטײַט פֿאַר זיי אַ מין אומגעזעצלעכע אַרײַנדרינגונג אין דער געשיכטע פֿון דער ישׂראלדיקער ערד”[1].

---

[1] אינטערוויו דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם פּאַריזער זשורנאַל Evenements (11־טן נאָיאַבער 1967).

[1] Uri Avnery “Israel without Zionism”. N., 1971, p. 93-94.

אזא צוגאנג האָט זיך געפילט אין דער סינע, מיט וועלכער די ציִעניסטן האָבן זיך באצויגן צו יעטווידע ארויסטרעטונגען פון די פאלעסטינער אראבער. דער שאָוויניסטישער טאָך פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע איז דערבײַ בוילעט קענטיק. „דער ציִעניזם, — האָט אנערקענט דער פרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס נאָכעם גאָלדמאן, — איז באגאנגען ניט ווילנדיק א פעלער, איגנאָרירנדיק די וויכטיקײַט פון דער אראבישער באציִונג צו דער רעאליזאציע פון די ציִעניסטישע פלענער”[1]. דאָס איז א סימפטאָמאטישע דערקלערונג, כאָטש דאָס באהויפטן, אז דער פעלער איז דערלאָזט געוואָרן ניט ווילנדיק, ווידערשפרעכט די פאקטן פון דער אלגעמיין באוווּסטער געשיכטע פון דער שאפונג פון ייִסראָעל און דער פאָליטיק פון די ציִעניסטישע קרײַזן לעגאבע דער אראבישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע.

די אומבאגרענעצטע אימיגראציע פון ייִדן און די בעהאדראָגעדיקע אויסברייטערונג פון די גרענעצן פון דער מעדינע אפן כעזשבן פון די אראבישע שכיינים דורך קעסיידערדיקע מיליטערישע אקציעס — דאָס זײַנען די צוויי הויפט־צילן פון די ייִסראָעלדיקע פירער, צו וועלכע זיי שטרעבן די גאנצע צײַט, זינט ייִסראָעל איז געשאפן געוואָרן. די דאָזיקע צוויי הויפט־טעזיסן פונעם וועלט־ציִעניזם ווערן צוגעפאסט און קאָרעקטירט אין העסקעם מיט דער צווישנפעלקערלעכער לאגע און די פארהעלטענישן אפן נאָענטן מיזרעך.

די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין פאלעסטינע צווישן די צוויי וועלט־מילכאָמעס איז געגאנגען אפן וועג פון פארשארפונג פון די סטירעס צווישן די אינטערעסן פון די האָרעפאשנע ייִדן און אראבער, וואָס זײַנען פארינטערעסירט געווען אופצוהאלטן די גוטשכיינישע באציִונגען צווישן זיך, און פון דער ענגלישער מאנדאטן־מאכט, וועלכע האָט אין אירע אייגננוציקע צילן, מיט דער הילף פון די ציִעניסטן און דער אראבישער רעאקציע, געזוכט צו זייען סינע צווישן די ביידע פעלקער. די זוימען פון פײַנטשאפט, וואָס די אימפעריִאליסטן האָבן געזייט אין פאלעסטינע, האנדלענדיק לויטן פרינציפ „צעטייל און הערש”, האָבן געגעבן זייער פרוכט אינעם אלץ שטײַגנדיקן וווּקס פון דער געשפאנטקײַט.

ווען די רעגירונג פון גרויסבריטאניע האָט פארלאָרן אלע מעגלעכקײַטן כאָטשבי טיילווײַז צו קאָנטראָלירן די לאגע אין פאלעסטינע, ווו ס׳זײַנען קעסיידער פאָרגעקומען בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן ייִדן און אראבער, איז זי געצוווּנגען געווען, נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, אײַנצוגיין אף דער אינטערנאציִאָנאליזאציע פון דער פאלעסטינע־פראָבלעם, אראָפנעמענדיק פון זיך די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער לאגע אין לאנד. „אויב מיר קענען ניט אויספילן די צוזאָגן, וואָס מיר האָבן געגעבן די ציִעניסטן, — האָט אין 1946 געמאָלדן ווינסטאָן טשערטשיל, — מוזן מיר אָפגעבן אונדזער מאנדאט אף פאלעסטינע און גלײַכצײַטיק מעלדן, אז מיר עוואקויִרן פאלעסטינע. אויב אָט דער פאָרשלאָג וועט באשטעטיקט ווערן, וועט די לאסט, וועלכע איז געוואָרן צו שווער און אומאָנגענעם פאר אונדז, ווערן א צווישנפעלקערלעכע לאסט”[1]. די לייבאָריסטישע רעגירונג איז דעם 25 פעווראל 1947 געצוווּנגען געווען פאָלגן דעם מאסטיטן אימפעריִאליסטישן פאָליטיקער, וועלכער האָט זײַן גאנץ לעבן געקעמפט פאר אופהאלטן די בריטישע קאָלאָניִאלע אימפעריע, און מעלדן, אז זי גיט איבער די פאלעסטינער פראָבלעם אף דער באטראכטונג פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציִעס.

ס׳איז איבעריק אָפצושטעלן זיך פראָטימדיק אף דער געשיכטע פון דער באהאנדלונג פון דער פראָבלעם, גענוג אָנצווײַזן, אז דער אָנגענומענער באשלוס וועגן דער צעטיילונג פון דער געוועזענער מאנדאט־טעריטאָריע אף צוויי מעלוכעס — אן אראבישע און א ייִדישע — איז ניט אויסגעפילט געוואָרן און אין דעם זײַנען שולדיק געווען סײַ די אימפעריִאליסטן, סײַ די ציִעניסטן, סײַ די אראבישע רעאקציע. עס דארף באזונדערס אָפגעמערקט ווערן, אז די אָנפירער פון דער צוקינפטיקער ייִסראָעלדיקער מעלוכע האָבן בעקיוון פארקריפלט דעם זין פון דער רעזאָליוציע פון דער גענעראל־אסאמבליי פון 29 נאָיאבער 1947, אויסטײַטשנדיק זי אזוי, אז „דאָס איינציקע און היסטאָרישע רעכט” אף צו שאפן א מעלוכע האָבן די ייִדן.

אקטיוו אויסנוצנדיק דעם מיטגעפיל פון דער אלוועלטלעכער געזעלשאפטלעכקײַט צו די ייִדן־קאָרבאָנעס פונעם היטלעריסטישן גענאָציד, צבוואקיש אויספוצנדיק זיך אין דער טאָגע פון „אנטי־אימפעריִאליסטן” און קעמפער פון דער נאציִאָנאל־באפרײַערישער באוועגונג, וואָס איינע פון אירע פאָרמען איז... ציִעניזם, און האָבנדיק א ציל אויסצודינגען בא דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס בעסערע פאר זיך באשלוסן, זײַנען די ציִעניסטן אָנגעקומען צו די מעטאָדן פון אָפענער פאָליטישער מימיקריִע. ערעוו דער פראָקלאמירונג פון דער זעלבשטענדיקײַט פון ייִסראָעל זײַנען די ציִעניסטישע לידערס ארויסגעטראָטן מיט דערקלערונגען, אין וועלכע דער לייטמאָטיוו איז געווען, אז די רעכט פון די פאלעסטינער אראבער וועלן ווערן אָפגעהיט, און די אראבער אינעם לאנד וועלן זײַן גלײַכבארעכטיקטע פארטניאָרן מיט די ייִדן.

אָט זײַנען די ווערטער פון בען־גוריִאָנען: „מיר וועלן זיך באציִען צו די אראבער און ניט־ייִדישע שכיינים אזוי ווי צו ייִדן און וועלן אָנווענדן אלע מיטלען, קעדיי די אראבער זאָלן פארהיטן זייער שפראך, זייער קולטור, זייער רעליגיע, זייער לעבנסשטייגער. גלײַכצײַטיק

[1] “Foreign Affairs”. Vol. 57, N. 8, p. 741.

[1] “The Times”. November 13, 1946.

וועלן מיר טאָן אלץ אף אופצוהייבן זייער לעבנס־ניוואָ"[1].

גאָלדע מעיִר, אין א געשפרעך מיטן פראנצויזישן זשורנאליסט מ. פיקאר, האָט געזאָגט: „מיר האָבן נישט בעדייע ניט צו פאריאָגן די אראבער און ניט צו פארקנעכטן זיי. וואָס מיר ווילן, דאָס איז... אן אָרט, זאָל זײַן, כאָטש א קליינס, ווו מיר וועלן זײַן סאָפקאָלסאָף בא זיך אין דער היים. די מעלוכע וועט ניט זײַן קיין ייִדישע אין דעם זין, אז ייִדן וועלן דאָרט האָבן מער רעכט, ווי ניט־ייִדן, אָדער אז די ייִדישע געמיינשאפט וועט האָבן א סטאטוס א מער פריווילעגירטן, ווי די אנדערע געמיינשאפטן"[2].

וואָס האָט זיך אינדערעמעסן באקומען פון אָט די „זיסע" פארזיכערונגען, איז גוט באקאנט. אין רעזולטאט פון דער פאלעסטינער מילכאָמע אין 1948—1949 איז דער באשלוס פון דער גענעראל־אסאמבליי וועגן שאפן אף דער טעריטאָריע פון פאלעסטינע צוויי מעלוכעס — אן אראבישע און א ייִדישע — ניט אויסגעפילט געוואָרן, די טעריטאָריע פון דער אראבישער מעלוכע האָבן צעטיילט צווישן זיך ייִסראָעל, יאָרדאניע און עגיפטן. דער צווישנפעלקערלעכער סטאטוס פון יערושאָלאיִם איז פראקטיש ניט פארווירקלעכט געוואָרן.

נאָך איידער די פאלעסטינער מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן צענדליקער טויזנטער אראבער, אָנגעשראָקענע פון די בארבארישע האנדלונגען פון די ציִעניסטן, זיך אוועקגעלאָזט זוכן שוץ אין די שכייניש אראבישע מעלוכעס (ברייט באקאנט איז דער פאקט פון אויסשעכטן די אראבישע באפעלקערונג פונעם דאָרף דייר־יאסין מיצאד די קוילער־יונגען פון דער טעראָריסטישער אָרגאניזאציע „אירגון צוויי לעומי", בעראָש פון וועלכער עס איז געשטאנען מענאכעם בעגין; דאָס איז בלויז איין בײַשפיל פון אזעלכע מינים). ארום דרײַ הונדערט טויזנט פאלעסטינער אראבער האָבן פארלאָזן זייער היים ביזן 15 מײַ 1948, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע אקציעס. אין גאנג פון דער מילכאָמע האָט אָנגענומען א מאסן־כאראקטער דאָס פארטרײַבן דורך דעם ייִסראָעלדיקן מיליטער פרידלעכע אראבישע אײַנוווינער, וואָס עס איז דורכויס ניט דיקטירט געווען דורך מיליטערישע טײַמים.

דער ענגלישער היסטאָריקער טשײַלדערס[3] מאכט אפן גרונט פון רעאלע פאקטן דעם אויספיר, אז די ייִסראָעלדיקע רעגירונג האָט פון די ערשטע טעג אָן אינטענסיוו דורכגעפירט די ליניע פון גלאָבאלער „פארייִדישונג" פון די

[1] ציטירט לויט Don Peretz „Israel and the Palestine Arabs" Wasn., 1958, p. 92-93.

[2] Marcel Pikard. „Palestine-ceerrefour brulant". Paris, 1947.

[3] Erskine B. Childers „The other Exodus", Spectator, May 12, 1961.

אף דעם ווײַזט אויך אָן דער אמעריקאנער מיליטערישער היסטאָריקער עדגאר אָ' באלאנס אין זײַן בוך: Edgar o Ballance "The Arab-Israel War" N. Y. 1948.

פארכאפטע טעריטאָריעס דורך געוואלטזאמען אויסליידיקן זיי פון די אראבער. אין דער זעלבער צײַט האָבן די אראבישע לידערס קיינמאָל ניט אופגעפאָדערט די אראבער צו פארלאָזן די טעריטאָריעס, וועלכע ווערן פארכאפט פון די ייִסראָעלים.

אויך ניט ווייניק ייִסראָעלדיקע ציִעניסטישע אווטאָרן באשטעטיקן, אז „די טאקטיק פון אויסגעברענטער ערד" איז נייטיק געווען דער רעגירונג פון ייִסראָעל, קעדיי צו פארווירקלעכן איר פאָליטישע און עקאָנאָמישע עקספאנסיע. אזוי, לעמאָשל, האָט מ. בעגין געשריבן, אז די גיכע פארשפרייטונג פון די קלאנגען וועגן דעם דאָרף דייר־יאסין האָט ארויסגערופן „אן אומגעהייערע פאניק צווישן די אראבער" און „די פאָליטישע באדײַטונג פון אָט דער געשעניש איז ניט איבערצושאצן", נאָך מער — „עס וואָלט ביכלאל ניט געווען קיין מעלוכע ייִסראָעל אָן דעם ניצאָכן (!) פון דייר—יאסין"[1].

די לאגע פון די פאלעסטינער פלייטים אין אין די מערסטע פאלן געווען פאָשעט א פארצווייפלטע. איבערן הונגער, שלעכטן שטייגער, אנטיסאניטארע באדינגונגען אין די פאלאטקעס זײַנען אויסגעבראָכן עפידעמיעס פון כאָלערע און טיפוס. און כאָטש די הילף מיצאד א ריי אראבישע לענדער (עגיפטן, סיריע, ליוואן) פאר די פלייטים האָט דערגרייכט גרויסע מאסשטאבן, האָט זי ניט געקאָנט לייזן די טראגישע פראָבלעם פון א גאנץ פאָלק, בא וועלכן דער אימפעריִאליזם און דער ציִעניזם האָבן אף א רויבערישן אויפן צוגענומען די היים, דאָס פארמעגן, די עלעמענטארע מענטשלעכע רעכט.

די ערשטע אראביש־ייִסראָעלדיקע מילכאָמע האָט ארויסגערופן די פאלעסטינער פראָבלעם אלס א פאָליטישע פראָבלעם און ניט אלס פראָבלעם פון פלייטים. די ציִעניסטן האָבן געטאָן אלץ, קעדיי אָפצומעקן פון דער פאָליטישער קארטע פונעם נאָענטן מיזרעך די מינדסטע דערמאָנונג וועגן אן אראביש פאלעסטינער פאָלק. אזויארום, איז דער אראביש־ייִסראָעלדיקער קאָנפליקט קוידעמקאָל א פויעל־יויצע פון דער פאָליטיק פון די אימפעריִאליסטישע קויכעס אפן אראבישן מיזרעך, וועלכע האָבן אויסגעקליבן דעם ציִעניזם אלס געווער אין זייער קאמף קעגן דער נאציִאָנאל־באפרײַערישער באוועגונג פון די אראבישע פעלקער, פאר באפרידיקן זייערע פאָליטישע, מיליטערישע, עקאָנאָמישע און אלע אנדערע אינטערעסן. דאָס שטרעבן פון די קאפיטאליסטישע מעלוכעס אײַנצוהאלטן אין אָט דעם ראיאָן זייערע מיליטערישע באזעס, דער פרווו ניט צו דערלאָזן, אז דאָס הויפט־רײַכטום פונעם נאָענטן מיזרעך — נאפט — זאָל געהערן זײַן עמעסן באלעבאָס, די אראבישע פעלקער, דאָס אלץ פארורזאכט די גאנצע טיפקײַט פון די קאָנפליקטן אין אָט דעם ראיאָן.

[1] ציטירט לויט „The Jewish Newsletter" October 3, 1960.

דאָס לעבן וואַרפט אַף טאָגטעגלעך די ציִעניסטישע כימערעס, דעמאַסקירט די פאַרברעכערישע פּלענער, וואָס זײַנען געווענדט קעגן אַן אַנדער פאָלק. די נויטווענדיקייט פון אַ גערעכטיקער לייזונג פון דער פּאַלעסטינע־פּראָבלעם גייט אַרײַן אַלס וויכטיקסטער קאָמפּאָנענט אין דעם קאָמפּלעקס פון מאַסמיטלען, וואָס איז נייטיק דורכצופירן, קעדיי נאָרמאַליזירן די לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך און אײַנשטעלן דאָרט אַ דויערהאַפטן שאָלעם. אַט פאַרוואָס די וועלטעפנטלעכקײַט פאָלגט נאָך מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקײַט נאָכן גאַנג פון די געשעענישן אין רעגיאָן און זאָרגט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די גערעכטע פאָדערונגען פונעם פּאַלעסטינער פאָלק. דער קאַמף פון אַט דעם פאָלק פאַר זײַנע רעכט איז אַן אויסערסט וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון די באַמיִונגען פון אַלע פּראָגרעסיווע קויכעס אַף צו דערגרייכן אַ רעגולירונג, וואָס זאָל זײַן גערעכטיק פאַר אַלעמען.

וואָס גיכער די ברייטע געזעלשאַפטלעכקײַט וועט זיך איבערצײַגן, אַז אין אַלע אופריכטיקע און קאָנסעקווענטע באַמיִונגען צו דערגרייכן אַ שאָלעם אַפן נאָענטן מיזרעך איז אומבאַדינגט נייטיק פאַרזיכערן די סוווערענע רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק, און וואָס גיכער אַט דער געדאַנק וועט דערגיין צו דער ייִסראָעלדיקער אָנפירונג, אַלץ מיט אַ זיכערער וואָרשײַנלעכקײַט וועט מען קענען רעדן וועגן רעאַלע פּערספּעקטיוון פון אַ נאָרמאַליזאַציע צווישן אַלע מעלוכעס און פעלקער פונעם ראַיאָן און אַלץ צעשמעטערנדיקער וועט זײַן די דעמאַסקירונג פונעם ציִעניסטישן מיטאָס, אַף וועלכן עס באַזירט זיך די קאָנצעפּציע פון לייקענען דאָס געזעצלעכע רעכט פון די פּאַלעסטינער, אײַנשליסלעך זייער רעכט אַף אַן אייגענער מעלוכע.

אַ סאַך טינט האָבן פאַרגאָסן און ניט ווייניק שײנע ווערטער האָבן די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן געזאָגט, קעדיי צו באַרעכטיקן די ייִסראָעלדיקע פּאָליטיק פון עקספּאַנסיע און מילכאָמע, וועלכע איז די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון די ציִעניסטישע דאָקטרינעס. די סאַמע פאַרשפּרייטסטע און די סאַמע פּאָפּולערסטע, וואָס ווערט וואַריִרט אַף פאַרשיידענע אויפנים, איז די טעמע וועגן „קליינינקן דאָוויד”, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם ריזיקן „אַראַבישן גאָליאַף”. דאָס לעבן אָבער האָט שוין ניט איין מאָל דעמאַסקירט דאָס עמעסע פּאָנעם פון די אַגרעסאָרן, וועלכע פּרוּוון מיט אַ געשיקטער דעמאַגאָגיע פאַרשלייערן זייערע קאַוואָנעס און, אין גרונט גענומען, שטרעבן בעשום־אויפן ניט צו אַ קעגנזײַטיק אָנעמבאַרן, גערעכטיקן שאָלעם מיט זייערע אַראַבישע שכיינים.

די מילכאָמע פון 1967, פּונקט אַזוי ווי די מיליטערישע אַקציעס אין אָקטיאַבער 1973 און די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אין דעם ראַיאָן, האָבן אַרויסגערופן נײַע אַספּעקטן, נאָך ניט אינגאַנצן קיין באַוווּסטע און ווייניק אויסגעפאָרשטע, פון דער לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך, און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, די טעריטאָריעלע פּראָבלעם.

די אָפּוועזנהײַט פון אַ בולעט אָנגעצייכנטער אַראַביש־ייִסראָעלדיקער גרענעץ (די צווייזײַטיקע אָפּמאַכן פון ייִסראָעל מיט יעדן פון אירע אַראַבישע שכיינים, וואָס זײַנען געשלאָסן געוואָרן נאָך דער פּאַלעסטינער מילכאָמע אין 1949, האָבן פיקסירט בלויז די ליניעס פון וואָפנשטילשטאַנד און ניט די מעלוכע־גרענעצן); דאָס פאַרכאַפּן מיצאַד ייִסראָעל נײַע טעריטאָריעס אין רעזולטאַט פון זײַן אַגרעסיע פון 1967; דער אָפּזאָג פון דער ייִסראָעלדיקער מאַכט אַרויסצופירן איר מיליטער פון די פאַרכאַפּטע אין 1967 טעריטאָריעס; די שטרעבונג פון די ייִסראָעלדיקע רעגירער צו רעדוצירן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם צו אַ שמאָלער „אַדמיניסטראַטיווער אויטאָנאָמיע” פון די אײַנוווינער פונעם רעכטן ברעג יאַרדן און פונעם גאַזאַ־סעקטאָר, אופהאַלטנדיק דערבײַ די ייִסראָעלדיקע אָקופּאַציע פון די געביטן, — דאָס אַלץ איז אַ קנויפּ פון די סיבעס פון דער שטענדיקער געשפּאַנטקײַט אַפן נאָענטן מיזרעך, פון אַ פאַרשאַרפונג פון דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע ביכלאַל.

בײַס דער פּאַלעסטינער מילכאָמע האָט ייִסראָעל פאַרכאַפּט 6,7 טויזנט קוו. קמ. טעריטאָריע, וועלכע די רעזאָלוציע פון דער גענעראַל־אַסאַמבליי פון 1947 האָט אָפּגעגעבן דער אַראַבישער מעלוכע. אָנשטאָט 14,1 טויזנט קוו. קמ., וואָס זײַנען צוגעטיילט געוואָרן ייִסראָעל, איז זײַן טעריטאָריע נאָך דער פּאַלעסטינער מילכאָמע פון 1947 אויסגעוואַקסן ביז 20,8 טויזנט קוו. קמ. דעם 10 מאַרט 1949 האָט ייִסראָעל אָקופּירט דעם ראַיאָן אום־שאַרשאַר אַפן ברעג פונעם אַקאַבער אײַנגוס פון דעם רויטן יאַם, ווו ס׳האָט זיך אין 1959 אָנגעהויבן די בויונג פון אַ גרויסן מאָדערנעם האַפן, וועלכער האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען איילאַט. אין 1955 האָט דאָס ייִסראָעלדיקע מיליטער אָקופּירט די נייטראַלע זאָנע — דעם ראַיאָן על־אודזשאַב אַף דער געוועזענער גרענעץ פון מאַנדאַט־פּאַלעסטינע און עגיפּטן.

טשיקאַווע, אַז קיינער פון די ייִסראָעלדיקע פּאָליטישע פירער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, ווו עס געפינט זיך די „זיכערע און אָנערקענטע” גרענעץ פון ייִסראָעל. נאָך מער, אינעם לאַנד עקזיסטירט לעגאַל די אַזויגערופענע באַוועגונג פאַר אַ גרויס־ייִסראָעל, וועלכע ווערט געשטיצט דורך דער אָפיציעלער מאַכט. אַט די באַוועגונג טרעט אַרויס פאַר דער „באַפרײַונג פון דער גאַנצער ייִסראָעל־ערד”, ווי זי איז באַצייכנט אין דער ביבל. אַן אויסשעפּנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער באַוועגונג פאַר גרויס־ייִסראָעל האָט געגעבן די קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל, קוואַליפיצירנדיק זי אַלס „געמיש פון פאַשיזם, שאָוויניזם און רעליגיִעזן פאַנאַטיזם, וואָס פאַרפעסטעט די אַטמאָספער מיטן גיפט

פון דעם סאַמע ווילדן, פאַרביסענעם ראַסיזם״[1]. ריידנדיק וועגן די סאַמע ווײַט־גייענדיקע פּלענער פון אָט דער באַוועגונג, האָט אײנער פון אירע אָנפירער — שייב־עלדאַד — באַגרינדעט די נויטווענדיקײַט פון שאַפן א „ייִסראָעלדיקע אימפּעריע״, אין וועלכער עס דאַרף אַרײַנגיין גאַנץ פּאַלעסטינע, א טייל פונעם איצטיקן ליוואַן, דאָס האַלב־אינדזל סינײַ און דער טייל פון דער טעריטאָריע פון סאַוד־אַראַביע, וואָס ליגט באַם אַקאַבער אײַנגוס.

דעם אייגנאַרטיקן „קרעדאָ״ פון די ייִסראָעלדיקע רעגירער וועגן דער טעריטאָריִעלער פראַגע האָט בוילעט פאָרמולירט גאָלדע מעיִר: „ווו מיר גלידערן זיך אײַן, דאָרט גייט דורך אונדזער גרענעץ״. אין זעלבן גײַסט האָט זיך אַרויסגעזאָגט מוישע דאַיאַן, וועלכער האָט פאָרגעלייגט צו באַטראַכטן די ייִסראָעלדיקע רעגירונג, ווי א „פּערמאַנענטע רעגירונג פון אָקופּירטע געביטן״. מענאַכעם בעגין איז פון שטענדיק באַקאַנט, ווי א פאַנאַטישער אָנהענגער פון „גרויס־ייִסראָעל״.

די אָפיציִעלע ייִסראָעלדיקע פּראָפּאַגאַנדע שטרעבט פאָרצושטעלן די פּרעטענזיעס אַף די טעריטאָריעס פון די שכייניִשע אַראַבישע לענדער, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר א קאָאַליציע עס שטייט בא דער מאַכט, אַלס אויסדרוק פון „ניט אַלציינע אויסערן־פּאָליטישע אַמביציעס״ פון די פאַרשיידענע ייִסראָעלדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. דער געוועזענער גענעראַל־דירעקטאָר פונעם אויסערן־מיניסטעריום פון ייִסראָעל אווינערי האָט געשריבן אין „דזשערוזאַלעם פּאָסט״: „די ווירקלעכע פּאָליטישע דעבאַטן אין ייִסראָעל קומען פאָר ניט צווישן שפּאַרבערס און טויבן. זיי קומען פאָר צווישן די, וואָס האַלטן, אַז די זיכערקײַט פון ייִסראָעל איז דאָס אײנציקע, וואָס דיקטירט זײַן פּאָליטיק, און די, וואָס פאַרלאָזן זיך אַף דער געשיכטע״[2]. מיט א טמימעסדיקן פּנים פּרווט אווינערי איבערצײַגן די לייענער, אַז די דאָזיקע „דעבאַטן״ האָבן זיך קלוימערשט אָנגעהויבן נאָך דער „זעקסטאָגיקער מילכאָמע״. אָבער דאָ גופא איז ער געצוווּנגען זיך מוידע זײַן, אַז סײַ „מאַאַראַך״, סײַ „ליקוד״ האַלטן פאַר נייטיק צו פאַרפעסטיקן פאַר ייִסראָעל דעם גרעסטן טייל פון די אַראַבישע טעריטאָריעס, וואָס ייִסראָעל האָט פאַרכאַפּט בײַס דער מילכאָמע, און אַז ס'איז ניטאָ קיין שום מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן בנוגע דער פּראָבלעם פון יערושאָלאַיִם, וועלכע אַלע האַלטן „אַף אייביק פאַראייניקט״ אונטער דער סוווערעניטעט פון ייִסראָעל.

דער אָפּזאָג מיצאַד די ייִסראָעלדיקע ליידערס אײַנצוגיין אַף א גערעכטיקער לייזונג אין נאָענטן מיזרעך דראָעט מיט ערנסטע געפאַרן פאַר דער מעדינע. דאָס לעבן באַווײַזט, אַז די רעגירונג פון ייִסראָעל האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט צוהערן צו דער שטים פון פאַרשטאַנד, אָפּוואַרפן די פּאָליטישע דאָגמעס, און נאָר אַן עקספּאַנסיאָניסטישע פּאָליטיק לעגאַבע די אַראַבישע שכיינים איז מעסוגל צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער מעדינע. טעל־אוויווס האָפענונגען, אַז די אַראַבער וועלן סאָפקאָלסאָף מוזן מאַסקים זײַן מיט „געשעענע פאַקטן״, מיט דער פּאָליטיק פון קאָלאָניִאַלע רויבער, זײַנען פולשטענדיק איליוזאָרישע.

די ייִסראָעלדיקע הערשנדיקע קרײַזן דאַרפן ווייניקסטנס פאַרשטיין צוויי אומשטענדן, אויב זיי ווילן ווירקלעך, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך אַנטוויקלען אין באַדינגונגען פון שאָלעם און זיכערקײַט. ערשטנס, די האַסקאָמע פון די אַראַבישע מעלוכעס אַף דער עקזיסטענץ פון ייִסראָעל אין די גרענעצן פונעם 4 יון 1967 (דאָס איז פאַקטיש פאַרויסבאַשטימט דורך דעם, וואָס דער גרעסטער טייל אַראַבישע לענדער האָבן אָנגענומען די רעזאָליוציעס 242 און 338 פון דער גענעראַל־אַסאַמבליי) וועט זײַן א גרויסע האַנאָכע פון זייער זײַט, ווײַל די אײנציקע פאַרפיקסירטע אין די צווישנפעלקערלעכע דאָקומענטן גרענעצן זײַנען די יעניקע, וואָס זײַנען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דעם באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, די גרענעצן פון 1947. צווייטנס, טראָגן יעטווידע ענדערונגען פון די ייִסראָעל־אַראַבישע גרענעצן לעטויוועס ייִסראָעל א גאַנץ רעאַלע געפאַר פון נײַע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס זייער סאָף איז ניט אַזוי שווער פאָרויסצוזען.

אַדאַנק די אומופהערלעכע אָנשטרענגונגען פון די פרידנסליבנדיקע קויכעס איז צונויפגערופן געוואָרן סאָף דעקאַבער 1973 די זשענעווער שאָלעם־קאָנפערענץ. איז וואָס? ייִסראָעל האָט אָנגעווענדט די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען, אַז דער שווערפּונקט פון אָט די אונטערהאַנדלונגען זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן אַף דער פראַגע פון דיסלאָקאַציע פון די ייִסראָעלדיקע און אַראַבישע מיליטער־טיילן, אַף דעם, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד זאָל באַזײַטיקט ווערן פונעם רעגולירונגס־פּראָצעס אין נאָענטן מיזרעך, אַף אַרונטערײַסן און קאָמפּראָמעטירן אָט דעם פאָרום.

ס'איז גוט באַקאַנט, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד שטרעבט דערצו, אַז די באַטראַכטונג פון אַלע אַספּעקטן פון דער נאָרמאַליזאַציע אפן נאָענטן מיזרעך — סײַ די אַלגעמיינע, סײַ די פּראָטימדיקע, סײַ די מיליטערישע, סײַ פון אַנדערן כאַראַקטער, ווי אויך דאָס אָנעמען פון אַנטשפּרעכנדיקע באַשלוסן אַף אויסבאַלאַנסירטע, קעגנזײַטיק אָנעמבאַרע יעסוידעס, זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין די ראַמען פון דער זשענעווער שאָלעם־קאָנפערענץ וועגן נאָענטן מיזרעך מיט דעם אָנטייל פון אַלע צדאָדים, וואָס זײַנען דירעקט אַרײַנגעצויגן אין קאָנפליקט, און פון די מיטפאַרזיצערס אַף דער קאָנפערענץ — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פשא, — ווי אויך פון דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרײַונג

---

[1] «Правда», 28 февраля 1970.

[2] ''The Jerusalem Post'', May 30, 1980.

פון פאלעסטינע, אף גלײַכע רעכט מיט די איבעריקע אָנטיילנעמער.

הײַנט־צו־טאָג האָבן אמעריקע, ייִסראָעל און עגיפּטן פארביטן די אלגעמיינע רעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך מיט א סעפּאראט עגיפּטיש־ייִסראָעלדיק געשעפטל.

שטרעבנדיק מאקסימאל אויסצונוצן דעם אָפּגאנג פון עגיפּטן פון דער בעשוטפעסדיקער ליניע פון אלע אראבישע מעלוכעס אין קאמף פאר דער רעגולירונג פונעם קאָנפליקט, האָט די רעגירונג פון פשא אונטערגעשטויסן סאדאטן צום פּרעצעדענטלאָזן זשעסט — א וויזיט קיין יערושאָלאיִם. אין פּרינציפּ קען מען ניט זײַן קעגן דעם, וואָס צוויי אָנפירער פון מעלוכעס, וועלכע זײַנען דעמלט געווען אין צושטאנד פון מילכאָמע, האָבן זיך געטראָפן. נאָר די זאך איז דאָ אין דעם, וואָס לעכאטכילע איז קלאָר געווען, אז סאדאט וועט זיך קיין זאך ניט דערשלאָגן מיט זײַן „אוילע־רעגל זײַן”, אז דאָס וועט באטראכט ווערן ווי א סימען פון שוואכקײַט פון דער עגיפּטישער אָנפירונג און דאָס וועט ארויסרופן בלויז א פארשטײַפונג פון דער ייִסראָעלדיקער פּאָזיציע. אזוי איז עס טאקע געשען.

אונטערשטופנדיק די עגיפּטישע אָנפירונג ארײַנצוטרעטן אין דירעקטע קאָנטאקטן מיט ייִסראָעל, האָט די רעגירונג פון פשא קוידעם־קאָל געזוכט פּאָליטישן רעווען פאר זיך — צו באזײַטיקן פונעם רעגולירונגס־פּראָצעס דעם סאָוועטנפארבאנד, ווי אויך די אָרגאניזאציע פון דער באפרײַונג פון פאלעסטינע, און די פארטיפונג פון דער שפּאלטונג צווישן די אראבישע פעלקער.

איינער פון די צאָלרײַכע פּרוּוון צו צווינגען די אראבישע לענדער, זיי זאָלן שליסן צווייזײַטיקע סעפּאראטע אָפּמאכן מיט ייִסראָעל אף, אין גרונט גענומען, ייִסראָעלדיקע באדינגונגען, איז געווען דער העסקעם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין סענטיאבער 1978 אין קעמפּ־דייוויד מיט דער אומיטלבארער באטייליקונג פונעם פּרעזידענט פון פשא וועגן דער עגיפּטיש־ייִסראָעלדיקער רעגולירונג, וואָס באשטייט פון צוויי אָפיציעלע דאָקומענטן: „די ראמען פאר די צוקינפטיקע פרידנס־אונטערהאנדלונגען אפן נאָענטן מיזרעך” און „די ראמען פאר דער דערגרייכונג פון א פרידנס־אָפּמאך צווישן עגיפּטן און ייִסראָעל”. אָט דער אָפּמאך איז, אייגנטלעך, א סאך ברייטער, ווי דער סעפּאראטער אָפּמאך צווישן עגיפּטן און ייִסראָעל און שאפט די באדינגונגען פאר גרינדן א בונד פון אימפּעריאליסטישע קויכעס, דעם ציוניזם און דער אראבישער רעאקציע, א בונד, וואָס איז געווענדט קעגן די אינטערעסן פון די אראבישע פעלקער, קעגן דערגרייכן א גערעכטיקע לייזונג פון אלע פּראָבלעמען אפן נאָענטן מיזרעך. ער איז עפנטלעך פארורטיילט געוואָרן מיצאד דער מערהײַט פון די אראבישע מעלוכעס. דער אומבאדײַטנדיקער רעווען, וואָס פשא און ייִסראָעל האָבן באקומען אין קעמפּ־דייוויד אפן כעזשבן פון די לעבנס־אינטערעסן פון די אראבער, וועט אומבאדינגט זיך אויסלאָזן פאר די אויטאָרן און אונטערהעלפער פון אָט דעם סעפּאראטן שאכער־מאכער (און לאָזט זיך שוין אויס) מיט אן ערנסטן סטראטעגישן דורכפאל.

סײַ די סינײַער, סײַ די קעמפּ־דייווידער העסקעמס האָבן פארפאָלגט איין גרונט־ציל, צו וועלכן די ייִסראָעלדיקע רעגירער האָבן שוין פון לאנג געשטרעבט — דאָס שליסן א פרידנס־אָפּמאך מיט עגיפּטן אף באדינגונגען, וואָס זײַנען לויִנבאר פאר ייִסראָעל. אזא אָפּמאך איז געשלאָסן געוואָרן דעם 26 מארט 1979. שטרעבנדיק ארײַנצוטראָגן א שפּאלטונג אין די אראבישע רייען, אָפּצושוואכן די באוועגונג פונעם פאלעסטינער ווידערשטאנד, ענדגילטיק אָפּרײַסן עגיפּטן פון דעם איינהײַטלעכן פראָנט פון די אראבישע מעלוכעס, האָבן די אָנפירער פון טעל־אוויוו און וואשינגטאָן פאָרסירט דאָס אונטערשרײַבן פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, ווײַל זיי האָבן געזען אין אים א גאראנטיע פאר זייערע מיליטעריש־סטראטעגישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן אפן נאָענטן מיזרעך. דער דרוק פון וואשינגטאָן איז נייטיק געווען, קעדיי צו צווינגען סאדאטן גיין אף נײַע איינזײַטיקע האנאָכעס, אָנטיילנעמען אין א צערעמאָניע, וועלכע ווערט מיט רעכט באטראכט אין דער אראבישער וועלט אלס קאפּיטוליאציע. דאָס אונטערשרײַבן פונעם עגיפּטיש־ייִסראָעלדיקן פרידנס־אָפּמאך און זײַן ארײַנטרעטן אין קראפט האָבן פארענדיקט דעם פּראָצעס, וואָס סאדאטס רײַזע קיין יערושאָלאיִם האָט אָנגעהויבן. דער אָפּמאך פונעם 26־טן מארט איז געווען דער ענדגילטיקער אָנזאָג, אז אפן נאָענטן מיזרעך איז אנטשטאנען א נײַע פאנאנדערשטעלונג פון די פּאָליטישע קויכעס, אז עגיפּטן איז ארויס פון די רייען פון די אראבישע אָנטיילנעמער, וואָס שטעלן א ווידערשטאנד דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטיק פון אגרעסיע און עקספּאנסיע, אז די עגיפּטישע אָנפירונג איז פאקטיש מאסקים מיט דער פּאָליטיק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אזא געפאר פארן שאָלעם.

וואָס פאר א צילן פארפאָלגן סאָפּקאָלסאָף די ייִסראָעלדיקע אָנפירער? ניט נאָר דאָס פארברייטערן די ייִסראָעלדיקע טעריטאָריע אפן כעזשבן פון די אראבישע שכיינים, נאָר אויך אן עקאָנאָמישע אויפגאבע (און פון איר איז צוויי טריט צו דער פּאָליטישער) — מאכן אָפּהענגיק איינצלנע אראבישע לענדער פון ייִסראָעל. טאקע דאָס זוכן צו פארווירקלעכן די ייִסראָעלדיקע אָנפירער, מיִענדיק זיך אין דרײַ ריכטונגען. ערשטנס, שטרעבן זיי אָנצוהאלטן אין יעטווידער מעגלעכער פאָרם די מיליטערישע אָקופּאציע פון די געביטן, וואָס זײַנען פארכאפּט געוואָרן אין 1967; צווייטנס, ווילן זיי ניט בעשום־אויפן נאָכגעבן די פּאָדערונגען פון די אראבער צו באפרידיקן זייערע געזעצלעכע נאציאָנאלע רעכט; דריטנס, באשטייען זיי אקשאָנעסדיק דערויף, אז עס זאָלן ניט ליקווידירט

ווערן די יִיסראָעלדיקע יִישוּווים אַף די אַראַבי־
שע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען פאַרכאַפּט גע־
וואָרן אין 1967 (אויסערסט אָפּנהאַרציק האָט
זיך אין דער דאָזיקער פראַגע אַרויסגעזאָגט בע־
גין בייס זײַן אינטערוויו דער אַמעריקאַנער
ראַדיאָ־קאָמפּאַניע עַן־בי־סי: „דער יִיסראָעלדי־
קער פּלאַן פון שאָלעם באַזירט זיך אַפן פּרינ־
ציפּ אויפצוהאַלטן די יִישוּווים דאָרט, ווו זיי
זײַנען דאָ").

די יִיסראָעלדיקע אָנפירונג האָט אין דער
פראַגע פון די יִידישע יִישוּווים אַף די אָקופּיר־
טע אַראַבישע טעריטאָריעס ניט געפונען אין
זיך דעם קויעך אָפּצוטרעטן פונעם פּאָליטישן
אַקשאָנעס, וואָס איז שוין געוואָרן איר צווייטע
נאַטור. אין אָפּזאָג צו מאַכן די מינדסטע אָנ־
שטרענגונג, קעדיי צו געפינען אַן אויסגעבאַ־
לאַנסירטע לייזונג פונעם אַראַביש־יִיסראָעלדיקן
קאָנפליקט טרעטן בוילעט אַרויס די ציִוניסטי־
שע קאָנצעפּציעס, ווײַזן זיך קלאָר אַרויס די
פּרעטענזיעס פון די ציִעניסטן אַף די „ביבלישע
שעטאַכים", וואָס געהערן קלומערשט צו יִיס־
ראָעל לויטן „געטלעכן געבאָט". אָבער אַפילע
די אַמעריקאַנער פּרעסע האַלט, אַז „די געשיכטע
פונעם אַלטערטום... קען לאַכלוטן ניט דינען
אַלס קריטעריִ אין צווישנפעלקערלעכן רעכט,
אָדער אין דיפּלאָמאַטיע"[1].

די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, וואָס אַנט־
שטייען פון צײַט צו צײַט, די אונטערשיידן
אינעם צוגאַנג פון דער אַמעריקאַנער און יִיס־
ראָעלדיקער אָנפירונג צו דער לייזונג פון דער
קאָנפליקטנער סיטואַציע אַפן נאָענטן מיזרעך
און צו אירע איינצלנע אַספּעקטן, דערקלערן
זיך קוידעמקאָל מיט דעם, וואָס יִיסראָעל וויל
צומאָל ניט נעמען אין אַכט די גלאָבאַלע אַמע־
ריקאַנער אינטערעסן אַפן נאָענטן מיזרעך און
באַציט זיך מיט אַ געוויסן איִיפּערזוכט צו דעם,
וואָס פּשאַ האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגע־
הויבן אָרײַנטירן זיך אין זייער נאָענט־מיזרעך־
פּאָליטיק ניט נאָר אַף יִיסראָעל, נאָר אויך אַף
יענע אַראַבישע מעלוכעס, וועלכע דריקן אויס
זייער גרייטקײַט צו גיין אין פאַרוואָטער פון די
אַמעריקאַנער שטרעבונגען אין אָט דעם ראַיאָן.
כאַראַקטעריסטיש איז די באַמערקונג פונעם
געוויזנעם שטעלפאַרטרעטער פון דעם מעלוכ־
כע־סעקרעטאַר ד. באָל. אין אַן אַרטיקל אונ־
טערן סימפּטאָמאַטישן קעפּל „וויאַזוי ראַטעווען
יִיסראָעל טראָץ אים אַליין", וואָס איז פאַר־
עפנטלעכט געוואָרן אין אָנהייב 1977, האָט ער
געשריבן: „עס איז אַן אומבאַשטרײַטבאַרער
פאַקט, אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּשאַ
און יִיסראָעל קענען ניט, צוליב דער עקזיס־
טירנדיקער לאַגע, צונויפפאַלן אין אַ פולשטענ־
דיקער מאָס: עס וועלן אומפאַרמײַדלעך אויפקו־
מען סיטואַציעס, אין וועלכע די פּאָליטיק פון
די פאַרייניקטע שטאַטן וועט זיך פאַנאַנדערגיין
מיט דער פּאָליטיק פון דער יִיסראָעלדיקער רע־

¹ "The Internatioal Herald Tribune", September 30, 1977.

גירונג, אויב אונדזער רעגירונג וויל בלײַבן
טרײַ זיך אַליין. יִיסראָעל איז אַ לאַנד, וואָס
האָט בלויז רעגיאָנעלע אינטערעסן... אַמעריקעס
קוק אַף דער וועלט און איר פאַרינטערעסירונג
אין דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אַפן
ערדקײַלעך — דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך"[1].

דאַפקע דאָס, וואָס די רעגירונג פון פּשאַ
האָט פּאַקטיש אין אַלע הינזיכטן אַפּראָבירט די
האַנדלונגען פון דער יִיסראָעל־רעגירונג, איז די
הויפּט־סיבע, וואָס יִיסראָעל וויל ניט אײַנגיין
אַף דער לייזונג פונעם קאָנפליקט אַף אַ באַ־
לאַנסירטער באַזע. „דער ספּעציפישער כאַראַק־
טער" פון די אַמעריקאַניש־יִיסראָעלדיקע באַ־
ציִונגען האָט שוין פון לאַנג געבראַכט דערצו,
אַז יעטווידע אַדמיניסטראַציע פון פּשאַ — זאָל
זי זײַן אַ רעפּובליקאַנישע, אָדער אַ דעמאָקראַ־
טישע — פאַרמאַכט באַוווסטזיניק די אויגן אַפן
עקספּאַנסיאָניזם פון די יִיסראָעלדיקע אָנפירער,
דה. זי באַגיטיקט אים פּאַקטיש.

גלײַכצײַטיק האָט אַזאַ פּאָליטיק אויך אַ
פאַרקערטע ווירקונג: עס וואַקסט קעסיידער די
צאָל מענטשן אין פּשאַ (דערונטער אויך די
צאָל יִידן), וואָס שטעלן זיך די פראַגע: ביזוואַ־
נען וועט די אַמעריקאַנער רעגירונג באַגיטיקן
די אַגרעסיווע אַקציעס פון יִיסראָעל קעגן זײַ־
נע אַראַבישע שכיינים? ווען וועט זי סאָפּקאָל־
סאָף פאַרשטיין דעם פּאַשעטן עמעס, אַז די אינ־
טערעסן פון פּשאַ און די אינטערעסן פון יִיס־
ראָעל — דאָס איז ווײַט ניט איינס און דאָס
זעלבע, אַז די יִיסראָעלדיקע לידערס שטעלן
אָפּט די רעגירונג פון אַמעריקע אין אַן אומ־
באַקוועמער לאַגע הען אין צווישנפעלקערלעכן,
הען אין אינערלעכן פּלאַן? די זאַך גייט אַפילע
ניט אין דעם, וואָס דער איינזײַטיקער פּראָ־
יִיסראָעלדיקער כאַראַקטער פון דער נאָענט־
מיזרעך־פּאָליטיק פון פּשאַ טרעט אַרײַן אין אַ
ווידערשפּרוך מיט די אַמעריקאַנער אינטערעסן
אין פראַגן, וואָס זײַנען נעגייע דער עקאָנאָמיק
(נאַפט, אַראַבישע אינוועסטיציעס אין די פאַריי־
ניקטע שטאַטן, אַמעריקאַנער אינוועסטיציעס
אין די אַראַבישע לענדער, האַנדל מיט די מע־
לוכעס פונעם אַראַבישן מיזרעך אאַוו). די
הויפּט־זאַך איז — און דאָס אַנערקענען די מער
ווײַטזיכטיקע פּאָליטישע טוער, — וואָס אַמערי־
קע קאָן ניט שפּילן די געגאַרטע ראָל פון עפּעס
אַ „סופּער־אַרביטער" אין די אַראַביש־יִיסראָעל־
דיקע באַציִונגען, און דערפאַר זײַנען פאַרור־
טיילט אַף אַ דורכפאַל די מעטאָדן פון „אַהין־
און־אַהער־נעסיִעס" פון דער אַמעריקאַנער די־
פּלאָמאַטיע, ווי אויך די טיילווײַזע סעפּאַראַטע
לייזונגען, וועלכע ווערן אַזוי אַקשאָנעסדיק
דורכגעפירט מיצאַד דעם אַמעריקאַנער צאַד.

מע דאַרף מאַסקים זײַן מיטן סענאַטאָר ווי־
ליאַם פולברײַט, וועלכער האָט געזאָגט, אַז די
הויפּט־סיבע, פאַרוואָס ס'איז ניטאָ קיין פּראָ־
גרעס אין דער רעגולירונג פונעם נאָענט־מיז־

¹ ציטירט לויט Congresional Record, April 4, 1977, p. E2024.

1

2

1. אפֿן XXVI צוזאמענפֿאָר פֿון קפּסס. צווישן די דעלעגאַטן פֿונעם כאבאראָווסקער קאַנט — פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. ל. ב. שאפּיראָ (ערשטער פֿון רעכטס) און ס. א. בודניצקאיא (צווייטע פֿון לינקס)

2. דעלעגאַט פֿונעם XXVI פּאַרטיי־צוזאמענפֿאָר, ערשטער סעקרעטאר פֿונעם ביראָבידזשאַנער ראַיקאָם פֿון קפּסס סאַרע אבראמאָוונע בודניצקאיא

3. דער אַגיטאַטאָר פֿונעם סטאבּיליזאַטאָר־צעך פֿון דעם ביראָבידזשאַנער טראַנספֿאָרמאַטאָר־זאוואָד וו. פּאַרטיקול שמועסט מיט אירע כאוועריטעס וועגן די גרונט־ריכטונגען פֿון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פֿון פּססר אף די יאָרן 1981—1985 און אפֿן פּעריאָד ביזן 1990 יאָר

3

## דאָרט, ווו עס הערשט מוזיק

דער ראַזיקער לערנ־אַנשטאַלט שיידט זיך אָפּ אַמאָל אונטער פון די געוויינלעכע שולן פון אַלגעמיינער בילדונג. פון די קאַבינעטן דערטראָגן זיך צוזאַמענקלאַנגען פון פידלען, ראָיאַלען, פּיאַנינאָס, באַיאַנען און אַקאָרדעאָנען.

מער פון 400 [illegible] לערנען זיך אין דער ביראָבידזשאַנער מוזיקשול. פאַריקן האַרבסט האָבן די יונגע מוזיקאַנטן אָנגעהויבן די פאַרנעמונגען אין אַ נייער שול־געביידע, ווו עס זיינען פאַראַן גרויסע און ליכטיקע קאַבינעטן, ווו יעדער פעדאַגאָג האָט זיין קלאַס מיט די נייטיקע מוזיקאַלע אינסטרומענטן. עס איז מקוים געוואָרן אויך דער פאַרלאַנג פון די שילער: איצטער איז בא זיי פאַראַן אַ גרויסער קאָנצערט־זאַל.

און דערווייל גייען די פאַרנעמונגען. די שילער פון די עלטערע קלאַסן גרייטן קאָנצערט־פּראָגראַמען צו די אַרויסלאָז־עקזאַמענס. די שילער פון די ערשטע קלאַסן באַגרייפן דעם אַלפאַבעט פון מוזיקאַלער גראַמאַטע.

[illegible] איין טאָג אין דער מוזיקאַלער שול.

טעקסט און פאָטאָ פון ה. בעלינקער.

אַף איינער פון די זייטן פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן"

אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אַרבעטן אַ ריי קינסטלער־גראַפיקער.

מיר ברענגען דאָ די געמעלן פון אַ. שליופּמאַן — „די שטאָט בויט זיך" און פון אַ. עסקין — „אַף טוריסטישע שטעגן"

רעכדיקן קאָנפליקט — דאָס איז די איבערצייַגונג פון ייִסראָעל, אז די פאַרייניקטע שטאַטן און דער סענאַט וועלן אים שטענדיק אונטערהאלטן, וואָס פאר א פאָזיציע ער זאָל ניט פארנעמען".

די אגרעסיווע פאָזיציע פון די ציִעניסטישע רעגירער באַומרויִקט אלץ מער די ברייטע קרייַזן פון דער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקייַט. אָט די שטימונגען געפינען אין א געוויסער מאָס זייער אויסדרוק אין דער „איבערשאצונג פון ווערטן", וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מעדינע נאָך דער אָקטיאבער־מילכאָמע פון 1973, קוידעמקאָל אין דעם, וואָס איז שייַעך דעם איצטיקן צושטאנד פון די אראַביש־ייִסראָעלדיקע באַציִונגען. די יעדיִעס, וועלכע ווערן פארעפנטלעכט אין דער מייַרעוו־פּרעסע, באַווייַזן, אז אין דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאפטלעכקייַט, פּראַקטיש אין אלע אירע שיכטן, ווערט באַהאנדלט די פראַגע: וואָס וועט זייַן ווייַטער? לעבן פון איין וואָפנשטילשטאנד ביזן צווייטן, אָדער אָנווענדן אלע קויכעס אף צו דערגרייכן א רעגולירונג אף באַדינגונגען, וואָס זייַנען אָנעמבאר סייַ פאר די אראַבער, סייַ פאר די ייִסראָיילים?

פארשטייט זיך, קימאַט קיינער גלייבט ניט אין דעם, אז דער אָפיציִעלער טעל־אוויוו, וואָס האלט נאָך אלץ דעם מיליטערישן קויעך פארן אנטשיידנדיקן פאַקטאָר אינעם קאָנפליקט, וועט ארויסטרעטן מיט ערנסטע קאָנסטרוקטיווע איניציִאַטיוון אין דער פּראַגע.

די ייִסראָעלדיקע פירער, אף וויפל מע קען אורטיילן לויט זייערע האנדלונגען, האָבן נאָך אלץ בעדייע צו פארבלייַבן אף דעם גרעסטן טייל טעריטאָריעס, וואָס זיי האָבן פארכאפּט אין 1967, און וועלכע זיי באַטראַכטן אלס „גאַראַנטיע פאר דער זיכערקייַט". אויסנוצנדיק די פארכאפּטע טעריטאָריעס אלס שפּיל־קאָרט אין זייער דינגעניש מיט די אראַבישע שכיינים, האָפט דער אָפיציִעלער טעל־אוויוו צו דערגרייכן א פאַנאַנדערשפּרייטונג פון זייַנע גרענעצן און אויך פּאָטער ווערן פון דער פאָדערונג, אז מע קאָן ניט קומען צו א לייזונג פון אלע קאָמפּליצירטע און שטרייַטבאַרע אראַביש־ייִסראָעלדיקע פּראָבלעמען אָן דער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פּראַגע, אייַנשליסלעך די באַפרידיקונג פון די געזעצלעכע אינטערעסן פונעם אראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק.

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס סייַ די קעמפּ־דייווידער אָפּמאַכן, סייַ דער עגיפּטיש־ייִסראָעלדיקער שאָלעם־אָפּמאַך האָבן זיך געשטרויכלט אינעם גאַנג פון זייער רעאַליזאַציע בא דער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פּראַגע. ארויסגייענדיק פון אירע פאַלשע קאָנצעפּציעס, האָט די ייִסראָעלדיקע אָנפירונג געגעבן איר האַסקאָמע צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן דער אזויגערופענער אווטאָנאָמיע פאר די פּאַלעסטינער. מיט עטלעכע טעג פארן אָנהייב פון די אונטערהאנדלונגען — אייגנטלעך אומגעזעצלעכע, ווייַל זיי זייַנען לעכאַטכילע געווען א פּרווו צו לייזן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם הינטער די פּלייצעס פון די פּאַלעסטינער און קעגן זייערע אינטערעסן — איז שוין קלאָר געווען די פּראָגראַם, מיט וועלכער די ייִסראָעלדיקע דעלעגאַציע איז געקומען. די צייַטונג „ניו־יאָרק טייַמס" האָט רעזיומירט די דאָזיקע פּראָגראַם אין דרייַ פּונקטן:

„— די אווטאָנאָמיע פונעם מייַרעוו־ברעג און פון גאַזאַ דאַרף זיך באַציִרן אָפּן יורידישן סטאַטוס פון די בירגער פון אָט די טעריטאָריעס, אָבער ניט פון די טעריטאָריעס גופע;

— דער טרעגער פון די רעכט, וואָס גיט דעם סטאַטוס פון אווטאָנאָמיע, דאָס איז ייִסראָעל, וועלכע וועט זייַן פארטראָטן דורך זייַן מיליטערישער אַדמיניסטראַציע פון די טעריטאָריעס;

— דער „אויספיר־ראַט", וואָס וועט ווערן געשאפן אין רעזולטאַט פון וואלן אף די טעריטאָריעס, וועט זייַן ניט קיין געזעצגעבערישער, נאָר אָן אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַן"[1].

די פּראָגראַם איז א גאַנץ אָפנהאַרציקע — הען וואָס שייַעך דאָס אופהאלטן די אָקופּאַציע, הען אין זין פון אָפּזאָגן זיך צו אנערקענען די נאַציִאָנאַלע רעכט פון די פּאַלעסטינעזער, הען אין פּלאַן פון דער ווייַטערדיקער איגנאָרירונג פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג פון דער וועלט, וועלכע פאָדערט, עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די רעכט פון די פּאַלעסטינער אראַבער. כאַראַקטעריסטיש איז נאָך איינס — דער ייִסראָעלדיקער צוגאַנג צו דער פּאַלעסטינער פּראַגע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זייַן שטעלונג צו דער „אַדמיניסטראַטיווער אווטאָנאָמיע", ווי אויך די אונטערהאנדלונגען גופע, האָבן באַוויזן, זייַנען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייַט. דאָס איז געצוווּנגען געווען צו אנערקענען אויך די אַמעריקאַנער פּרעסע, וועלכע האָט, צווישן אנדערס, אָנגעוויזן: „די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, וואָס קיינער ניט פון די אנערקענטע לידערס אָפן מייַרעוו־ברעג איז ניט מאַסקים מיט די קאָנצעפּציעס, וועלכע זייַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין סענטיאַבער 1978 דורך קאַרטערן, בעגינען און סאַדאַטן אין קעמפּ־דייוויד"[2].

עס קען, פארשטייט זיך, גאָר קיין רייד ניט זייַן וועגן עפּעס אָן אווטאָנאָמיע, בייס די ייִסראָעלדיקע אָקופּאַציע האַלט אָן. „די ערשטראַנגיקע פאָדערונג פון די פּאַלעסטינער, — האָט געשריבן אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „יו־סי ניוס ענד וואָרלד רירפּאָרט", — איז ליקווידירן די ייִסראָעלדיקע מיליטערישע אָקופּאַציע, וועלכע זיי באַטראַכטן אלס אונטערדריקונג און ווילקיר. די רייד פון דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג וועגן דער ליבעראַליזאַציע פון דער אָקופּאַציע, וועגן דעם, אז די געשפּאַנטקייַט וועט פארקלענערט ווערן, נעמען זיי אוף מיט סקעפּטיציזם און האלטן, אז

[1] "The New York Times", May 5, 1979.
[2] "The International Herald Tribune". May 10, 1979.

דאָס זײַנען בלויז ווערטער, קעדיי צו באוועגן די אראַבער אָנטיילצונעמען אין די אונטערהאנדלונגען וועגן דער אווטאָנאָמיע פונעם מײַרעוור־ברעג און גאזא"[1].

בלויז ווי אָן איזדיעקעווען זיך איבער קלאָרן סייכל קענען באטראכט ווערן די באהויפּטונגען פון די ציִעניסטן, אז די אונטערהאנדלונגען וועגן דער „אדמיניסטראטיווער אווטאָנאָמיע" פארפאָלגן דעם צוועק צו לייזן די פּאלעסטינער פּראָבלעם. „די ייִסראָײלים, — האָט געזאָגט דער פּרינץ־יורש פון סאוד־אַראביע פאכד, — האָבן פארכאַפּט 27% פון דער טעריטאָריע פונעם מײַרעוור־ברעג. די ייִדישע באַפעלקערונג אין אָט די ראיאָנען באטרעפט בלויז 13% פון דער אלגעמיינער. וואָס פאר אַן אווטאָנאָמיע קען זײַן אין אזעלכע באדינגונגען? ס׳קען נאָר זײַן א פארמאַסקירונג פון דער ייִסראָעלדיקער אָקופּאציע"[2]. מע מוז אנערקענען, אז דאָס איז אַן אויסשעפּנדיקע און פולע פּאָליטישע כאראקטעריסטיק פונעם ציִעניסטיש־אמעריקאנישן אײַסעקן זיך מיט דער פּאלעסטינער „אדמיניסטראטיווער אווטאָנאָמיע".

די שטרעבונג פון דער ייִסראָעלדיקער אָנפירונג אָנצוהאלטן אַף א באליביקן אויפן די אָקופּאציע פון אראבישע טעריטאָריעס שפּיגלט ניט אָפּ די ווירקלעכע מיינונג פון דער עפנטלעכקײַט אין לאנד. אפילו די אמעריקאנער „ניו־יאָרק טײַמס" האָט געשריבן: „69,8 פּראָצענט פון דער ייִסראָעלדיקער באַפעלקערונג האלטן, אז בעסער איז צו האָבן זיכערע און אנערקענטע גרענעצן, איידער דאָס רעכט צו באזעצן זיך אַפן רעכטן ברעג פונעם יארדן און אין סעקטאָר גאזא, און 60,9% האלטן, אז די פּאָליטיק בענעגיִע די (ייִדישע. — ע. ד.) ייִשוּווים (אַף די אָקופּירטע אין 1967 געביטן. — ע. ד.) ברענגט שאָדן דעם פּרעסטיזש פון ייִסראָעל אין אויסלאנד"[3]. טאקע אָט די אנטי־אנעקסיאָניסטישע שטימונגען, וועלכע כאַפּן ארום אלץ ברייטערע שיכטן פון דער ייִסראָעל־עפנטלעכקײַט, האָבן געדינט אלס באזיס פאר דער באוועגונג „שאָלעם — איצט", וואָס איר אָנהייב איז געווען די דעקלאראציע פון א גרופּע אָפיצערן־רעזערוויסטן פון דער ייִסראָעל־ארמיי. אזעלכע ארויסטרעטונגען שפּיגלען אָפּ די אלץ וואקסנדיקע אין דער מעדינע אנערקענונג פאר דעם פאקט, אז די אגרעסיווע אקציעס קעגן די אראבישע שכיינים, די פּאָליטיק פון אנעקסיע און אגרעסיע האָבן אוועקגעשטעלט ייִסראָעל אין א שווערער צווישנפעלקערלעכער סיטואציע. די אמעריקאנער פּרעסע האָט אנערקענט, אז „אין ייִסראָעל גופא קומט פאָר דער ווירקלעכער און אומפארמײַדלעכער צוזאמענשטויס צווישן די, וואָס זעען... אז ס׳איז דאָ א מעגלעכקײַט צו קריגן, זאָל זײַן א ניט אידעאלע, אָבער א פעסטע זיכערהײַט און יענע, וואָס זעען דאָס ניט"[1].

געפינענדיק אָנהענגער און אקטיווע אויספירער אין דער פּערזאָן פון די איצטיקע ייִסראָעל־מאכטהאָבער, האָבן די רעקאציאָנערע און אנטיפּאָלקישע דאָקטרינעס פונעם ציִעניזם, אדאנק דער מיטהילף פון די אימפּעריאליסטן, אָנגענומען בײַ הײַנטיקן טאָג א באזונדערס געפערלעכן כאראקטער. „גלײַכצײַטיק פירן די דורכפאלן פון דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטיק צו אַן אָפּשוואכונג און פארשמעלערונג פונעם אײַנפלוס פון די ציִעניסטישע דאָקטרינעס סײַ אַף ייִדן, סײַ אַף ניט־ייִדן אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט. אָט דער דאָפּלטער פּראָצעס ווירקט אַף דער אנטוויקלונג פון דער נאָענט־מיזרעכדיקער סיטואציע. די פּרינציפּיִעלע און קאָנסטרוקטיווע דעמאַסקירונג פון דער ווירקלעכער ראָל פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם און פון דער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע ייִסראָעל־קרײַזן, אלס מאָקער פון א געפארפולן צווישנפעלקערלעכן קאָנפליקט, פארקלענערט די שוין אזוי אויך אלץ שיטערווערנדיקע רייען פון די אָנהענגער און אדוואָקאטן פונעם אָפיציעלן קורס פון טעל־אוויוו, פירט צו א באשטענדיקן וווּקס פונעם פּאָליטישן וואקוּום ארום די בעגינס, פּערעסעס און זייערע אפּעטראָפּסים, צו דער פארשטארקונג פון דער אינטערנאציאָנאלער איזאָליאציע פון ייִסראָעל.

די טעטיקײַט פון די טעל־אוויווער אָנפירער אין דער אויסערן־פּאָליטישער ספערע, זייער אָבסטרוקציאָניזם אין אלץ, וואָס איז נעגייע די באמיִונגען צו נאָרמאליזירן די נאָענט־מיזרעכדיקע סיטואציע, שטעלט, אין גרונט גענומען, די מעדינע אין א סטירע צו דער צווישנפעלקערלעכער געמיינשאפט פון לענדער, ווארפט אַן ארויסרוף דעם סטאטוט פון דער אָרגאניזאציע פון די פאַרייניקטע נאציעס. פון זיך אליין קומט דער אויספיר וועגן דער נויטווענדיקײַט אָנצוווענדן ווירקזאמע מיטלען קעגן ייִסראָעל, וועמענס הערשנדיקע קרײַזן האלטן ניט פאר נייטיק זיך צוהערן צו דער שטים פון פארנונפט, צו דער מיינונג פון אנדערע מעלוכעס און פעלקער אין דער וועלט. די אָרגאניזאציע פון די פאַרייניקטע נאציעס אין די 80־ער יאָרן איז ניט דאָס זעלבע, וואָס זי איז געווען אין 1947. די פאנאנדערטיילונג פון די קויכעס אין דער אָרגאניזאציע פון די פאַרייניקטע נאציעס און די הערשנדיקע שטימונג אין איר איז הײַנט אזא, אז די פראגע וועגן פּאָליטישע סאנקציעס קעגן ייִסראָעל קען דאָרט אוועקגעשטעלט ווערן אין א פּראקטישן פלאך, און זי קען פּאָזיטיוו געלייזט ווערן. די ייִסראָעלדיקע אָנפירנדיקע קרײַזן האָבן אָבער ביז איצט ניט באנומען אָט דעם פּאַשעטן עמעס, כאָטש דאָס אָנעמען דורך דער 30־טער

[1] "US News and World Report", April 9, 1979.
[2] "New week", March 26, 1979.
[3] "New York Times", March 25, 1978.

[1] "The International Herald Tribune", March 10, 1978.

סעסיע פון דער גענעראַל־אַסאַמבלײ דעם 18 נאָיאַבער 1975 די רעזאָליוציע, וואָס פאַרורטײלט דעם ציִעניזם אַלס אַ פאָרם פון ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע האָט געדאַרפט פאַר זיי זײַן אַן ערנסטע וואָרענונג.

אין דער אַטמאָספער פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער אָפּשוואַכונג פון דער צווישנפעלקערלעכער שפּאַנונג אַף דער גאַנצער פּלאַנעטע, ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקײַטן און ווילדע אָנגריפן מיצאַד די פײַנט פון שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער, פילט זיך באַזונדערס שאַרף די ניט־געלייזטקײַט פונעם אַראַביש־ייִסראָעלדיקן קאָנפליקט, וואָס טראָגט אין זיך אַ געפאַר פאַרן אַלגעמיינעם שאָלעם.

באַם אַנאַליז פון דער לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך ווערט פולשטענדיק קלאָר, אַז עס איז שוין לאַנג צײַט אונטערצונעמען קאָנקרעטע און ווירקזאַמע מיטלען, קעדיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסצושליסן די מעגלעכקײַט פון אַ מילכאָמע אין אָט דעם ראַיאָן.

עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון די דאָקטרינעס פונעם קריגערישן ציִעניזם, וואָס די הערשנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל פירן דורך, זאָל ווײַטער אַרײַנטראָגן אַן אומסטאַבילקײַט און געפאַר פון נײַע אופרײַסן אַפן נאָענטן מיזרעך. די אינטערעסן פון די איצטיקע און קומענדיקע דוירעס פאָדערן, ס'זאָל געמאַכט ווערן אַ סאָף צום פּאָליטישן באַנדיטיזם, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ מעלוכע־פּאָליטיק.

אַלע פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך זײַנען פאַרינטערעסירט אין שאָלעם. דאָס איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר און גאַראַנטיע, אַז דאָס שטרעבן צו לייזן דעם אַראַביש־ייִסראָעלדיקן קאָנפליקט אַף אַ גערעכטיקער באַזע, מיטן דיסקאָנט פון די אינטערעסן פון אַלע פעלקער פון דעם דאָזיקן ראַיאָן, אײַנשליסלעך דאָס אַראַביש־פּאַלעסטינער פאָלק, זאָל נעמען די אויבערהאַנט.

ביז איצט איז די פּרעוואַלירנדיקע שטרעבונג פון די ייִסראָעלדיקע הערשנדיקע קרײַזן באַשטאַנען אין דעם, ס'זאָל אָנהאַלטן אינעם לאַנד די אַטמאָספער פון אַ „באַלאַגערטער פעסטונג", ס'זאָל מאַקסימאַל אויסגענוצט ווערן די ניט־געלייזטקײַט פונעם קאָנפליקט אַף צו קריגן נײַע פינאַנציעלע אײַנשפּריצונגען מיצאַד די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען און צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע קרײַזן, קעדיי צו פאַרפעסטיקן די אינערן־פּאָליטישע לאַגע אין ייִסראָעל און אַקטיוו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון קלאַסן־שאָלעם אין דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפט. „די דערגרייכונג פון אַ רעגולירונג אינעם אַראַביש־ייִסראָעלדיקן קאָנפליקט, — שרײַבט דער פּראָפעסאָר מ. ראַדינסאָן, — וואָלט געוועזן די רעטונג פון ייִסראָעל, אָבער דאָס וואָלט באַטײַט דעם סאָף פונעם ציִעניזם. ווי נאָר עס וואָלט פאַרשוווּנדן די אויסערלעכע געפאַר, וואָלט דער מאָשיעך־אײַפער אָנגעהויבן צו גיין באַרג־אַראָפּ"[1].

די גערעכטיקע לייזונג פונעם נאָענט־מיזרעכדיקן קאָנפליקט איז מעגלעך בלויז מיטן באַדינג, ס'זאָל ליקווידירט ווערן די אָקופּאַציע פון די אַראַבישע טעריטאָריעס און עס זאָלן גענומען ווערן אין אַכט די געזעצלעכע רעכט און אינטערעסן פון אַלע פעלקער אַפן נאָענטן מיזרעך, אײַנשליסלעך דאָס אַראַבישע פאָלק פון פּאַלעסטינע. דער דאָזיקער אומאָפּפרעגבאַרער אויספיר ווערט באַשטעטיקט דורך דעם גאַנצן גאַנג פון די געשעענישן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן קאַמף פון די אַראַבישע פעלקער און פון דער אַלוועלטלעכער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט פאַר דער ליקווידאַציע פון די רעזולטאַטן פון דער ייִסראָעלאַגרעסיע, פאַר אַ שאָלעם אַפן נאָענטן מיזרעך, וואָס זאָל זײַן אַ גערעכטיקער פאַר אַלעמען.

די פּלענער פון די ציִעניסטישע טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, וואָס זייער הויפּט־ציל איז דאָס ווײַטערדיקע אויסנוצן ייִסראָעל אַלס פּלאַצדאַרם פונעם אימפּעריאַליזם אַפן נאָענטן מיזרעך, קענען נאָר פאַרשווערן די פּערספּעקטיוון צו דערגרייכן אַ רעגולירונג פון דער קאָנפליקט־סיטואַציע. אין די דאָזיקע באַדינגונגען שטעלט מען אַפילע שוין איצט אין ייִסראָעל די פראַגע: צי מעג דער ציִעניזם בלײַבן די פירנדיקע דאָקטרינע פון אָט דער מעלוכע? ווו זײַנען די גאַראַנטיעס פאַר דעם, אַז די פּאָסטולאַטן פון דעם קריגערישן ציִעניזם וועלן ניט ברענגען צו ברייטמאַסשטאַבלקע בלוטפאַרגיסונגען?

דער ענטפער איז קלאָר. דאָס רעכט פון ייִסראָעל אַף עקזיסטענץ קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן אַפן כעזשבן פון אַ פּערמאַנענטער עקספּאַנסיע קעגן די אַראַבישע שכיינים, אַפן כעזשבן פון אוזורפּירן דאָס רעכט פון אַנדערע פעלקער, באַזונדערס פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק. אָפּזאָגן זיך פון דער פאַלשער און שעדלעכער אידיי וועגן דער „פּריווילעגירטער לאַגע" פון די ייִדן לעגאַבע די אַראַבער; פאַרשטיין, אַז די מעכטיקע כוואַליע פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג קען ניט ווערן אָפּגעשטעלט, צי פאַרלאַנגזאַמט דורכן ציִעניזם, אָדער דורך דער אַראַבישער רעאַקציע; געפינען וועגן און מיטלען פאַר דער פרידלעכער קאָעקזיסטענץ פון די אַראַבער און ייִסראָיילים, — בלויז אין אָט דעם פאַל וועט זײַן מעגלעך צו בויען די צוקונפט פון ייִסראָעל אָן סאַקאָנעס פאַר זײַן מאָרגנדיקן טאָג.

[1] M. Rodinson. "Israel et les arabes", Paris, 1968, p. 70.

# מאַטעריאַלן צום 20־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

נאָכעם אויסלענדער באַם רעדאַקציאָנעלן טיש

אין אַרכיוו פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען פאַרהיט געוואָרן אײניקע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו דער צײַט, ווען עס האָבן זיך געגרייט צום דרוק די ערשטע נומערן פונעם זשורנאַל. ס׳איז געגאַנגען אַ לעבהאַפטער בריוו־אויסטויש צווישן די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע און די שרײַבער. באַזונדערס אינטענסיוו האָט געפירט אָט די אַרבעט דער אָפּטײל פון קריטיק און ביבליאָגראַפיע, בעראָש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער נאָכעם אויסלענדער.

די בריוו, וואָס געהערן שוין איצט צו דער געשיכטע, אַנטהאַלטן אײניקע וויכטיקע באַטראַכטונגען אין שײַכעס מיט די וועגן, אויף וועלכע עס דאַרף אין אונדזער טקופע גײן און איז טאַקע אַוועק די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. דער בריוו־אויסטויש איז אויך אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס ער באַווײַזט, ווי אַקטיוו עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נײַער צײַטשריפט די ייִדישע שרײַבער און מיט וואָס פאַר אַ פאַרינטערעסירטקײַט און פאַראַנטוואָרטלעכקײַט זיי האָבן אויף זיך גלײַך גענומען די זאָרג וועגן איר אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ.

אַ טייל פון די בריוו פאַרעפנטלעכן מיר דאָ.

**ליבער נאָטאָוויטש!**

אַוודאי וואָלט איך געדאַרפט ׳אַ סאַך און אַ סאַך ריידן מיט אײַך. נאָר מײַן געזונט־צושטאַנד דערלויבט עס מיר איצט ניט. מוז איך זיך באַנוגענען מיט אַ ריין־זאַכלעכער ווענדונג.

מיר האָבן די טעג געאַרבעט אויף דעם פּלאַן פונעם ערשטן נומער פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, און, פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע בליקן האָבן אָפּטמאָל געקערעוועט זיך אויך אין דער זײַט פון קאַזאַן, וווּ איר וווינט. פעסטשטעלן גענוי, וואָס אין געגעבענעם פאַל קאָן געבן דער אָדער יענער שרײַבער, איז שווער, אָבער ווײַל איך ווייס אײַך שוין היפּשע יאָרן, האָב איך גענומען זיך די רעכט דאָס צו טאָן. אויב איך האָב אַ טאָעס — זאָגט עס אָפן און מאַכט אײַער אייגענעם פאָרשלאָג. אונדזער פאָרשלאָג איז אַזאַ.

אין ערשטן נומער דאַרף געדרוקט ווערן אַן אַרטיקל, וואָס דעקט אויף די גרויסע באַדײַטונג פון די ווערטער, וועלכע שטייען אויפן טאָוול פונעם זשורנאַל — „סאָוועטיש היימלאַנד״. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז בא אונדז וועט זײַן אויך אַ פּראָגראַם־אַרטיקל, ווּ מיר וועלן אָנרופן באַם נאָמען די גרויסע אידייען, וועלכע וועלן באַוועגן אונדזער זשורנאַל. אָבער „היימלאַנד״ איז מער פון אַן אידיי, ס׳איז מער פון אַ טעזיס אין אַ פּראָגראַם־אַרטיקל. ס׳איז—די נעשאָמע פונעם זשורנאַל. ס׳איז דער קוואַל פון אונד־

זערע לײַדנשאַפֿטן, די פֿאָן פֿון אונדזער קאַמף, דער אויצער, וואָס הערט קײנמאָל ניט אויף צו באַגײַסטערן אונדז.

ס'איז, פֿאַרשטײט זיך, נײטיק נאָך צו רײדן גענױער וועגן דער טעמע, ווי אַזוי מאַכן זי קאָנקרעט, ווי אַזוי אַרײַנפֿירן אין איר דעם לעבעדיקן שטאָף פֿון אונדזער ליטעראַרישער הײַנטצײַטיקײַט. הײמלאַנד איז געװען אונדזער פֿאָן אין אַלע צײַטן. דאָס אַרטיקל דאַרף מען בױען אַזױ, אַז דער לײענער זאָל דערזען סײַ די גרױסע טראַדיציע, סײַ די שעפֿער, װאָס נעמען איצט איבער די פֿאָן.

אוואַדע וועט מען דאַרפֿן וועגן דעם נאָך אַ שמועס טאָן, אויב איר נעמט אָן די טעמע.

און עפּשער איז מעגלעך, אַז איר זאָלט אַף אַ טאָג צוויי אַראָפּכאַפּן זיך אַהער, קײן מאָסקווע, זיך באַקאַנען מיט די נײַע װערק פֿון אונדזערע שרײַבער? ענטפֿערט באַלד.

מיט בעסטע גרוסן
נ. אויסלענדער

כאַשעװער כאַװער אױסלענדער!

אײַער בריװ האָט מיך שטאַרק דערפֿרײט.

אָך, װי גוט עס האָט זיך אָנגעהױבן פֿאַר אונדז די װעסנע־צײַט.

די טעמע „הײמלאַנד" פֿאָדערט, צוליב איר גרױסקײַט, אַ סאַך מערער צײַט אײדער איך האָב איצט. גרינגער װאָלט מיר באַ הײַנטיקן טאָג געװען פֿאַרװירקלעכן דעם פֿאָרשלאָג, װאָס איר האָט מיר געמאַכט, װען מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען אין מאָסקװע: אָנשרײַבן װעגן עזראַ פֿינינבערגן — דעם דיכטער, װעלכער האָט פֿאַרװאַנדלט די טעמע „לאַנד־ליבשאַפֿט" אין אַ טראַדיציע. דערבײַ האָט איר צוגעזאָגט מיך צולאָזן צו זײַן אַרכיװ.

פֿינינבערגס פּאַטריאָטישע לידער האָבן געהאַט אַ גרױסע װירקונג אַף אונדזער יוגנט. אײַער געװעזענער און זײער געראַטענער סטודענט ש. אײַזנװאַרג (דער יונגער דיכטער, װאָס איז אומגעקומען אַפֿן פֿראָנט) האָט געקענט אַלע לידער פֿינינבערגס אַף אױסװײניק און איז אין אים געװען פֿאַרליבט מיט אַ מין באַזונדערער, אױסערגעװײנלעכער ליבע.

עפּעס סוידעסדיקט איז געװען אין אָט דער ליבע.

איך האָב אַמאָל געפֿרעגט באַם ניט באַרײדעװדיקן, שטילן און באַשײדענעם אײַזנװאַרגן, װאָס עס איז דער סאָד פֿון זײַן גרױסער ליבע צו פֿינינבערגן, האָט ער, פּונקט װי ער װאָלט זיך שעמען פֿאַר זײַנע צאַרטע געפֿילן, ניט געענטפֿערט. ניט געענטפֿערט, נאָר געלײענט און געלײענט פֿינינבערגס לידער אַף אױסװײניק, װערנדיק דערבײַ פֿאַרפֿלאַמט פֿון פֿאַרגעניגן.

נײן, מ'האָט ניט געדאַרפֿט, ער זאָל ענטפֿערן. ס'איז גענוג געװען הערן אים לײענען, קעדײ דערגײן דעם סאָד פֿון זײַן ליבע צו פֿינינבערגן. דער סאָד איז געלעגן אין די לידער גופֿע, װאָס ער האָט געלײענט.

דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך אַ ביסל פֿאַרעדט. פֿאַרגעסן, אַז ס'פֿאָדערט זיך פֿון מיר אַ זאַכלעכער ענטפֿער.

איז אָט: דאָס אַרטיקל װעגן פֿינינבערגן װאָלט איך געקענט אָנשרײַבן פֿאַרן צװײטן נומער. צוליב דעם צװעק װאָלט איך ספּעציעל אַראָפּגעקומען קײן מאָסקװע, קעדײ באַקאַנען זיך מיט פֿינינבערגס ירושע. פֿאַרשטײט זיך, אַז אײַער מײנונג איז פֿאַר מיר זײער װיכטיק.

איך װינטש אײַך דערפֿאָלג און גליק אין דער אַרבעט, װאָס איז אונדז אַזױ טײַער.

אײַער
נאָטאָװיטש
קאַזאַן, 20 מאַרט 1961

צו דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד"

טײַערע כאַװײרים!

איך באַגריס אײַך און װינטש אײַך גרױס דערפֿאָלג אין אײַער ביז גאָר װיכטיקער און אַכרײַעספֿולער אַרבעט אינעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד", װעגן װעלכן איך טראַכט איצט אָט װאָס: ער איז אײנצײַטיק אי אַ פֿאָרזעצונג, אי אַן אָנהײב. ער דאַרף פֿאָרזעצן צו צײן דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון אונדזער ליטעראַטור. ער דאַרף װערן אַן אָנהײב פֿון אַ נײַעם עטאַפּ אין איר אַנטװיקלונג. ער דאַרף פֿאַרהיטן דעם טיפֿן דערעכערעץ פֿאַרן פֿאַרשניטענעם דאָר שרײַבער, געדענקענדיק, אַז דער גרעסטער קאָװעד און דער בעסטער אָנדענק װעט פֿאַר זײ זײַן, װען מיר װעלן זיך מיט זײ פֿאַרמעסטן, װי מיט לעבעדיקע.

ניט אומזיסט האָט מען דעם זשורנאַל אַ נאָמען געגעבן נאָך די כאַשעװוסטע פֿון זײַנע פֿאָרגענגער — „סאָװעטיש" און „הײמלאַנד". „סאָװעטיש הײמלאַנד" איז אַ גוטער נאָמען. ער רופֿט פֿאָרזעצן די װירדיקסטע טראַדיציע אין אונדזער ליטעראַטור — „לאַנד און ליבשאַפֿט". ער שטױסט צו שטעלן די שאַפֿונג פֿון אונדזערע שרײַבער אונטערן צײכן פֿון די גרױסע אױפֿגאַבן, װאָס שטײען פֿאַר דער סאָװעטישער ליטעראַטור. איך בין פֿולשטענדיק מאַסקים מיט דער פּראָגראַם, װעלכע ס'האָט אָנגעמערקט די רעדאַקציע.

די גליקלעכע ידיִעה, אַז עס הײבט אָן דערשײַנען אַ זשורנאַל אין ייִדיש, האָט מיך געטראָפֿן, שרײַבנדיק אַ מאָנאָגראַפֿיע װעגן מײַער װינערן. אַ פּאָר קאַפּיטלען װעל איך פֿאָרלײגן פֿאַרן זשורנאַל. זײ דאַרפֿן אָפּגעדרוקט װערן ניט נאָר דערפֿאַר, װײַל װינער האָט עס פֿאַרדינט, נאָר אױך דערפֿאַר, װײַל אין זײ װערן געשטעלט אַ רײ פּראָבלעמען פֿון אונדזער ליטעראַטור־שאַפֿונג.

אינעם זשורנאַל טראַכט איך אױך מיט דער צײַט פֿאַרעפֿנטלעכן אַ רײ אַרטיקלען פֿונעם בוך „ייִדישע שרײַבער", אַף װעלכן איך אַרבעט די לעצטע יאָרן. פֿאַרשטײט זיך, אַז איך װעל מיט אַ באַזונדער געפֿיל און אױפֿמערקזאַמקײַט נאָכשפּירן נאָך יעדן װאָרט, װאָס װעט געדרוקט װערן אינעם זשורנאַל, און זיך באַמײַען אָפּרופֿן אַף דער שאַפֿונג פֿון יעדן אונדזערן שרײַבער. ס'איז נאָך ניט דער־

שיִנען דער ערשטער נומער, און ס'קלערט זיך שוין
וועגן א יאָר־איבערזיכט...

אָט אַזעלכע זײַנען מײַנע נאָענטסטע פּלענער, און איך וועל אוואדע באַמיִען זיך זיי אויספילן ווי ווײַט מעגלעך. דאָס געזונט מײַנס, ליבע כאַווײרים, איז אונטערגעריסן: די צוקער־קרענק האָט זיך אײַנדערעמעסן אַרויסגעוויזן פאַר א ביטערער קרענק. די קויכעס גייען אויס. נאָר ביז ווי־פיל זיי וועלן קלעקן, וועל איך זיי אָפּגעבן פאַר אונדזער ליטעראַטור.

מיט די בעסטע ווונטשן.
אײַער מוישע נאָטאָוויטש.
קאָזאַן, 22 מאַרט 1961.

ליבער נאָטאָוויטש!

...מיר האָבן נעכטן געמאַכט א כעזשבן: מיר זײַנען ניט מער און ניט ווייניקער ווי 105 שריפטשטעלער. דאָס איז א ציפער, בלויז א נאַקעטע ציפער. מע דאַרף אַרויסשיילן פון איר דעם נײַעם היסטאָרישן אינהאַלט, — איך זאָג „היסטאָרישן", האָבנדיק אין זינען דעם אונטערשייד מיט אַנדערע ליטעראַטור־עטאַפּן. מע דאַרף פעסטשטעלן, וויאַזוי די קויכעס אין דער ליטעראַטור האָבן זיך איבערגרופּירט, איבערגעשטעלט און דעריקער וויאַזוי זיי האָבן זיך פאַרייניקט אין א נײַעם סינטעז פון די 60־ער יאָרן. זאָל דער לייענער וויסן, אַז עס שטייט אים פאַר צו באַנעמען די ליטעראַטור־פאַרהעלטענישן אין פּראָצעס, ווען זיי בילדן זיך ערשט אויס. ווען איר וועט קומען קיין מאָסקווע, וועלן מיר גענויער ריידן וועגן דעם. דערווײַל — זײַט געזונט און שטאַרק.

איך ווינטש אײַך, אַז אײַער שרײַב־פיבער זאָל דויערן. דערפון וועט מוזן אַרויס עפּעס גוטס. מיט גרוס

נ. אויסלענדער

פרײַנט ווערגעליס!

א האַרציקן דאַנק אײַך פאַר דער גוטער בסורע און אײַנלאַדונג. ביז אײַער בריוו האָב איך ניט געוווּסט פון דער נײַס. לאָמיר זיך ווינטשן, אַז דאָס זאָל זײַן א גוטער אָנהייב, אָדער ריכטיקער געזאָגט: א גליקלעכע פאַרזעצונג פון אונדזער אַלעמענס אַרבעט.

וועגן מײַנע אייגענע פּלענער?

מיר דוכט, אַז יעדערער פון אונדז דאַרף איצט זײַן באַשיידן בענעגייע זיך: „איך און מײַנע אַרבעטן", נאָר טראַכטן און פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך — זאָרגן און מיטהעלפן, אַז דאָס בעסטע, ווי איר שרײַבט, זאָל זײַן פאַרגעשטעלט אין זשורנאַל. מיר ווילט זיך נאָך צוגעבן: אַף ווי־פיל די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל וועלן נאָך זײַן ענגלעך פאַר אַלעס דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן אין די פּאָרטפעלן, אין דער אַרבעט, אין פּלענער, דאַרף יעדערער טראַכטן וועגן דעם נײַטיקסטן, וואָס עס דאַרף אין די ערשטע נומערן זײַן פאַרעפנטלעכט. דערווײַל ווילט זיך מיר פאָרלייגן פאַר די נאָענטסטע נומערן א פאַרצייכענונג וועגן א קעמפער פאַרן זיג פונעם אָקטיאַבער אַף אוראַל — א דעלעגאַט פונעם 6־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, שמר־על צוויילינג, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

דאָס איז זייער אן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקײַט. לײַדער, האָט אונדזער ייִדישע פּרעסע און די פּעריאָדיק קיינמאָל ביז איצט ניט געשריבן וועגן די וווּנדערלעכע העלדן — ניט נאָר גלאַט העלדן, נאָר העלדן, וועלכע האָבן נאָך זיך געפירט די ברייטע מאַסן צום זיג.

אין די לעצטע יאָרן האָב איך געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן אַזעלכע קעמפער, און מײַן טרוים איז אַרבעטן אַף דער טעמע — און צוביסלעך דעקן אונדזער אַלעמענס גרויסן כויוו. פאַרשטייט זיך, אַז אין מײַן פּאָרטפעל איז פאַראַן ליטעראַטור־פאָרשונג און ביבליאָגראַפיע, נאָר וועגן דעם שפּעטער.

אויב איר וועט דרוקן קליינע רעצענזיעס, וואָלט איך וועלן געבן קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן א ביבליאָגראַפישער אַרבעט „40 יאָר קינסטלערישע ליטעראַטור אין אוקראַיִנע" (אין אוקראַיִניש), וועלכע איז נאָרוואָס דערשינען.

בעסטע גרוסן
כ. נאַדעל
כאַרקאָוו, 18 מאַרט 1961

ליבער כאַווער נאַדעל!

איך ווענדע זיך צו אײַך אָן קיין שום פּאַרעדעס. מיר קאָנען זיך שוין אַזויפיל יאָרן, אַז ס'איז איבעריק, מײַן איך, צו רעדן וועגן דעם, ווי איך שאַץ אײַער ביבליאָגראַפישע אַרבעט. איך וויל נאָר, איר זאָלט וויסן, אַז אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" וועט די ביבליאָגראַפיע פאַרנעמען א בעקוועדיק אָרט און אָט מאַך איך אײַך שוין א קאָנקרעטן פאָרשלאָג.

דער צווייטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" וועט דערשײַנען צום 22־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. מיר פּלאַנירן אין דעם נומער געבן א ברייטערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער לענין־געשטאַלט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ווילט זיך, אַז עס זאָל נעמען א וואָרט אויך די ביבליאָגראַפיע — די שפּראַך פון די פאַקטן. מיט אָט דער שפּראַך קאָן מען זייער א סאַך זאָגן, מע קאָן באַשײַמפּערלעך באַווײַזן וויאַזוי דאָס לענין־געשטאַלט האָט אָנגעהויבן זיך פאָרמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור (איר געדענקט דעם זאַמלהעפט, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע צו דער לעווײַע פון לענינען אין יאָר 1924?), וויאַזוי דאָס לענין־געשטאַלט האָט אַלץ מער און מער צוגעצויגן סײַ די עלטערע, סײַ די ייִנגערע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וויאַזוי די אַרבעט אַף דער לענין־געשטאַלט האָט געהאָלפן דעם שרײַבער געפינען זײַן וועג אין דער ליטעראַטור, זײַן וועג אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. איר האָט נאָך העט־אַמאָל צונויפגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט א זאַמלונג „לענין אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור", אָבער דעמלט האָט איר געהאַט צו טאָן מיט די ערשטע שפּראָצונגען. איצט האַלטן מיר א סאַך ווײַטער. דאַרף מען אויך

אײַער ביבליִאָגראַפישע אַרבעט בויען אַנדערש. אָבער וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן גענויער. דערווײַל וואַרט איך אָף אײַער ענטפער און בין זיכער, אַז איר וועט זיך טייקעף נעמען צום שרײַבן.

מיט גרוס
נ. אויסלענדער

צי קאָנט איר, אגעוו, מיר אָנשרײַבן, וואָס עס איז אײַך באַוווּסט וועגן שאָלעם-אַלייכעמס ראָמאַן „דער מיסטייק" און פאַרוואָס האָט איר אים ניט אַרײַנגענומען אינעם באַנד „פאַרגעסענע בלעטלעך" שאָלעם-אַלייכעמס?

כ׳כ׳ ווערגעליס!

אײַער בריוו האָב איך באַקומען. איך דאַנק אײַך פאַר דער אײַנלאַדונג, מיטצואַרבעטן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און ווינטש אײַך די בעסטע דערפאָלגן.

איך בין ניט זיכער, צי מײַנע אַרבעטן וועלן פאַסן פאַר דעם נײַעם זשורנאַל. אַלץ, וואָס איך וואָלט אײַך געקאָנט שיקן, באַציט זיך צום עלטערן ייִדישן פאָלקלאָר. אין דער ערשטער ריי קאָן איך אײַך אַרויסשיקן אַן אַרבעט וועגן דעם אַמאָליקן ייִדישן פאָלקס-טעאַטער. דאָס איז אַ קורצער אויטאָרעפעראַט פון איייניקע קאָפּיטלען פון מײַנער אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דעם עלטערן ייִדישן פאָלקס-טעאַטער (פּורים-שפּילן). די דאָזיקע אַרבעט (באַ 40 דרוק-בויגן) איז אָנגענומען צום דרוק אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר".

די אַרבעט, וואָס איך האָב בעדייע אײַך צושיקן, פאַרנעמט אַ 30—40 זײַטן. כוץ דעם, וואָס דאָ ווערט צום ערשטן מאָל געגעבן אַן אַנאַליז פון דער מוזיק פון די פּורים-שפּילן, קומט מיר אויס צו רעווידירן די גרונט-האַנאָכעס, וואָס שיפּער האָט אָנגענומען אין זײַן בוך „געשיכטע פון ייִדישער טעאַטער-קונסט און דראַמע" (ב. 2).

אויב אַזאַ אַרבעט קאָן געדרוקט ווערן אין אײַער זשורנאַל, גיט מיר צו וויסן, און איך וועל אײַך גלײַך זי אַרויסשיקן.

מיט כ׳גרוס
מ. בערעגאָווסקי
קיִעוו, 22 מאַרט 1961

ליבער כאַווער בערעגאָווסקי!

אַ דאַנק פאַר אײַער בריוו, ווו איר טיילט מיט וועגן די אַרבעטן, וואָס ליגן באַ אײַך פאַרטיקע. אַוואַדע וועלן מיר שטרעבן צו געפינען אָרט פאַר אַזעלכע אַרבעטן, און אין די קומענדיקע נומערן פון אונדזער זשורנאַל וועלן זיי קענען פאַרעפנטלעכט ווערן. פאַר די ערשטע צוויי נומערן וואָלט זיך וועלן באַקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נעענטער צו דער הײַנטצײַטיקער מוזיק. צי האָט איר ניט בעדייע אָנשרײַבן וועגן די הײַנטיקע מוזיקער, וואָס אין זייער שאַפונג זײַנען פאַראַן געוויסע באַריר-פּונקטן מיט דער ייִדישער פאָלקס-מוזיק? אַזאַ אַרטיקל וואָלט פאַר אונדז געווען זייער וויכטיק צו באַקומען שוין איצט. איר מעגט, נאַטירלעך, אויפאַסן די שאַפונג פון די קאָמפּאָזיטאָרן אויך אין אַן אַנדער אַספּעקט — ווי איר ווילט, אָבער ווידער און ווידער: נעענטער צו דער הײַנטצײַטיקײַט.

צי האָט איר ניט קיין מעגלעכקײַט אָנשרײַבן וועגן שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק צו די ייִדישע פאָלקס-לידער?

שרײַבט אונדז ביכלאַל, וועלכע טעמעס עס רעגן אײַך אָן אָף צו זעצן זיך גלײַך צום טיש, ניט אָפּלייגנדיק עס אין דער לאַנגער באַנק. מיר ווילן זייער האָבן אײַערס אַן אַרטיקל און וואַרטן אָף אײַער ענטפער.

מיט גרוס.
נ. אויסלענדער

כאָשעווער פרײַנט ווערגעליס!

ערשטנס, דערלויבט מיר באַגריסן אײַך און אַלע כאַווײרים פון דער רעדאַקציע מיטן אָנהייב פון אַ וויכטיקער און, לאָמיר האָפן, פּרוכטבאַרער אַרבעט. אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, מיט וואָס איך וואָלט געקאָנט צוניץ קומען און באַהילפיק זײַן.

וואָס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן דער זשורנאַל? ער דאַרף זײַן שאַרף-אַקטועל, צוגענגלעך און פאַרכאַפּעריש-אינטערעסאַנט. עס דאַרפן אין אים פּרעוואַלירן די קורצע סוזשעטישע נאָוועלע וועגן הײַנטיקע טעג, קינסטלערישע פאַקטאָלאָגישע פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן, די לירישע און פּאָליטיש-געצילטע ליד. איך מיין ניט, אַז מע דאַרף אויסמײַדן היסטאָרישע טעמעס און אַוואַדע ניט די מילכאָמע קעגן פאַשיזם, אָבער נאָך וויכטיקער איז די טעמע וועגן קאַמף קעגן רעוואַנשיזם, קעגן די שוואַרצע קויכעס, וואָס פּרוּוון אויפהייבן די קעפּ.

איך מיין, אַז מע דאַרף סײַ אין די קינסטלערישע ווערק, סײַ אין דער פּובליציסטיק (זי מוז, אגעוו, אויך זײַן הויך קינסטלעריש, ניט צײַטונגסמעסיק) שטעלן די פּראָבלעמען פון מאָראַל, פון קאָמוניסטישע זיטן, פון באַציִונג צו אַרבעט.

אַוואַדע שמייכלט איר, לייענענדיק די שורעס. געעפנט אַמעריקע! איך האָב אָבער שטאַרק מוירע, סע זאָל זיך ניט אָנהייבן קיין פאַרפלייצונג מיט גרויסע ראָמאַנען, וואָס זייער אָנהייב שטעקט אין בעסטן פאַל אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, סע זאָל זיך ניט אָנהייבן קיין געוויטער מיט פּאָעמעס, לאַנגע ווי דער גאָלעס. ביכלאַל איז מײַן מיינונג, אַז די ערשטע צײַט דאַרף מען ווי ווײַט מעגלעך דרוקן זאַכן אָן פאָרזעצונגען, דער לייענער זאָל ניט דאַרפן וואַרטן קיין צוויי כאַדאָשים אָף אַ העמשעך. סע וועט קומען די צײַט פאַר גרויסע ראָמאַנען סײַ אין זשורנאַל, סײַ אין באַזונדערע אויסגאַבעס. איצט דאַרף מען געווינען דעם לייענער.

איצט קאָנקרעט וועגן זיך: איך בין אָפּט אָפן טראַקטאָר-זאַוואָד (לייען דאָרט אַ ציקל לעקציעס). אין איינעם פון די ערשטע צעכן (פּרעס-צעך) אַר-

בעט זייער אן אינטערעסאנטער מענטש. געווען א
מײַסטער, איצט שטעלפארטרעטער פונעם צעך־שעף,
אַשער אבראמאָוויטש פּאַלישטשוק. ער איז אפּן זאַ־
וואָד פונעם זאוואָדס געבוירן, זינט דער כאַרקאָווער
טראַקטאָר־זאוואָד (כטז) עקזיסטירט, דה. דרײַסיק
יאָר. אין די יאָרן פון עוואקואַציע איז ער געווען
מיט אים אין סטאַלינגראַד, דערנאָך אַף אוראַל, אַק־
טיוו אָנטיילגענומען אין ווידערופשטעלן דעם אינ־
דוסטריעלן גיגאַנט. פּאַלישטשוק איז ניט קיין אינ־
זשעניער, ער גייט פון די טיפּענישן פונעם ארבע־
טער־קלאַס, פון אן ארבעטער־מישפּאָכע. זײַן זון אר־
בעט אויך אפּן זאוואָד (אן עלעקטראָשווייסער).
אַשער אבראמאָוויטש איז זייער באַליבט אפּן זאוואָד.
ער ארבעט אויסגעצייכנט, באַזונדערס איצט, ווען
אין דער קוואַליטעט און אין דער צאָל פון די
טראַקטאָרס איז א סאַך געווענדט דאָס אויספּילן,
וואָס דער יאַנואר־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמי־
טעט פון דער פּאַרטיי האָט אָנגעמערקט. פּאַלישטשוק
איז א קאָמוניסט. איך האָב מיט אים געכאַפּט א
פּאָר שמועסן, קלײַב זיך זײַן בא אים אין דער היים
(מע האָט אים נאָרוואָס געגעבן א נײַע שײנע דירע).

קורץ, מיר דוכט, אז סע קאָן זײַן א טשיקאַווער
אָטשערק פונעם מין: „מענטשן פון אונדזערע טעג".
נאַטירלעך, אז ווען איך וועל שרײַבן וועגן אים,
וועל איך אויך נעמען די ארומרינגלונג, עטלעכע
צעך־מענטשן, קאָמסאָמאָלצעס. איך בין, אגעוו, גע־
ווען אַף אן אינטערעסאַנטן דיספּוט וועגן קאָמוניס־
טישער מאָראַל, וואָס סע האָבן אָרגאַניזירט די קאָמ־
סאָמאָלצעס פון זײַן צעך. ער איז אויך ארויסגע־
טראָטן אינטערעסאַנט און זאַכלעך. די יוגנט האָט
אים אופגענומען אזוי וואַרעם, אזוי הארציק, אז סע
האָט געריירט ביז טרערן, אנדערש, ווי „נאָש אַשער
אבראַמאָוויטש", רופט מען אים ניט.

אָט דאָס איז מײַן ערשטער רעאַלער פּאַרשלאַג.
אויב סע איז דאָס, וואָס איר דארפט איצט, נעם
איך מיר אָנשרײַבן און באַשטעלן. איך וועל זען
ניט ציִען לאַנג. איך דארף אויך וויסן, וואָס פאר א
גרייס איז געוואונטשן. מײַן פּאַרשלאַג איז — 4/3
בויגן. דוכט זיך, גענוג צימצעדיק.

זײַט געזונט און שטאַרק. א גרוס אלע כאַווי־
רים אין רעדאַקציע.

מיט בעסטע ווונטשן
אויזער האָלדעס
כאַרקאָוו, 6 אפּרעל 1961

כאַשעווער פרײַנט אויסלענדער!

באַקומען אײַער בריוו. א דאַנק פאר געדענקען
און אין זינען האָבן. דער אָנהייב איז פאַראַן. און
ווייטער, אין דעם בין איך טיף איבערצײַגט, איז
געווענדט אין די, וואָס מאַכן דעם אָנהייב. וועט זײַן
אינטערעסאַנט אידייִש און קינסטלעריש, וועט אָן
שום ספק קומען דער העמשעך.

פון וואָס זשע אָנהייבן אין געביט פון קריטיק?

אין כאַרקאָוו ווינט כאַנע לערווינע. זי האָט א
סאַך אָנגעשריבן, עפּשער וואָלט געלוינט מאַכן א
מין קורצן עסיי אינעם שניט „אין דער לאַבאַראַטאָ־
ריע פונעם דיכטער" (שעפערישער דיאַלאָג, מוסטערן
פון נײַע לידער אדגל.), נאַטירלעך אזוי געשריבן,
סע זאָל זיך אָנקניפּן אין וויכטיקע שעפערישע פּראָב־
לעמען פון דער סאָוועטישער דיכטונג.

אויב אזא סאָרט עסיי אינטערעסירט אײַך,
שרײַבט מיר אָן.

מיט בעסטע ווונטשן
אויזער האָלדעס
כאַרקאָוו, 15 אפּרעל 1961

ליבער כאַווער ארן ווערגעליס!

באַקומען אײַער פרײַנטלעכן בריוו פונעם 6
מאַרט. ס'טוט מיר, פאַרשטייט זיך, שטאַרק האַנאָע,
וואָס עס הייבט אָן דערשײַנען א זשורנאַל אין
יידיש. כ'גראַטולירע אײַך הארציק און ווינטש אײַך
דערפאָלג אין דער דאַנקבארער און פאַראַנטוואָרט־
לעכער ארבעט!

וואָס אָנבאַלאַנגט מײַן אַנטייל, האָט איר מיסטאַ־
מע באַקומען דורך כ' י. פּאַליקמאַן א צעטל פון די
ארבעטן, וואָס פראַגמענטן פון זיי וואָלט איך גע־
קענט געבן פאַרן זשורנאַל, אויב ס'פּאַסט די אָנגע־
באַטענע טעמאַטיק. בעט איך אײַך, אויסער דעם
פּראָגראַמאַטישן בריוו פונעם 6 מאַרט, מיר מיטיילן
ספּעציעל, וואָס קאָנקרעט וואָלט איר וועלן, איך
זאָל צוגרייטן און צושיקן.

מיט די בעסטע גרוסן
כ. לויצקער
קיעוו, 14 מאַרט 1961

ליבער כאַווער לויצקער!

— א דאַנק פאר אײַער בריוו און פארן צעטל פון
די ארבעטן, וועלכע ליגן בא אײַך פאַרטיק. אין די
ווײַטערדיקע נומערן פונעם זשורנאַל וועלן מיר גע־
וויס זיך ווענדן צו די דאָזיקע טעמעס און וועלן
געפינען דאָס געהעריקע אָרט פאר אײַערע ארטיק־
לען. דערווײַל אָבער — אין די ערשטע נומערן —
שטייען פאר אונדז דרינגענדע אופגאַבעס, וועלכע
טאָרן ניט אָפּגעלייגט ווערן. איינע פון זיי איז באַ־
קאַנען די לייענער מיט די איצטיקע שעפערישע
קאַדרען פון אונדזער ליטעראַטור. ווי גרויס עס זאָל
ניט זײַן אונדזער פאַרלאַנג צו באַהאַנדלען די ריזי־
קע ירושע, וואָס מיר האָבן באַקומען אין די לעצ־
טע 20 יאָר — ארײַנרעכענענדיק, מײַן איך, די מילך־
כאָמע־יאָרן, — מוזן מיר דאָך פריִער פאר אלץ באַ־
ווײַזן די שרײַבער, וועלכע זײַנען טעטיק אין דער
ליטעראַטור הײַנט. די באַוועג־קראַפט פון דער לי־
טעראַטור ליגט ניט אין דער ירושע, ווי גרויס זי
זאָל ניט זײַן, נאָר אין דעם נײַעם, וואָס ווערט גע־
שאַפן פון טאָג צו טאָג. בעטן מיר אײַך, איר זאָלט
מאַכן די זעלבע אָנשטרענגונג, וואָס יעדערער אין
קריטישן אָפּטייל מאַכט, און אַף א קורצער צײַט,
לאָמיר זאָגן, אַף א פּאָר כאַדאָשים, אָפּרוקן די טע־
מעס, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער פאַרגאַנגענ־
הײַט. דער דעוויז פון אונדזער קריטיק — לעכאָלהאַ־
פּאָכעס פאר די ערשטע נומערן פון „סאָוועטיש
היימלאַנד" — דארף זײַן: געבן דאָס הײַנטיקע, דאָס

איצטיקע, דאָס, וואָס וואַרט, מיר זאָלן פאַר דעם געפינען א נאָמען. דער לייענער וויל אונדז קענען, ער גאַרט אונדז אלצײַטיק און ריכטיק צו באַנעמען, און מיר דאַרפן גיין אים אנטקעגן.

טוט א טראַכט וועגן דעם און פרווּוט אָנמערקן א טעמע, וואָס זאָל גיין אין אָט דער ריכטונג.

אויב איר ווילט, טוט אַזוי: קלײַבט אויס א שרײַבער פון די, וועלכע זײַנען ארום אײַך, מיט אײַך, און שרײַבט אָן וועגן אים, שרײַבט ניט בלויז וועגן געדרוקטן — מיר, אין אונדזער איצטיקער סי־טואַציע, האָבן דאָס רעכט צו שרײַבן אויך וועגן זאַכן, וועלכע ליגן אין פּאַרטפעל.

זײַט געזונט און שטאַרק

נ. אויסלענדער

ליבער כאַווער ראַבינקאָוו!

איך ווענדע זיך צו אײַך אין נאָמען פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד", ספּעציעל פונעם קריטישן אָפּ־טייל, עמעס, איך ווייס ניט, צי איר זײַנט נאָך טע־טיק אין געביט פון קריטיק. אין די לעצטע יאָרן, האָב איך געהערט, האָט איר אָפּטער זיך באַוויזן אין דער קינסטלערישער פּראָזע, אָבער פאַר דעם איניען, מיט וועלכן איך ווענדע זיך צו אײַך, איז עס אפילע א מײַלע.

מיר בעטן אײַך אָנשרייבן א „בריוו פון ביראָ־בידזשאַן", ווו איר וועט אונדז דערציילן וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן אין אײַער געגנט. קיין באַריכט דאַרפן מיר ניט, קיין פּראָטאָקאָלישע באַשרײַבונג אויך ניט. מיר ווילן באַקומען א לעבעדיקן גרוס פון די שרײַבער, וועלכע אַרבעטן, שאַפן, טוען דאָס, וואָס שרײַבער זײַנען באַרופן צו טאָן.

ווײַל צו אײַך איז גאַנץ ווײַטלעך און מײַן בריוו וועט דערגיין ווער ווייסט ווען, וויל איך שוין — ניט האָבנדיק נאָך אײַער האַסקאָמע — זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דער פאָרם פון אײַער אַרטיקל. ס'איז אוואַדע אַן אַרטיקל, אָבער מיט שילדערונגס־עלע־מענטן, וועלכע האָבן דעם ציל צו געבן ניט בלויז א באַגריף, נאָר אויך א בילד פון אײַער ליטעראַ־רישן לעבן. איך מאָל זיך אויס, אַז דאָ קאָנען זײַן אפילע... פייזאַזש־שורעס. דער ביראָבידזשאַנער פּײַ־זאַזש האָט דאָס רעכט צו פאַרנעמען זײַן אָרט דאָ. און גלײַך פונעם פייזאַזש קומט איר אַרײַן אין רע־דאַקציע פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן", ווו איר טרעפט אײַער גאַנץ שרײַבער־געזינד („א געזינד זאַלבעאַכט", דאַכט זיך, זײַנט איר?) און איר גייט איבער צום טאָן פון אײַער „בריוו פון ביראָבידזשאַן".

מעגלעך, איר וועט פאַרלייגן א בעסערן פּלאַן, וועלן מיר זיך ניט שפּאַרן. דעריקער איז באַלד נע־מען זיך צו דער אַרבעט און טאָקע באַלד געבן אונדז צו וויסן, אַז איר האָט זיך צו איר גענומען. געדענקט, אַז די טירן פונעם קריטישן אָפּטייל זײַ־נען באַ אונדז אָפן אויך פאַר ליריש־געשטימטע אויז־טאָרן. ס'דאַרף אָבער זײַן זאַכלעך, מיט פאַקטן פו־נעם הײַנטיקן טאָג, וועלכע גיבן אַן אויסבליק אין דעם מאָרגנדיקן.

מיט גרוס

נ. אויסלענדער

עס וואָלט גוט געווען, איר זאָלט וועגן דעם א שמועס טאָן מיטן כ' מילער. ער ווייסט, וויאַזוי מיר פּלאַנירן די ערשטע נומערן פונעם זשורנאַל, און וועט אײַך געוויס מיטהעלפן אין דער אויפבויונג פו־נעם אַרטיקל.

ליבער כאַווער בעריאָזקין!

די אײַנלאַדונג מיטצואַרבעטן אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט איר געוויס שוין דער־האַלטן. איך שרײַב אײַך אָט דעם צווייטן בריוו נאָך איידער ס'איז געקומען דער ענטפער אָפן ערשטן.

איך פיר אָן מיטן קריטישן אָפּטייל פונעם זשור־נאַל און וועל ריידן נאָר וועגן דעם, וואָס געהער זיך אָן צו מיר. אוואַדע ווען איר זאָלט זײַן דאָ, וואָלטן מיר באַהאַנדלט מיט אײַך, וויאַזוי צו בויען דעם קריטישן אָפּטייל, וואָס צו שטעלן אין טאָגסאָ־דער פון אונדזער קריטיק, און צי דאַרף מען זיך טאַקע האַלטן אַזוי שטרענג בא א געוויסן סיידער. איך, לעמאַשל, גלייב, אַז אונדזער קריטיק וואָלט געמעגט זיך פאַרגינען אָנהייבן ניט פון „אַלעף", נאָר פון סאַמע מיטן, פון די סאַמע ברענענדיקע פראַגן, און ס'זײַנען פאַראַן אַזעלכע פראַגן. נאָר וועגן דעם וועלן מיר רעדן, ווען מיר וועלן זיך באַ־געגענען אין רעדאַקציע — און דאָס, האָף איך, וועט געשען גאָר אינגיכן. איך ווייס, אַז איר קומט אָפּט קיין מאָסקווע, וועט איר ניט פאַרפעלן אַרײַנקומען צו אונדז.

איצט וועל איך שטעלן פאַר אײַך נאָר איין פראַגע: צי האָט איר כיישעק, אויסער אַלע טעמעס, וואָס שטייען פאַר אײַך אָפן, נעמען אָף זיך אָנצו־שרײַבן אַן אַרטיקל וועגן דער נאַוואַטאָרישקייט פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג? איך שטרײַך אונטער: מיר וועלן גערן נעמען אײַער אַרבעט, אויב זי וועט זײַן געשריבן אָף אַן אַנדער טעמע, אָבער מיר ווילן, אַז די פּראָבלעם פון נאַוואַטאָרישקייט זאָל אײַנשטיין באַ אײַך. מיר דאַכט, אזא צוגאַנג וועט אונדז אָפּהיטן פון אַלגעמיינע רייד. איר קענט אָט די אַרבעט פּלאַנירן ווי איר ווילט: איין אַרטיקל, א סע־ריע אַרטיקלען, דעריקער, אָף וואָס מיר באַשטייען, איז, אין צענטער זאָל שטיין די באַהאַנדלונג פון אונדזער איצטיקער שאַפונג. די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג האָבן געשאַפן מוסטערן פון נאַוואַטאָרישקייט. מיר ווילן, איר זאָלט אונדז באַווײַזן, וויאַזוי די טראַדיציע ווערט פאַרגע־זעצט, באַרײַכערט, אַנטוויקלט.

מיט גרוס

נ. אויסלענדער

טײַערער כאַווער אויסלענדער!

אײַער אײַנלאַדונג מיטצואַרבעטן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיך טיף גערירט. איך בין אײַך האַרציק דאַנקבאַר פאַר אײַער ליבן בריוו. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין פּרינציפּ זאָג איך זיך ניט אָפּ צו האַלטן שעפערישע פאַרבינדונג מיט דעם נײַעם זשורנאַל, וועלכער וועט געוויס פאָרזעצן די בעסטע טראַדיציעס פון דער יידישער סאָוועטישער

ליטעראטור און זשורנאליסטיק. פּראקטיש אָבער קאָן איך דערווײַל ניט נעמען אַף זיך קיין באשטימטן כיוו, אויסקלײַבן א באשטימטע טעמע פאר אן ארטיקל אָדער פאר א סעריע ארטיקלען. אין דער נאָענטער צײַט וועל איך זיך אָפּפּארטיקן מיט די ארבעטן, וועלכע כ'טו איצט, און דאן בין איך אינגאנצן אין אײַער רעשוס. מיר דוכט, אז פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטונג וועט מען קאָנען שטעלן און באהאנדלען לעכאָלהאפּאָכעס נאָך דעם, ווי עס וועט ארויסגיין א צענדליק נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד". איך ווארט מיט אומגעדולד אַף די ערשטע נומערן, וואָס וועלן געוויס זײַן אינטערעסאנט, אינהאלטספול און רײַך מיט עכטער לײַדנשאפטלעכער דיכטונג.

זײַט געזונט און שטארק.
מיט די בעסטע ווונטשן. אײַער
ה. בעריאָזקין
מינסק, 11 אפּרעל 1961

ליבע כאווערטע וואָרטמאן!

...מיר הייבן אָן מיטן דעוויז, וועלכער האָט דורכגעקלונגען בא לייב קוויטקאָן אין די ערשטע לידער:

„איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט".

אָט די ווערטער באקומען איצט גאָר א באזונדערע וויכטיקײַט. מיר האָפן, אז אינײנעם מיט אלע מיטארבעטער פונעם קריטישן אָפּטייל, וועט איר זיך גלײַך נעמען צו דער ארבעט.

מיט גרוס
נ. אויסלענדער

ליבער כאווער אויסלענדער!

אײַער בריוו (אויך ווערגעליסעס) האָט מיך דערפרייט.

אין אינסטיטוט האָב איך איצט א סאך ארבעט, נאָר די לירישע שורע קוויטקאָס וועגן „גרויסן הײַנט" און אײַער בריוו האָבן געווירקט, און איך האָב באשלאָסן אָנשרײַבן אן ארטיקל „אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראטור". אין 2־3 וואָכן ארום האָף איך עס פארענדיקן און אײַך צושיקן.

אז איר וועט געפינען א פרײַע מינוט, שרײַבט אָן, וואָס עס גייט אין די נאָענטסטע נומערן, ווער פון די ייִדישע שרײַבער אַף וואָס ארבעט איצט.

א הארציקן גרוס אײַך און אלע כאווײרים

מ. וואָרטמאן
ארמאוויר, 8 מײַ 1961

אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד"

כאָשעווער רעדאקטאָר!

פאר מײַן אוועקפאָרן קיין גאליצינאָ האָט נ. אויסלענדער מיר געזאָגט, אז ס'איז נייטיק שוין איצט מעלדן וועגן מײַנע פארפּלאנירטע ארבעטן.

דאָס זײַנען:

1. וואכטאנגאָוו און מייערכאָלד אין דער „קיִעווער סטודיע" (פּערזענלעכע זיכרוינעס).

דאָ וועט, אגעוו, צום ערשטן מאָל באוויזן ווערן, אז ס'האָט קיין גרונט ניט די פארשפּרייטע מיינונג וועגן דער „מאָנאָפּאָל" פון דער סטודיע „האבימאָ" אַף וואכטאנגאָוון.

2. פּורים־שפּילן.

איך האָב אין זיבעצן אופהייבן א גאנצן פּלאסט ייִדישן פאָלקלאָר, ברענגען די צונויפגעזאמלטע בעסטע פראגמענטן, צענדליקער וואריִאנטן פון פּורים־שפּילן. צווישן זיי געפינט זיך אויך א וואריִאנט, וואָס איז לויט מײַן אופטראָג פארשריבן געוואָרן אין 1923 אין טשערניגאָווער געגנט.

עס קאָן געמאָלט זײַן א פּובליקאציע פון א ריי באזונדערע פראגמענטן (דערהויפּט סאטירישע). אָבער ס'איז א סאך אינטערעסאנטער צו געבן אן אייגנהײַטלעכע סוזשעטישע קאָמפּאָזיציע — לויטן טראדיציִאָנעלן סוזשעט פון „אכאשווייראָש־שפּיל", וווּ עס וועלן אָרגאניש אײַנגעפלאָכטן ווערן די אָפּגעקליבענע פראגמענטן. פארשטייט זיך, אז עס וועט אויך געגעבן ווערן אן ארטיקל און די נייטיקע דערקלערונגען.

דער כאווער אויסלענדער האָט מיר פאָרגעלייגט אָנשרײַבן זיכרוינעס וועגן מיכאָעלסן. כ'האָב שוין לאנג געטראכט וועגן דעם, און כ'וועל עס מיט פארגעניגן טאָן. מעגלעך אפילע נאָך דעם ווי איך וועל פארענדיקן די ארבעט „וואכטאנגאָוו", וועלכע כ'האָב שוין אָנגעהויבן.

מיט כאווער־גרויס
עפראָיִם לויטער
גאליצינאָ, 10 יון 1961

טײַערע כאנע לעווין!

אונדז וואָלט זיך זייער וועלן, אז אין קריטישן אָפּטייל פון „סאָוועטיש היימלאנד" זאָלן פון צײַט צו צײַט נעמען א וואָרט אונדזערע דיכטער און פּראָזאִיקער. צי זײַנט איר א באלן זײַן צווישן די ערשטע, וואָס וועלן שטעלן דעם טראָט אין אָט דער ריכטונג — גיין פאָרויס אקסל־בא־אקסל מיט די קריטיקער? מיר ווילן, איר זאָלט רעדן וועגן די נויטן און באדערפעניש פון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. איר זאָלט — אָן שום גוזמע — אָפּשאצן די לעבעדיקע קויכעס, וואָס מיר פארמאָגן, און מיט דער פולער ניכטערקײַט אָנמערקן די ארבעט, וואָס לאָזט זיך אין דער נאָענטסטער צײַט אופטאָן מיט אזעלכע קויכעס.

שפּילן זיך אין באשיידנקײַט דארפן מיר ניט. אָבער איבערטרײַבן אויך ניט. מיר דארפן געדענקען, אז די סאָוועטישע ווירקלעכקײַט מאָנט פון אונדז זייער א סאך. וועלכע פּאָעטישע פאָרמען, האלט איר, זײַנען איצט — נעמענדיק אין אכט אפּילע דעם לייענער־באשטאנד — מער געוווּנטשן, וועלכע — ווייניקער? ווּהין גייט, לויט אײַער מיינונג, די אנטוויקלונג פון אונדזער פּאָעמע, וועלכע האָט שוין

אזעלכע גרויסע דערגרייכונגען? ווי באציט איר זיך צו דער טײַנע, אז די פּאָעמע האָט „אופגעגעסן" די לירישע ליד? ווי האלט עס איצט מיט אונדזער לירישער ליד? און וואָס אזוינס באטײַט, לויט אײַער מיינונג, דער אופשטײַג פון דער פּאָלקסטימלעכקײַט אין דער דיכטונג אונדזערער?

עס פארשטייט זיך, אז איר מעגט לאָזן אין א זײַט אָט די פראגן, וועלכע איך האָב פארצייכנט, און רעדן וועגן דעם, וואָס שײַנט אײַך צו זײַן מער אקטועל פאר דער אנטוויקלונג פון אונדזער דיכטונג. מיר וועלן אויך ניט דערווידערן קעגן דעם, אז דאָס ארטיקל זאָל גיין מיט אן אונטערקעפּל, ווו ס'וועט זײַן אונטערגעשטראָכן, אז דאָס איז אן אויסצוג פון א טאָגבוך, וואָס איינער א דיכטער שרײַבט. דאָס הייסט, איר רעדט וועגן אײַער אייגענער דערפאַרונג, איר פארצייכנט בלויז אײַערע באאָבאכטונגען, נאָר געוווּנטשן איז, ס'זאָל פון זיי זיך אויסשיילן אן אלגעמיינע פּראָבלעם.

ענטפערט וואָס גיכער. מיט גרוס
נ. אויסלענדער

ליבער נאָטאָוויטש!

אײַער ארטיקל וועגן די פארטיי־דאָקומענטן האָבן מיר דערהאלטן, און גלײַך האָט די רעדאקציע אין פולן באשטאנד זיך אוועקגעזעצט עס לייענען. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס, אז דאָס ארטיקל ווערט געדרוקט אין צווייטן נומער. די שוואַכים, וואָס זײַנען דערבײַ געזאָגט געוואָרן, וועל איך ניט איבערכאזערן. איר ווייסט, אז מע לייענט בא אונדז מיט גרויס האנאָע אײַערע דריבנעטשקע אויסיִעס. עס זײַנען אָבער געמאכט געוואָרן אייניקע — און גראָד ניט „דריבנעטשקע" — באמערקונגען, וועלכע מע וועט מוזן נעמען אין אכט באם צוגרייטן דאָס ארטיקל צום דרוק.

ערשטנס, ס'איז באשטימט געוואָרן, אז אײַער ארטיקל זאָל ניט זײַן קיין יוצא מין הכלל אין הינזיכט פון פּאָלעמיק. ס'איז פאראן א באשלוס, אז אין די ערשטע דרײַ נומערן זאָלן מיר ניט פירן קיין פּאָלעמיק, ניט דערמאָנען אונדזערע קעגנער, ניט ענטפערן אף זייער בילערײַ. דאָס גילט פאר אלע מאטעריאלן פון די ערשטע דרײַ נומערן. דערפאַר, לעמאָשל, איז דערווײַל ניט געדרוקט רעמעניקס ארטיקל, וואָס האָט א פּאָלעמישן כאראקטער. אין מײַן ארטיקל וועגן שאָלעם־אליינכעמס ראָמאן איז דאָס פּאָלעמישע ארויסגענומען געוואָרן. דאָס, נעמלעכע, וועט מען מוזן טאָן מיט אײַער ארטיקל. די פּאָלעמיק וועט קומען אין איר צײַט, און דעמלט וועט דורכקלינגען אי פיניבערגס ליד, אי אײַער טרעפלעך וואָרט וועגן דער ליד, וועלכע איז געגליכן צו א שארפער שפּיז. עס פילט זיך, אז איר האָט גראָד אין אָט דעם טייל ארטיקל ארײַנגעלייגט א סאך ענערגיע. נו, איז ווייסט איר דאָך דעם געזעץ פון דער פיזיק: ענערגיע גייט קיינמאָל ניט פארלאָרן. דער דאָזיקער טייל פון אײַער ארטיקל וועט ליגן בא אונדז, און ווי נאָר עס וועט קומען די פּאַסיקע צײַט, וועט עס אויסגענוצט ווערן.

צווייטנס, ס'איז פאראן א באשלוס, אז ריידן אף די זײַטן פון אונדזער זשורנאל וועגן אונדזער זשורנאל זאָל מען בלויז בא א נויטווענדיקײַט און דערבײַ ארויסגיין פון די לעבנס־פּראָצעסן, וועלכע האָבן געפונען די אָדער יענע אָפּשפּיגלונג אין „סאָוועטיש היימלאנד". בא אײַך זײַנען פאראן זייער טרעפלעכע שורעס וועגן שרײַבמאנס „פערטן זומער", אָבער איר גייט ניט ארויס פון דעם ענגן ליטעראטור־רוים. אין ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן געפונען אן אָפּקלאנג אייניקע וויכטיקע לעבנס־פּראָצעסן (אין גענס פּראָזע, אין טייפס פּאָעמע אאוו.). ווען איר וואָלט געגאנגען פון אָט די באדײַטנדיקע לעבנס־פּראָצעסן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין „סאָוועטיש היימלאנד", וואָלט עס געווען נאָך א באַווײַז, אז די פארטיי־דאָקומענטן האָבן געהאָלפן דער ליטעראטור. דעמלט וואָלט זיך אײַנגעשטעלט א געזונטער צוזאמענהאנג צווישן דעם ערשטן טייל פון אײַער ארטיקל און דעם צווייטן. דערווײַל איז עס אינעם ארטיקל ניטאָ. ריידן וועגן „סאָוועטיש היימלאנד" אף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד" איז באשלאָסן געוואָרן בלויז אין אן עקסטרע־פאל, לעמאָשל, — ווען פון דער עצעם טעמע, פון די פארטיי־דאָקומענטן זאָל עס ארויסגערופן ווערן. עס איז געבליבן, אז אויך אָט דער טייל פונעם ארטיקל זאָל דערווײַל פארבלײַבן בא אונדז אין פּאָרטפעל. מיר זײַנען זיכער, אז אײַך וועט נאָך אויסקומען — און מיסטאָמע גאָר אינגיכן — שרײַבן וועגן דעם נײַעם טאָן, וואָס לאָזט זיך הערן בא אונדזערע שרײַבער, וועט איר דעמלט אויסנוצן אויך די טרעפלעכע שורעס וועגן יעכיעל שרײַבמאנס „פערטן זומער". מיר דאכט, אז ס'איז א טעמע פאר א גאנץ ארטיקל. אָבער אין אָט דעם דאָזיקן ארטיקל איז די טעמע א זײַטיקע, מע טאָר ניט אָפּגיין פון דער גרונט־טעמע.

ס'איז אויך געשטעלט געוואָרן א פראגע: צי דארף מען אזוי אָפּט אין אונדזערע ארטיקלען געבן עפּיזאָדישע איבערזיכטן פון דער ליטעראטור־פארגאנגענהײַט, דה., צי איז נייטיק דאָ געבן דעם איבערבליק פון אלע גרונט־מאָטיוון, וועלכע עס האָט געבראכט אין דער ליטעראטור דער פריערדיקער דאָר סאָוועטישע שרײַבער? אין א ספּעציעל ארטיקל דארף די פראגע באהאנדלט ווערן אין דער פולער מאָס, אָבער די דאָזיקע עפּיזאָדישע איבערבליקן, וועלכע כאזערן זיך איבער בא אונדזערע קריטיקער, איז באשלאָסן געוואָרן, ווי ווײַט מעגלעך, ניט פּראקטיקירן.

די רעדאקציע האלט, אז דער טייל, וואָס איר האָט געווידמעט די פארטיי־דאָקומענטן, פאָדערט ניט קיין שום אויסבעסערונגען. איר האָט גענומען פון די דאָקומענטן דאָס קערנדיקע, דאָס איקערדיקע. און רעדן רעדט איר וועגן דעם מיט דער פּאַסיקער שפּראַך, ווי מע דארף ריידן וועגן איקער־זאכן. זאָל דאָס ארטיקל האָבן זײַן גאנצקײַט, זאָל עס אין אלע טיילן זײַן אויסגעהאלטן אין דעם טאָן, ווי מע רעדט וועגן טאטע־מאמע. עס פארשטייט זיך, אז דאָס שליסט ניט אויס די מעגלעכקײַטן צו זאָגן אויך וועגן דערשײַנונגען, וועלכע האלטן ערשט אין רײַף ווערן. די שטעלן, ווו איר נוצט אויס אָט די מעגלעכקײַט, וועלן פארבלײַבן. אזויארום, וועט דאָ זײַן גערעדט אויך וועגן די איבערזעצונגען. מע דארף

אָבער שטרעבן דערצו, אַז עס זאָל ניט זײַן אַזוי פֿאַרבײַגייענדיק, ווי די באַמערקונג וועגן די לידער אין „דרוזשבא נאַראָדאָוו". אַגעוו, איר האָט דאָך געהאַט בעדייע אָנשרײַבן וועגן דעם אַ ספּעציעלן אַרטיקל. ווי האַלט עס מיט דעם?

מיט גרוס
נ. אויסלענדער

ליבער כאַווער שאַך־אַנין!

אַ דאַנק אײַך פֿאַר אײַער וואַרעמען בריוו. נאָך מער דאַנק דערפֿאַר, וואָס איר האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַ בריוו און האָט גלײַך אַרויסגעשיקט אונדז אַן אַרבעט. מיר האָבן זי דורכגעלייענט און האָבן גרויס כיישעק צו פֿאַרעפֿנטלעכן זי. איר האָט אָבער געשטעלט פֿאַר אונדז אייניקע שוועריקײַטן, וועלכע מע מוז באַזײַטיקן.

ערשטנס — די גרייס פֿונעם אַרטיקל. דער קריטישער אָפּטייל פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרנעמט אַ באַגרענעצטע טעריטאָריע — סאַכאַקל צוויי דרוקבויגן אין יעדן נומער. מיר דאַכט, אַז אײַער אַרטיקל וועט פֿאַרכאַפּן אָט די גאַנצע טעריטאָריע, און די איבעריקע אווטאָרן וועלן בלײַבן אין דרויסן. מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז באַם איבערזעצן אויף ייִדיש ווערט דער טעקסט גרעסער. אַזוי וועט זײַן אויך מיט אײַערן. איז וואָס טוט מען? עפּשער זאָלט איר אַרויסנעמען די היפּשע שטעלן, וועלכע טראָגן אַן אינפֿאָרמאַטיוון כאַראַקטער? אונדזער לייענער, אויב ער וועט דאַרפֿן, וועט געפֿינען די קוועלן, ווּ עס ווערט באַלויכטן, לעמאָשל, מאַרקישעס לעבנסוועג. עפּשער וואָלט מען געדאַרפֿט איבערלאָזן בלויז דעם איקער — די כאַראַקטעריסטיק, און אָפּזאָגן זיך — מאַכמעס מאַנגל אין פּלאַץ — פֿון דעם דערציילערישן עלעמענט. טוט אַ טראַכט וועגן דעם. אונדזער זשורנאַל האָט ניט קיין מעגלעכקײַט צו דרוקן אַן אַרטיקל גרעסער פֿון אַ האַלבן דרוקבויגן.

צווייטנס — דאָס אַרטיקל איז געשריבן אויף רוסיש. מיר האָבן געהאַט בעדייע צו געבן עס אַ זײַטיקן מענטשן, ער זאָל מאַכן די איבערזעצונג. באַקומט זיך אָבער ניט. די ציטאַטעס וועט דער איבערזעצער דאָך נעמען פֿון דעם אָריגינאַל, און איר ציטירט איבערזעצונגען פֿון די לידער. ווי אין יעדער קריטישער אַרבעט, איז צווישן דעם אווטאָר פֿון דער ציטירטער ליד און דעם אווטאָר פֿונעם קריטישן אַרטיקל פֿאַראַן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט, דעם דיכטערס טעקסט און דעם קריטיקערס טעקסט רופֿן זיך איבער. עס ווערן געברויכט ווערטער, אַמאָל אויך בילדער, וועלכע פֿיגורירן אין דער ציטאַטע. דאָס מאָל, אויב מיר וועלן עס געבן אַ זײַטיקן מענטשן, אַן איבערזעצער, וועט דער קאָנטאַקט צעשטערט ווערן. דאָס פֿירט אונדז אַרויף אויפֿן געדאַנק, אַז גלײַכער וואָלט זײַן, איר זאָלט דאָס אַרטיקל אַליין איבערזעצן. דעמאָלט וועט איר, אויסנוצנדיק מאַרקישעס טעקסט, ברענגען אין איינקלאַנג דערמיט אויך אײַער אייגענעם טעקסט. אין פּראָצעס פֿון איבערזעצן וועט איר שוין אָריענטירן זיך אויף אונדזער לייענער, אַזאַ, וואָס קען מאַרקישן, ווייסט זײַן ביאָגראַפֿיע אאַוו., וועט איר גלײַכצײַטיק אי קירצן, אי איבערזעצן.

אָט דאָס זײַנען אונדזערע פֿאָרשלאָגן. עס ווילט זיך באַקומען פֿון אײַך אַן ענטפֿער, וואָס זאָל באַזײַטיקן די שוועריקײַטן.

און איצט — וועגן אַ צווייטן עניַען. מיר האַלטן איצט באַם צונויפֿשטעלן אַ פּערספּעקטיוו־פּלאַן אויפֿן יאָר 1962. עס ווילט זיך, איר זאָלט אונדז אָנשרײַבן, וואָס איר רעכנט אין פֿאַרלויף פֿונעם יאָר טאָן פֿאַר „סאָוועטיש היימלאַנד". פֿאַר אונדזער זשורנאַל — איך מיין דעם קריטישן אָפּטייל — שטייט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע: באַקאַנען דעם לייענער מיט די שרײַבער, וועלכע זײַנען איצט טעטיק אין דער ליטעראַטור. עס גלייבט זיך, אַז איר גיט אַכטונג אויף זייער טעטיקײַט און זעט, ווי אַקטיוו זיי זײַנען אין זייער באַמיִונג צו שילדערן דאָס נײַע, וואָס כאַראַקטעריזירט די סאָוועטישע ווירקלעכקײַט און דעם סאָוועטישן מענטשן אין די 60־ער יאָרן. אין אונדזער פּערספּעקטיוו־פּלאַן פֿאַרנעמט די דאָזיקע טעמע דאָס הויפּט־אָרט, און ס'איז געוווּנטשן, אַז אויך אין אײַער פּלאַן אויפֿן יאָר 1962 זאָל זי ניט שטיין אויפֿן לעצטן אָרט. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס שליסט ניט אויס די מעגלעכקײַט צו שרײַבן אויך אויף אַנדערע טעמעס, וועלכע זײַנען אײַך צום האַרצן.

וואַרטן מיר אויף אײַערן אַ בריוו, ווּ איר זאָלט אונדז זאָגן קאָנקרעט: וועלכע אַרטיקלען לייגט איר פֿאָר אײַנשליסן אין פּלאַן פֿונעם קומענדיקן יאָר.

מיט גרוס
נ. אויסלענדער

ליבער כאַווער האָלדעס!

די צײַט לויפֿט. מיר האָבן איבערגעגעבן אין דרוק דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", דערנאָך — דעם צווייטן נומער. און פֿון אײַך האָב איך נאָך אַלץ גאָרניט באַקומען.

איך האַלט, אַז עס מוז נעמען אַ סאָף דערצו. צײַט צו דערמאָנען זיך, אַז מיר דערוואַרטן פֿון אײַך אַן אַרטיקל, וואָס זאָל באַווײַזן, אַז אונדזער קריטיק טוט אירס און שטייט ניט אָפּ פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור.

אין די נאָענטסטע פֿאַר וואָכן דערשײַנט דער ערשטער נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". לייענט אים איבער און שרײַבט מיר אָן, צי איך קאָן אויסרעכענען, אַז אין אָנהייב 1962 וועט איר אונדז געבן אַן אַרטיקל וועגן די נײַע שטראָמען, וועלכע פֿליסן אין אונדזער פּראָזע. אין צווייטן נומער וועט איר זיי זען דײַטלעכער, אין דריטן — נאָך דײַטלעכער. לייג איך אײַך פֿאָר: גרייט אונדז צו צום אָנהייב 1962 אַזאַ אַרטיקל „די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע אין יאָר 1961". אויב איר ווילט, קאָן עס געשריבן ווערן ווי אַן איבערזיכט, און ווילט איר שרײַבן אַנדערש — מעג זײַן אַנדערש. דער איקער איז: באַלײַכטן דאָס יאָר 1961, ווען אין אונדזער פּראָזע איז פֿאָרגעקומען אַן אַנטשיידענער איבערבראָך — סײַ אין הינזיכט פֿון טעמע, סײַ אין אָפּקלײַב פֿון די געשטאַלטן, סײַ אין דער שרײַב־מאַניר.

אָט דאָס איז דער פאָרשלאָג, וואָס איך מאך אײַך. וועגן טערמינען איז נאָך פרי צו ריידן. איך דארף האָבן פון אײַך אַן ענטפער, אַז דעם איבערזיכט פון דער פּראָזע פארן 1961 שרײַבט איר.

מיט גרוס

נ. אויסלענדער

ליבער כאַווער האָלדעס!

ענדלעך האָב איך דערהערט דאָס קלאָרע און זיכערע וואָרט, אַז איר שרײַבט פאר אונדז אַן ארבעט. איצט בלײַבט נאָר אײַנהאלטן פארקאַטשעט די ארבל און זיצן באַם טיש. די ארבעט דארף זײַן ברייט פלאַנירט, ניט באַנוגענען זיך מיט אייַנצלדערשײַנונגען. אַזוי, לעמאָשל, רעכענען מיר, אַז אין דעם איבערזיכט פון דער פּראָזע פארן 1961 יאָר דארף פיגורירן אויך דאָס, וואָס ייִדישע שרײַבער האָבן אין דעם יאָר געדרוקט אַף רוסיש (נויעך לוריע, ב. מילער, י. ראַבין, א. קאַהאַן און נאָך און נאָך). ס׳איז שוין בא אונדז אין זשורנאַל געוואָרן א טראַדיציע: מיר שאַפן ניט קיין מעכיצע צווישן דעם, וואָס ייִדישע שרײַבער האָבן געדרוקט אין ייִדיש און אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש א. אַנד. מעגלעך, אַז אײַך זײַנען באַוווּסט מער ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אַף אוקראַיִניש — שליסט זיי אַלע אײַן אינעם איבערזיכט.

דאָס 1961 איז אַן איבערבראָך־יאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. אַוודע איז נייטיק צו וויסן, מיט וואָס מיר זײַנען צוגעקומען צום איבערבראָך. ס׳וועט קלאַרער ווערן דער כאַראַקטער פונעם איבערבראָך גופע.

אָט דעם טייל פון אײַער ארבעט, רעכן איך, קאָנט איר שוין אָנהייבן גרייטן. דער ערשטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז שוין דערשינען, די ערשטע סימפּטאָמען פון די נײַע שטריכן קאָן מען שוין זען, און בא אָט דער שײַן איז מעגלעך אָנהייבן שרײַבן וועגן די איבערזעצונגען. שפּעטער וועט דאָס בא אײַך אָפּנעמען צײַט. איר וועט, אַזוי־אַרום, קענען אַף א נאַטירלעכן אויפן צופירן דעם לייענער צום מאָמענט פונעם איבערבראָך.

איך פאַרשטיי, אַז איר דאַרפט מיר גלייבן אַפן וואָרט, בייס איך רעד וועגן „איבערבראָך״. אָבער איך האָב פאר די אויגן ווערק, וואָס וועלן זײַן געדרוקט אין די ווײַטערדיקע נומערן פונעם זשורנאַל — נעם איך זיך דאָס רעכט צו רעדן אין אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן.

ס׳פרייט מיך, וואָס איר האָט א מעגלעכקײַט צו זײַן אין מאָסקווע פּונקט דעמלט, ווען איר וועט צוקומען צו די שלוס־שורעס פון אײַער איבערזיכט. דאָס איז זייער גוט. דער קאָנטאַקט מיט דער רעדאַקציע גיט נאָר צו געזונט די מיטארבעטער פונעם זשורנאַל. זײַענדיק אין מאָסקווע וועט איר קענען א לייען טאָן די פּראָזע, וואָס גרייט זיך צום דרוק אין קומענדיקן יאָר. דאָס וועט מאַכן נאָך מער פרוכטבאַר אײַער קאָנטאַקט מיט אונדז. איך וויל אָבער, אַז דער קאָנטאַקט זאָל זיך אָנהייבן שוין, גלײַך ווי איר וועט איבערלייענען דעם ערשטן נומער פונעם זשורנאַל. ער וועט די טעג זײַן בא אײַך, און ס׳וואָלט זיך וועלן הערן אײַער מיינונג וועגן די ווערק, וועלכע האָבן א שײַכעס צו אײַער טעמע. אַן איבערזיכט האָט אַוודע ניט דעם אויסזען פון א דעקלאַראַציע, נאָר איזן איז עס א דעקלאַראַציע פון די רעכט און פליכטן, וואָס עס נעמט אַף זיך א פּראָזאַיִקער אין דער עפּאָכע פון 22־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. ווילט זיך דעריבער, די רעדאַקציע זאָל ניט זײַן אָפּגעריסן פון אײַער ארבעט, מיר זאָלן וויסן, ווי גייט זי, וווּהין גייט זי. אָט דאָס איז מײַן באַקאָשע.

אײַער איבערזיכט רעכענען מיר געבן אינעם יאַנוואַר־נומער פון 1962. מיט פּלאַץ זײַנען מיר א ביסל באַענגט. מער ווי אַף דרײַ פערטל בויגן קאָנט איר ניט אויסרעכענען. אָבער דאָס איז דאָך ניט אַזוי ווייניק.

איר האָט מיסטאַמע באַמערקט, אַז מיר האָבן געעפנט דעם קריטישן אָפּטייל פון אונדזער זשורנאַל מיט אַן ארטיקל וועגן וו. ג. בעלינסקין. דאָס איז ניט נאָר א יובילעי־ארטיקל. מיר ווילן, אַז בעלינסקיס טאָן זאָל שטענדיק קלינגען אין אונדזער קריטיק. עס וואָלט ניט שאַטן, איר זאָלט אויך א טרוים טאָן, וויאַזוי מאָלט איר זיך אויס די ליטעראַטור אונדזערע אין איר איצטיקן עטאַפּ. ס׳א סוואָרע, אַז באַם שײַן פון טרוים זעט מען מער אײַן אין דער ווירקלעכקײַט, אָבער דאָס איז שוין, פאַרשטייט זיך, בלויז מײַן פּריוואַטע מיינונג, וועלכע איר ווייסט שוין פון אונדזערע אַמאָליקע שמועסן אין פּערעדעלקינאָ.

זײַט געזונט און שטאַרק

נ. אויסלענדער

כאַשעווער פרײַנט אויסלענדער!

אײַער בריוו באַקומען. אייגנטלעך איז אַלץ קלאָר. אַן ארטיקל וועגן פּראָזע אין די ערשטע נומערן וועט זײַן. די אָטשערקן וועלן אויך באַטראַכט ווערן. ערשט נעכטן באַקומען דעם 2־טן נומער פונעם זשורנאַל. אין איין גאַנג איבערגעלייענט די פּראָזע. פאַראַן פרייד, פאַראַן אויך א ביסעלע אַגמעסנפּעש (ניט וועגן אידייִשן טאָך, נאָר וועגן דעם אַרט שרײַבן), אָבער אין אַלגעמיין — זייער אינטערעסאַנט, און עס גיט שפּײַז פאר דענקען און באַטראַכטן. מיר איז שטאַרק געפעלן גובניצקיס אָטשערק, פאַראַן לאָשן און לײַדנשאַפט. צום גרויסן באַדויערן, געדענק איך ניט זײַנע זאַכן פון פריִער, און ווען איך די פּאָר שורעלעך וועגן אים, דרוקט ער זיך שוין פון לאַנג.

איך מיין, איר זײַנט גערעכט. סע דאַרף זײַן אַן ארטיקל אין שניט פון «Литературные мечтания». ס׳איז נייטיק צו זוכן עפּעס א פּאַסיקע, לעבעדיקע פאָרם, א פּאָליטיש־פאַרשאַרפטע און אײַנצײַטיק אַן אינטימע.

אַלזאָ, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס אין מײַנע מעגלעכקײַטן. אין דעקאַבער, גלייב איך, וועלן מיר זיך זען און... און לאָמיר האָפן, אַז אַלץ וועט זײַן קעשורע, ווי סע דאַרף צו זײַן.

מיט בעסטע ווונטשן

א. האָלדעס

כאַרקאָוו, 4 נאָיאַבער 1961

ליבער כאַווער נאַדעל!

באַ אונדז איז געווען דער ערשטער פּלענום פון דער רעדקאָלעגיע. ס'זײַנען געקומען כאַווײרים פון אנדערע שטעט, מע האָט גערדאַרפט דורכטראַכטן גאָר א סאַך זאַכן פון גרויסן באַדײַט. אויף דעם פּלענום האָב איך פאָרגעלייענט אײַער בריוו, ווו איר טיילט מיט וועגן דער אַרבעט אויף דער לעגין־טעמע. דער בריוו איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. איצט דאַרפן מיר שוין אָנהייבן ריידן וועגן דעם טאָך פון דער אַרבעט. איך וואָלט זייער וועלן וויסן, ווי אַזוי זי ווערט געבויט: צי גייט זי לויט באַשטימטע שרײַבער־נעמען אָדער לויט באַשטימטע צײַט־אָפּשניטן. און דעריקער: צי איז זי טאַקע ניט בלויז א פאַרצייכנדיקע, א פאַרשרײַבערישע, אָן איבערציילנדיקע. מיר דאַכט, זי וואָלט געדאַרפט זײַן ניט קיין איבערציילנדיקע, נאָר א דערציילנדיקע, ניט קיין פאַרשרײַבערישע, נאָר א באַשרײַבערישע. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז געפינען די ווערק, וועלכע איר וועט דערמאָנען, איז שווערלעך, וועט דער לייענער אָפּטמאָל בלײַבן ניט וויסנדיק: וואָס האָט דאָס פאַרצייכנטע ווערק אים צו זאָגן, וואָס איז דער אינהאַלט פונעם ווערק, און וואָס ווײַזט זיך אַרויס די אָנגעהעריקײַט צו דער עפּאָכע, ווען דאָס ווערק איז אַנטשטאַנען, און וואָס גייט איבער פון יענער עפּאָכע צו אונדזערער. איך פאַרלאַנג ניט פון אײַך קיין ברייטע אָפּהאַנדלונג, אָבער די אַנאָטאַציע מוז זײַן א מאָמאָשעסדיקע, זי זאָל צומאָל קאָנען פאַרבײַטן דאָס ווערק, וואָס איז בענימצע. איך בעט אײַך האָבן אין זינען, אַז ס'איז אונדזער ערשטער פּרווו, אײַלט זיך ניט אָפּשיקן אונדז דעם מאַנוסקריפּט. שרײַבט מיר נאָר אָן וועגן דעם, וויאַזוי די אַרבעט איז פּלאַנירט, און צי ס'פעלן אײַך מאַטעריאַלן, וועלכע איך וועל אײַך צושיקן פון מאָסקווע.

זײַט געזונט און אַרבעטפייִק. אַז איר זײַנט אַרבעטדאַרשטיק, ווייס איך פון לאַנג.

מיט גרוס

נ. אויסלענדער

ליבע כאַווערטע וואָרטמאַן!

איך האָב ניט געענטפערט אויף אײַער בריוו, ווײַל באַ אונדז איז געגאַנגען די פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. געדויערט האָט זי א וואָך צײַט, און מיר האָבן באַהאַנדלט א סאַך פראַגן, וואָס וואָלטן אויך אײַך אינטערעסירט. א שאָד, וואָס איר האָט ניט געקענט בײַזײַן.

וועגן אײַער איבערזיכט. ס'האָט מיך א ביסל איבערגעשראָקן דער זאַץ, ווו איר דריקט אויס א מיינונג, אַז שרײַבן דאַרפט איר בלויז וועגן פּאָזיטיווס. מיר פּלאַנירן די איבערזיכטן ניט אַזוי, גאָר ניט אַזוי, גראָד ווײַל מיר שרײַבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" וועגן מאַטעריאַלן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", מוזן מיר זיך האַלטן באַזונדערס פעסט באַ די פּרינציפּן פון זעלבסטקריטיק. אַזוי איז געגאַנגען אויך אונדזער באַראַטונג. מיר האָבן אויסגעהערט א סאַך האַרבע ווערטער פון קריטיק און בלויז דעמלט, ווען זי איז געווען ניט באַגרינדעט, ניט פון ליטעראַרישן און ניט פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט (דאָס טרעפט זיך דאָך), האָבן מיר זי אָפּגעווענדט. מיר האָבן שטרענג פאַרורטיילט אַלע פּרווון צו „דיפּיראַמבעווען", זינגען א לויב־געזאַנג סײַ דער דיכטונג, סײַ דער פּראָזע, סײַ דער קריטיק. אויף אָט דעם פאַקט וויל איך ווענדן אײַער אויפמערקזאַמקײַט. איך וויל אויך צוגעבן: מיר וועלן אײַנגיכן פאַנאַנדערשיקן אונדזערע אַווטאָרן (די, וואָס גרייטן שוין קריטישע אַרבעטן) אייניקע מאַטעריאַלן פון דער באַראַטונג. פון די מאַטעריאַלן וועט אײַך קלאָר ווערן אונדזער שטעלונג צו א גאַנצער ריי פראַגן. און מיר דאַכט, אַז איר דאַרפט זיך ניט אײַלן מיטן אַרטיקל ביז איר וועט ניט א לייען טאָן אָט די מאַטעריאַלן. דער דריטער נומער דרוקט זיך שוין, און איר וועט אים באַקומען מיסטאָמע אין די ערשטע טעג יאַנוואַר.

מיט גרוס

נ. אויסלענדער

# Для изучающих идиש

# פאר די, וואָס לערנען יידיש

## Урок XIV

## לימעד XIV

אינהאַלט: I. גראַמאַטיק: הילפס־ווערב „וואָלט״ (באַדינג־מאָדוס).
II. טעקסטן: לידער פון א. גאָנטאַר, ש. דריז, א. ווערגעליס.

§ 19. Словосочетание **«глагол + [волт]»** в идиш соответствует русскому **«глагол + бы»**, например:

(дословно): Если **бы** я **имел** время, я **пришел бы** к тебе.

**ווען איך** וואָלט געהאַט **צייַט,**
וואָלט **איך** געקומען **צו דיר.**

§ 19а. Вспомогательный глагол [волт] спрягается по лицам и числам:

### Единственное число

1. Я **бы** (сделал, поехал...)...
   » — »   — » —
2. Ты **бы** (сделал, поехал...)....
   » — »   — » —
3. Он (а, о) **бы** (сделал, -а, -о; (поехал, -а, -о)...
   » — »   — » —

### איינצאָל

1. **איך וואָלט** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **איך וואָלט** (מאַכן, פאָרן...)...
2. **דו וואָלסט** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **דו וואָלסט** (מאַכן, פאָרן...)...
3. **ער, זי, עס וואָלט** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **ער, זי, עס וואָלט** (מאַכן, פאָרן...)...

### Множественное число

1. Мы **бы** (сделали, поехали...)...
   » — »   — » —
2. Вы **бы** (сделали, поехали...)...
   » — »   — » —
3. Они **бы** (сделали, поехали...)...
   » — »   — » —

### מערצאָל

1. **מיר וואָלט** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **מיר וואָלטן** (מאַכן, פאָרן...)...
2. **איר וואָלט** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **איר וואָלט** (מאַכן, פאָרן...)...
3. **זיי וואָלטן** (געמאַכט, געפאָרן...)...
   **זיי וואָלטן** (מאַכן, פאָרן...)...

**Заметьте!** 1) Во втором лице единственного числа из корня выпадет согласная [т] и вместо ожидаемого **[волт+ст]** налицо **[вол+ст]!**

2) Сочетаясь с [волт], глагол, выражающий основное действие (напр. «делать», «ехать» и т. п.), стоит либо в форме причастия (гэмахт, гэфорн), либо в неопределенной форме (махн, форн); перевод же в обоих случаях один и тот же — соответствующий русский глагол + «бы» («сделал бы». «поехал бы» и т. п.).

**Задание 1*:** Спишите предложения, поставив вместо пропуска соответствующую форму вспомогательного глагола [волт] (т. е. либо «волт», либо «волст», либо «волтн»):

1) **ווען** דו — **מיר געשריבן,** — איך **דיר געענטפערט.** 2) **ווען** ער — **אַבאָנירט „סאָוועטיש היימלאַנד״,** — ער **באַקומען יעדן כוידעש אַ בייַלאַגע.** 3) **ווען** מיר — **לייענען מער יידישע ביכער,** — מיר **גיכער אויסגעלערנט די יידישע שפּראַך.** 4) **„עך, ווען** איך — **האָבן פליגל!״** (גור־טיאַנסקי). 5) **ווען** דו — **געקומען צו אונדז,** — איך **דיר באַוויזן די שטאָט.** 6) **ווען** איר — **געהאַט צייַט,** — מיר **גיין שפּאַצירן.** 7) **ווען** זיי — **זייַן פלייַסיקער,** — זיי **שוין גוט געלייענט אַף יידיש.**

**Задание 2.** Сверьте свои ответы с ключом к заданию 1, после чего переведите выше приведенные предложения на русский язык.

Новые слова к заданию 2.

1) Приложение (к книжке, журналу); 2) Скоро, скорее; 3) больше; 4) крыло, -ья; 5) прилежно, прилежнее.

נייַע ווערטער צו דער אויפגאַבע 2.

**(ב) — 1) די בייַלאַגע, ־ס; (ג) — 2) גיך, גיכער; (מ) — 3) מער (מערער); (פ) — 4) דער פליגל, די פליגל (די פליגלען); 5) פלייַסיק, פלייַסיקער.**

אויפגאַבע 3. לייענט און זעצט איבער פראַגמענטן פון לידער פון ייִדישע סאָוועטישע פּאָעטן:

**I**

ווען עס וואָלט געווען אזא מין קאַנט,
ווו קיינער ווערט ניט עלטער,
ווו עס לויכט דער הימל נאָכאַנאַנד

איך וואָלט געוויס — צי פרי, צי שפּעט
צו אָט דעם ווונדער טרעפן
און וואָלט דעם שוימער אײַנגערעדט:
— דעם טויער עפן...

א יונגער, א צעהעלטער,

אווראָם גאָנטאַר

נײַע ווערטער:

(א) — 1. אזא מין; 2. אײַנרעדן; (ג) — 3. געוויס; (ה) — 4. דער הימל, ־ען; (וו) — 5. דער ווונ־דער, ־; 6. ווערן (געוואָרן); (ט) — 7. דער טויער, ־ן; 8. טרעפן; (י) — 9. יונג; (ל) — 10. לויכטן; (נ) — 11. נאָכאַנאַנד; (ע) — 12. עלטער ווערן; (פ) — 13. פרי; (צ) — 14. צעהעלט; (ש) — 15. דער שוימער, די שאָמרים; 16. שפּעט.

1) Такой, -ая; ое; 2) уговорить; 3) наверняка; конечно; 4) небо, еса; 5) чудо, еса, диво; 6) стать, становиться; 7) ворота; 8) I. попасть (куда-то, во что-то); II. отгадать; III. встретить; 9) молодой; 10) светить, сиять; 11) подряд, беспрерывно, сплошь; 12) стареть (дословно: становиться старше); 13) рано; 14) ясно, ярко; 15) сторож, вахтер; 16) поздно.

**II**

ווען איך זאָל הײַנט ווערן
דער קיניג פון הוידן ביז קיש,
וואָלט איך א ביימל מיט פײַגן
פארפלאַנצט אפן טיש...

...געקויפט וואָלט איך דער מאַמען
פון גאָלד און פון זילבער א שפּילקע,
און אליין וואָלט איך שפּילן אין פּאַלאַץ
מיט יאַנקל ציגײַנער אין פּילקע.

שיקע דריז

נײַע ווערטער:

(ב) — 1. דאָס ביימל, ־עך; (ג) — 2. דאָס גאָלד; (ה) — 3. פון הוידן ביז קיש; (ז) — 4. ווען איך זאָל ווערן; 5) דאָס זילבער; (ט) — 6. דער טיש, ־ן; (פּ) — 7. די פּילקע, ־ס; (פ)8. פאַר־פלאַנצן; 9. די פײַג, ־ן; (צ) — 10. דער ציגײַנער, ־; (ק) — 11. דער קיניג, ־ן; (ש) — 12. די שפּילקע, ־ס.

1) деревцо; 2) золото; 3) от Индии до Эфиопии (устаревшее, из древнееврейского); 4) если бы я стал; 5) серебро; 6) стол; 7) мяч; 8) сажать (деревья, кусты, цветы и т. п.); 9) фига; 10) цыган; 11) король; 12) шпилька, брошь.

## א ליבע־געשיכטע

**III**

1. וואָלט איך געשיקט דיר
א בריוו מיט א רינג,
בין איך א ייִנגל —
נאָך נאַריש און יונג.

2. וואָלט איך א וואָגן
געשפּאַנט איינס און צוויי,
דאַרף מען א שליטן,
ווײַל עס ליגט שוין א שניי.

3. וואָלט איך א שליטוועג
צעשפּרייט צו דײַן היים,
זײַנען די וועגן
מיט שטויב און מיט ליים.

4. וואָלט איך געגאַנגען
צופוס אויב אזוי,
נאָר איך בין אלט שוין,
געהויקערט און גרוי.

רעפרען: רײַטנדיק פאָרן צו דיר איז ניט שלעכט,
לויפן ארום שוין אין סטעפּ מײַנע פערד.
ע־ע־ע־הע! ע־ע־ע־הע!

אַרן ווערגעליס

(מוזיק — סערגיי טשעבאָטאַריאָוו, נאָטן זע: „סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נומ. 5, ז. 188).

דאָצענט ש. סאַנדלער

In connection with the 75th birthday anniversary of the well-known Soviet Jewish prose-writer Note Lyr'ye, we have received many greetings for him from the representatives of our multinational Soviet literature. We are publishing the texts of the greetings from Ukrainian writer Oles Gonchar and from Russian prose-writer and dramatist Alexander Borshchagovsky. Here is Oles Gonchar's message:

"The work of Note Lyr'ye has long been close to the hearts of many Ukrainian readers. I am one of them. Note Lur'ye's novel 'The Call of the Steppe' is by a true master of fiction. Not all writers have the ability to create vivid pictures of life among the people. Note Lur'ye has this rare ability, and it is a great credit to him.

"As in the writings of other Jewish authors living in the Ukraine, international motifs are prominent in his work, and his books are warmed by a feeling of a single united family, radiant feeling for the friendship of peoples. That is why they are so dear to us, and it is thanks to this quality that the reader appreciates the breadth and nobility of the writer's mind.

"I sincerely wish him many happy returns on his 74th birthday. All the best to you, dear Note Lur'ye, and may you have many sunny creative years ahead of you!"

In connection with the forthcoming twentieth anniversary of "Sovietish Heimland", we are publishing in the current issue a selection of letters sent to the editors when we were preparing our first number twenty years ago. The future contributors to "Sovietish Heimland" created, as it were, a collective portrait of the future edition, facing it with serious tasks, concerning themselves to ensure high ideological and artistic standards. The selection also includes letters written in reply by one of the editors, critic and literary historian, the late Nochem Oislender. These letters are now in the archives.

There is an urgently topical note in the article, "For a Just Peace in the Middle East", by journalist E. Dmitriyev of Moscow. He writes:

"A just settlement of the Middle East conflict will only be possible on the basis of the cessation of the occupation of Arab territories by Israeli troops and respect for the lawful rights and interests of all the Middle East peoples, including the Arab people of Palestine. This unavoidable conclusion is confirmed by the whole course of events connected with the struggle of the Arab peoples and all world progressive public opinion for the liquidation of the consequences of Israeli aggression and for the peace in the Middle East based on justice for all. The designs of the zionist theoreticians and practitioners, the main purpose of which is to preserve Israel as an advanced post of Western imperialism in the Middle East, can only complicate the prospect for the achievement of peace in the area in the settlement of the conflict. Under these conditions, the question is being raised with increasing frequency even in Israel itself: can zionism continue to be the leading political doctrine of this state? Where are the guarantees that the postulates of militant zionism will not again lead to large-scale bloodshed?

"The answer will be unequivocal: Israel's right to exist cannot be achieved by permanent expansion against its Arab neighbours, by usurpation of the rights of other peoples, especially the Arab people of Palestine. It must renounce the false, ungrounded and pernicious idea of the 'advantages' of the Jews over the Arabs; it must realise that the mighty wave of the Arab national-liberation movement cannot be stopped or delayed by imperialism, zionism and the Arab reaction; it must find ways and means for the peaceful coexistence of the Arabs and Israelis—then, and only then will it be possible to build the future of Israel without fear for the morrow in that country."

Our issue ends with the traditional features "Chronicle of Literary and Cultural Life" and "An Aid to Those Learning Yiddish".

*Translated by Alex Miller*

**Supplement to this issue:**
**T. Gen "Our Native Town"**

We are printing more items for our "Space Corner". "The Future of Cosmonautics" is the title of a report about a visit to the editorial offices of "Sovietish Heimland" by Twice Hero of the Soviet Union, Cosmonaut Georgi Beregovoi.

In our prose section, we are publishing two short stories by Avram Gontar of Moscow, the end of the story "Once" by Riva Rubina of Moscow, and, under the heading "New Translations", extracts from a new story, "Dawn Seen From Afar", by Byelorussian prose-writer Yanka Bryl (translation by Minsk author Grigori Reles).

Our poetry section contains verse cycles by Aron Vergelis of Moscow, Matvei Gruvman of Novgorod, Alexander Belousov of Kuibyshev, Dora Khaikina of Kiev and also (with a note "From the Literary Heritage") some unpublished poems by Ovsei Driz. Here is one of Dora Khaikina's poems in translation.

Dora Khaikina

## THE FLIGHT OF THE CRAINS

*The cranes are trumpeting up in the sky.*
*I watch them as into the distance they fly.*

*Alarm and disquiet in their voices I hear.*
*I am seeing them off, like our friends I hold dear.*

*Though free are the spaces where steppe winds blow,*
*It's after them into the blue I would go!*

*On the threshold of spring, the tall grasses are swaying,*
*And it's south that magnificent flock is flying.*

*Should I wave them good-bye and then simply turn back,*
*Or go after them, carrying on down the track?*

*It's dizzling down, as if from a fine sieve,*
*But the pathway's roofed over by branches and leaves.*

*A shower of leaves and the track's covered over,*
*But my feet seem to carry me further and further.*

*There's the bridge that runs over the silvery river.*
*I hurry across it, not afraid to fall over.*

*I go without fear for, wherever they're bound,*
*I follow the sky-birds by paths on the ground.*

*But look there—in front of the swift-flying cranes,*
*A magnificent rainbow suddenly shines.*

*And sorrow forgotten, those birds in their flight*
*Wing straight through the rainbow and vanish from sight.*

*And without making any attempt to conceal*
*My heart's wonder, bewildered but happy—I smile.*

Our "Literary Criticism" section contains a survey of contemporary Jewish literature in the American press by progressive American Jewish writer Moishe Gitzis. The section "Our Information" features the work of Leningrad literary critic and historian Lev Vilsker, "Manuscripts of the Great Medieval Scholar Seadi Hagoin In the Leningrad Archives".

# RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 6, June 1981

In our introductory note to this issue, we write:

"The Great Patriotic War began forty years ago. When, in 1939, Fascist Germany invaded Poland, not all realised straightaway what had actually happened. Just a local conflict—one of many such in the 30s? But the Soviet Union was warning then, as now, that the world is indivisible and that any limited war can develop into a world war. That is exactly what happened. It is one of the lessons of history.

"Was there any possibility of averting a war? Yes. During the troubled 30s, when hot sports of military danger were forming in the world, the USSR was struggling to prevent war. It suggested the only practical course, the creation of a system of collective security. Then, as now, it proposed stopping the arms race.

"Blinded by class hatred for the country of socialism, the reactionary forces of the imperialist states disrupted the organisation of a common front against aggression. They hoped to change the 'balance of forces' in the world in their own favour on an anti-Soviet basis and to use the fascist states for struggle against the USSR. The 'Bolshevik threat' has been transformed since those times into the no less fabricated 'Soviet threat'. Under these slogans international reaction and its helpers are gathering together now. Then, imperialism played the 'German and Japanese cards'; now, it is the 'Chinese card'. However, history teaches that any 'balance of forces' on an anti-Soviet basis inevitably leads to the collapse of that same 'balance'.

"As is known, experience is a teacher that charges a high price for its lessons, but there is no better instructor. The lessons of the Second World War teach vigilance against the aggressive intrigues of imperialism. In the struggle for the preservation and strengthening of peace, it is vital not to appeace the aggressors, but to denounce and disrupt their plans and to rebuff their actions.

"Acts of aggression are taking place in various parts of the world today and this is the result of actions by the very imperialism that prepared the ground for the Second World War. When, today, the imperialist world, in spite of the will of the peoples, increases the arms race, it is fanning the very coals from which the conflagration of the Second World War emerged. When in our days, unwarranted territorial claims are being made, the pages of comparatively recent history come to mind.

"It is impossible not to think about it today, when nearly forty years have elapsed since the beginning of the Great Patriotic War."

This is the subject covered by our section "On the Track of Events", which includes documentary essays by Anatoly Bayukansky of Novolipetsk, Marianna Novikova of Simferopol and Solomon Verkhovsky of Moscow. Under the heading, "In Memory of the War Dead" we are publishing a story by Ilya Krys of Odessa about front-line writer Nochem Solovei, and verse by young poet Pinya Steinberg with an inroductory note by Chaim Beider of Moscow, in which he tells about the heroism of the young man whose poetic career was prematurely cut off by a fascist bullet.

лизма на Ближнем Востоке, могут только осложнить перспективы достижения здесь мира и урегулирования конфликтной ситуации. В этих условиях даже в самом Израиле всё чаще возникает вопрос: может ли сионизм оставаться ведущей политической доктриной этого государства? где гарантии того, что постулаты воинствующего сионизма вновь не приведут к широкомасштабным кровопролитиям?

Ответ будет однозначным: право Израиля на существование не может осуществляться за счет перманентной экспансии против арабских соседей, за счет узурпирования прав других народов, в частности арабского народа Палестины. Отказаться от ложной, бездоказательной и вредной идеи о «преимуществах» евреев над арабами; понять, что могучий вал арабского национально-освободительного движения не может быть остановлен или задержан империализмом, сионизмом и арабской реакцией; найти пути и способы мирного сосуществования арабов и израильтян — только в этом случае можно будет строить будущее Израиля без опасности за его завтрашний день».

Номер завершается традиционными рубриками «Хроника литературной и культурной жизни», «В помощь изучающим идиш».

---

**Приложение к номеру: Т. Ген**

**«В родном городе»**

*Я вышла, чтоб в путь провожать их повсюду,*
*А может быть просто встречать это чудо?*
*Неведенья сердца таить не пытаясь,*
*Счастливо в растерянности улыбаюсь.*

Пер. Зои Великовой

В разделе «Литературная критика» выступает с обзорной статьей о современной еврейской литературе и прессе в США прогрессивный американский еврейский писатель Мойше Гицис. Под рубрикой «Наши сообщения» помещена работа ленинградского литературоведа Льва Вильскера «Рукописи великого средневекового ученого Сеади хагоин в ленинградских архивах».

В связи с 75-летием известного советского еврейского прозаика Нотэ Лурье редакция «Советиш геймланд» получила ряд приветствий в адрес юбиляра от представителей многонациональной советской литературы. Публикуется текст приветствий, полученных от Олеся Гончара и Александра Борщаговского. Вот что пишет О. Гончар:

«Произведения Нотэ Лурье издавна пришлись по душе многим украинским читателям. Я принадлежу к их числу. Роман Нотэ Лурье «Степь зовет» написан рукой настоящего мастера художественной прозы. Умением создавать колоритные народные характеры обладает не каждый из пишущих. Нотэ Лурье дано это высокое искусство, делающее честь романисту.

Как и в произведениях других еврейских писателей, живущих на Украине, в творчестве Нотэ Лурье сильно звучат интернациональные мотивы, книги его согреты чувством семьи единой, светлым чувством дружбы народов. Этим они также близки нам, в этом их качестве читатель угадывает широту и благородство души художника.

Сердечно поздравляю юбиляра с 75-летием! Наилучшие пожелания Вам, дорогой Нотэ Лурье, много солнечных творческих лет!»

В связи с предстоящим двадцатилетним юбилеем журнала «Советиш геймланд» публикуется в этом номере подборка писем, с которыми писатели обратились в редакцию в дни подготовки первого номера журнала, т. е. 20 лет назад. Будущие авторы «Советиш геймланд» создают, как бы, коллективный портрет будущего издания, ставят перед ним серьезные задачи, заботятся о том, чтобы обеспечить ему высокий идейно-художественный уровень. В подборку включены также те ответные письма одного из сотрудников редакции, ныне покойного критика и литературоведа Нохема Ойслендера, которые сохранились в архивах.

Острой актуальностью отличается статья публициста Э. Дмитриева (Москва) «За справедливый мир на Ближнем Востоке». Автор пишет:

«Справедливое урегулирование ближневосточного конфликта возможно только на основе прекращения оккупации израильскими войсками арабских территорий и уважения законных прав и интересов всех народов Ближнего Востока, включая арабский народ Палестины. Этот непреложный вывод подтверждается всем ходом событий, связанных с борьбой арабских народов и всей мировой прогрессивной общественности за ликвидацию последствий израильской агрессии, за мир на Ближнем Востоке, основанный на справедливости для всех. Замыслы сионистских теоретиков и практиков, имеющие в качестве главной цели сохранение Израиля как форпоста западного империа-

территориальные претензии — в памяти всплывают страницы недавней истории.

Обо всем этом невозможно не думать сегодня, когда исполняется 40 лет со дня начала Великой Отечественной войны».

Именно этой теме посвящен раздел номера «По следам событий», включающий документальные очерки Анатолия Баюканского (Новолипецк), Марианны Новиковой (Симферополь), Соломона Верховского (Москва). Под рубрикой «Памяти погибших на войне» публикуются рассказ Ильи Крыса (Одесса) о писателе-фронтовике Нохэме Соловей и стихи молодого поэта Пини Штейнберга со вступительной заметкой Хаима Бейдера (Москва), в которой говорится о подвиге юноши, чей путь в поэзии на раннем этапе прервала фашистская пуля.

Продолжается публикация материалов «Космического уголка». «Будущее космонавтики» — так озаглавлен репортаж о посещении космонавтом, дважды героем Советского Союза Г. Т. Береговым редакции «Советиш геймланд».

В отделе прозы печатаются два рассказа Аврама Гонтаря (Москва), окончание повести Ривы Рубиной (Москва) «Странный день» и под рубрикой «Новые переводы» — фрагменты из новой повести белорусского прозаика Янки Брыля «Рассвет, увиденный издалека» (в переводе минского писателя Григория Релеса).

Поэтическая рубрика включает стихотворные циклы Арона Вергелиса (Москва), Матвея Грувмана (Новгород), Александра Белоусова (Куйбышев), Доры Хайкиной (Киев), а также (с пометкой «Из литературного наследия») неопубликованные стихи Овсея Дриза. Приводим перевод одного из стихотворений Д. Хайкиной.

Дора Хайкина

## ЖУРАВЛИ ЛЕТЯТ

*Курлычет с небес перелетная стая.*
*Гляжу ей вослед, журавлей провожая.*
*В их голосе слыша тоску и тревогу,*
*Как давних друзей посылаю в дорогу.*
*Так волен простор под ветрами степными,*
*В небесные выси и мне бы за ними!*
*Порог раскачали душистые травы.*
*На юг устремляется клин величавый.*
*Не знаю — взмахнуть на прощанье рукою,*
*А может за ними пуститься тропою?*
*Над ней моросит, как из мелкого сита,*
*Но куполом листьев дорога прикрыта.*
*Метет листопад, затерялись дороги,*
*Но, кажется, сами несут меня ноги.*
*Степная река под мостком серебрится.*
*Бегу по нему, не боясь оступиться, —*
*Я, страха не ведая, сопровождаю*
*Земными путями небесную стаю.*
*Но вот перед ней так внезапно и ярко*
*Вдруг выгнулась радужно яркая арка.*
*И видела я, как не зная печали,*
*Пройдя сквозь нее журавли исчезали.*

# РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 6, июнь 1981

Во вступительной заметке к номеру редакция пишет:

«40 лет назад началась Великая Отечественная война. Когда в 1939 году фашистская Германия напала на Польшу, не все сразу осознали, что на самом деле произошло. Возможно, локальный конфликт, каких было немало в 30-х годах? Но Советский Союз предупреждал тогда, как предупреждает и ныне: мир неделим, любая ограниченная война может перерасти в мировую. Так оно и случилось. В этом один из уроков истории.

Имелась ли возможность предотвратить войну? Да. На протяжении тревожных 30-х годов, когда в мире образовывались очаги военной опасности, СССР боролся за предотвращение войны. Он предлагал единственно реальный путь — создание системы коллективной безопасности. Тогда, как и сейчас, он предлагал остановить гонку вооружения.

Ослепленные классовой ненавистью к стране социализма, реакционные силы империалистических государств сорвали организацию общего фронта против агрессии. Они надеялись изменить «баланс сил» в мире в свою пользу на антисоветской основе, использовать фашистские государства для борьбы против СССР. «Угроза большевизма» трансформировалась с тех пор в столь же вымышленную «советскую угрозу». Под этими лозунгами собираются ныне международная реакция и ее пособники. Тогда империализм разыгрывал «германскую и японскую карты», сейчас — «китайскую». Однако история учит: попытки построить тот или иной «баланс сил» на антисоветской основе неизбежно приводят к распаду самого «баланса сил».

Как известно, опыт — такой учитель, который очень дорого берет за уроки, но никто не научит лучше его. А уроки второй мировой войны учат бдительности в отношении агрессивных происков империализма. В борьбе за сохранение и упрочение мира необходимо не умиротворять агрессоров, а разоблачать и срывать их планы, давать отпор их действиям.

Когда сегодня происходят акты агрессии в различных районах планеты — это является результатом действий сил империализма, того самого, что подготовил вторую мировую войну. Когда сегодня империалистический мир вопреки воле народов наращивает гонку вооружений — это те же угли, из которых разгорелся пожар второй мировой войны. Когда в наши дни предъявляются необоснованные

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

*На еврейском языке*

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.03.1981. Подписано к печати 19.05.1981 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 235.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1981 г.

Цена 50 коп.
70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

**В НОМЕРЕ:**

**К 40-й годовщине Великой Отечественной войны.**

**По следам событий.** Очерки А. Баюканского, М. Новиковой, С. Верховского, И. Криса; стихи поэта-фронтовика П. Штейнберга.

**Наш космический уголок.** А. Немов. Завтра мы должны знать еще больше (встреча в редакции с дважды Героем Советского Союза летчиком-космонавтом Г. Т. Береговым).

**Стихи** А. Вергелиса, М. Грувмана, А. Белоусова, Д. Хайкиной, О. Дриза.

**Рассказы** Р. Рубиной, А. Гонтаря, Я. Бруля.

**Литературная критика, вопросы искусства.** М. Гицис. Еврейская литература и пресса в Америке. В. Друз. Мир художника.

**Публицистика.** Э. Дмитриев. За справедливый мир на Ближнем Востоке.

Материалы к 20-летию журнала «Советиш геймланд». В помощь изучающим идиш. Хроника культурной жизни.

Резюме на русском и английском языках.

1981

№ 6